STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00581

LENDER UN LEBNS

Baruch Glasman

Permanent preservation of this book was made possible by
The Alper Family
in honor of
Rabbi Dr. Leon J. Yagod

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאַזמאַן

לענדער און לעבנס

(די געשיכטע פון אַ משפחה אין
אַמעריקע און אין סאָוועט־רוסלאַנד)

ראָמאַן
אין צוויי בענד און פיר טיילן

ערשטער באַנד

1937

געקליבענע ווערק

פון

ברוך גלאַזמאַן

באַנד זיבן

פאַרלאַג „לאַנדסמאַנשאַפטן"

הויפּטפאַרקויף:

„פרייהייט"־בוכהאַנדלונג
פופציק איסט דרייצנטע גאַס
ניו־יאָרק.

FREIHEIT BOOKSTORE
50 East 13th Street
New York City

***

אינהאַלט :

ערשטער טייל

9 פאַרוואָס בונעם באַשליסט אַוועקצופאָרן אין די ווייטע לענדער ....
28 בונעם פאָרט קיין אַמעריקע ....
49 גאָלד אין די גאַסן ....
69 סטערע קריגט בונעמס פיקטשע ....
79 בלוטיקע רייטער ....
97 טעג, וואָכן, חדשים ....

צווייטער טייל

117 ווינגדער ....
140 חול־המועד ....
150 אין קיעוו ....
161 אַ ליכטיקע נאַכט, אָן לבנה און אָן שטערן ....
173 רויטער, בלוטיקער פילם ....
183 פעקלאַך און — ....
203 בלוט ....
232 פאַר די אָרימע ברידער ....
253 אַן ערב־שבת און אַ פרייטיק־צו־נאַכטס ....
281 דער אַמבאַסאַדאַר ....

פאַרטייטשונגען — צום סוף בוך

צייכענונגען אינם ערשטן באַנד — פון לואי לאָזאָוויק און מ. זאַלאַטאַראָוו.

Copyright 1937 by B. GLASSMAN, New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
255

דאַטן וועגן „לענדער און לעבנס״

מיר דוכט, ס'איז וויכטיק אַז איך זאָל אָנגעבן די פאָלגנדיקע דאַטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן ראָמאַן „לענדער און לעבנס״.

1. דער צייט־אָפּשניט, וועלכער ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די טיילן 3־4 (צווייטער באַנד) פונם ראָמאַן, נעמט אומגעפער אַרום די יאָרן 1922 און 1923.

2. צוגרייטונגס־מאַטעריאַלן, נאָטיצן פאַר דעם ראָמאַן האָב איך געזאַמלט אין יאָר 1925, בעת מיין וואוינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

3. געשריבן געוואָרן איז דאָס ווערק צווישן האַרבסט 1928 און פרילינג 1930, אין פראַנקרייך.

4. פרילינג 1930 איז דער ראָמאַן — פלוס נאָך אַ ריי קאַפּיטלען און שטעלן, וועלכע איך בין איצט געצוואונגען געווען אַרויסצונעמען, צוליב פאַרשיידענע טעמים — שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק. דעם זומער פונם זעלביקן יאָר איז דאָס ווערק פאַרקויפט געוואָרן און דער מאַנוס־קריפּט איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע־ווילנע. דער דאָזיקער פאַרלאַג האָט אָבער קורץ נאָכדעם אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט.

5. דער ראָמאַן דערשיינט מיט זיבן יאָר שפּעטער, ווי ער איז פאַרענדיקט געוואָרן, צוליב טעמים וואָס זיינען געווען אויסער דעם אַוטאָרס קאָנטראָל.

ב. ג.

די „לאַנדסמאַנשאַפטן פון מאָזיר און אומגעגנט", וועלכע האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן „לענדער און לעבנס", ווערט דאָ אויסגעדריקט האַרציקע אָנערקענונג.

ערשטער טייל



„שטורעם-וואָלקנס איבער ניו-יאָרק", פון לואיס לאָזאָוויק

ערשטער קאַפּיטל

פאַרוואָס בונעם באַשליסט אַוועק־צופאָרן אין די ווייטע לענדער

א.

עס איז טאַקע געווען בונעמס שולד אַליין, זיין גייציקייט און געלטדורשט, וואָס האָבן אים אין די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעריסן פון זיין ווייב און קינדער און פאַריאָגט מיט אַן אָקרענט ווייט, אויף יענער זייט ים און אָקעאַן — קיין אַמעריקע.

סטערע, בונעמס ווייב, האָט זייער ניט געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל פאָרן קיין אַמעריקע — זייער און זייער אפילו ניט געוואָלט. נאָר אין מאַנס אָקסישן קאָפּ האָט זיך שוין דער דאָזיקער געדאַנק געהאַט אַריינגעהאַקט טיף און פעסט, ווי אַ שאַרפער קלין — בונעם, איר מאַן, האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשפּאַרט:

—די וועלט מעג זיך איבערקערן — און ער מוז פאָרן אינם ווייטן, גאָלדענעם לאַנד.

אינדעראמתן: אין וועלכן ספר־פּראַלניק שטייט עס געשריבן, אַז ער מוז עס אָפּפינצטערן די בעסטע יאָרן זיינע אינם דאָזיקן פאַרדריפּעטן שטעטל? ניטאָ היינט אַזעלכע נאַראָנים.

דער דאָזיקער קלין האָט געעגבערט נאָכאַנאַנד און איינגעעקשנט שוין אַפּנים אַ לענגערע צייט — און האָט זיך, ווייזט אויס, ניט געקליבן צו פאַרלאָזן בונעמס אָקסישן קאָפּ ביז ער וועט ניט אויספירן זיינס.

בונעם איז געווען הויכוואוקסיק, פון שווערן און שטייפן לייב געקנאָטן, אָן אַ טראָפּן פעטס כמעט, מיט אַ ברוינעם פּנים און היפּשע,

גלאַנצנדיקע פּיסקעס. זיין קאָפּ איז געווען נישט קײַלעכדיק און נישט לענגלעך, — עפּעס אַן אומגעווײנלעכער קאָפּ איז עס געווען. אַ פּירקאַנטיקער כמעט, מיט גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן, מיט אַ ברייטן, האַרטן און נידעריקן שטערן, וואָס ס׳האָט געשפּאַרט פון דעם מיט גבורה, — אַן אָקסן־קאָפּ.

אין דעם דאָזיקן מאָדנעם קאָפּ זיינען מער נישט ווי די באַנקעוואַטע אויגן געווען קײַלעכדיק — קײַלעכדיק און אַרויסשטאַרטשנדיק: אויגן — בלויזע שוואַרצאַפּלען פּייכטע. זיי האָבן געגלאַנצט איצט שוואַרץ און פול בעת ער האָט, אפשר דעם הונדערטסטן מאָל שוין, איינגעטעגהט מיט זיין פרוי:

— נאַרעלע... און וואו מיינסטו איז דיר אַמעריקע — ערגעץ אויף יענער זייט הרי־חושך? צי ביים ברעג פון לעבער־ים?

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די דלאָניעס פון זיינע צוויי שווערע, פּעכיקע שוסטער־הענט איינע אָן די אַנדערע, ווי מען מאַכט פּיף־פּאַף אין אַ קינדערשפּיל — איינס־און־צוויי, הייסט עס:

— איינס און־צוויי — אין ווייניקער ווי צוויי וואָכן צייט — פּאַרטיק: איז מען שוין דאָרט... אויף יענער זייט... שפּילסט זיך עפּעס מיט אַן אָקרענט!?

אין דרויסן בלאָזן איצט די גרויסע סוף־ווינטערדיקע זאַווערוכעס, און עס שטייען שטייפע, טרוקענע פרעסט, וואָס סמאַליען, ווי ווייסער פייער; נאָר מען פילט, אַז זיי זיינען שוין די לעצטע — אָט־אָט, און זיי לאָזן באַלד, די פרעסט, און ס׳וועט זיך אָנהויבן דער פרילינג.

אין שטוב פלאַקערט און טרעשטשעט דאָס פייער אין דער הרובע, אין צווייטן עק פון דער גרויסער סאַליע. די דאָזיקע סאַליע דינט אי ווי אַן עס־צימער פאַר דער גאַנצער משפחה, אי ווי אַן אויפנאַם־צימער פאַר געסט, אי ווי אַ וואַרשטאַט פאַר בונעמען און אי ווי אַ שלאָף־צימער פאַר די קינדער. דער שוסטער־וואַרשטאַט שטייט אין אַ ווינקל נעבן אַ פענצטער צו דער גאַס־צו.

ביים האַלב־אָפענעם טירל פון דער הרובע ליגט אויסגעצויגן אויפן בריק ווינדער — דער בן־יחיד בונעמס — ער מאַיסטער׳עוועט דאָרט עפּעס מיט אַ ליידיקן הילצערנעם קעסטל.

טאַמאַרעלע — אויך אַ בת־יחידקע — זיצט אויף דער לעזשאַנקע מיט אַרונטערגעהאַנגענע פיס און טוט פּאַרטיפּטערהייט אַן

ארבעט פון גרויסע: זי קלייבט איבער ארבעם פון איין שיסל, אויף א העלפט אן אנגעפילטן מיט וואסער, און ווארפט זיי אין א צווייטן אריין. און הארט ביים ווארשטאט, אויף אן אויסגעטיפטן לעדערנעם שוסטער־בענקעלע, זיצט סטערע.

דער ברייטער הינטער־חלק פון דער געזונטער יונגער פרוי פילט זיך שרעקלעך ענג אויפן שמאלן שוסטער־בענקעלע: ער פארמט זיך נישט אריין אין דער אויסהוילונג פונם לעדער־געזעס, נאר שווימט ווייט אריבער די ראנדן זיינע. זי האלט איצט אין דער האנט א פאר שוין־אויסגעפאריכטע וועגערקעס. דרייט זיי אן א שום זין פון איין זייט אויף דער צווייטער, דרייט זיי שוין אזוי א לענגערע צייט — אט פונקט ווי זי וואלט זיי מבינישׁ באטראכט, צי עס איז געמאכט געווארן עפעס א גוט שטיקל ארבעט.

— נו גוט, לאז זיין אזוי... ס'איז א גאלדן לאנד... אלץ איז טאקע אזוי, ווי דו זאגסט... אבער אז איך פארשטיי נישט, בונעם, וואס עס פעלט דיר דא... מיר שטארבן, דוכט זיך, ברוך־השם, דא אויך נישט פון הונגער.

בונעם שווייגט אויף דעם. ער הערט שוין פון איר די זעלביקע ווערטער נישט צום ערשטן מאל. ער בינדט איצט צו די עקן פון עטלעכע שטארקע, גראבע פעדים אן דער פארביק־גלעזערנער קליאמקע פון דער סאליע־טיר, וואס פירט אין דעם פארפאלקישן שלאף־אלקער אריין; ער הויבט אן אויסצופלעכטן א פרישע דראטווע.

מיט א שטיק פעכיקן וואקס רייבט ער זיי נאכאנאנד, די צונויפ־געקוועטשטע פעדים, ארויף און אראפ, אראפ און ארויף. די דראטווע הויבט באלד אן צו פידלען אונטער זיינע הענט ווי א סמיטשיק, וועלכן מען באשמירט מיט פרישער קאליפאניע.

ער שווייגט. צי קען ער דען עס איר געבן צו פארשטיין? ער האט עס שוין געפרואווט עטלעכע מאל. אומזיסט. א ווייבערשער קאפ. נו גוט, האט ער דא — א פרנסה; נו וואויל, איז ער טאקע תמיד פארווארפן מיט ארבעט; נו שיין, פארדינט דאך, חוץ דעם, דאס ווייב זיינס אויך נישט שלעכט אויפן מארק, ביי איר רונדוקל מיט אלטן שוכווארג. אבער גאט אין הימל... צי גייט עס דען בלויז אין דעם? וועט ער אפפינצטערן א גאנץ לעבן בלויז צוליב פרנסה? דער עיקר פאר א מענטשן איז דאך — א תכלית. אלע מענטשן ווילן עס, זוכן עס — מיט וואס איז ער, בונעם, ער־

נער? און וואָס פאַר אַ תכלית, מישטיינס געזאָגט, איז דאָ אין שוסטעריי — פאַר זיך אַליין, צי פאַר די קינדער? אָט, אין אַמעריקע...

וואָס אַזוינס איז אין אַמעריקע, און וואָס וועט מיט אים פּאַסירן, ווען ער וועט שוין זיין דאָרט — דאָס האָט בונעם קלאָר נישט געוואוסט. אָבער אַמעריקע איז דאָך עפּעס אַנדערש... אַ גאַנצע וועלט פאַרט דאָך קיין אַמעריקע, רייסט זיך אַהין: אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע!

אַלע חלומות בונעמס, אַלע זיינע פאַרלאַנגען און האָפענונגען זיינען געווען שוין זייט אַ שטיק צייט צונויפגעקניפּט מיט אַמעריקע. ראַיענדיק זיך אַזוי אין אַ ווילע אַרום מיט זיין גרויסער האָריקער לאַפּע אינם שעפּל מיט שטינקענדיקן וואַסער, וואו עס פלעגן זיך תמיד ווייקן און אַרומשווימען עטלעכע שטיקער פּאָדעשווע־לעדער, ווי טויטע פיש — האָט בונעמען מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ מיאוסקייט־געפיל. ער האָט שטאַרק פאַרקרימט די היפּשע, דיקע נאָז זיינע, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט איצט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, דערפילט דעם ריח פון אָט דעם עפּוש.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער הינטער־קעשענע עפּעס אַ רויטן לאַפּן אַזאַ, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ נאָז־טיכל און האָט אין דעם הילכיק אויסגעשנייצט — אַן אויסשנייץ פון אַ שטומען, שוין לאַנג אינעווייניק אָנגעוואַקסענעם פּראָטעסט.

— פּפּפּיצו... פּפּפּיצו... — האָט דער דאָזיקער הילכיקער אויסשנייץ באַדייט — און אויב אפילו גוטע מענטשן האָבן אים יונגערהייט, נאָך ממש אַ קינד, אַריינגעגעבן אין דער לערע צו אַ שוסטער, וועט ער עס טאַקע שוין זיין גאַנץ לעבן לאַנג זיך דאַרפן אָפּגעבן מיט אַזאַ שמוציקער אַרבעט, וואָס?

זינט ער געדענקט זיך, בונעם, פון סאַמע זיינע פריסטע דערינערונגען, איז זיין לעבן געווען פאַרבונדן מיטן שוסטער־וואַרשטאַט. קיין אַנדערע דערינערונגען האָט ער דאָך כמעט נישט.

מילא, אַמאָל איז ער געווען אַ קיילעכדיקער יתום. אָט יענע קרובים, צי אפשר גאָר פרעמדע „גוטע מענטשן", וואָס האָבן אים צו צען יאָר שוין אַוועקגענומען פון רבין און געמאַכט פאַר אַ שוסטער־אינגל, — אַ מערכה האָבן זיי נאָך, וואָס בונעם ווייסט נישט אַקוראַט ווער זיי זיינען עס געווען און וואו זיי געפינען זיך איצט אויף דער

וועלט, — אויב זיי זיינען נאָך בכלל איצט דאָ אויף ד ע ר וועלט. אַז נישט וואָלט בונעם שטאַרק חשק געהאַט זיך מיט זיי וועגן דעם אויסצוטענהן, אויף זיין אייגענעם אופן... אָבער מוז עס שוין אויף א י י ב י ק זיין אַזוי?

ניין, פאַר בונעמען האָט פון לאַנג שוין געלויכטן אַן אויסוועג: אַ ווייטער, פרייער וועג, אויף וועלכן ער האָט מיט אַלע כוחות געסטאַרעט זיך אַרויפצוקריכן.

— אַמעריקע... ער וועט אַוועק קיין אַמעריקע...

ער האָט עס אַזויפיל מאָל געהערט מענטשן זאָגן, אַז ער האָט עס שוין פון לאַנג געוואוסט, אויף אויסווייניק, בונעם:

— אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואו יעדער איינער קען זיך צושלאָגן, צו וואָס ער וויל נאָר!

ב.

סטערע, זיין פרוי, האָט אָבער פון דעם ערשטן טאָג אָן פון דעם נישט געוואָלט הערן.

צוערשט האָט זי אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן בייזערן. און נאָך שפּעטער, איז זי גאָר אַריינגעפאַלן אין אַ מין ברוגזדיקן שווייגן.

האָט זי געהאַפט, אַז איר מאַן וועט דאָס דאַזיקע משוגעת סוף־כל־סוף זיך פון קאָפּ אַרויסשלאָגן? אָדער פאַרקערט: איר איז קלאָר געוואָרן, אַז דער דאַזיקער קלין האָט זיך שוין צו־טיף אַריינגעהאַקט אין זיין קאָפּ?

אודאי, האָט זי מסתמא געהאָפט, אַז ביי בונעמען וועט דאָס דאַזיקע משוגעת סוף־כל־סוף פאַרבייגיין. זי האָט דאָך אַנדערש נישט געקענט ווי צו האָפן אַזוי: דאָס בלוט אין איר גרויסן און שווייגנדיקן גוף האָט געררושט און געשוימט אָן אויפהער, ווי די זאַפטן פון אַ יונגן בוים אין פרילינגס־צייט, און זי האָט זיך גאַרנישט נעקענט פאָרשטעלן, אַז איר מאַן זאָל וועלן אַוועקפאָרן פון איר אין אַזאַ ווייטן לאַנד.

זי איז געווען נאָך אַ יונגע פרוי, אָקאָרשט אַריבער דרייסיק. זאָל זיין טאַקע, אַז ס'איז שוין באַלד אַ יאָר פערצן נאָך זייער חתונה. אָבער וואו איז איר מאַן דען געווען די גאַנצע צייט? אַרומגעשלעפּט

זיך, אַרומגעוואַנדערט איבער דער גאָרער וועלט... אַלע ווינטער פּלעגט 'ער דאָך אַוועקפאָרן אויף אַרבעט קיין קיעוו — און אַמאָל אפילו זומער אויך. ער האָט דאָך שוין אָנגעשפּאַרט אפילו אַ פּאָר מאָל גאָר העט־העט ווייט, אַזש קיין אָדעס...

אין שטוב פּלעגט מען בונעמען ביז לעצטנס געוויינלעך זען בלויז צוויי מאָל אַ יאָר, אויף פּסח און אויף סוכות. און ס'איז ערשט דאָס צווייטע יאָר, אַז זיי זיינען ענדלעך אַלע צוזאַמען אויף איין אָרט, — סטערען איז גאָרנישט אַזוי גרינג אָנגעקומען איבער־צוריידן בונעמען, אַז ער זאָל ענדלעך בלייבן אינדערהיים, עפּענען דאָ אַ וואַרשטאַט: נישקשה, מען קען דאָ אויך האָבן פּרנסה... זי, פון איר זייט, וועט זיך אַוועקשטעלן אויפן מאַרק מיט אַ רונדוקל אַלטן שוכוואַרג. און טאָמער וועט ער נישט האָבן גענוג נייע אַר־בעט פון קונים — די שטאָט איז אַן אָרימע, מען טראָגט דאָ שיך לאַטעם אויף לאַטעם און עס דוכט זיך, אַז קיינער מאַכט זיך דאָ גאָר קיינמאָל נישט קיין פּאָר נייע קאַמאַשן, — איז וועט בונעם דערווייל אויספאַרריכטן פאַרשיידענע אַלטע שקראַבעס, וואָס מען וואַרפט שוין אַרויס אויפן סמעטניק, — און זי, סטערע, וועט זיי דערנאָך פאַר־קויפן אויפן מאַרק.

— איז וועט ער איצט נעמען און ווידער אַוועקפליען? און נאָך דערצו — אין אַזעלכע שרעקלעכע מרחקים?

וואָלט מען כאָטש געזאָגט, זי איז אַזאַ אויסבערענגערין, אַזאַ מאָנערין פון אַ ווייב: אַז בסך־הכל קען זי נאָך אַליין אויך ביי היינטיקן טאָג פאַרדינען אויף איר אייגן אויסקומעניש... דער מסחר אויף איר רונדוקל גייט אַסך בעסער, ווי זי האָט זיך עס לכתחילה פאָרגעשטעלט.

האָט זי אָבער חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, וואָס זוכט רק גליקן; מיט איינעם, וואָס האָט זיך אַריינגענומען ממש אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ:

— נישט אַנדערש, און ער מוז רייך ווערן... רייך ווערן.

און בכלל דאָס דאָזיקע גאַנצע אַמעריטשקע... אין יענער צייט, פאַר דער וועלט־מלחמה, וואָס האָט איבערגעאַקערט אַזוי פייער־דיק און טיף נישט נאָר די ערד פון אייראָפּע אויף טויזנטער און טויזנטער מיילן, נאָר אויך די מוחות פון מענטשן מיליאָנען און מיליאָנען אין דער צאָל — אין יענער צייט איז דאָס פאַרמאָגן אַ קרוב אין אַמעריקע געווען פון גאָר קנאַפּן יחוס, נישט פון די זאַכן,

מיט וועלכע ס'איז זיך דאָ וואָס צו באַרימען: פּאַרקערט, אין אַסך פאַלן איז עס נאָך פיל גלייכער צו פאַרבאָרגן עס. אַשטייגער, בשעת אויספירן אַ שידוך...

— מילא — טענהט איין סטערע אַמאָל מיט זיך אַליין און אַמאָל מיטן מאַן — ווער עס מוז אַנטלויפן פון פריזיוו, צו פון אַן אָנזעצן, צי גלאַט, אַז עס עקט זיך שוין ביי איינעם אַלץ... אָבער גלאַט אַזוי נעמען און אַוועקפאָרן אין אַזאַ אויסרייסעניש? מען דאַרף דאָך זיין משוגע...

דורכן גאַנצן ווינטער שטייען אין קעלער אויף די פּאָליצעס פולע פלאַשן מיט אַלערליי איינגעמאַכטסן, וואָס די בריהשע סטערע האָט פאַרגרייט נאָך פון זומער. ס'איז עפּעס, ווי אין זיי וואָלט אַריינ־געגאַנגען „אליהו הנביאס ברכה": מען עסט און מען עסט זיי אַ גאַנצן ווינטער — און די גרויסע סלאָיען און סלאָיטשיקלעך ווערן אַלץ ווי נישט געמינערט. עטלעכע זעק מיט קאַרטאָפל זיינען אויך איינגעשאָטן און ליגן איינגעטוליעט אין וואַרימען שטרוי; און איז נאָך נישט איצט אויך, כאָטש ס'איז שוין באַלד סוף־ווינטער, נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ גוטע פּאָר קלאַפטער האָלץ אויפן הויף?...

— וואָס זשע נאָך דאַרף אַזאַ קליינע משפחה ווי זייערע?

סטערע איז נישט פון די ווייבלעך, וואָס דאַרפן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַ נייע ספּודניצע, אַ פרישן היטעלע. דורך דער גאַנצער ארבעטס־וואָך גייט זי אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן טונקל־קאָלענקאָ־רענעם קלייד פון איין שטיק, אָן אַ קאָפּטל. דאָס קלייד נעמט אַרום איר היפשן גוף, ווי אַזאַ גרויסער פאַרטוך — אַזאַ מין פאַרטוך־קלייד האָט די מעלה, וואָס ס'איז געגוג עס איבערבייטן בלויז איין מאָל אין וואָך, ערב־שבת... אָט, די קינדער — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש; זיי דאַרף מען אָפּטער עפּעס אויפנייען — אָבער אויך זיי גייען ביי איר נישט אַרום חס־ושלום קרועה־בלועה.

זיי זיינען בכלל זייער געראָטענע, אירע צוויי קינדער:

ווינדער, אַביסל אַ דאַרער בחורל — אין וועמען איז ער עס געראָטן? טאַטע־מאַמע זיינען ביידע ווייט ניט קיין דאַרינקע — ער פאַרמאָגט אַ דין מויל, וואָס איז תמיד שטייף פאַרמאַכט און אַ שפּיציקע שאַרפע נאָז; אַ צוועלף־יאָריקער אינגל, וואָס איז אַביסל צו שווייגנדיק און אַביסל אויך אַן עקשן. ער האָט אפילו נישט אַי־בעריק ליב צו לערנען זיך אָדער לייענען אַמאָל אַ ביכל. איינס מוז

מען אָבער צוגעבן: ער איז תמיד פּליסיק, תמיד מיט עפּעס פאַר־נומען. ווען ער געפינט זיך נישט אין חדר, ביי ברוך־משה־מרדכים, אָדער ווען ער העלפט נישט אַרוים דער מאַמען אויפן מאַרק אין אַ זונטיק אָדער חגא־טאָג, — איז פּאַרעט ער זיך נאָכאַנאַנד אין שטוב מיט כּלערליי קעסטלעך פון זייף און פון לעדער, מיט אַלערליי בלעכ־לעך פון טיי און קאָנסערוון — רק ער מייסטרעוועט אויס אַזעלכע פּאָיעזדלעך, טעלעפאָנען, טעלעגראַף־ליניעס...

טאַמאַרע איז אַ קיילעכדיק־געפּאַקט מיידעלע; פלינק און ריי־רעוודיק ווי אַ שרעטעלע. אַן אומגעדולדיק צען־יאָריק קינד, וואָס האָט נישט קיין צייט צו וואַקסן פּאַוואָליע, ווי אַלע קינדער: זי וויל שוין איצט, מיט איין מאָל, ווערן אַ גרויסע... זי וואָלט גע־וואָלט, מען זאָל זי פאַררעכענען כאָטש פאַר פינף יאָר עלטער, ווי זי איז אין דער אמתן; רק זי רייסט זיך צו טאָן זאַכן, וואָס עס טוען גרויסע. אשטייגער, אָפּפליקן אַ הינדל אין אַן ערב־שבת און אָפּסמאַליען עס דערנאָך אויף פלאַקערנדיק שטרוי; העלפן דעם טאַטן אויסצוגעפינען אין דער קופּע קאַפּולן אַזעלכענע מוסטערן, וואָס זאָלן פּאַסן פאַר אַזעלכע פאַר צעריסענע שיך, וואָס מען האָט געבראַכט צום פאַרריכטן. אַז נישט, לייענט זיך נאָכאַנאַנד ביכער, וואָס זי נעמט אין דער ביבליאָטעק פון דער שטאָטישער לייִ־און־שפּאַר־קאַסע, וואו בונעם איז אַ מיטגליד. אָבער ביכער נעמט זי אויך תמיד די סאַמע גרעסטע, די סאַמע דיקסטע, די סאַמע ד ע ר־ו ו אַ ק ס נ ס ט ע... ביכער פאַר קינדער נעמט זי אַרוים אָן חשק.

פון גרוים אומגעדולד צו ווערן וואָס גיכער אַ גרויסע, נעמט זי תמיד אַרוים צו עטלעכע דיקע ביכער מיטאַמאָל און לייענט זיי אַלע צו דער זעלביקער צייט. האָט זי שוין באַוויזן ביז איצט איבער־צולייענען יענע ראָמאַנען פון דינעזאָנען און פון הערמאַלינען, פון שלום־עליכמען און פון דיומאַן, וואָס געפינען זיך נאָר אין דער ביבליאָטעק... לעצטנס, אשטייגער, האָט טאַמאַרע געבראַכט אהיים מיט איין קלאַפּ צוויי אָט אַזעלכע אומגעוויינטלעך־דיקע ביכער, וואָס זי האָט אַזש קוים געהאַט כּוח צו פאַרטראָגן זיי מיט זיך אהיים:

איינעם, אַ ריזיקן באַנד פּרצס „געקליבענע שריפטן", — שווע־רער נאָך פון דער קרבן־מנחה, וואָס האָט זיך אין שטוב געפונען אַ ירושה פון עלטער־זיידעס — זי לייענט עס מיט פאַרווירטקייט, האָט דערפון קנאַפּ הנאה, וויל זיך אָבער פאַר קיינעם אין דעם נישט

מודה זיין; און א צווייטן, עפּעס א געל־בלעטערדיקן באַנד, אַ מאָדנעם, אָן נקודות כמעט, — אַן אַמעריקאַנישע אויסגאַבע פון דעם ראָמאַן „מאַנטעקריסטאָ”, — וואָס זי לייענט אים שוין איבער איצט דאָס צווייטע מאָל, לייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און ברענענ־דיקע אויגן. טאַטע־מאַמע פירן אַזאַ וויכטיקן שמועס וועגן אַמעריקע, און זי — זי געפינט זיך גאָר אויף אַ בלויען אינזעלע פון מיטל־לענדישן ים...

יאָ, געראָטענע קינדער האָט זי, סטערע...

און דער מאַן אַליין אירער טאַקע: אַ יונג אַ גבר, מיט אַ פּאָר לאַפּעס, כאָטש נעם און בויג פּאָדקאָוועס. דערצו נאָך אַ מזג־טוב: האָט זיך קיינמאָל אין לעבן אויף איר נישט געבייזערט אויף־אָן־אמתן. און וואָס האָט ער דען געהאַט צו זיין מיט איר אומ־צופרידן? סטערע איז געווען אַ שיינע און אַ שטאָלטנע פרוי. אירע ברוינע אויגן, ווי טונקל ביר,—פול און פייכט; תמיד־שיינענדיק און תמיד־הונגעריק—איצט, אַ פערצן יאָר נאָך דער חתונה, פונקט ווי מיידלווייז. איר גוף, פעסט און פול, האָט זיך רואיק געוויגט אויף צווי געזונטע און שטאַרקע פיס.

— אַ סאָלדאַטקע, נישט קיין אידענע... — פלעגט שטעטל אונטערוויינקען הינטער אירע פּלייצעס, כאָטש בשום אופן נישט אויפן חשבון פון איר אויפפירן זיך, — אַז זי גייט איבערן גאַס, ציטערט דאָך ממש די ערד אונטער אירע פיס...

נו, האָט זי טאַקע נישט געוואָלט, סטערע, פאַרבלייבן דאָ לאַנג אַליין, אָן איר מאַן, — אָן אַ מאַן. וואָס קומט איר דערפאַר?

ג.

אודאי האָט זי נישט געוואוסט, סטערע:

גאָר דעם גרעסטן חלק אין איר מאַנס מאַנקאָליע האָט געהאַט איינער אַ חברה־מאַן, — זייערער אַ ווייטער קרוב, עפּעס אַ גליד־שוועסטערקינד, וואָס זיי האָבן ביידע קלאָר נישט געוואוסט, פון וועלכן צד קער ער עס זיך זיי אָן אַ קרוב, פון זיינעם, צי פון אירן, — איינער אַ חברה־מאַן מיטן נאָמען קאַרפּל, קאַרפּל דער קורצינקער.

דער דאָזיקער קאַרפּל האָט זיך בסך־הכל ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק געהאַט אומגעקערט פון אויסטרייסענעיש ערגעץ, טאַקע נאָר

ווי פון אויף יענער זייט הרי־חושך: ערגעץ פון דרום־אפריקע, צי ארגענטינע, צי אויסטראַליע, צי אפשר נאָך ערגער... אָפּגעוועזן איז ער דאָרטן לאַנג — אַן אַכט יאָר צייט — און אומגעקערט זיך דערנאָך אהער, אין שטאָט אַריין, זייער רייך, שטיינרייך.

אמת, זיין געלט האָט טאַקע קיינער אין שטאָט דאָ נישט געציילט, כאָטש אויף איבערציילן זיין געלט האָבן זיך געפונען נישט ווייניק בעלנים. ס'איז אָבער אַ ס ב ר א: ווען קאַרפּל וואָלט זיך אפילו יאָ געלאָזט און עמיצער דאָ אין שטאָט וואָלט זיך אונטערגענומען עס איבערצוציילן — וואָלט עס אויך נישט געווען מעגלעך... אַזוי גרוים זיינען געווען זיינע מיטגעבראַכטע אוצרות — ממש: ממון קרח.

אַך, דאָס דאָזיקע קאַרפּעלע... אוועקגעפּאָרן איז ער דאָך אַמאָל פון דאַנען אַ גאָרנישטדיק בחורל, אַ נישטס, אַזאַ קייקעלע. און אוועקגעפּאָרן איז ער דאָך פון דאַנען דערעיקרשט דערפאַר אפשר, וואָס דאָ אין שטאָט האָט זיך קיינער אויף אים אפילו אומקוקן נישט געוואָלט:

— ווייס איך וואָס — אַ ליידאַק דאָרטן... קיין גוטס וועט שוין פון אים קיינמאָל נישט אַרויסקומען...

און ער איז געווען טאַקע דעמאָלט אַ יונג, פון וועלכן ס'איז געווען גלייכער צו האַלטן זיך וואָס מער פונדערווייטנס.

פונוואַנעט האָט ער עס דעמאָלט געלעבט? קיין טאַטע־מאַמע האָט ער שוין פון לאַנג נישט געהאַט. און אַליין האָט עס געוואוסט רק צו שפּילן זיך תמיד: אַשטיינער, אין זומערדיקע שבת־בייטאָגס, — און דווקא בעת אידן שלאָפן נאָך דעם שווערן נאָכן־טשאָלנטיקן שלאָף זייערן, אָדער זאָגן שוין פויל און שלעפעריק דעם פּרק, — שפּילט זיך דעמאָלט קאַרפּל מיט שטאָטישע שקאָצים און אידישע גימנאַזיסטן אין פּאַלאַנטעס צי אין פּילקע. פונם „שאַטאָ" אויפן באַרג, ביים מיכאַלקער טראַקט, וואו די דאָזיקע שפּילן קומען פאָר, צעטראָגט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט דאָס דונערן פון זייערע ווילדע קולות, — אַלעמען אויף צו־שטעכעניש.

און אין ווינטערדיקע שבתים, אין די כמורנע, פּראָסטיקע ברכי־נפשי־שעהן, פליט נאָך דעמאָלט קאַרפּל אַרום אויפן גליטש, טראָגט זיך אויף זיינע דינע מעסערדיקע גליטשערס מיט די פאַרדרייטע נעזער אין דער הויך. אין אַ רייך קאַווקאַזער באַשליקל מיט גאָל־

דענע פרענדזעלעך, וואָס איין גאָט ווייסט, וואו ער האָט עס גע־קראָגן — שוועבט ער איבערן „קאַטאָק", ווי אַ פויגעלע, גנאַרעמט מיט נגידישע טעכטערלעך און אפילו מיט דעם מארשאַלס פּאַניענ־קעס, דרייט מיט זיי אוים די קונציקסטע פיגורן אויפן אייז, בריהט זיך, מאַכט אַלערליי קונצן און דריידלעך אויף זיינע דינע מעסערדיקע גליטשערס. אַ געוויינטלעכער מענטש וואָלט אויף זיי, דוכט זיך, גאָרנישט געקענט איינשטיין...

מיט איין וואָרט:

אַ יונג איז עס דעמאָלט געווען — אמתער קוועקזילבער. דינסט־מיידלעך ציטערן פאַר אים אימת־מות. ווען זיי באַמערקן אים פונדער־ווייטנס אויף איין זייט גאַס, לויפן זיי גלייך אַריבער אויף דער צווייטער זייט. אויב עס איז שוין צו־שפּעט, קריכן זיי באַדאַי אַראָפּ פון דער שמאָלער קלאַדקע אין בלאָטע אַריין, אַבי אים אויסצומיידן... אָבער אַז קאַרפּל גייט זיי פאַרביי מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ און קוקט זיך אפילו אויף זיי נישט אום, קוקן זיי אים פונדעסט־וועגן נאָך מיט גלוסטנדיקע, ברענענדיקע אויגן — ס'איז קלאָר, אַז עס כאַפּט זיי אַזש די נכפה: קאַרפּל זאָל זיי דוקא יאָ פאַרטשעפּען, זאָל דוקא יאָ אַ קניפּ טאָן זיי אינם וויכן, אַ צופּ טאָן די איבערגע־וואַקסענע, צעווירענע דינסטמוידישע ציצן.

אָבער קאַרפּל וויל גאָר אפילו פון זייער „זוואַניע" נישט וויסן. אַז בסך־הכל האָט ער גאָר פיינט די דאָזיקע פאַרדריפּעטע דינסטמוידן: ער האַלט, ווייזט אויס, אַז אַ שיקסע איז אַסך אַ בעסערער מאכל. זעט אים טאַקע די שטאָט אָפט אויף אַ ראָג גאַס זיך שושקענען מיט בענדעטס פראַנצויז, — אַ מיטליעריק אידל מיט אַ גע־שטופּלט, קופּערדיק־אויסגעקאָוועט פּנים און מיט האַרטע האָר, וואָס זיינען שאַרף און קיילעכדיק אַרומגעהאַקט אויף זיין רויטן נאַקן, ווי ביי אַ פאַינקע.

דער לעצטער פאַרמאָגט אין זיין באַזיץ די שליסלען צו דעם רוב שטאָטישע שיקסעס. חוץ דעם: ערגעץ אין אַן עפּושדיקן, פאַרלעגענעם סיטקעלע אויף נאַוואַ־סטראַיענייע, וויסט מען, פאַרמאָגט נאָך בענדעטס פראַנצויז זיין אייגנס אַ „זאַווע־דעניע" —אַ באָרדאַק פאַר פּריצים און נאַטשאַלסטווע. זעט מען טאַקע אָפט, ווי בענדעטס פראַנצויז שלעפּט אַרום סאַמע אינמיטן גאַס, פון די ברייטע קעשענעס פון זיינע ציגיינערשע הויזן, פּלעשעלעך

אלערליי און סלאַיטשיקלעך מיט קאַלירטע זאַלבן און גיט זיי איבער קארפּלען צוזאַמען מיט אַזעלכע עצות און אָנווייזונגען, וואָס קיינעם פון די שטאָט-לייט פאַרדריסט עס בשום אופן נישט, וואָס מען קען זיי, די עצות, פון דער ווייטנס נישט הערן... מען שטויסט זיך שוין אָן.

יאָ, קארפּל איז אמאָל נישט געווען פון די יעניקע יונגעלייט, מיט וועלכע אַ שטאָט בענטשט זיך. אַ נס נאָך, וואָס אין איינעם אַ שיינעם טאָג נעמט קארפּל און ווערט גאָר פאַרפאַלן: ער אַנטלויפט פון פּריזיוו, זאָגט מען... כאָטש ווער וואָלט אַזאַ קורצס, אַזאַ שרעטעלע, גענומען אין סאַלדאַטן אריין — און ווען אפילו קארפּל איז געווען אַזוי פעסט און וואָרצלדיק, פונקט ווי אַ פּניאַק פון אַ דעמב! איז אפשר זיינען טאַקע גערעכט געווען די יעניקע שטאָט־לייט, וואָס האָבן באַלד נאָך קארפּלס פארשווינדן שוין געוואוסט אויף זיכער: קארפּל האָט דאָ ערגעץ אָפּגעטאָן זייער אַ מיאוס שפּיצל — ער האָט פאַרפירט גאָר אַ יונג שיקסל, ממש נאָך אַ קינד... און דער טאַטע אירער האָט געסטראַשעט אַז ער וועט קארפּלען דעם קאָפּ צעשפּאַלטן מיט אַ האַק, אויב ער וועט אים נאָר פּאַקן. נו, אַזוי איז עפּעס אַנדערש.

אַזוי צי אַזוי: קארפּל ווערט פאַרפאַלן, ווי אין טיפן וואַסער אריין... אויפן אויבערפלאַך פונם שטעטל-וואַסער לאָזט ער נישט איבער נאָך זיך אפילו קיין איינציקן קנייטשל, קיין שום וואַסער־רעדעלעך — קיינעם פעלט ער דאָ נישט אויס און קיינער באַקלאָגט נישט זיין נעלם-ווערן.

— אַ שיינע ריינע כפּרה... פאַר אַ חתן האָט זיך זיכער קיי־נער נישט געקוואָפּעט אויף אים.

ערשט אין אַ צייט שפּעטער דערוויסט מען זיך אין שטאָט — און קיינער ווייסט אפילו נישט קלאָר, אויף וואָס פאַרא אופן — אַז קארפּל האָט אָנגעשפּארט העט-העט-העט-ווייט... עפּעס אין אַן אויסטערליש ווייטער מדינה אַזאַ, וואָס מען פאָרט אהין מיט אַקרענטן טעג און נעכט נאָכאַנאַנד, וואַכן און חדשים גאַנצע — מען מוז אריבערפאָרן אָן-אַ-שיר ימען און אָקעאַנען ביז מען קומט אָן אהינצו.

ס'איז טאַקע אודאי געווען איינס פון יענע לענדער, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. ווירקלעך, דער אמתער פלאַץ פאַר אַזעלכע חברה־לייט, ווי קאַרפּל.

ד.

איז אַט דאַ נישט לאַנג צוריק נעמט דאָס דאַזיקע קאַרפּל און באַווייזט זיך ווידער אין שטאָט.

ער הויבט אָן אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן יעדן איינציקן גאָט־געבענטשטן טאָג — סיי אין זון און סיי אין פּאַסקודנעם וועטער. ער איז איצט נאָך מער לײַדיק־גייעריש און שלינג־און־שלאַנג, ווי אין די אַמאָליקע צײַטן; ער באַגריסט זיך מיט אַלעמען וואוילעריש־גרינג אַזוי, פּונקט ווי עפּעס גאָר אַ גרויסער און גוט־מוטיקער שררה. ער ווײַטעט זיך מיט באַקאַנטע אַזוי בלאַחר־ידיק, פּונקט ווי ער וואָלט נישט פאַרבראַכט גאַנצע צען יאָר ערגעץ הינטער די הרי־חושך, נאָר איז אָפּגעפאָרן בלויז אויף אַ פּאָר געציילטע טעג, כ'וויים, ערגעץ דאָ אַרומעט, אין אַ דערבייאיקן שטעטל, — אין ס ק ר י ה א ל אַ ו, אָדער נ א ר א ו ו ל י ע, אַשטייגער.

העכער איז ער נישט געוואָרן פאַר אָט די לאַנגע יאָרן אַפילו אויף קיין האָר נישט, כאָטש אַזוי איז ער היפּש אויסגעוואַקסן. מער נישט, אָט די אויסגעוואַקסנקייט איז געווען קיין ברעקל נישט אויפן חשבון פון זײַן לענג, נאָר אינגאַנצן — פון דער ברייט: אַ קײַלעכ־דיק און בייכיק ביר־פעסל, האָט ער זיך איצט געקײַקלט יעדן טאָג איבער די גאַסן, סיי אין שטייפן און זוניקן ווינטער־טאָג און סיי אין בלויעכן און פוילן סוף־ווינטערדיקן נעפּל, וואָס פאַרשמעקט שוין מיט פרילינג. אַ שטאַרק־געפּאַקט און בייכיק מענטשעלע: אַ קרעפּטיקער גוף אויף קורצע קלעצלעך; אַ קאָפּ ווי בײַ אַ יונג ביקל — אָבער אינגאַנצן אָן אַ האַלדז.

לײַדיקגייעריש און יום־טובדיק האָט דאָס דאַזיקע פעסעלע פון אַ קאַרפּל זיך געקײַקלט איבער די שענסטע גאַסן פון שטאָט, איבערן פּראָספּעקט און איבער פּאָקראָווסקי־גאַס, אויסגעפּוצט אַפילו אײַנ־דערוואָכן אין אַ שבתדיקן אָנצוג פון אַ טײַערן האַריקן וואָל און פון אַזאַ קאָליר, וואָס קיינער דאָ אין שטאָט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען — עפּעס ווי פעפער און זאַלץ געמישט. אין אַ ווינקל מויל

האָט ער תמיד געהאַלטן אַן אומגעוויינטלעך־דיקן ציגאַר, ווי ספּעציעל פֿאַר אים געמאַכט, געשטראַלט און געלאַכט צו אַלעמען מיט אַן־אַ־שיר צוגעלאָזנקייט. מענטשן האָבן הינטער זיינע פּלייצעס געגאַפֿט:

— ביסט אַ מבין אויף זיין אַנטועכץ... אַן אמתער גראַף פּאָטאָצקי!

— זע נאָר, קוק נאָר אָן די בריליאַנטן אויף זיינע פינגער... מיט אַזאַ מין עשירות קען מען אודאי אָפּקויפן אונדז אַלעמען מיט די בעבעכעס צוזאַמען, האָקל־באָקל־מיקל־פּלעקל...

קרעמער, פּאַרמעלטע, פאַרפּעצטע און פאַרדזשעגאַכצטע, זיינען געשטאַנען איינגעפּלאַנצט אויף די איבערגעקערטע פּאַדקאָוועס, וואָס אויף די שוועלן פֿון זייערע קלייטן, און האָבן מיט פאַרדראָס געצופּט זייערע בערדלעך:

— נו־יאָ, ס'איז דאָך קלאָר: דאָס איז עס אודאי אויסגעוועזן די גאַנצע צייט אין אַפריקע — ער האָט דאָרטן זיך פאַרנומען מיט גראָבן דימענטן... ווער ווייסט עס נישט, אַז אין אַפריקע גראָבן מענטשן דימענטן?

איז וועגן דעם איז שוין מער נישט געווען, וואָס צו ריידן. מען איז נאָר געווען טשיקאַווע צו וויסן:

— וואו זשע האַלט ער עס פאַרבאָרגן זיינע מיטגעבראַכטע אוצרות? טאַקע אין אָט די גרויסע „באַרליאַנטן", וואָס פיקעווען ממש אָן אַלע פינגער זיינע, ווי ריזיקע בליאַסקנדיקע בראָדעווקעס?

אָבער קאַרפּל — נישט ער באַרימט זיך פאַר עמיצן מיט זיינע אוצרות און נישט ער דערציילט ווער מען אַ וואָרט וועגן זיי. ער קייקלט אַזוי זיין בייכיק בירפּעסל איבער די גאַסן, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ יִידיקן, נישט־פאַרבויטן פּלאַץ דאָ און דאָרט, מעסט אים אויס מיט די קורצע טריטעלעך זיינע, באַטראַכט, באַשמעקט אים; פאַרבייגייענדיקע באַקאַנטע אידן באַגריסט ער גרינג אַזוי און כּלאַחר־ידיק, מיט אַ שמייכלדיק פּנים, וואָס וואָלט ווי געזעגנט:

—שלום־עליכם, אידן! איר זענט דאָך אודאי שטאַרק טשיקאַווע צו וויסן עטוואָס מער וועגן מיר, ווי? און איך, זעט איר — איך האָב אייך אַלעמען אין דער ערד...

אַז ס'איז גאָר קאַלט, פּוצט ער זיך אויס אין אַ טייערן פייענעם פוטערל מיט אַ ברייטן מאָדערנעם קאָלנער; אויפֿן קאָפּ טוט ער אָן אַ משונהדיק הויכע קוטשמע פֿון קאַראַקול, מיט היפּשע גרויע

און טונקעלע גרייזלעך ווי באַשאָטענער שניי: זיי גלאַנצן אין דער זון, די דאָזיקע קאַראַקול־גרייזעלעך, ווי טייערסטער זייד. דער לאַנגער פּוטער און די הויכע קוטשמע מאַכן אים אומגעהויער וויכטיק — קאַרפּלס קורצינקער גוף ווערט דעמאָלט ווי העכער אויף דער לענג נישט פון איין קוטשמע בלויז, נאָר פון גאַנצע צען אַזעלכע קוטשמעס.

אַן אומגעוויינטלעכע קוטשמע — אין איר זעט קאַרפּל באַלד אויס ווי אַן אמתער מאַרשאַל... אָבער מער ווי אויף דער קוטשמע שטוינט מען און מען גאַפט אויף אים אַליין:

— נו, און דאָס אַנטלויפן זיינס פון דעם פּריזיוו? נו, און אָט יענע פאַרפירט מיידעלע?

ס'ווערט אָבער באַלד קלאָר פאַר אַלעמען:

קאַרפּל פילט זיך איצט אין שטאָט פונקט אַזוי זיכער און פעסט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן — ער הויבט נישט אָן אפילו מורא צו האָבן פאַר עמיצן. פאַרקערט: מיט „נאַטשאַלסטווע” איז ער גאָר גוואַלדיק צונויפגעטראָגן, אַ גאַנצער קנעפּל שעביקנעפּל.

— נו, ווער ווייסט אים דאָרט און זיינע סודות? כ'ווייס... אפשר האָט ער נאָך פונדערווייטנס באַזאָרגט זיך מיט אַ ווייסן בילעט אָדער מיט אַ רויטן אפילו?

איצט אפשר וואָלטן זיך שוין געפונען אין שטאָט בעלנים, וועלכע וואָלטן זיך פונדעסטוועגן געקוואַפּעט אויף קאַרפּלען ווי אויף אַ מעגלעכן איידעם... אַשטייגער, טאַטעס פון עלטערע טעכ־טער־בגרותן, וואָס זיינען נאָך דערצו אַליין אויך נישט פון גרויסן יחוס. ס'הייסט, קיינעם פעלט נישט איין אונטערצושיקן צו אים שדכנים: מען געדענקט נאָך גוט, ווער איז קאַרפּל — און ווער זיי־נען זיי. נאָר גאָרנישט: אויב קאַרפּל וואָלט אַליין געהאַט אביסל מער שכל און וואָלט זיך צונויפגערעדט מיט אַ שדכן, וועלכער וואָלט הינטענאַרומעט ביי אַזאַ מין טאַטן אָנגעטאַפּט אין וואָגן — איז ווער ווייסט... מעגלעך, אַז מען וואָלט אים איצט שוין פון די טרעפּ נישט אַרונטערגעוואָרפן, דעם שדכן; מעגלעך, אַז מען וואָלט זיך איצט די אויערן מיט וואַטע נישט פאַרשטאָפּט.

אָבער קאַרפּל, דער לײדאַק, האָט גאָרנישט בדעה, ווייזט אויס, צו שדכענען זיך צו די שטאָטישע באַלעבאַטים — ער האָט זיי אַלעמען טיף אין דער אדמה, ער איז קאָנטענט צו פאַרבלייבן אַ בחור כל ימיו. שטאָט איז דעריבער געוואַלדיק דערשטוינט, ווען

ס'ווייזט זיך אינגיכן ארויס, אז קארפּל הויבט זיך אָן „סטראַיען". און נישט אבי־וואו — דווקא סאַמע אינמיטן שטאָט: אויף פּאָק־ראָווסקי־גאַס פאַרלייגט ער זיך איצט דעם פונדאַמענט פון א היפּשן צווייִשטאָקיקן מויערל.

ניין, אפּנים, אַז שטאָט האָט אויף קיין האָר נישט איבערגע־טריבן דעם ווערט פון יעדן איינעם פון אָט יענע גרויסע „בּאַרליאַנטן", וואָס האָבן גערדיכט באַשפּרינקלט די פינגער פון קאַרפּלס ביידע קרעפּטיקע און ברייטע הענט.

ח.

אַנטלויפן פון שוסטעריי, פּטור ווערן פון די אייביקע שוואַרצע פּעך־קאַנאַלעכלעך, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין די קנייטשן פון די פאַרהאָרעוועטע און מאַזאָליעדיקע דלאָניעס זיינע, ווי ריטשקעלעך אויסגעגאָסענעם, זודיקן בליי — מען האָט דאָך זיי נישט געקענט נישט אויסוואַשן און נישט אויספּאַרען, אפילו נישט אין דער הייסטער באָד, אפילו נישט אין ערב יום־טוב! — אָ, אודאי, דאָס אויך... אָבער ד אָ ס איז פונדעסטוועגן נישט געווען דער עיקר־טעם, פאַרוואָס בונעם האָט זיך איינגעעקשנט דווקא אַוועקצופּאָרן קיין אַמעריקע.

דער הויפּט־טעם זיינער איז געווען גאָר, גאָר אַן אַנדערער. בו־נעם האָט זיך אַרומגעקוקט:

— ס'איז שוין צייט, אַז ער זאָל ענדלעך זיך אָנהויבן „סטראַי־ען"... ער זאָל זיך ענדלעך אויפבויען אַן אייגענעם מויער.

יעדער מענטש — שטאַרק, צי שוואַך; קליין, צי גרויס — האָט זיך זיין פאַרבאָרגענעם טרוים, וואָס יאָגט אים און בייטשט אים צו שפּאַנען אויפן וועג פון לעבן; צו שפּאַנען אָדער אַן איינ־געבויגענער, אַן אַנגעלאָדענער מיט אָט דער שווערער לאַסט פון זיין נישט־פאַרווירקלעכטן חלום, אָדער גראָד אַן אויסגעגליכטער און א גרינגער צוליב דעם — צו שפּאַנען תמיד אַלץ ווייטער און ווייטער — צו שפּאַנען אפשר נאָך מיט ברייטערע און האַסטיקערע טריט, ווי ער איז בטבע פּיאַיק דערויף... און אויך בונעם האָט געהאַט אַזא מין טרוים. בונעמס חלום איז געווען:

— סטריאָען זיך...

א מאָדנע זאַך:

אַט דער הויכער, זעקספּוסיקער, מגושמדיקער מאַנספּערשוין — ווען ער האָט „געדינט", האָט מען אים שיר־שיר נישט אַריינגענומען אין דער גוואַרדיע אַריין, כאָטש ער איז געווען אַ איד — אַט דער מענטש, וואָס האָט געפירט אַ לאַנגע צייט, סיי בחורווייז און סיי נאָך דער חתונה, אַזאַ הפקרדיקן וואַנדער־לעבן (ער האָט דאָך אַנגעשפּאַרט אַזש קיין קאַטערינאָסלאַוו, און קיין אָדעס אַפילו!), — איז צו די מיטעלע יאָרן־צו האָט ער אָנגעהויבן חלומען דווקא וועגן אַן אייגענער שטוב, וועגן אַ פעסט מויערל אויף אַ פונדאַמענט פון ברייטע, נישט־אַרומגעטעסעוועטע שטיינער... ס'איז דאָך דעריבער מעגלעך: די גליקן, נאָך וועלכע ער האָט זיך ביז איצט געיאָגט און וועלכע ער האָט געהאַפט צו געפינען אין אַט יענע ווייטע שטעט — בונעם האָט ביי זיך סוף־כל־סוף אָפּגעמאַכט, אַז ער קען זיי געפינען טאַקע דאָ ביי זיך, אין דער אייגענער היימשטאָט, אויף אייגענער ערד.

— אַזאַ געזונטער יונג, ווי ער איז — איז אויסגעקומען, ווי בונעם וואָלט עס אַזוי געטראַכט, כאָטש אינדעראמתן האָט ער עס אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן — אַזאַ דעמבענער, ברייט־פּלייצעדיקער פּאַרשוין דאַרף זיך טיף, טיף איינוואָרצלען אין דער ערד אויף וועלכער ער קלייבט זיך צו באַזעצן...

בונעם האָט לאַנג שוין געהאַט באַשלאָסן ביי זיך וועגן אַט אַזאַ מויערל. ער האָט שוין אַפילו ביי זיך אָנגעמערקט דעם אָרט, וואו ער וועט עס אוועקשטעלן. אויפן באַרג, וואָס אַנטקעגנאיבער דעם אַלטן אידישן בית־עולם. אַ הויכער ליימיקער באַרג, אויף וועלכן מען קען אַרויפקומען בלויז הינטנאַרומעט — עס פירט אַהין אַ פּאַרדרייטער און זיך־שלענגלענדיקער וועג דורך דעם קאַוואַלויקער טראַקט און דורך אַן־אַ־שיר הינטערשטע שטאָטישע סיטקעלעך און געסעלעך. פון פאָרנט האָט מען אויף אַט דעם באַרג נישט געקענט אַרויף — דער פאָרנטדיקער טייל פון דעם באַרג איז שאַרף אָפּגעהאַקט אויפן סאַמע ראַנד, און הענגט אַריבער גלייך איבער דער שטאָט. איז נאָנט צו אַט דעם ראַנד וועט בונעם זיך לאָזן אויפשטעלן זיין מויערל.

און ווער ווייסט, וואָס נאָך בונעם האָט זיך שוין באַצייטנס פאָרגעשטעלט וועגן אַט יענעם מויערל, וואָס איז נאָך דערווייל אויף

דער וועלט נישט געווען... ער האָט זיך שוין אפשר פאָרגעשטעלט, אשטייגער, ווי די פאָרנשטע פענצטער פון זיין מויער קוקן עם אריי־בער — טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט, ווי אין שטילער דערינערונג — קוקן איבער דעם פריפּעט־טייך, וואָס אינדערנידער: דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע וואַסער, וואָס איז נאָך מיט יאָרן און יאָרן צוריק געווען דער אָנהויב פון בונעמס וואַנדער־וועג — מיט קליינע און מיט גרויסע פאַראַכאָדן איבערן פריפּעט, דניעפּר, דעם שווארצן ים — קיין קיעוו, קיין קאַטערינאָסלאַוו און אַזש ביז כערסאָן און אָדעס...

איז וועט זיין גוט אַזוי פון אָט דעם בארג ארונטער, אַמאָל אין אַ שבת־ בייטאָג אָדער אין אַ לײדיקער מינוט אינמיטן דערוואָכן, נאָכאמאָל צו זען די וועגן און די שטעט, איבער וועלכע ער האָט געבלאָנדזשעט און געזוכט גליקן... געזוכט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביזקל ער האָט אויסגעפונען, אַז קיין גליקן קען מען אין ערגעץ נישט געפינען — און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זיין היימ־שטאָט.

יאָ, און וואָס נאָך? נאָך איין זאַך —

אויפן מיטן דאַך פון זיין מויער וועט ער אויפשטעלן אַ הויכן שטאַנג מיט אַ באַזילבערטער גלעזערנער קויל אויפן שפּיץ. די דאָזיקע קויל זאָל זיין די ערשטע אויפצוכאַפּן אויף זיך די שטראַלן פון פאַליענדיקער, זומערדיקער צי ווינטערדיקער זון, — און ארונ־טערצואוואַרפן זיי דערנאָך אונטן, ווי אַ פרייע גאָב, אויף די דעכער און די פענצטער פון די שטאָט־מויערן ארונטער. און זי וועט אויך זיין די לעצטע אויף צו פאַרטשעפּען דאָס שקיעה־ליכט פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע שטאָט וועט שוין ליגן איינגעטונקט אין דעם אָוונט.

ביי פּיקען, דעם גרויסן שטאָטישן בוי־פּאָדריאַדטשיק — אַ יוגנט־חבר בונעמס, וועלכער איז פרי רייך געוואָרן און מיט וועלכן ער האָט שוין אודאי אַ יאָר פופצן קיין איינציק וואָרט נישט ארויס־גערעדט — ביי פּיקען אויפן קעגנאיבערדיקן באַרג, אויף ספּאַסקע־באַרג וואָס אויף יענער זייט פונם קאַוואַלויקער טראַקט, איז אויך געווען אויפן מיטן דאַך, אויף אַ מעשענעם שטאַנג ארויפגעזעצט, אַ באַזילבערטע קויל, וואָס שפּריצט פון זיך מיט פייער אין אַ זוניקן טאָג. אָבער זיינע, בונעמס, וועט זיין אַסך, אַסך, אַ גרעסערע...

ז.

אויף דעם אַלעמען האָט מען גערעדט געלט, אסך געלט. די גליקן, וואָס ער האָט ביז איצט געפונען אין די גרויסע שטעט, האָבן אים קיין גרויס עשירות בשום אופן נישט אַריינגעבראַכט. זיין שווער שוסטעריש פּראַצעווען ביז העט אין דער נאַכט אַריין האָט אים און זיין משפּחה באַזאָרגט אפשר מיט חיונה — אָבער טאַקע מער נישט, ווי מיט חיונה. ס׳איז ביסלעכווייז פאַר בונעמען קלאָר געוואָרן: פאַר אים איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר צו פאָרן אין אַמעריקע.

— אָ, אין אַמעריקע... ס׳איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך: אין אַמעריקע ווערט דאָך יעדער איינער רייך איינס־און־צוויי — ממש איבער נאַכט.

קאַרפּלס אומגעריכטער באַווייזן זיך אין שטאָט האָט בונעמען נאָך מער באַפעסטיקט אין זיין באַשלוס אַוועקצופאָרן: קאַרפּלען, הייסט עס, איז געלונגען דאָס, וואָס אים, בונעמען, האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן. כאָטש אויך ער, ווי אַלע אין שטאָט, האָט קלאָר נישט געוואוסט נישט דעם פאַרמעסט פון קאַרפּלס אוצרות און נישט, וואָס יענער האָט דאָרט געטאָן אַזוינס אין די ווייטע לענדער אויף נתעשר צו ווערן. אָבער, וואָס איז דער חילוק —

— הערסט... — איז בונעמס געוויינטלעך גוטמוטיק פּנים אַזש גרין געוואָרן פון קנאה און פאַרדרוס — וואָס!... אָט דער שמאַרק, אָט דער פישער־אינגל האָט געקענט, און איך וועל נישט קענען?

ס׳איז געווען פּונקט, ווי קאַרפּל וואָלט זיך דערלויבט מיט דעם־אָ אים, בונעמען, אַ פּאַטש צו טאָן בפועל ממש אין פּנים אַריין.

— נישקשה, — האָט זיך בונעם פאַרדראָסיק שוין אָפּגעהריי־זעט פון זיין ווייב, וועלכע האָט געפּרואווט אַ פּאָר מאָל צו צווייפלען אין די גרויסע אַמעריקאַנער גליקן. — פאַרלאָז זיך אויף מיר — איך וויים, וואָס איך טו... אויב קאַרפּל־פאַרך האָט געקענט מאַכן דעם קונץ, וועל איך עס אודאי קענען...

צווייטער קאַפּיטל

בונעם פֿאָרט
קיין אַמעריקע

א.

סטערען איז אינגיכן קלאָר געוואָרן: ס'איז פאַרפאַלן — דעם אַריינגעהאַקטן קלין אין איר מאַנס קאָפּ וועט זי שוין, ווייזט אויס, נישט זיין אימשטאַנד אַרויסצוקלאַפּן.

און כאָטש זי איז נישט געווען פון די ווייבער, וואָס האָבן ליב אַסך צו ריידן, און כאָטש בונעם האָט אויך דערווייל פאַר קיי־נעם־נישט, חוץ פאַר זיין אייגענער ווייב, קיין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן, — האָבן שוין פונדעסטוועגן אין שטאָט אינגיכן אָנגעהויבן צו טראָגן זיך קלאַנגען, אַז בונעם קען שוין ווידער נישט איינזיצן אויף אַן אָרט, — ער לאָזט זיך ווידער וואַנדערן, זוכן גליקן. אָבער דאָס מאָל — נישט קיין קיעוו און נישט קיין קאַטערינאָסלאַוו, נאָר אין די ווייטע לענדער אַריין.

— קיין אמעריקע פאָרט ער אוועק... קיין „אַרגענטינע"... אָדער אפשר גאָר קיין אַפריקע?

ווער האָט עס דאָרט געקענט פאַנאַנדערקלייבן זיך, וועלכעס איז ווייטער: אַמעריקע צי אַפריקע?... אָבער, אַפּנים, אַז וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער זיינען עס די מענטשלעכע גליקן.

איז אין די לעצטע עטלעכע וואָכן פון סוף־ווינטער האָבן שכנים און באַקאַנטע אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו בונעמען אין שטוב אַריין אָפטער ווי געוויינטלעך.

מען פלעגט קומען אונטער אַלערליי אויסריידן — מען פלעגט אויסזוכן כּל המין אַלטע שקראַבעס פון הינטערן אויוון, זומערדיקע טופליעס פון אונטערן בעט און זיי ברענגען בונעמען צו פאַריכטן: מען איז נישט געקומען גלאַט אַזוי אויס נייגיריקייט, אָדער געזעגענען זיך שוין... נאָר עס פלעגט שוין תמיד פּאַסירן, אַז דער אַנגעהויבענער שמועס, איבער וואָס עס זאָל נישט זיין, פלעגט זיך זיגזאַגיש קייקלען אַזוי און סוף-כּל-סוף זיך דערקייקלען ביז צו אַ רייד וועגן קאַרפּלען, וועגן אַרגענטינע, וועגן אַפריקע... בכלל — וועגן די ווייטע לענדער.

אין איינעם אַזאַ אָוונט פון סוף-ווינטער האָבן זיך ביי בונעמען אין שטוב, ניט צונויפגערעדטערהייט, צוזאַמענגעקליבן אַ פּאָר שכנים און אַ פּאָר באַקאַנטע.

דאָ זיינען געווען די ב ע ר ק ו ז ש י כ ע, אַן אויבסט-פּאַרקויפערין פון דער פאַרשטאָט ט ע ל ע פ ע נ י; איטשע פּאַיע-רחלס, אַ מילנער, עפּעס אַ גליד-גליד-שוועסטערקינד בונעמס; דער בלינדער דראָטן-מאַכער ה אָ ר ו ו אַ ט ש י ק, — אויך פון טעלע-פעני, דער בערקוזשיכעס אַ נאָנטער שכן; און, לסוף, ברוך-משה-מרדכים — דאָס קליינע מלמדל, וואָס פלעגט קומען ביינאַכט נאָכן חדר, צוויי מאָל אין דער וואָך לערנען מיט בונעמען חומש מיט טייטש.

אָ, זיכער נישט צונויפגערעדטערהייט זיינען זיי אַלע איצט אַהער געקומען — זיי האָבן דאָך אפילו כּמעט אַלע געוואוינט אין די פאַרשיידנסטע ווינקלען פון שטאָט. חוץ דעם: אין דרויסן איז אין אָט דעם אָוונט געווען אַ שטאַרקע אָדליגע. ס'האָט זיך געפּאָדערט באמת אַ סך פריינטשאַפטלעכע איבערגעגעבנקייט אויף צו שלעפּן זיך איבער די גאַסן אין אַזאַ נאַכט און אין אַזאַ גליטשיקער פּאַ-גאָדע.

דער היינטיקער אָוונט איז געווען אַ וואַרימער; ס'האָט מיט-אַמאָל אַ שמעק געטאָן אין דער לופט, מען ווייסט נישט פון וואַנען, מיט הנאָי, מיט ווייך-געוואָרענער ערד און מיט נאָנטן פרילינג. דער טייך, — ער האָט זיך געפונען גאָר נאָנט פון דער גאַס, וואו בונעם האָט געוואוינט, — איז שוין געוואָרן ברוין און בלוי; די לעצטע עטלעכע טעג האָט מען אים געהערט אָפּטער אונטערקרעכצן. אָט אפילו איצט, ביי בונעמען אין שטוב, בעת אַ קורצן איבעררייס

אין שמועס פלעגט מען מיטאמאל פון אויף יענער זייט פענצטער דערהערן א קרעכצן, א קוועטשן־זיך, א מוראדיק אנשטרענגען־זיך, ווי פון א ריזיקער געווינערין — פונם אומגעדולדיקן וואסער אונטערן ברוין־און־בלוי־געווארענעם אייז־צודעק, וואס האט זיך געריסן גע־בוירן צו ווערן.

אין סאמע מיטן טאפטשאן האט זיך די ערשטע גלייך אנידער־געזעצט די בערקווזשיכע — א ברייט־צעוואקסענע אידענע מיט א מאנסבילשן פנים, מיט א מויל אויף שרויפן און מיט א גרויסער גול־ע אויפן שטערן. ווי נאר ווינגדער און טאמארעלע האבן אריינגעשלעפט דעם גרויסן טאפטשאן, האט זי זיך ברייט פאנאנדערגעלייגט אינ־מיטן. און זי איז געווען גערעכט אויך: א אידענע מיט אזא הינטער־חלק וואלט דאך סיי־ווי נישט געקענט זיצן ביים ברעג.

זי האט באלד אנגעהויבן ארונטערצושלעפן פון אירע דיקע געשוואלענע פיס, ווי די בולאוועס, א פאר גרויסע מאנסבילשע וואַ־לינקעס, באדעקט מיט בלאטיקן שניי, מיט שטיקלעך קויטיקן אייז. דערנאך ערשט האט זי מיט מוראדיקן קרעכצן ארונטערגעצויגן א פאר געפלאכטענע זומערדיקע סאנדאלן, ענלעך גיכער אויף פויערשע לאפטיעס. ערשט דעמאלט האט מען דערזען אירע פיס, ארומגעוויקלט מיט אניצעס פון אונטן: בלויע, אנגעדראלענע, מיט אויפגעשוואָ־לענע אדערן פון אלע זייטן, ווי דיקע שטריק. די פיס האבן אויס־געזען גאר נישט ווי קיין פיס, נאר גיכער ווי א לעצטע פאר סאנדאלן א ו י ף זיי — א געשטריקטע נעץ פון בלויע אויפגעשוואלענע אדערן.

די בערקווזשיכע איז געווען א סעדיכע, איז איר גאנץ לעבן כמעט אפגעשטאנען אויף די פיס. אפילו ווינטער־צייט איז זי אויך א גאנצן טאג געשטאנען אויפן מארק ביי א געשטעל מיט קוישן צעפוילטע און פארפרוירענע עפל, איינגעוויקלטע אין טיפענישן פון גוזמאס גאנצע שמאטעס — ווי עפעס אזעלכע פארוויקלטע טייערע דימענטן.

איר מאן פלעגט אליין גארנישט פארדינען. ער פלעגט איר בלויז צוהעלפן אביסל איבערטראגן די גרויסע קאשיקעס אירע מיט שמאטעס — צי מיט אויבסט — פון דער היים אויפן מארק ארויס — און צוריק. יעדן טאג אזוי — פון טעלעפעני אויפן שטאָט־מארק און צוריק — א מהלך פון וואסערע עטלעכע ווירסט.

איר מאַן: אַ איד, דאַר און אויסגעצויגן, ווי אַ טכויר; אַ מענטש, וואָס רעדט מוראדיק גיך, מאַלט ווי אַ מיל, — מען פאַר־שטייט קוים אַ צענטן וואָרט פון דעם אַלעמען, וואָס ער שיט פון זיך אַרויס. דערפון זיין צונעמעניש: „בערקוזשע". ווייל אַז ער דאַוונט אין שול, דאַוונט ער דוקא הויך אויפן קול און שלינגט אויך מוראדיק די ווערטער; איז פון „הללוהו ברקיע עוזו" קומט ביי אים אַרויס: „הילולי בערקוזשע".

— אוי־אוי...

ווי נאָר די בערקוזשיכע האָט אַראָפּגעצויגן די וואַלינקעס, האָט זי תיכּף אָנגעהויבן צו קרעכצן שווער און הילכיק, ווי דאָס „אָטע־מען" פון אַ גרויסער זעג; צי פון מידקייט, וואָס זי האָט זיך גע־שלעפּט אהער אַזאַ לאַנגן וועג אַזש פון ט ע ל ע פ ע נ י, אָדער אפשר גלאַט, ווי זייער אַ באַקוועמער אָנהויב פאַר אַ שמועס.

— אוי־אוי... זאָל שוויין מיין מאַנדעלע האָבן אַזויפיל כוח צו עטעמען, ווי איך האָב עס כוח צו שלעפּן זיך אהער אַזאַ לאַנגן וועג צוליב אָט די פּאָר שקראַבעס־אַ... אוי־אוי...

אירע באָרוועסע געשוואָלענע פיס — צוויי גרויסע טויטע גע־פּראָרענע פיש, מיט אַ גלאָזיקן אייז־צודעק באַצויגן — האָט זי געהאַלטן אויפן בלויזן קאַלטן דיל. בונעם האָט איר אונטערגערוקט אַ פּאָר פּרעמדע קאַלאָשן, וועלכע ער האָט ערשט געהאַט „פאַר־גאָסן".

— עך... — האָט די בערקוזשיכע ווייטער געקרעכצט; מיט אירע גלאָזיק־געשוואָלענע פיס האָט זי אפילו נישט געפילט די קאַלט־קייט צי די וואַרימקייט פון די קאַלאָשן, אין וועלכע זי האָט זיי אַריינגעשטופּט, — איך זאָג אייך, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל... ביי לייטן פאָרן מאַנען אוועק קיין אַמעריקע, קיין אַפריקע — מיינער זיצט מיר דאָ אין געהאַקטע וואונדן — אַ האָרב אויף מיינע פּליי־צעס... טראָג אים! אַז טראָגן זאָלן אים שוין, האַרציקער גאָט, די חברה־קדישא...

אירע רייד זיינען געווען געווענדט נישט צו וועמען עס איז באַזונדער, נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין: מען וועט שוין זען, ווער עס וועט זיי באַלד אויפכאַפּן.

בונעם לאַכט גוטמוטיק. נעמט אַראָפּ אַן אייזנדל, וועלכער הענגט אויף אַ רימען איבער אַ פייער פון אַ קליין לעמפּל, וואָס קאָפּטשעט

זיך שוין א לענגערע צייט. ער קראַצט ארונטער פונם אייזנדל די סאַזשע, צעפּירט עס אין א פּליסיקייט און הויבט מיט דעם אָן העפּטיק צו פּאַלירן א ברעג פון א נייער פּאַדעשווע. יעדע מינדסטע זאַך אויפן ווערקשטאַט, פון א שטיפטל ביז א ראַספּייל, ציטערט פון בונעמס קרעפטיקן באַוועגן זיין אויבערשטן טייל גוף הין און צוריק.

— טאַסטו דיר, אויף וואָס א אידענע באַקלאַגט זיך עס... פּאַרקערט, דאַרפט איר דאָך זיין אודאי צופרידן! — וואַרפט שוין ברוגזדיק אריין א וואָרט סטערע, וועלכע האָט זיך צעשפּרייט אויף דער ערד ווי א הון מיט פּאַנאַנדערגעלאָזטע פליגל און העלפט פּאַנ־אַנדערסאָרטירן, לויט זייער מאָס און גרויס, די קאַפּולן, וואָס ווערן דורכן טאָג צוזאַמענגעמישט אין איין גרויסע קופּע.—האָט איר נאָך דערפאַר טאַקע דעם מאַן אייערן לעבן זיך די גאַנצע צייט... אייער פאַמיליע איז קיינמאָל נישט צעריסן...

— זעסטו! א גרויסער גליק האָט מיך געטראָפן, טאַקע־נו...
— די בערקאָוזשיכע האָט אויסגעדרייט איר גרויסע גוליע אויפן שטערן אין סטערעס ריכטונג, ווי א שטעכעדיקן האָרן. — צעריסן־צעשמיסן... הלואי וואָלט מיין בערקאָוזשעלע טאַקע יאָ אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע... צי קיין אפריקע... צי אפילו צום שוואַרץ־יאָר! אפשר וואָלט פון אים דאָרט געוואָרן א לייט — מען זעט דאָך, אז אפילו פון די גרעסטע שלימאַזלס ווערן דאָרט פאַלנע מענטשן! אָט, אייער קאַרפּל... א גאַנצער מיליאָנטשיק איז ער דאָך דאָרט גע־וואָרן!

— א ו נ ד ז ע ר קאַרפּל! הם... — סטערע האָט פאַרביסן א ברום געטאָן, נאָר אַלץ נישט אויפגעהויבן אירע אויגן פון דער קופּע קאַפּולן, אין וועלכע זי האָט זיך געראַיעט — איך שענק אים אייך אַוועק אינגאַנצן מיט אַלע זיינע מיליאָנען... קיינער האָט דאָ זיינע מיליאָנען נישט געציילט... און בכלל... אז ווער ווייסט, מיט וואָס ער האָט זיך עס דאָרטן פאַרנומען... זיינע שיינע געשעפטן, פון וועלכע ער איז עס רייך געוואָרן... הערט איר, — נישט ענדערנדיק די פּאָזיציע פון איר שווערן, ברייטן גוף, וואָס איז כמעט געזעסן אויפן דיל, האָט זי אומגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגע־קוקט די בערקאָוזשיכע מיט א לאַנגן באַדייטונגספולן בליק — פון על־חטא, זאָגט מען, ווערט מען נישט פעט.

אפשר האָט זי בשעת מעשה אַ טראַכט געטאָן פון דעם, וואָס קאַרפּל פּלעגט נאָך גאָר אין די אַמאָליקע צייטן זיין אַ גאַנצער שמעלקע מיט ב ע נ ד ע ט ל פ ר אַ נ צ ו י ז... ביי איר איז שוין דעריבער רעכט געווען, אַז יענער האָט זיך דאָרט, — אין אַר־גענטינע, צי אין אַפריקע, צי דער רוח ווייסט אים וואו,—פאַרנומען מיט די זעלביקע שיינע געשעפטן, וואָס בענדעט פראַנצויז פאַרנעמט זיך מיט זיי נאָך עד־היום דאָ.

— נ־נאַ... איז אויב פון ד ע ם־אַ קריגט מען יעם אַזוי פיל בריליאַנטן אויף די פינגער...

ב.

דער בלינדער האַרוואַטשיק זיצט דעם גאַנצן אָוונט ניט ווייט פון דער בערקווזשיכע. ער אַרבעט שווייגנדיק. אַרום אים אויף דער ערד—עטלעכע גרויסע צעשפּאָלטענע טעפּ, מאַקאַטערן, מיט אַרויס־געבראָכענע שטיקער, ווי געעפנטע קירבעסן. ער פאַרדראָטעוועט עס זיי איצט מיט די גרויסע רינגען דאָרט, וואָס הענגען אַרום זיין האַלדז.

האַרוואַטשיק איז אַ איד, אין וועלכן אַלץ איז אומגעוויינטלעך לאַנג — ער פאַרמאָגט אויסערגעווינלעך לאַנגע פיס, ווי כאַדור־ליעס; ער פאַרמאָגט אויסערגעוויינטלעך לאַנגע הענט, אין וועלכע ער טראָגט אַן אויסערגעוויינטלעך לאַנגן שטעקן — לענגער נאָך ווי מלכי־צדקס, דעם היגן פּראָטאָיערעיס, שטעקן. לאַנג זיינען אויך די רינגען דראָט, וואָס הענגען אים תמיד, ווער ער באַוועגט זיך נאָר אין אַ וואָכן־טאָג אין גאַס, אַרום האַלדז און אויף די אָרעמס — ווי ריזיקע אויסטערלישע האַלדז־בענדער און בראָנזלעטן.

ער איז כמעט אינגאַנצן בלינד אויף ביידע אויגן, האַרוואַטשיק. נאָר זיינע בלינדע אויגן זיינען ביי אים תמיד אומבאַוועגלעך־אָפן און אויף דער העלפט מיט בעלמעס פאַרצויגן; די ברעמען און די וויעס איבער זיי זיינען ביי אים אויך לאַנג. מיט די צוויי אָפן־בלינדע אויגן קוקט ער שווייגנדיק גלייך פאַר זיך... ער גייט תמיד איבער די גאַסן איינער אַליין, גלייך און אויסגעצויגן, אַן אַ פירער. ער טאַפּט פאַר זיך הילכיק אָן דעם וועג מיט זיין אומגעוויינטלעך־

לאנגן שטעקן — און מענטשן דערקענען שוין פונדערווייטנס אָן דעם קלאַפּן: דאָס גייט האַרוואַטשיק.

אויך איצטיקס מאָל איז ער געקומען צו גיין מיט דעם לאַנגן שטעקן זיינעם, כאָטש די בערקווזשיכע האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטן אונטערן אָרעם. נאָר מעגלעך, אַז זי האָט עס גאָר געטאָן מער צוליב זיך איידער צוליב אים... אין דרויסן איז דאָך היינט אַזאַ מוראַדיקער גליטש און האַרוואַטשיק גייט דאָך, ווי תּמיד, אַזוי גלייך, אַזוי פעסט און זיכער — ווי אַ גייענדיקער סלופּ. אין דער רעכטער האַנט — דעם שטעקן; אין דער לינקער — אַ לאַמטערן מיט צוויי מוטנע־פאַרדריפּעטע שייבעלעך פון איין זייט און צוויי מיט חלב־אויסגעשמירטע פּאַפּירלעך פון דער צווייטער זייט.

יאָ, ס׳איז געווען מעגלעך: דאָס האָט דער בלינדער האַרוואַטשיק געפירט גאָר די בערקווזשיכע אַהער, און ניט פאַרקערט.

אויך אים האָט נייגעריקייט צו זיין ביי בונעמען און צו הערן דערציילן וועגן די וויטע לענדער מיט די גרויסע אוצרות, וואָס וואַלגערן זיך דאָרט אין די גאַסן — אויך אים האָט דאָס באַוואויגן צו שלעפּן זיך אַהער אין אַזאַ גליטשיקער אָדליגע אַזש פון טעלעפּעני. מיטאַמאָל האָט ער זיך היינט דערמאָנט: ער האָט דאָך סטערען נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געהאַט פאַרשפּראָכן צו קומען און פאַרריכטן די צעבראָכענע פּסחדיקע כּלים, וואָס אויפן בוידעם. נו, ס׳איז דאָך שוין איצט מער ניט געבליבן ווי אַ דריי וואָכן ביז פּסח...

זיצט ער דאָ און זאַפּט אין זיך אַריין דורשטיק יעדן וואָרט, וואָס פאַלט אַרום אים אין שטוב וועגן אַמעריקע און וועגן די וויטע לענדער, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ געהיימען געדאַנק סוף־כּל־סוף אַוועקצופאָרן אַהין... אָדער גאָר זיך אַוועקלאָזן אַהין שפּאַנען מיט זיין אומגעוויינטלעך לאַנגן שטעקן. אַליין פונדעסטוועגן רעדט ער די גאַנצע צייט קיין איין וואָרט ניט אַרויס; ער זיצט בלויז מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און לאָזט ניט דורך קיין איינציק וואָרט.

אַז ער האָט דערהערט סטערעס סקעפּטישע רייד וועגן די גליקן פון די וויטע לענדער, האָט ער נאָך מער אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף זיין טאַבורעטע אין דער ריכטונג צו דער בערקווזשיכע; אויף זיין פּנים איז דורכגעלאָפן אַ שאָטן פון אומצופרידנקייט, ווי מען וואָלט זיך דאָ געקליבן אים, דעם

בלינדן, אָפּצונאַרן, אַרויסצוכאַפּן עפּעס סאַמע פון צווישן די הענט זײַנע... אויף דער בערקוזשיכע קען ער זיך אָבער פאַרלאָזן.

און די בערקוזשיכע קומט אים טאַקע צו־הילף.

אָ, זי לאָזט זיך ניט אָפּקילן פון סטערעס ספקות. וואָס הייסט: מיט אַזאַ פאַרביסנקייט צו ריידן וועגן אַמעריקאַנער גליקן? הען, אַזאַ פּריצל... איז נעמט זי טאַקע באַלד פאַר אַן עדות דעם בלינדן האָרוואַטשיקן אַליין, — צי האָט ער דען ניט געזען די גרויסע בריליאַנטן, וואָס באַדעקן אַלע פינגער ביי קאַרפּלען? ביי דעם גרעסטן שרהה קען מען דאָך אַזוינס ניט זען.

— אַזעלכע גרויסע מכות און באַליאַטשקעס זאָלן זיך זעצן אים אויפן לייב, טאַטע געטרייער, סאַראַ גרויסע בריליאַנטן... ניט אמת, האָרוואַטשיק? אַזעלכע גרויסע ווערים און פּראַנצן זאָלן אים איינגאַנצן באַדעקן, רבונו־של־עולם, סאַראַ דימענטן... ניט אמת, האָרוואַטשיק? האָסט דען אַליין ניט געזען?

האָרוואַטשיק האַלט אין אָט דער מינוט צווישן די לאַנגע אָפּ־שטייענדיקע קני זײַנע אַ גרויסן פּסחדיקן שמאַלץ־מאַקאַטער און אַר־בעט זייער פלינק, כאָטש ער קוקט גאָר מיט די אָפענע בלינדע אויגן גלייך פאַר זיך אין דער לופט אַריין — זײַנע לאַנגע פינגער זײַנען זײַנע אויגן: מיט זייער הילף אַליין טרעפט ער נאָך גאַנץ גוט מיט די צווענגלעך, וואוהין ער באַדאַרף. ער דרייט און פלעכט איבער און קניפּט אָפּ דעם דראָט אַזוי פלינק, כמעט ווי אַן אַלטע אידענע מיט אירע שטריק־פּרענטלעך.

אַז די בערקוזשיכע הויבט אים אָן צו טורקען, צו שלעפּן ביי אַן אַרבל, ער זאָל ענטפערן, — גיט ער פאַמעלעך און אָן חשק אַ דריי מיטן קאָפּ פון רעכטס אויף לינקס, ווי אויף אַוועקצוטרייבן אַ דאַקוטשענדיקע פליג. ער ברומט אַרויס מיט זיכערקייט בעת זײַנע אויגן קוקן נאָך אַלץ גלייך פאַר זיך.

— הם... בבב... — סקריפּעט זיין קול פאַרזשאַווערט אַזוי ווי פון ניט־אָפּטן באַנוצן. — יאָ... אודאי... אַליין געזען... גרויסע...

— נו, און די נייע פּאַסטראַיקע זײַנע סאַמע אינמיטן שטאָט — טורקעט אים אַלץ מאָנענדיק די בערקוזשיכע — וואָס׳אי, ס׳איז דען אַ ליגן? האָסט עס דען אַליין מיט די אייגענע אויגן ניט געזען?

— הם... בבב... — סקריפעט דער בלינדער האַרוואַטשיק ווידער אַרויס, נישט אויפהערנדיק אַלץ צו פּלעצטן און צו קניפּן דעם לאַנגן דראָט אַרום דעם בייכיקן מאַקאַטער — אודאי... יאָ... אַליין געזען...

מיט די אָפענע בלינדע אויגן געווענדט גלייך פאַר זיך, נעמט ער זיך שוין איצט פאַרן דראָטעווען עפּעס אַנדערש: אַ גרויסע געגלייזטע פּסחדיקע שיסל, אַ שיסל פאַר אַ קאַרטאָפּעלנעם „טייגאַכץ". ער מוז אַרבעטן אַסך, אַסך, האַרוואַטשיק, אויף צו פאַרדינען די פּאָר גראָשנס זיינע. ער איז אַ געבראָטענער קבצן. דעריבער רופט מען אים טאַקע אין שטאָט האַרוואַטשיק — בלשון סגי־נהור: ה אַ ר ו ו אַ ט איז דער נאָמען פון אַ גרויסן פּוילישן מאַגנאַט, וואָס פאַרמאָגט דאָ ניט ווייט פון שטאָט אַ באַרימטן פּרעכטיקן גוט.

ג.

דאָס, וואָס די בערקוזשיכע האָט דאָ אַריינגעשלעפּט קאַרפּלס בויען זיך, האָט שוין גאָר פאַרפּולט די מאָס פון סטערעס צאָרן.

— ניט אַנדערש: אָט די דאָזיקע־אָ בהמה איז בכיוון געקומען צו גיין אַהער צו שיטן נאָך זאַלץ אויף אירע וואונדן...

עס ווערט סטערען שוין באמת שווער לענגער אַנצוהאַלטן איר שווייגנדיקע און געזונטע געדולדיקייט פון תמיד. זי וויל מיט עפּעס אַרויספּלאַצן, נאָר זי ווייסט ניט ווי אַזוי. אַ נס נאָך, וואָס זי קען זיך אָנכאַפּן אָן איינעם אַ וואָרט, וואָס די בערקוזשיכע האָט אָקאָרשט געלאָזט פאַלן: פּראַנצן...

— נו־נו... איז ער יאָ אַ מיליאָנטשיק... אַ גדולה אויף אייער באָבען... איך טענה מיר אָבער איינס: מען ווייסט ניט פון וואָס פאַראַ שיינע געשעפטן ער איז עס דאָרט רייך געוואָרן!...

— זי גיט אַ בליץ אויף די בערקוזשיכע מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן, און לאָזט זיי גלייך ווידער אַרונטער. — פון ערלעכער האָרעוואַניע ווערט מען ניט רייך.

— שאַ, טייערינקע... — לאָזט איר אַלץ ניט צו־רו אָט יענעם מיאוס וואָרט, און זי הויבט ווידער אויף אירע פולע ברוינע אויגן, וואָס שיינען איצט מיט אַ טרוקענעם גלאַנץ, אויף איר קעגנערין. — שאַ... זאָגט נאָר אַליין, טייערינקע, איך בעט אייך:

אויב ער איז יאָ אַזאַ מיליאָנטשיק, איז פאַרוואָס האָט ער ניט חתונה, האַ? מסתמא איז דאָך עפּעס דאָ אין דעם... וואָס אַרט אייך: אַז מען קלינגט אין קלויסטער, איז חגא...

ווייל אין שטאָט גייען טאַקע אַרום קלאַנגען:

דאָס, וואָס קאַרפּל ווייזט ניט אַרויס קיין שום סימן אפילו פון אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ חתן — דאָס איז זיכער ניט אַזוי גלאַטיק. אפשר זיינען טאַקע אין דער פאַרשפּרייטונג פון אַט די קלאַנגען שטאַרק פאַראינטערעסירט אַט יענע שטאָטישע באַלעבאַטים — טאַטעס פון דערוואַקסענע טעכטער — וועמען עס פאַרדריסט זייער שטאַרק הלמאי קאַרפּל מאַכט זיך טאַמעוואַטע און שדכנט זיך ניט צו זיי:

— וואָס איז, אַ וועלט איז דען הפקר? אַ י ם שטייט נאָך ניט אָן, דעם פאַרעך?

אַלנפאַלס, אין שטאָט שמועסט מען שוין לאַנג: קאַרפּל, ניט געקוקט אויף זיין געזונטן און אויסגעפּאַשעטן אויסזען, איז קראַנק אויף אַ מיאוסער קרענק אַזאַ, וואָס עסט אים בּיסלעכווייז אויף. עס פוילן ביי אים געוויסע איברים און די דאָזיקע צעפוילונג שפּרייט זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדער פון אינעווייניק אין דרויסן אַרויס. ערשט איצט ווערן אָלעמען פאַרדעכטיק די פעטע אָנגעבלאָזענע פרישטשעקלעך, וואָס ביי קאַרפּלען אויף די באַקן און אַרום דער נאָז.

יאָ, עס ווייזט טאַקע אויס: חוץ זיינע באַרליאַנטן און די מיליאָנען האָט קאַרפּל זיך נ אָ ך עפּעס אָפּגעשפּאָרט אין די ווייטע לענדער... סטערע מיאוסט זיך אפילו אַרויסצוברענגען פון מויל דעם נאָמען פון אַט דער קרענק; נאָר דאָס אַליין איז דאָך שוין אויך גענוג פאַר איר, אַז זי זאָל וואַרפן זייער אַ שטאַרקן אומחן אויף אַט יענע אַלע ווייטע לענדער מיט זייערע אַלע גרינגע גליקן.

נאָר די בערקוזשיכע קאָכט זיך דעמאָלט נאָך מער פאַנאַנדער. איר צעקנייטשטער פּנים ווערט רויט און נאַס ווי אַ געפּרוירענער עפּל, וואָס טאַיעט אָפּ; די היפּשע גוליע אויף איר שטערן הויבט אויך אָזש אָן צו שוויצן.

— ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה, איך בעט אייך!... „פון ערלעכער האָרעוואַניע ווערט מען ניט רייך״... אַזאַ פּריצל! דוכט זיך, אפילו קינדער אין די וויגן ווייסן: אַמעריקע איז אַ מדינה, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אין אַלע גאַסן, אַ לאַנד, וואו מענטשן ווערן רייך טאַקי איבער נאַכט...

— וואָס, ר׳ איטשע, — זוכט זי שוין דאָס מאָל הילף ביי א צווייטן צד, ביי בונעמס גליד־גליד־שוועסטערקינד, וואָס זיצט די גאַנצע צייט אויף א נידעריקן שוסטער־בענקעלע ניט ווייט פון בונעמען, באַטראַכט מיט אַרומפּליענדיקע, נייגעריקע אויגעלעך די פאַרשיידענע מינים מעטאַלענע שטיפטלעך און הילצערנע פלעקלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום און אויפן וואַרשטאַט, ליגט זיי אין מויל אַריין, בייסט זיי אָן, פאַרזוכט זיי, אַט ווי מען פאַרזוכט קערנדלעך ווייץ, אַשטייגער. — כאַ־כאַ־כאַ... — לאַכט די בער־קוזשיכע אויף הויך און דונערדיק, ווי פון א לחלוטין־אוממעגלעכער זאַך — איר, ר׳ איטשע, וואונדערט זיך דאָך מסתמא אויך, ווי אזוי מען ווערט עס אין אַמעריקע א מיליאָנטשיק?

איטשע־פאַיע־רחלס, א צעטומלט אידל מיט צעשראָקענע האָזן־אויגן, איז דער אייגנטימער פון א קליינער ווינטמיל אונטער דער שטאָט, אינם אידישן כוטאָר שיטניע. זיין אמתער נאָמען איז יצחק זאַיעץ, אָבער דעם דאָזיקן נאָמען ווייסן בלויז און באַנוצן יחידים — ווי אשטייגער, די אַקציזניקעס ביים אויסשרייבן פאַר ניי־יאָר דאָס בלעטל פאַרן קליינעם מעל־געוועלבל, וואו געבאַלעבאַטעוועט האָט זיין אשת־חיילדיקע אידענע פאַיע־רחל; דער שמש פון דער לאַיע־ווער שול, ביים אויפרופן אים אַמאָל צו דער תורה. שטאָט אָבער האָט אים גערופן: איטשע־פאַיע־רחלס.

די גאַנצע צייט איז ער געזעסן אויפן בענקעלע און זיך אין געשפּרעך ניט געמישט: די בערקוזשיכע האַלט דאָך די גאַנצע צייט אָפּן איר געמבע. און צוליב וואָס איז ער עס אינגאַנצן געקומען אהער? אז קיין עסקים האָט ער דאָ ניט געהאַט און די ווייב זיינע האָט אים אויך אהער ניט געשיקט. אמת, ער האָט אַליין געהאַט א זון אין אַמעריקע. און קלאַנגען האָבן אויף פאַרהוילענע וועגן דער־גרייכט אהער שוין א שטיק צייט צוריק וועגן אָט יענעם זון זיינעם: ער איז געוואָרן דאָרט א געוואַלטיקער עושר... אבער וואָס קומט דער־פון אים, זאַיעצן, אַרויס? אז קיין געלט שיקט אים זיין זון סיי־ווי־סיי ניט — אפילו אויפן טאַטנס בריף וויל דער טייערער בנאָק אויך ניט ענטפערן. נאָר אפשר דוכט זיך אים, איטשען, אַז אַליין מיט זיין בלויזער שווייגנדיקער אַנוועזנהייט דאָ וועט ער זיך שוין איינקריצן ביי בונעמען אויף תמיד אין זכרון — ער זאָל דאָרטן, אינם ווייטן

לאנד, דערמאָנען טאַקע זיין זון, אַז ער האָט נאָך אַן אָרימען טאַטן ערגעץ?

— יאָ, — האָט ער זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פון דער בערקו־זשיכעס אויסגעשריי, ארויסגענומען אויף גיך די פּאָר פּעקלעך, וואָס ער האָט געקייט ביי זיך אין מויל, און איז אינגאַנצן רויט געוואָרן. — יאָ, אודאי... — האָט ער דערשראָקן אַ קוק געגעבן אויף דער בערקוזשיכע, ווי אויף אַ שטרענגער פאַרהערערין. — פּטור, נו... ווער ווייסט עס דען ניט?... אַ קלייניקייט אַפרי־קע... כ'מיין אַמעריקע... גאָלד אין די גאַסן... גרויסע קײַלעכ־דיקע שטיקלעך, ווי קאַרטאָפל ביי אונדז אַשטייגער... אָדער ווי גרויסע קוילן.

ד.

ערשט איצט באַרואיקט זיך אַביסל די פּיסקאַטע בערקוזשיכע: אַבי זי האָט אָפּגעראַטעוועט דעם כבוד פון אַמעריקע. קאַרפּלס נאָמען אָבער האָט זי ניט דעם מינדעסטן פאַרלאַנג ריינצוואַוואַשן. אדרבא, וועגן דעם ווייסט זיך אויך עפּעס צו דערציילן.

דאָס וואָס קאַרפּל לאָזט זיך דאָ אין שטאָט ניט ריידן קיין שידוכים, כאַ־כאַ, דאָס איז שוין גראָד קלאָר... וואָס איז, מען האָט דאָ אין שטוב קיינער ניט געהערט דערפון?

זי פירט אַריבער פון איינעם אויף דעם צווייטן איר נצחונדיקן, ווויסנדיקן קוק.

— ער האָט דאָך שוין, דער ממזר, איבערגעלאָזט אין אַרגענ־טינע אַ ווייב, אַ שוואַרץ־יאָר אויף אים... מיט קינדער אפילו... מען זאָגט: אַ שוואַרצע איז זי... אַן אַראַפּניצע...

די דאָזיקע ידיעה מאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק. אַלע הייבן אויף אויף דער בערקוזשיכע די אויגן — אפילו בונעם לייגט אויף אַ מינוט אַנידער די אַרבעט, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט איבערגעריסן.

— אַי־אַי־אַי... אַן אַראַפּניצע גאָר... — דערהערט זיך עמיצנס אַ קוויטשעדיק שטעכעדיק קולכל. — אַ איד זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַראַפּניצע... מיט אַ ציגיינערין, הייסט עס?

ברוך־משה־מרדכים, דאָס מלמדל מיטן צאַפּן־בערדעלע, לאָזט נישט דורך קיינמאָל קיין געלעגנהייט אויף אַרויסצואַווייזן זיין גרויסע לומדות און קענטשאַפט אין וועלט־זאַכן—וואו עס מאַכט זיך און פּאַר וועמען עס מאַכט זיך. אויך הייַנטיקן אָוונט האָט ער שוין לאַנג אַרויסגעוואָרט אויף ז י י ן מינוט — לאָזט אים, וועט ע ר אייך אָקאָרשט דערציילן פון יענע וועיטע מדינות. ווייל אויב דאָרט וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן איז דאָך קלאָר, ו ו א ס דאָס איז פאַר אַ מדינה! די לאַנגע און געשטופּלטע צונג זיינע האָבן שוין אַ גאַנצן אָוונט געפּיקט אַלערליי מעשהלעך פון תרגום־שני, צוזאַמען מיט שטיקלעך פּסוקים פון תנ"ך וועגן דער מלכה־שבא און וועגן די „כיכרי זהב"... נאָר וואָס קומט אַרויס — די פּיסקאַטע בערקווזשיכע איז ניט אַזאַ מין סאָרט מענטש, וואָס זאָל לאָזן אַ צווייטן אויסריידן אַ וואָרט, ווען זי איז דאָ אַליין.

איצט אָבער האָט אפילו זי אויך אים מער שוין ניט געקענט איינהאַלטן.

— אַ ציגיינערטע, זאָגט איר? אַ קושית!... אַ קושית, זאָגט מען אייך... אַ קושית, וואָס איז פונם לאַנד כוש... אַי־אַי־אַי... און וואוהין דאָס דאָזיקע קאַרפּל האָט עס אָנגעשפּאַרט!...

פון גרוים עקסטאַז און פרייד האָט ער אָנגעהויבן האַסטיק צו קוועטשן מיט זיינע פינגער־קנעכל דעם טיש־ברעט. פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין האַלץ, נאָר אַ שטיק טייג. ער האָט באַטראַכט אַלעמען נצחונדיק.

— איז אָט וואו עס געפינט זיך עס דאָס דאָזיקע אַרגענטינע... דאָס איז דאָך נאָך ווייטער פון ארץ־ישראל! דאָס איז דאָך אויף יענער זייט וועלט.

— טאָסטו דיר אַ נייעס, נו... — האָט אין זיין זייט בייז אַ בריל געטאָן די בערקווזשיכע, וועלכע האָט זיך באַליידיקט פון דעם מלמדס קאָנקורענץ — ווער ווייסט עס ניט, אַז אַרגענטינע איז העט־העט ווייט, אויף יענער זייט וועלט? ווען ביי אונדז „אשטייגער, טאָגט שוין און מען שטייט שוין אויף, איז ביי זיי ליגט מען זיך ערשט שלאָפן...

— נו, יאָ, אָט דאָס האָב איך דאָך טאַקע אַליין געוואָלט זאָגן...
— האָט דאָס מלמדל אָנגעהויבן שוין בייזער און אומגעדולדיקער

צו קנעטן מיט זיינע פינגער דעם טיש — ווי באַלד אויף יענער זייט וועלט...

ברוך־משה־מרדכים איז אַ פּיצינקער אידעלע, אָבער אַ שטע־כעדיקס. שטעכעדיק איז אין אים אַלצדינג: זיין טונקל־לענגלעך פּנים, ווי אַ קויל פון אַ ביקס; זיין רויט און האַרט בערדל, ווי אַ קנויל פאַרזשאַווערטער דראָט; זיינע דאַרע פינגער מיט די לאַנגע נעגל, וואָס ער האָט מיט זיי ליב צו קנייפּן תלמידים מיט אַזאַ רציחה, אַז זיי פאַרגייען זיך אַזש. ס'איז שווער געווען צו וויסן, פאַרוואָס ער פלעגט זיך עס שלעפּן, אַן אויסגעמאַטערטער נאָך אַ גאַנצן טאָג און אַ וואונט קנעלן אין חדר, אהער צו בונעמען אויפן צווייטן עק שטאָט, צוויי מאָל אַ וואָך: צי מחמת דעם האַלבן קערבל, וואָס ער פלעגט פון אים יעדע וואָך קריגן און וועלכער איז אים געווים שטאַרק צונויץ געקומען; אַ דער, ווייל ער האָט אים, בונעמען, אויך געקענט קנייפּן. אמת, בונעמען פלעגט ער קנייפּן ניט מיט די דאַרע הייסע פינגער זיינע און ניט מיט די לאַנגע שוחטישע נעגל. נאָר איז דען די הנאה פון אַזאַ מין ג י י ס ט י ק ן קנייפּן, ווי דאָס וואַרפן זיך און בייזערן זיך אויף בונעמען, ווי אויף אַ פּיצינק אינגעלע, און שרייען אויף אים בעתן לערנען: „פּויערשער קאָפּ דו איינער... כּאַמרוק, וואָס דו ביסט!" — איז דען די הנאה געווען קלענער?

כאָטש בונעמען — זאָל אים אפילו גאָר געווען אָנהויבן אַרן: אַ גוטמוטיקער ריז, אויף וועלכן אַ קאַרליקל וואַרפט זיך מיט אַ געבריל און געבייזער. ער פלעגט נאָך בשעת מעשה גוטמוטיק לאַכן ווי פון אַ שפּיל אַזאַ. ער פלעגט דעם מלמד געדולדיק נאָכזאָגן די פּרשה חומש־מיט־טייטש אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, פּסוק נאָך פּסוק. נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט בונעם ביי זיך באַשלאָסן אָנהויבן זיך אַביסל אונטערצולערנען אין די קליינע אותיותלעך. וואָרים ווי באַלד אַז סטראַיען זיך, ווערן אַ באַלעבאָס אין שטאָט — דאַרף מען שוין ווערן אַ קלענערער עם־הארץ אויך.

און שפּעטער אַביסל, ווען אַלע שכנים זיינען זיך שוין צעגאַנגען, איז פאַרבליבן אין שטוב בלויז ברוך־משה־מרדכים, נאָכאַמאָל איינ־צוחזרן מיט זיין ריז פון אַ תלמיד דעם „חומש־מיט־טייטש". די קינדער זיינען שוין געשלאָפן. אין סאַליע איז געווען איצט באַנאַכ־טיק־שטיל. בונעם האָט געהאַלטן אַ ליכט אין האַנט. די קעראָסין־

לאָמפּ האָט ניט געגוג ליכט פאַרשפּרייט דאָ אהער־צו, ביים חומש די געלע בלעטער פונם ירושה־חומש, דורך פינגער פון פילע דורות אויסגעטאַפּטע, זיינען אומעטום געווען באַגאָסן מיט חלב־פלעקן, מיט אַנגעטריפּענעם ליכט. אין דער שטילקייט פון דער סאַליע האָט געשטאָכן דעם מלמדס קוויטשיק בייז קולכל, וועלכער האָט אפּער־געזאָגט בונעמען יעדן וואָרט.

— ויכל — און עס האָט געקאָנטשעט — יעקב — יאַנקעוו — לצוות — צו פאַרזאָגן — את בניו — זיינע זין... יאָ, גוט אַזוי... ווייטער... ויאסף? נו, פּויערשער קאָפּ איינער: וואָס טייטש ויאסף?...

נאָר פּונקט ווי אויף צולהכעיס זיינען היינטיקס מאָל בונעמען די אותיות פונם חומש געשפּרונגען אַזוי פאַר די אויגן — זיי אַנט־לויפן פון אים נאָכאַנאַנד, אָט די קליינע רירעוודיקע ווערעריקלעך. ער רוקט צו נענטער דאָס ליכט צום בלאַט. אָט, ער קאַפּעט אויף זיי אָן א זודיקן ליכט־טראָפּן, און זיי בלייבן מיטאַמאָל צוגעקלעפּט ביים ווײדעלע און ווערן שטיל. אָבער אויף איין מינוט בלויז: באַלד הויבן זיי שוין ווידער אָן צו טאַנצן און צו שפּרינגען.

קען זיין, אַז דאָס אַלץ איז דערפאַר, וואָס עס שפּרינגט איצט אַלץ און טאַנצט אויך ביי בונעמען אין מוח, פון פאַראיבל און פאַר־דראָס. איז עס דען זיין שולד, וואָס מען האָט אים צו צען יאָר שוין אַוועקגענומען פון חדר, אַוועקגעגעבן אין דער לער צו א שוסטער, איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך אויסצולערנען כאָטש א פּסוק חומש? איצט מוז ער, א טאַטע פון קינדער, א דערוואַקסענער מענטש שוין, אויסהערן ווי דאָס דאָזיקע ווײזילטירל פון א מלמד כעסט זיך אויף אים, שפּרינגט אַזש אונטער אויף אָן אָרט פון בייזקייט און אומגעדולד, קנייפּט מיט די פינגער דעם טיש, ווייל ער קען דאָך אים אַליין, בונעמען, ניט קנייפּן. אין אַמעריקע, דערציילט מען, איז עס גאָר אַנדערש: אין אַמעריקע גייען אפילו דערוואַקסענע מענטשן נאָך דער אַרבעט אין א „אוטשילישטשע” אריין, און לערנען זיך דאָרט אויס אַלץ... אַלץ...

פייל און אָן חשק, מיט א האַפּענונג, אַז אויך פון דעם אַנ־שיקעניש וועט ער שוין איינגיכן פּטור ווערן, זאָגט בונעם ווייטער נאָך ברוך־משה־מרדכין די פרשה, וואָרט־אין־וואָרט:

— ויאסף — און ער האָט איינגעזאַמלט — רגליו — זיינע פיס — אל — אין — המטה — בעט אריין... ווייטער... ויגוע — און ער איז אויסגעגאַנגען — ויאסף — און ער איז איינגעזאַמלט געוואָרן — אל — צו — עמיו — זיין פאָלק...

ה.

אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע איז בונעם אַ וואָך־צוויי נאָך פּסח.

אין דער שטאָט גופא איז נאָך דעמאָלט קיין באַן־סטאַנציע ניט געווען. מען האָט געדאַרפט פאָרן מיט דער אָקס אַ וויאָרסט צען צום נאָנטסטן וואָקזאַל. די וואָקזאַל־שטעטל האָט זיך געפונען אויף יענער זייט טייך — מען האָט געדאַרפט צוערשט אַריבערפאָרן מיטן פּאַראָם.

און איצט איז שוין געווען פרילינג. דער פריפּעט־טייך האָט זיך זייער ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן. דער צווייטער יענזייט־טייכיקער ברעג איז מיטאַמאָל געוואָרן אומגעוויינטלעך ווייט — פון דאַנען, פון ד ע ר זייט, זעט ער אויס איצט גאָר ווי אַן אומבאַקאַנט לאַנד, ווי אַ פרעמדער ברעג... אָבער אויך אויף ד ע ר זייט טייך איז דער ברעג פאַרפלייצט געוואָרן, געוואָרן אומגעוויינטלעך שמאָל — אַ שמאָל פּאַסיקל צופוסנס די בערג, וואָס האָבן זיך דאָ געצויגן פּאַזע דער לענג פון דער פאַרשטאָט טעלעפעני, און ערגעץ ווייט אַרויף־טייך צו, נאָך טיפער אין פּאָלעסיע אַריין.

אויפן דאָזיקן שמאָלן ברעג־פּאַסיקל האָבן זיך איצט געדיכט געשטויסן אַן־אַ־שיר טומלדיקע מענטשן. הירזשענדיקע פערד, לייוונטענע באַלעגאָלישע בוידן, פויערשע וועגענער. אַלע האָבן געוואַרט אויפן פּאַראָם.

צוליב דעם שטורמישן פרילינג־געוויטער, צוליב דער פאַנאַנדערגעגאָסענער ברייט פונם טייך, צוליב דער ראַשנדיקער פלייצנדי־קייט פונם אימפּעטיקן וואַסער־שטראָם, — פלעגט עס געדויערן לאַנג פון איין פּאַראָם־אָפּפאָר ביזן צווייטן: ביז די ברייטע בייכיקע קאַטשקע פונם פּאַראָם פלעגט מיט גרויסער אָנשטרענגונג ווידער צושווימען אָהער צום ברעם.

בוימער און טעלעגראַף־סלופּעס זיינען געשטאַנען אין וואַסער ביזן גאַרטל. אויף יענער זייט טייך פלעגט זיך דער פּאַראָם אָפּ־

שטעלן ניט ביים אמאליקן ברעג, נאר סאמע אינמיטן די פאר־גאסענע פעלדער, ווי נחם תיבה — ביי א זאמדיקן געלן בערגל, האלב אן ארומגערינגלטן מיט וואסער. און פון דארט פלעגט מען ערשט פארן מיט לאדקעס צווישן די בוימער פון א פארטרונקענעם וועלדל.

עס איז געווען היינט אויך עפעס ערב א קריסטלעכער חגא. פויערים און פויערטעס האבן זיך אומגעקערט איצט פון שטאטישן יאריד אהיים — אין די ווייטע כוטארן און דערפלעך פון אויף יענער זייט טייך, פארשטעקטע צווישן די זאמדיקע יאדלע־וועלדער פון פאלעסיע. פון אט די יאדלע־וועלדער ארום האבן זיי זיך קוים ארויסגעזען, אט יענע פארבלאזע דערפלעך, ווי אומצייטיקע קאלינעס אויף א בוים.

עס האט געשמעקט פון דעם גערדיכטן פויערשן געזעמל מיט פרישן דזשעגעכץ מיט אקארשט־אנגעשמירטער סמאלע אויף רע־דער, מיט רויע פעלכלעך פון סוויטקעס און סערמעגנעס, מיט שוויי־סיקן ריח פון פארגרעבטע פאלעסישע פויערים.

די ארומיקע געגנט מיט אירע איינוואוינער, וואס האבן זיך נאך אזוי וויניק געענדערט זינט אט יענע אוראלטע צייטן, ווען זייערע אור־אורעלטערן זיינען פון ערגעץ אנגעקומען צו וואנדערן אהער, — די געגנט מיט די אלטע צעקנאדערטע הונדעריעריקע בוימער, האט איצט פרילינגדיק אויפגעוואכט...

דער באוואקסענער בערגיקער ברעג אין הינטערגרונט האט זיך באדעקט מיט א גרין־דויטלעכן מאך. די יאדלעס האבן ארויסגע־לאזט אויף זייערע צווייגן נייע פרישינקע פופסיקעס פון א ליכטיקערן גרין, ווי די איבעריקע נאדלען. די פארשטאטישע הייזלעך זיינען געווען פריש אפגעקאלכט אויף בלוי, האבן ארויסגעלאכט פרידיק פונם זון־באגאסענעם גרינס. אומצייליקע פענצטערלעך אויפן בארג האבן זיך פאנאנדערגעשפילט אין אלערליי פארבן פון דער פאנאנ־דערגעשטראלטער פרילינגדיקער זון, וואס האט געפלייצט אויף זיי מיט גארבן ליכט פון אזא געשמאקייט און טעם, ווי עס האט נאר א זון אין פרילינג...

אינם פארביקן געזעמל, אויפן שמאלן ברעג־פאסיקל, האבן זיך אויך געפונען איצט סטערע, בונעם, ווינדער, טאמארע. זיי האבן

זיך אלע געטוליעט ארום זייער א גרויסער באלעגאלישער בויד — א ריזיקער און א לייוונטענער, ווי א ציגיינערשער.

ארום זיי האבן זיך געשטויסן פריינט, באקאנטע, שכנים — מען האט געשטופט הענט, זיך געזעגנט, געפרואווט זאגן א קלוג ווארט בונעמען, א טרייסטונגס־ווארט סטערן. סטערע אבער האט די גאנצע צייט געשוויגן. אירע פול־ברוינע אויגן, געוויינטלעך פייכטע, זיינען געווען איצט מאדנע טרוקן. יא, זיי זיינען געווען טרוקן, אירע אויגן; כאטש אילעוויניק אין איר האט עס אלץ אזוי שטארק גע־יאמערט.

פונקט ווי די אויפגעוואכטע געגנט ארום; פונקט ווי דער געוויטערדיקער פרילינג־טייך, וואס האט געשווענקט דעם זאמדיקן פאס ביי אירע פיס, האט דאך אויך איר יונג בלוט האסטיק גע־שטראמט איצט, געשוימט, זיך געקלאפט אן די ברעגעס פון איר לייב... זי איז אליין געווען איצט ווי יענער פרישער יאדלע־בוים הינ־טער איר, אביסל העכער פונם פאראם־שטיבל, וואס כאטש עס האט א גאנצן ווינטער אויך געגרינט, זיינען אבער פרילינג־צו אויף זיין אפ־געפרישטן לייב ארויסגעטרעטן נייע נאדלען, לויפטיקערע און שוועבנ־דיקערע, וואס האבן די איינגעווארצלטע יאדלע ווי אין ערגעץ גע־ריסן. פרילינג איז א צייט, ווען א מאן דארף קומען צו זיין ווייב און ניט אוועקפארן פון איר.

ווינדער און טאמארע האבן אויך געשוויגן פונקט ווי זייער מו־טער. אן דעם, אז סטערע זאל האבן געלאזט פאלן פאר זיי אפילו אן איין־איינציק ווארט, האבן זיי געפילט זייער מוטערס קריוודע. אויך זיי האבן דערשפירט אין זייערע יונגע הערצלעך א פארדרוס, א שטומען ברוגז אויפן טאטן זייערן, הלמאי ער לאזט זיי דא איבער מיט דער מאמען.

מאדנע: יעדער איינער פון זיי האט דאך שוין פון לאנג ארויס־געקוקט אויף דער צייט, ווען זיי וועלן בלייבן אליין — זיי זאלן שוין ענדלעך ווערן דערוואקסענע... זיי זיינען דאך שוין ביי זיך באצייטנס שטאלץ געווען מיט דעם, וואס זיי וועלן האבן א טאטן אין אמעריקע, פונקט ווי מיט דעם־א אליין וועלן זיי שוין מיט איין קלאפ ווערן גרויסע. פרעמדע מענטשן וועלן אויף זיי טייטלען אין גאס מיט די פינגער: בריהשע חברה־לייט. איינינקע אליין. מען וועט ביי זיי פרעגן, אשטייגער:

— נו, קינדערלעך... וואו איז ערגעץ אייער טאַטע, הא?
— אין אַמעריקע... — וועלן זיי ענטפערן מיט שטאָלץ.

ווינגדער האָט זיך שוין געזען אין אַ פּריוויט-צו-נאַכטס אינ-דערהיים, — אַ פרייער יונג, אָן קדוש-מאַכן, אָן שול-גיין, אָן דאַווענען, און בענטשן... ווי ער ווערט נאָר פאַרטיק מיטן עסן, — הײַדאַ אין גאַס אַרויס, צו די חברים, שפּילן אין פּאַלאַנטעס און אין פּילקע...

און טאַמאַרע האָט זיך געזען, ווי זי שטייט אין אַ חגא צי אין אַ יאַריד-טאָג אויפן מאַרק בײַם רונדוק און העלפט אַרויס דער מאַמען, — ווי אַ דערוואַקסענע, ווי אַ גלײַכע.

יאָ, אַלץ איז טאַקע געווען אַזוי... און פונדעסטוועגן האָבן זיי אין די לעצטע פּאָר וואָכן דערפילט אין זיך צו דעם פאָטער זייערן דעם זעלביקן באַהאַלטענעם פּאַראיבל, וואָס עס האָט געטראָגן אין זיך איצט סטערע, אין אירע טרוקן-ברענענדיקע ברוינע אויגן.

דער פּראָם האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו דערנענטערן אַהער איבערן וואַסער, מיט שווערן קרעכץ פון באַרזשעס אין קאַמף קעגן יאָגנדיקן שטראָם, מיט ריח פון צעוואַרימטן פעך און מיט פרײַדיק-שיכורע אויסגעשרייען.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנצוזעצן אין זייערע בוידן אַריין.

בונעם האָט זיך צום לעצטן מאָל צעקושט מיט זיין משפּחה. ניט וויסנדיק וואָס זיי צו זאָגן פונדאַסניי, האָט ער צום וויפלטן מאָל שוין ווידער געפרעגט די קינדער:

— איז געדענקט זשע, קינדער, איר וועט דאָך מיר שרייבן אָפטע בריוו?

זיי האָבן אויף דעם גלייך ניט געענטפערט. זיי האָבן האַסטיק אַ קוק געטאָן אויף זייער מוטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן דערמיט גע-וואָלט איבערגעבן, אַז דאָס וועט זיך שוין ווענדן ניט אַזוי אָן זיי אַליין, ווי אָן איר — ווי די מאַמע וועט קוקן אויף דעם, אַזוי וועט עס זיין...

— אודאי... — האָבן זיי אין עטלעכע סעקונדן אַרום ביידע צוזאַמען אַרויסגעפּלאַצט — מיר וועלן אַלע שרייבן... די מאַמע וועט שרייבן... מיר וועלן שרייבן...

פליגלען פון אַ ווינט־מיל אויפן שפּיץ באַרג הינטער זיי האָבן זיך געדרייט אין אַ לוסטיקן געיעג איינער נאָכן צווייטן.

צעקנאָדערט און אין דרייען איינגעבויגן, זיינען ברייט־צעצווייג־טע ווערבע־בוימער געשטאַנען איצט מיט זייערע וואָרצל־לאַפּעס — וואָס זיינען געקראָכן פון דער ערד אַרויס און צוריק אין דער ערד אַריין, ווי האַלבע בויגנס — זיינען געשטאַנען מיט די מאָך־באַ־דעקטע שטאַמען זייערע טיף אונטערן וואַסער, האָבן מיט לאַנגע גרינע בלעטער־צינגלעך דורשטיק געלעקט דעם שטראָם...

און פּונקט אַזעלכע צעקנאָדערטע און איינגעבויגענע פאַלעסישע סטאַרצעס, אין קאַלירטע סערמענגלעך, שמעקנדיקע מיט רויען פעל; האַלב־בלינדע פאַלעשטשוקעס מיט גרויסע לייוונטענע טאָרבעס אַרי־בערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס, אין פאַסטעלעס אויף די פיס און מיט שווערע שמויסענע היטלען אויף די קעפּ — זיינען איצט געזעסן אויפן פּאַראָם אין די פורן, זיינען געקראָכן מיט די איינגעדאַרטע פויסטלעך זייערע צו פרעמדע יונגע שיקסלעך אין די שויסן אַריין, האָבן געטורקעט מיט די בייטש־שטעקעלעך אין אַלערליי פאַרבאָרגענע ערטער, האָבן כיכיקעט און געהירזשעט... אומרואיק געהירזשעט האָבן אויך די באַלעגאַלישע פערד און קליאַטשעס... זיך געריסן פון די האָלאָבליעס, געשפּרונגען אינדערהויך... די אַלטע האַלב־פאַרווילדעטע פאַלעסישע געגנט איז היינט אומגעווייינטלעך אַזוי יונג געוואָרן.

און סטערע האָט נאָך אַלץ די גאַנצע צייט געקוקט אויף בור־נעמען מיט אויגן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַ טרוקענעם פלאַם. בונעם האָט אָפּגעווענדט זיינע בליקן אָן־אַ־זייט... אַ גליק, וואָס דער פּאַראָם האָט זיך גלייך גערירט.

איבערן ברייט־צעגאָסענעם פרילינגדיקן וואַסער האָט זיך באַלד צעשאָטן אַן אומעטיק אויסגעצויגן געזאַנג פון די פאַלעסישע פּויע־רים. די אָרימע פאַלעשטשוקעס האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די טאָר־בעס לאַנגע פייפעלעך פון אויסגעהוילטע ווערבע־צווייגעלעך און זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַ ניגון, וואָס האָט געריסן דאָס האַרץ. פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך איצט געלאָזט אין וועג אַריין אין גאָט ווייסט וואָס פאַרא ווייטע מדינות — און ניט אין זייערע דערפלעך און כוטאָרעס, פאַרשטעקטע צווישן די נאָנטע זאַמדיקע נאָדל־וועלדער.

ביסלעכווייז האָט זיך דער פּאַראַם דערוויטערט. ביסלעכווייז זיינען אויך די לעצטע צויטן פון אומעטיקן געזאַנג אָפּגעריסן געוואָרן.
די פּאַראַמשטשיקעס האָבן שווער געאַרבעט מיט דעם דיקן אייזערנעם קאַנאַט, אויף וועלכן עס האָט זיך געצויגן דער פּאַראַם.
דער קאַנאַט און די שטריק האָבן שטאַרק געקרעכצט, און זיך האַרטנעקיק געריסן פון די הענט אַרויס. עס האָט געדראָאַט אוועקצויאָגן די צוויי בייכיקע בערלינקעס מיט דער איבערגעלייגטער פּלאַטפאָרמע, אַרונטער דעם האַסטיק־שטראָמיקן טייך. די פּאַראַמשטשיקעס האָבן געצויגן, געצויגן. — — —
און סטערען, וואָס איז נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן שטיין אויפן שמאָלן פּאַס ברעג און האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, איז עס געוועזן: מען האָט מיט אָט די שטריק וויטיקלעך פון איר איינגן האַרץ אַרויס פּאַמעלעך געצויגן און אַרויסגעצויגן אַ שטיק היים בלוטיק לעבן, — אַרויסגעצויגן עס אפשר אויף אייביק, אויף אייביק.

דריטער קאַפּיטל

גאָלד אין די גאַסן

א.

אין אויבערשטן טייל פון ה אַ ר ל ע ם , אויפן שאַרפן און משופּעדיקן באַרג־אַרויף, וואָס פירט אַהינצו פון נידעריקערן פלאַ־כערן טייל פונם האַרלעם־טאָל, וואוינט שוין בונעם באַלד דאָס צווייטע יאָר.

דאָס ערשטע האַלב־יאָר אין אַמעריקע איז ביי אים אַריבער אין אַ כאַאָטישן ווירוואַר, ווי ביי יעדן אָקאָרשט־אַריבערגעקומענעם אימיגראַנט.

די גרויסע באַנקעוואַטע אויגן זיינע האָבן זיך נאָך ברייטער פאַנאַנדערגעעריסן ביים אָנבליק פון דער אַרומיקער רייכקייט. יאָ, מענטשן ווערן דאָ רייך טאַקע זייער גיך און זייער אומגעריכט...

אָט, אַשטייגער, זאַיעצעס זון. פון דער היים אַרויס אַ נישטיק שניידער־אינגל, מיט תמיד פאַרשטאָכענע הענט און מיט אייביקן נאָדל־פאָדים אין לאַץ. אַ אינגל, אַ בלייכס און אַ געלס און אַ צע־קראָכנס, ווי אַ שטיקל קליאַטשע, — און דאָ איז ער געוואָרן שטיינ־רייך, אַ גאַנצער מענטש.

בונעם אַליין האָט נאָך אים, איטשע־פּאַיע־רחלס בנאָקל, דער־ווייל קיינמאָל ניט געזען. אָבער מען האָט אים דערציילט, אַז עס איז אים גרינג צו זען, ווייל יענער האַלט זיך זייער פּראָסט, קומט אפילו איין מאָל דורכן יאָר צו אַ מיטינג פון די לאַנדסלייט זיינע, וואָס האָבן זיך אַלע צונויפגענומען דאָ אין איין „אָבשעסטווע". און די דאָזיקע „אָבשעסטווע" הייסט אויך מיט אַזאַ מין טשיקאַוון נאָ־מען : „ברענטש־אַרבעטער־רינג".

לאַנדסלייט האָבן שוין בונעמען געהאַט דאָ גענוג אָנגעדערציילט וועגן זאַיעצעס זון, אַן־אַ־שיר מעשות. וואונדער־מעשות וועגן זיין רייכקייט. יענער, ווייזט זיך אַרויס, איז דאָ געוואָרן אַ קלאָאַק־מאַ־נופעקטשורער (וואָס איז עס אַזוינס, אַשטייגער?). ער פאַרמאָגט אַ גרויסע שניידער־פאַבריק אין נ י ו ־ד ז ש ו י ר ס י (וואו געפינט זיך עס, שטייגער?), עטלעכע גרויסע געוועלבן אין פאַרשיי־דענע טיילן פון דער שטאָט, אַ רייכן גראַפישן פּאַלאַץ ביים ברעג ים, אויף אַן אינזל, ניט ווייט פון ניו־יאָרק...

פאַרביי איינעם פון אָט די געוועלבן, סאַמע אינמיטן בראָדוויי, האָט בונעמען איינער אַ לאַנדסמאַן, אַ קאַסטאָם־פּעדלער1), אַרומ־געפירט אין אַ שבת־נאָכמיטאָג אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד — אַרומגע־פירט אים הין און צריק איבערן טראָטואַר, אויף אַלץ אים אָנגע־וויזן אין די שוי־פענצטער, יעדע קליינינקייט אים דערקלערט, ווי אַן אמתער באַלעבאָס. אינעווייניק אין „סטאָר” אַריין — אַזוי הייסט דאָ אַ געוועלב — האָבן אָבער ביידע ניט אַריינגעשמעקט אפילו.

די רייכקייט פון די וויטרינעס אין אָט יענעם געוועלב און דער אויסזען פון בראָדוויי אין אַ שבת־נאָכמיטאָג האָבן בונעמען גאָר אינגאַנצן פאַרטשמעליעט. אומגעקערט האָט ער זיך דעמאָלט אַהיים מיט נאָך אַ גרעסערער צעמישטקייט און צעטומלטקייט אין קאָפּ זיינעם, ווי די יעניקע, וואָס האָבן דאָרט געהערשט די גאַנצע צייט נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע — דאָס הייסט, קיין ניו־יאָרק — אינעם דאָזיקן בבל פון אַ שטאָט.

— וויי־וויי... סאַראַ אמתע כישוף־לאַנד... מען ווערט דאָך דאָ אַ מיליאָנטשיק ממש מיט די הוילע צען פינגער.

— יאָ, ס'איז אַ רייכע וועלט: מענטשן קענען דאָ ווערן גבירים־אדירים אָן קיין שום זכות־אבות... אפילו ווען מען האָט ניט קיין איינענע פעטע אפּותיקאַ, אַ געירשנטע פון טאַטן.

— אָבער — ווי אַזוי? — האָט זיך בונעם געקראַצט די גע־דיכטע האָר זיינע מיט ביידע הענט. — וואו ליגט דאָס באַגראָבן דער סוד?

אַז קיין גאָלדשטיקער וואַלגערן זיך דאָ ניט אין די גאַסן — ערגעץ אין אַ ווינקל מוח, ביים אוועקפאָרן פון דער היים, איז דאָך ביי בונעמען פאָרט געוועזן אַזאַ מין פאָרשטעלונג פון זיך־וואַלגערנ־דיקע גאָלדשטיקער, כאָטש אינדערהויף פלעגט ער זיך אויסלאַכן

פון זיינע שכנימס רייד — דאָס איז אים גאָר אינגיכן געוואָרן קלאָר. אויפן אספאַלט פון די גאַסן וואַלגערן זיך אַרום שאָלעכצן פון באַנאַנעס, אויף וועלכע ער האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעגליטשט און זיך שיר ניט צעבראָכן האַלדז־און־נאַקן. עס וואַלגערן זיך אויך אַמאָל אויפן טראָטואַר שטעכעדיקע אַלטע שאָלעכצן, מיט אַן־אַ־שיר בערגעלעך און עקעלעך, פון אַזאַ משונהדיקער פּרי, וואָס טראָגט כמעט גאָר אַ אידישן נאָמען: „פּיינעפּל"2). קיין גאָלד אָבער — ניין, מען זעט עס ניט אויף די גאַסן. אַלנפאַלס, ניט פון אויבן־אויף...

ווייל אינעווייניק ביי זיך איז פונדעסטוועגן בונעם אַלץ געווען זיכער:

דאָ אַרום — צווישן די ריזיקע הויכע מויערן, וואָס עס האָט אים די ערשטע צייט געשווינדלט אַזש אין די אויגן, ווען ער פלעגט פּרוּוון אַרויפקוקן סאַמע צו זייער העכסטן שפּיץ — צווישן זיי און אין זיי באַהאַלט זיך דאָך געוויס אוים די געהיימעניש פון אַט יענע גאָלדשטיקער און גאָלד־קוילן איטשע־פּאַיע־רחלס, פון ברוך־משה־מרדכים „כיכרי זהב"... מער ניט, מען דאַרף אויסזוכן ביי אַ גוטן ברודער דעם סוד, ווי אַזוי צו געפינען זיי.

פון די לאַנדסלייט אָבער קען מען זיך דעם דאָזיקן סוד אויך ניט אַזוי גרינג דערגיין. אַז ער פּרוּווט פּאַרפירן אַמאָל וועגן דעם אַ שמועס מיט די לאַנדסלייט — אויף אַ מיטינג פונם אַרבעטער־רינג־בראַנטש, וואוהין מען האָט אים דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צו פירן — לאַכט מען זיך גאָר פון אים פאַנאַנדער.

— דאָ העלפן דיר ניט, ברודערל, קיין שום רעקאָמענדאַציעס און קיין שום פּראָטעקשן־בריוו... — פּאַטשט מען אים וואוילעריש איבער דער פּלייצע.

— קיינער העלפט ניט אין אַמעריקע איינער דעם צווייטן, יו נאָאו... — טרייסט מען אים זייער פריינטלעך מיט אַט דער מאָדנער טרייסט. — אפילו אַ טאַטע העלפט דאָ ניט זיינע אייגענע קינדער... דאָ איז אַלץ „העלפּ יורסעלף"3).

אַזוי גאָר? בונעם לאָזט אַביסל אַראָפּ די נאָז.

— אַמעריקע איז אַ גאָלד־דע־נע מדינה, טייערינקער... — שמייכלט אָבער צו אים באַלד אויפמונטערנדיק אַ קאָלעגע אַ שום־טער, וועלכער איז שוין איצט געווען צוואַנציק יאָר אינם לאַנד און האָט שוין פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פּאָר רייען גאָלדענע ציין אויף אַ

גלאַט־געראזירטן אָבער צעקנייטשטן פּנים פון אַן אַלטן בחור. — אַ גאָל־דע־נע מדינה, זאָגט מען דיר! ... מער ניט, יעדער איינער דאַרף דאָ אָנהויבן סאַמע פון אונטן, יו נאָאו — פון דער פּאָדעשווע... אָט נעם, אַשטייגער, ראָקפעלערן ... וואָס מיינסטו איז ער אין דער יוגנט געווען? אויך אַ שוסטער... אָדער, אַשטייגער, קאַר־נעגיען... וואָס מיינסטו, איז יענער דיר אינגלוויז געווען?

— אַ שוסטער... אַ שוסטער... — האָט אים מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטופּט פון וועג דער קאָסטאָם־פּעדלער, וועלכער האָט זיך משמעות געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן קענער אין אַמעריקאַנער געשיכטע; אים האָט פאַרדראָסן הלמאי „גרינע" האָבן עס ליב צו פּלאַפּלען גלאַט אין דער וועלט אַריין. — אַלע זיינען ביי אים געווען שוסטערס! מאָל דיך: דוקא ניט קיין שוסטער... גראָד אַ פאַרקויפער פון „פּיי־פּערס" איבער די גאַסן... באָים, כ'האָב פיינט, אַז מען האַקט אַ טשייניק... אָבער וואָס דאַרפט איר גיין אַזוי וויט — האָט ער מיט גרויס נחת אַריינגערוקט ביידע גראָבע פינגער זיינע אין די זשילעטווינקלען, וואָס אונטער די פּאַכוועס — נעמט אפילו אונזער אייגענעם דזייקאָב שיף! — אין דער יוגנט דערציילט מען אַ פאַקט, האָט ער געגראָבן ערד אויף אַ פאַרם... יאָ, ברודערל, יעס סער! אין אַמעריקע האָבן אַלע „סיטיזענס"4) אַ גלייכן טשענס!5) אַלע!...

— יאָ, לאַנדסמאַן, דאָ איז אַ האַרטע וועלט... — רוקט זיך אונ־טער בונעמען אַנטקעגן אַ קייענדיק מויל פול מיט דיקן שטינקענדיקן ציגאַר, אַ מויל אויף אַ לעדערנעם שטייפן געזיכט, וואָס איז טאַקע גע־ווען די האַרטקייט אַליין — דאָ דאַרף מען זיך אַרויפקראַצן אינדער־הויך אַרויף מיט די אייגענע נעגל־אָ! — האָט יענער אים אויפגעהויבן און באַוויזן צוויי לאַפּעס מיט צען האַלב־איינגעבויגענע פינגער, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט אין לאַנגע נעגל, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע גע־מיינט צו באַווייזן בונעמען אָט יעניקע מוסטער־נעגל, וועלכע זיינען עס דאָ אין לאַנד נויטיק צום דערפאָלג.

בונעמען האָט פון אָט די אַלע רייד אַזש אָנגעהויבן צו פויזען מערעשקעס איבערן רוקן... ער האָט אָבער אויף אַלץ געשמייכלט מיט זיין געזונטן גוטמוטיקן שמייכל. יעדן איינעם האָט ער באַוויזן צוויי רייען גוטמוטיק־פאַנאַנדערגעשטשירעטע בליאַסקנדיקע גרויסע ציין. אַשטייגער: חברה, הייסט עס, וויל אים דאָ אודאי אויספּרואוון,

צי איז ער ניט אפּטמאָל פון די שרעקנדיקע, צי ער וועט זיך אַליין קענען אַן עצה טאָן? נו, גוט, וועט מען טאַקע זען...

ב.

אָבער דאָך איז איינגיכן אים טאַקע געוואָרן קלאָר: דאָ איז אַ האַרטע וועלט... אמת, אַ וועלט פון אַזוי פיל גבירים און מיליאָ־נערן — נאָר פאָר אים אַ פאַרשלאָסענע אויף זיבן ריגלען.

— דאַרף מען, הייסט עס, געפינען דעם שליסל צו אָט די ריג־לען... צי גאָר אויסשמידן אַן אייגענעם שליסל?... און וואָס פאַר אַ שליסל?

— שאַ — איז איינמאָל בונעמען איינגעפאַלן — שטעקט עס אַפּטמאָל ניט אין דעם, וואָס מ'דאַרף זיך גאָר משנה־שם זיין?

יענער, אַשטייגער, פּיניעלע איטשע־פּאַיע־רחלס, זאַיעצעס בנאָקל, רופט זיך גאָר אינגאַנצן מיט אַן אַנדער נאָמען אַזאַ: „פרעד אַ'האַרא"!...6) אים אַליין, בונעמען, האָבן טאַקע לאַנדסלייט אויפן זעלביקן מיטינג פון דער „אָבשעסטווע" פון ארבעטער־רינג, וואוהין מען האָט אים דעם ערשטן מאָל גענומען — אַרומגערינגלט אין אַ קרייז, ווי עפּעס אַ יונגן פּריצל, אַ ניי אָנגעקומענעם הדר־אינגל, און ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— סעי באָי, ליסען... ווי רופט מען דיך, בונעם?

— ס'הייסט? — האָט בונעם אויף זיי אָנגעשטעלט זיינע גוט־מוטיקע, קיילעכדיקע און באַנקעוואַטע אויגן. די פערדישע ציין האָבן זיך שוין באַציטנס פאַנאַנדערגעשטשירעט אין אַ געזונטן שמייכל: ווידער, הייסט עס... עפּעס אַ ניי שפּיצל...

— יאָ־יאָ... — האָט חברה געמאַכט שוין גאָר ערנסטע פּנימער — ווי איז דיין פאַמיליע?

אָ, די פאַמיליע... דאָס באַנוצט בונעם אפילו ניט אַזוי אָפט. אין פּאַספּאָרט דאָרט... אויף דער שיפסקאַרטע אַנומעלטן... נו גוט: זיין פאַמיליע־נאָמען איז ר א כ אָ ו ו ס ק י.

— איז דאָ, ברודערל, וועסטו דיר ניט הייסן ראַכאָווסקי, — דאָ האָט מען פיינט דעם „סקי"... — האָבן זיי אים מיט וויכטיקע פּנימער געוואָרנט. — מען וועט באַלד דערקענען, אַז דו ביסט, הייסט עס, אַ „פּאָללאַק" אַ סלאַוו, — דאָ האָט מען זיי פונקט אַזוי

פיינט, ווי מען האָט אין דער „אָלד קאָונטרי" פיינט אונז, אידן... דאָ וועסטו מוזן הייסן ראַכאָוו...

— ראַכאָוו? — האָט וואָוילעריש אַרויסגעסטאַרטשעט זיין ברוסט אָט יענער קורצער און געפּאַקטער לאַנדסמאַן, דער קאָסטאָם־פּעדלער, וואָס אינדערהיים האָט אים בונעם כמעט ניט געקענט, און דאָ איז ער געוואָרן מיט אים שוין פון ערשטן טאָג עפּעס אַ גאַנצער ידיד, — ער האָט עס טאַקע יענעם שבת־נאָכמיטאָג אַרומגעפירט בונעמען אויף בראָדוויי, פאַרביי זאַיעצעס גרויסן קליידער־געוועלב.

— ר אַ כ אָ ו ו, זאָגט איר? גרינע חיות, וואָס איר זענט...

ער האָט אַריינגערוקט די בײדע אַגודלס אין די זשילעט־ווינקלען, וואָס אונטער די פּאַכוועס, האָט די איבעריקע פינגער פּאַנאַנדערגע־שפּרייט ווי פליגעלעך פון פלערערמייז, און נחתדיק געפּאָכעט מיט זיי איבערן האַרץ.

— גרינע חיות, וואָס איר זענט — האָט ער אָפּגעשייגעצט דעם עולם אַרום — אינדיאַנער!

כאָטש אַליין איז ער געווען אין לאַנד אַ קירצערע צייט ווי אַסך פון די אַנדערע לאַנדסלייט זיינע, האָט ער זיך שוין אָבער, — אפשר מחמת זיין פריערדיקער „אינטעליגענטער" באַשעפטיקונג — געהאַלטן פאַר אינגאַנצן אָן אויסגעגרינטן: ממש ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער פלעגט ער דעם אַרויסשטעקן דעם שפּיץ־צונג ביים אויסריידן דעם „טי העיטש"; ער פלעגט זי אַריינשטעקן, די צונג זיינע, טיף אין מויל אַריין און פאָרזיכטיק אַרומקאַטשען עטלעכע מאָל אַ „ריש", איידער ער פלעגט זי אַרויסלאָזן אויף גאָטס וועלט.

דער קורצינקער קאָסטאָם־פּעדלער האָט גאָוהדיק נאָכאַנאַנד אָט זיך געהוידעט אויף די אָפּצאַסן, אָט מיט די ברייטע נעזער פון זיינע שיך געקלאַפּט אָן געוועקסטן דיל.

— האָט איר שוין פאַרגעסן, יאָלדן, אַז אין ענגליש איז גאָר ניטאָ קיין „כאָ"? אַז אַ „כאָ" לייענט זיך ווי „טשע"? ראַך־האָוו... כאָ־כאָ... דו הער מ י ד, ברודערל! — האָט ער זיך געמוזט אויפהויבן אויף די שפּיץ־פינגער, כדי צו באַווייזן וואָוילעריש אַ זעץ צו טאָן בונעמען אין פּלייצע אַריין. — יו ליסען טו מי... פון היינט אָן און ווייטער וועסטו הייסן ביי אונז ניט ראַכאָווסקי און ניט ראַכאָוו, נאָר רייטשאָוו! פאַרשטייסטו, צי ניין? רייטשאָוו!

רייטשאָוו ! ! — האָט ער בונעמען געשריגן אין די אויערן ווי א טויבן.

בונעם האָט זיך א קאַרטשע געטאָן. פע, רייטשאָוו גאָר? ווי קומט צו אים אזא פּאַסקודנער נאָמען? און ווי נאָך, אז זיין פאַמיליע אין דער היים וועט זיך דערוויסן, אז פון אים איז געוואָרן עפּעס א רייטשאָוו גאָר... נאָר מילא: מסתמא איז עס דאָך א נאָמען בלויז פארן פּאַספּאָרט — טאָ זאָל זיין רייטשאָוו.

סיי־ווי, — די לאַנדסלייט, צווישן זיך, האָבן אים אלץ ניט אויפגעהערט צו רופן: בונעם.

ג.

ראַבאָווסקי צי רייטשאָוו — דאָס וויכטיקסטע אָבער איז אלץ געווען עפּעס אנדערש:

דאָס וויכטיקסטע פאר בונעמען איז דאָך געווען דאָס, אז דאָ, אין נייעם לאַנד, זאָל זיך פאר אים ענדלעך אויך אָנהויבן א נ י י לעבן.

אויב ניט קיין גאָלד אין די גאַסן, אויב דעם סוד פון רייך־ווערן וויל אים קיינער ניט אנטפּלעקן — איז אָבער אלנפאלס בונעמען געווען קלאָר:

— אוים שוסטעריי!... אלץ אין דער וועלט — נאָר קיין שוסטער וועט ער דאָ, אין נייעם לאַנד, זיכער ניט פארבלייבן.

ער האָט דאָך ענדלעך געדאַרפט פאַרווירקלעכן דעם לאַנגיאָריקן חלום פון ריינע הענט — הענט אָן פּעך פונם אייביקן דראַטווע־ווייקלען, — הענט תמיד צעשניטענע און צעקאַליעטשעטע, צעקאַרבטע און צעקאַלופּעטע, — הענט, וואָס אויף זייער גאַנצער לענג זיינען תמיד געווען קאַנאַלעכלעך טיף מיט שמוץ אָנגעפּילטע, קיינמאָל ניט אויסצוּוואַשן.

ס'האָט זיך שוין געוואָלט איינמאָל פאר אלעמאָל באַפרייען פונם ריח פון לעדער, וואָס ווייקט זיך אין ראַטשקעלעך איינגעשטאַנען, קוויטיק וואַסער, וואָס פארמאָגן אַן ערגערן ריח נאָך ווי צעבערס פון פאָמיע־שאַפעס צי השתנה — א ריח, וואָס האָט זיך דורך העכער פינף און צוואַנציק יאָר שוסטערשער ארבעט געהאַט איינגעגעסן אין

זיין לייב אריין מיט אזא מין שאַרפקייט און אריינגעדרונגנקייט, ווי זאַלץ אין הערינג.

פון די אַלע מלאכות און באַשעפטיקונגען, וואָס לאַנדסלייט האָבן מיט אים ארומגערעדט — און באמת אַ וואונדערלעך לאַנד איז טאַקע אָט דאָס אמעריקע.... אפילו עלטערע מענטשן קענען דאָ נעמען און זיך אויסלערנען אַ ניי פאַך, פונקט ווי יונגעטשקע לערן־אינגלעך! — נאָך אַלערליי ארומריידעניש און באַטראַכטעניש האָט זי בונעם אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַך פון קירזשנעריי. קירזשנעריי איז דאָך לכל הדעות אַ ריינערע און „אינטעליגענטערע״ ארבעט ווי שוסטעריי.

גראָד איז דעמאָלט „ביזי״ אין דעם פאַך — סעזאָן־צייט. האָט מען בונעמען גערן צוגענומען אין אַ שאַפּ, ווי אַ לערן־אינגל. אמת, אָן אַ גראָשן געלט צו פאַרדינען; אָבער דערפאַר האָט ער דאָך אויך געכאַפּט אַ מציאה: ער, פון זיין זייט, האָט אויך קיין גראָשן געלט ניט געדאַרפט צוצאָלן פאַר זיין לערע... אין דער היים ווייסט מען ניט פון אַזעלכע זאַכן!

דאָרטן, אין שאַפּ, האָט ער געזען נאָך אַסך עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן, קענטיק, זיך אויך געלערנט ערשט די מלאכה. מענטשן עלטערע נאָך אפילו פון בונעמען. אידן מיט לאַנגע בערד, וועלכע פלעגן קיינמאָל ניט וועלן ארונטערנעמען די קאַפּעליושן פון קאָפּ, פלעגן זיצן ביי דער ארבעט אין קאַמזוילן מיט די ארבע־כנפותן ארויסגעשטעקט אין דרויסן.

בונעם האָט זיך פון דער זייט צוגעקוקט צו דעם, וואָס זיי טוען. קיין קירזשנער, דוכט זיך, זיינען זיי ניט געווען און קיין היט־לען האָבן זיי דאָ קיינמאָל ניט געמאַכט. נאָר געאַרבעט האָבן זיי פונ־דעסטוועגן נאָכאַנאַנד און אָן אָטעם איבער אַזעלכע שטיקלעך סחורה, געוואַנטענע טאַשמעס און שמאַטעס, פון וועלכע, ס'האָט געשיינט, קיין שום קאַרטוזן האָבן קיינמאָל גאָר ניט געקענט באַשאַפן ווערן... אָבער מיט דעם האָבן זיי זיך דאָך ניט אונטערשיידט פון די יונגע בחורים און מיידלעך, וועמענס צאָל אין דעם דאָזיקן שאַפּ איז געווען אַסך גרעסער.

פונקט ווי די לעצטע, פלעגן זיי, די עלטערע אידן, אויך מיט זיך מיטברענגען פעקלעך לאַנטש, פלעשלעך מוטנעם געטראַנק: ציקאָריע צי קאַווע. מער ניט, וואָס מיטאָג־צייט פלעגט דאָס יונג־

ווארג זיך תמיד לוסטיק מאכן, זינגען א רעג־טיים, כאפן א טענצל, א נייעם „סטעפ”, וואס איז אקארשט אריין אין דער מאדע. זיי, די זקנים אבער, פלעגן זיך דעמאלט האלטן אן־א־זייט פונם איבעריקן עולם, פלעגן זיך פאררוקן נאך אין א טונקעלערן ווינקל פונם ריזיקן האלב־טונקעלן „לאפט”, פלעגן זיך ווי מידע אלטע הינער אויסצוזעצן אויף זעק מיט אנגעשטאפטע שמאטעס און פלעגן שוויינגדיקערהייט דזשובען זייערע אנבייסנס. דערנאך, פונקט טאקע ווי הינער, פלעגן זיי איינציקוויז ארויסקלייבן די ברעקלעך ברויט פון זייערע בערד ארויס, און פארזיכטיק זיי צוריק ארייננווארפן אין מויל אריין.

בונעמען האט אנגעכאפט א געוואלטיקער אומעט ביים אנבליק פון אט די שוויינגנדיקע אלטיטשקע... זיצנדיק אזוי דארט אין דער טונקלקייט פון זייער שאפ־ווינקל, אויף די גרויסע שמאטעס־זעק, האבן זיי אים אויסגעזען ווי שוואכע און הילפלאזע ארעסטאנטן, וועלכע זיינען פארמשפט געווארן אויף אפצוזיצן דא זייער לעבנסלאנג — צוליב זייער אויסגאנגסלאזיקייט און פארפאלנקייט זיינען זיי דעריבער איינגאנצן אנטשוויגן געווארן... אויפן גאנצן לעבן פארשוויגן גע־ווארן. דערוואַרט עס אים, בונעמען, אויך אזא מין סוף?

ד.

אין משך פון היפשע עטלעכע וואכן נאכאנאנד האט בונעם אויך בלויז געטאן און צוגעשניטן מיט א גרויסער שער שמאלינקע שטיקלעך סחורה. אויף וואס מען האט געדארפט אט־א די לאקשן־שטיקלעך און וואוהין זיי פלעגן עס דארט דערנאך אהינקומען אין די פ א ר ט י ק ע קארטונז און קאשקעטן — האט שוין בונעם קיינמאל אזוי זיך ניט דערוואוסט.

ווייל גאר איינגיכן האט עס אים אנגעהויבן שטארק צו דער־עסן, אט דאס דאזיקע נאכאנאנדיקע בראקן לאקשן. ס'איז געווען אזוי נודנע — קיין שום ארבעט, ניט אפילו זיין אייגענע שוסטעריי, האט אים קיינמאל אזוי ניט געשלאגן צום הארצן. אמת, שוין אויף דער דריטער וואך האט מען אים אנגעהויבן צאלן שכירות: פינף דאלאר א וואך... דאס דאזיקע געלט האט אים אויסגעצאלט ניט דער באס פון שאפ, נאר דער אפערייטאר, דער מייסטער־קירזשנער,

פאַר װעמען ער האָט עס נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין צושניידן די שמאָ־לינקע פּאַסיקלעך סחורה.

צוערשט איז עס טאַקע געװען זײער טשיקאַװע און עס האָט אפילו פרײדיק איבעררּאַשט.

— זע נאָר! ... ערשט אַ פּאָר װאָכן, אַז ער אַרבעט — האָט זיך בונעם ניט געקענט אָפּחידושן — ער האָט זיך נאָך גאָרניט אױס־געלערנט, און ער פאַרדינט שױן געלט ... בײ אונז איז עס דאָך גאַנצע צען רובל אַ װאָך!

אָבער בונעם האָט זיך אײנגיכן אַרומגעזען, אַז ביז ער װעט אָנהױבן פאַרדינען װי אַן אמתער „קעפּמײקער"7), װעט עס נאָך נעמען לאַנג, זײער לאַנג. דער מײסטער, אונטער װעמענס אױפזיכט ער האָט זיך געפונען, איז קענטיק געװען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז בונעם זאָל בלײבן בײ אים אַ העלפער אַזױ לאַנג נאָר, װי ס'װעט זיך לאָזן. די איצטיקע פאַרדינסטן, די פינף דאָלאַר אַ װאָך, האָבן אים ניט געקלעקט אפילו אױף זײנע אײגענע הוצאות. דערצו האָט מען דאָך נאָך געדאַרפט שיקן אַביסל געלט אַהײם אױך.

אמת, סטערע האָט פון אים קײנמאָל קײן געלט ניט געפאָדערט, ניט געמאָנט. נײן, זי איז קײנמאָל ניט געװען „אַזאַנע". דערצו האָט זי דאָך דאָרטן אַלײן אױך פאַרדינט אױפן מאַרק, פונם פאַרקױף פון אַלטן שוכװאַרג. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט פאַר איר גענוג סחורה, װאָס ער האָט דורכן װינטער פאַר איר אָנגעגרײט: צו עטלעכע מאָל שױן איבערגעפאַרריכטע און פאַרלאַטעטע שטיװל, שטיבלעטן, קאַמאַשן, װענגערקעס, שטעק־שיך, פאַרגאַסענע קאַלאָשן ... יאָ, ס'איז אַלץ גוט. װאָס װעט אָבער זײן מיטן סטראָיען זיך?

— נײן, 'סאיז קײן תכלית ניט ... — האָט בונעם זיך געהאַלטן אין אײן מוסרן. — מען דאַרף זען, װאָס גיכער דאָ רײך צו װערן, אַװעקפאָרן אַהײם און זיך ענדלעך נעמען פאַרן מױערל אױפן באַרג.

ח.

איז גאָר אײנגיכן האָט זיך אין אים מיט נאָך מער שטאַרקײט אױפגעװעקט דער אַלטער חשק צו געלט־מאַכן.

— איז דאָס אַליין, דער שטאַרקער ח ש ק רייך צו ווערן, אפשר געווען טאַקע דער עיקר־סוד, דער שליסל צו דערפאָלג אין אָט דעם נייעם און וואונדערלעכן לאַנד?

אַזוי צי אַזוי:

אַרום און אַרום אים, בונעמען, האָבן דאָך אַזוי פיל מענטשן עפּעס אויף אַזאַ אומגעזעענעם אופן, ממש געזשרעבעט גאָלד מיט לאָפּעטעס, געשעפּט גאָלד זשמענעס־ווייז... איז וואָס וועט ער דאָ זיצן, אין אַמעריקע, פּטרן חדשים, יאָרן אפשר — ביז ער וועט אָנ־הויבן פאַרדינען גראָב געלט פון קירזשנעריי — אַז ער קען שוין, איצט, גלייך, תיכּף פאַרדינען פיין געלט?

ער האָט זיך שוין איצט גענוג אָנגעהערט פון די גרויסע געלטער, וואָס שוסטער מאַכן דאָ; ער האָט אפילו געהערט פון פאַרשיידענע אוואַנטוריסטישע מעשות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שוסטער־שעפּער... און חוץ דעם — ס'אי טאַקע געווען שווער זיך צוגעוואוינען דערצו:

עמיצער דאָרט, אַ באַמאַכטער יונגערמאַנטשיקל מיט געדיכטע קלייען אויפן האַלז און מיט אַ קורצינקער „נעניע" — דער קירזשנער־מייסטער אונטער וועמענס השגחה ער האָט זיך געפונען אין שאַפּ — זאָל אים, בונעמען, באַהאַנדלען ווי עפּעס אַ אינגעלע... ווידער אַ רעבע, ווידער אַ ברוך־משה־מרדכים אויף זיין קאָפּ! אַ טאַטע פון גרויסע קינדער — און אויף דער עלטער געוואָרן אַ לערן־אינגל!

— כאַ־כאַ... אַ שיין לערן־אינגל... פון העכער זעקס פוס די הויך און אַרום צוויי הונדערט פופצן פונט די וואָג!

און בונעם האָט איינמאָל פאַרקנייטשט זיין נידעריקן און ברייטן שטערן און האָט באַשלאָסן:

— ניין! עס וועט גלייכער זיין אַרום און אַרום, אויב ער וועט טאַקע ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין.

לאַנדסלייט האָבן אים אַרויסגעהאָלפן זיך איינצואָרדענען, דינ־גען ערגעץ אַ קעלער, איינקויפן די נויטיקע „פיקסטשורס"8) פאַר אַ שוסטער־שאַפּ. מען האָט אים נאָך אפילו דערצו צוגערעדט:

— זע נאָר, ער פרעגט נאָך קאַטשאַנעס... און אַז שוסטעריי, איז וואָס? דאָ, אין אַמעריקע, איז קיין שום מלאכה ניט מיאוס, ברודערל...

— אין אַמעריטשקע, זעמליאַק, איז ניט וויכטיק, ו ו אָ ס מען טוט, — וויכטיק איז וויפיל מען פּ אַ ר ד י נ ט... — האָט מען אים איבערגעגעבן מיט אַ דרך־ארצדיקער מינע אַ קלוג וואָרט, וואָס האָט געשטאַמט גאָר, גאָר פון די הויכע פענצטער — טאַקע פון זאיעצעס זון אַליין, פון פיניע איטשע־פּאַיע־רחלס. — דאָ איז — מאָני טאָקס, יו נאָאו...9)

— נאַרעלע, כאָטש נבלות שינדן, אַבי אַ באָס פאַר זיך... עך, עך, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט ווי דו... — האָט פאַר בונעמען אַרויסגעקרעכצט זייער אַ ציכטיק און זייער אַ בלייך מענטשעלע, אַ שניידער — טאַקע אַן אַרבעטער אין איינעם פון די פילע געוועלבן פון דעם רייכן לאַנדסמאַן בונעמס, דעם מיליאָנטשיק, וועלכן ער האָט נאָך אַליין קיינמאָל ניט אָנגעקוקט. — אין אַמעריקע, זאָלסטו וויסן זיין, איז דער עיקרשט: „אַ באָס פאַר זיך"... — די טרוקענע אויגן אויפן מאָגערן פּנים האָבן געברענט מיט דורשטיקע פלעמעלעך, בעת ער האָט בונעמען אַרויסגעשיפּעט: „אַ באָס, אַ באָס, אַ באָס"... אָט דאָס איז וויכטיק... בלויז אַזוי־ערנאָך ווערט מען דאָ אַ מיליאָנטשיק"...

— ליסען, באָים... דאָנט באַדעהר הים... לעט מ י טעל הים סאַמטהינג...10) — האָט דער קורצער און געפּאַקטער קאָס־טאָם־פּעדלער אָפּגערוקט אַלעמען אָן־אַ־זייט, אַריינגערוקט מיט אַ שטאַרק צופרידענער מינע דיביידע אגודלס זיינע אין די זשילעט־ווינקלען, וואָס אונטער די פּאַכוועס, די איבעריקע פינגער האָט ער פּאַנאַנדערגעשפּרייט ווי פליגלען פון פלעדערמייז און געפּאָכעט מיט זיי איבער דער ברוסט. — גרינער פּרא־אדם דו... און ווי אַזוי, דענקסטו, האָבן דאָ אָנגעהויבן זייער קאַריר11) די סאַמע גרעסטע מיליאַרדערן? — ער האָט גערעדט מיט אַ חשיבותדיקן און אויטאָ־ריטעטן טאָן פון אַ גרויסן קענער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. — וואָס דענקסטו איז דיר געווען ראָקפעלר, ווען ער איז געווען אַ אינגל? און קאַרנעגי? און... און... — מעשה־שטן, זיינען נעמען פון נאָך מיליאָנערן און מיליאַרדערן אים מער אויף דער צונג ניט געקומען. האָט ער פאַרענדיקט אומזיכער: — און... „סאָוואָן"?12)

איז דער חלום פון „ריינע הענט" וואָס בונעם האָט געבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים פאַרבליבן טאַקע אינם לאַנד פון חלומות.

בונעם אליין האָט זיך פאַרנומען אויפן זיכערערן וועג, וואָס פירט צו ווערן אַ מיליאָנער — ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר שוסטעריי.

עס האָט זיך טאַקע באַלד אַרויסגעוויזן, אַז שוסטעריי אין אַמעריקע איז גאָרניט דאָס זעלביקע, וואָס אין דער היים. אַ, ביים יענקי איז עס גאָרניט אַזאַ שווערע אַרבעט... און דער עיקרשט — ניט אַזאַ אומריינע.

מען וויקלט דאָ ניט אַליין קיין דראַטוועס, מען דאַרף ניט האָבן צו טאָן מיט קיין שטעכעדיקע חזיר־האָר, מען לאָזט ניט רויכערן נאָכאַנאַנד קיין קאָפּטשעדיקע לעמפּלעך, כדי צו קריגן אַביסל סאַזשע אויף אָפּלגאַנצן די זוימען פון אַ פּאָדעשווע צי אַן אָפּצאַס — אַלץ, אַלץ קריגט מען דאָ גרייט, אַלץ איז דאָ צו קויפן פאַרטיקערהייט!

— אַ מחיה... נעם בלויז און קלעפּ צונויף אַ שוך שטיק־לעכווייז...

אפילו די שעפּעלעך וואַסער, וואו עס ווייקט זיך דאָס פּאָדעשווע־לעדער, לאָזן דאָ אויך גאָרניט אַרויס אַזאַ פּאַסקודנעם ריח, ווי אין דער אַלטער היים...

בקיצור:

עס האָט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן גיין גוט, בונעמען, ס'האָט אים אָנגעהויבן גליקן. פּרנסה איז געווען — כאָטש וויפּיל. אבי נאָר כח. און כח האָט ער געהאַט, בונעם, ווי אַן אָקס. האָט ער עס אודאי ניט געזשאַלעוועט.

מיט יעדער פאַרלאָפענעם וואָך האָט ער זיך געקליגט אויסצו־אַרבעטן אַלץ מער געלט. עס איז ניט אַזוי געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך דאָ אויסגעלערנט נאָך עטלעכע שוסטערישע טריקס, ווי אָפּצונאַרן קונים, — ווי וואָס ער האָט זיך מיט יעדן טאָג ממש אויסגעלערנט אַרויסצובאַקומען פון זיך אַליין וואָס מער אַרבעט, ווערן פלינקער און יאַגנדיקער — ווערן אַ „האַסלער", אַרויסיאָגן פון זיך די נשמה. יאָ, אָט דאָס, אפנים, האָט עס געמיינט: צו גיין מיט לאַנגזאַמע און זיכערע טריט אויפן וועג צו רייך ווערן...

זיין שוסטער־שאַפּ האָט זיך געפונען אינעם אויבערשטן טייל האַרלעם, אויפן שאַרפן און משופּעדיקן באַרג־אַרויף, וואָס פירט אַהינצו פונעם נידעריקערן און פלאַכערן האַרלעם־טייל. דאָס איז געווען אַ געגנט אַ באַזעצטע הויפּטזעכלעך מיט אַריבערגעקומענע

אידן און מיט אויך ניט אזעלכע אלט־איינגעזעסענע נעגערס, מערסטנס פון דער סאוט און די וועסט־אינדיע־אינזלען. אָרימע מענטשן, וואָס האָבן, ווייזט אויס, קיין נייע שיך קיינמאָל ניט געקויפט, — זיי האָבן אייביק געלאָטעט די אַלטע.

ז.

יאָ, ס'איז אים געגאַנגען גוט, בונעמען — לאַנדסלייט, בשעת א צוזאַמענקונפט אויף די פאַרזאַמלונגען פונם אַרבעטער־רינג ברענטש, פלעגן אים פונדערווייטנס צושמייכלען מיט אָנערקענונג, פלעגן צו אים שרייען איבערן גאַנצן זאַל „האַללאָ", אָדער פלעגן אים פון דער נאָנט אָנרירן מיט געטריישאַפט דעם אָרעם, דעם אַקסל, דעם רוקן — פון גרויס נחת וואָס פון אָט דעם גרינעם וואַקסט אויס אַזאַ געראָטן אַמעריקאַנער קינד... און אַלע פלעגן פאַרענדיקן דעם לויב זייערן מיט איין און דעם זעלביקן פסוק:

— בונעם? ביסט אָל־רייט אין אַמעריקע...

דאָס פּעקעלע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן ביי אים איז געוואָקסן מיט יעדער וואָך. בונעם האָט עס געהאַלטן אין איינעם אַ שוך זיינעם, צווישן צוויי פּאָדעשוועס, פון וועלכע די אינעווייניקסטע פלעגט זיך גרינג אַרויסנעמען מיט דער בלויזער האַנט — בונעמס אַן אייגענע דערפינדונג.

אָבער ביסלעכווייז איז די סומע געוואָרן צו־גרויס. מען האָט עס ענדלעך באַדאַרפט אַריינגעבן אין אַ באַנק.

ס'איז אָבער בונעמען לכתחילה אויסגעקומען מאָדנע:

— ער, בונעם, זאָל האָבן צו טאָן מיט אַ באַנק?

אין דער היים האָבן צו טאָן מיט בענק גרויסע סוחרים, גבירים, וואַלד־הענדלער... דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן וואָס בונעם האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ באַנק איז געווען ווען ער איז איינמאָל געפאָרן אין דער ווייטער שטאָט ווילנע, אין אָקרוג־באַנק, פּרואוון אויספּועלן דאָרט אַ הלואה, ער זאָל זיך קענען מיטן געבאָרגטן געלט נעמען „סטראָיען". די הלואה האָט ער טאַקע געקראָגן אַ פייג, אָבער דערפאַר זיינען פון יענער נסיעה בונעמען אין זכרון פאַר־בליבן צוויי זאַכן:

ערשטנס, ווי אזוי איינער א געפּאַקטער גויעצל, אין א גאָלד־אַרומגעזוימטן סורדוט און מיט קורץ־געשווירענע העלע האָר, האָט אים אָפּגעשטעלט שוין סאַמע אינם ערשטן גרויסן צימער פון דער באַנק, האָט שווייגנדיק אויסגעהערט אַלע רייד בונעמס, און האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין שווייגנדיקן צושאָקלען אויף זיי מיט זיין בלאָנדן קורץ־געשווירענעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט מסכים געווען מיט בונעמס יעדן וואָרט. אָבער בונעם האָט די גאַנצע צייט געפילט ביי זיך, אַז יענעמס קורצזיכטיקע און שטעכעדיקע בליקן לאַכן אים אויס פון אַהינטער די גאָלדענע פענסנע.

און צווייטנס:

ווי אזוי ער, בונעם, איז דערנאָך, א צעטראָגענער און א צעטומלטער פונם אָפּזאָג צו באָרגן געלט, געגאַנגען באַרג־אַרויף עפּעס אַזאַ ווילנער געסל וואו אין א גרימיקן פראָסט האָבן געקניט אויפן האַרטן שניי פּרעפּלענדיקע מענער און פרויען, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד אַרויסגעלאָזט פון די מיילער א גרוי־שטאָלערנע פּאַרע אין דער פראָסטיקער לופט אַרויס. בונעם געדענקט אויך ווי אזוי ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע א פאַרוואונדערטער — ווי־אַזוי שטייען עם מענטשן אזוי אויף די קני מיט אַנטבלויזטע קעפּ אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט... איז פון א זייט צו אים דעמאָלט צוגעקומען א יונגער גאַראַדאָוואָי, האָט אים געגעבן א כמאַל איבערן קאָפּ און אַרונטערגעשלעפּט אים די קוטשמע.

יאָ... איז איצט דאַרף ער, בונעם, ניט נאָר אַליין ניט לייען קיין געלט — נאָר ער ווערט נאָך גאָר כמעט א שותף אין א באַנק... הם. ווייזט אויס, ס'איז טאַקע אמת:

— אין אַמעריקע איז מעגלעך אַלצדינג.

ביי לאַנדסלייט האָט ער זיך פונדעסטוועגן ניט געוואָלט אָנפרעגן אויף קיין אַדרעס פון א „זיכערער" באַנק, וואוהין ער זאָל קענען אַריינטראָגן די ערשטע אָפּגעשפּאָרטע הונדערט דאָלאַר: ער האָט מורא געהאַט פאַר א גוט־אויג. אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, נאָך דער אַרבעט און ביי אַרונטערגעלאָזטע שטאָרן, אייניקער אַליין אין שוסטער־קעלער, האָט ער אָנגעהויבן צו שטודירן די גרויסע שרייענדיקע אַדווערטייזמענטס וואָס פאַרשיידענע בענק שטעלן אַריין אין די אידישע צייטונגען.

— ער וועט די זאַך נעמען אין די אייגענע הענט אַריין...

דאָס איז אים אָבער אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען. עס איז אים געווען שווער זיך פּאַנאַנדערצוקלייבן אין דער שווערער צייטונגס־עברי. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַסך אויסטערלישע אַזעלכע אידישע ווערטער, און אַ פּשיטא שוין — די ענגלישע ווערטער: ביז ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָט דאָך בונעם נאָך קיינמאָל קיין אידישע צייטונג אין די הענט ניט געהאַלטן.

— וואָס מיינט עס, אַשטייגער, „פּאַלקאָמענע סייפטי”? און וואָס באַדייט עס: „אינסטאָלירט אַ נייעם ברענטש?”

און בכלל — וואָס קען מען פון די דאָזיקע רעקלאַמעס וויסן? ס'איז קלאָר בונעמען: יעדער פון זיי לויבט אודאי צום אַלעם ערשטן זיך אַליין... ווייל וואָס איז שוין דאָרט אַז אַ באַנק „איז אַזוי פעסט ווי דער פעלז פון גיבראַלטאַר?” דער גוטער יאָר ווייסט אים דאָרטן, דעם דאָזיקן פעלז פון גיבראַלטאַר, צי ער איז פעסט, צי ניט. ס'קומט אויס, אַז מען דאַרף זיך פאַרט סוף־כל־סוף פאַרלאָזן אויף יענעמס וואָרט... און ניו־יאָרק איז דאָך אַ סדום, ניט קיין שטאָט.

פונדעסטוועגן האָט בונעם, נאָך אַסך פּרוכטלאָזע באַטראַכטונגען, אויף איינער אַ באַנק זיך אָפּגעשטעלט.

און ווען ער האָט אַריינגעטראָגן אַהין, אין איינעם אַ שבת־אינדערפרי — ווייל שבת אַרבעט ניט בונעם, זייט ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיך — דאָס ערשטע געלט זיינס און האָט אַרויסגעקראָגן אויף דעם אַ געל ביכעלע אין טאָוועלעך, האָט ער עס לאַנג דערנאָך געהאַלטן און געטאַפּט אין זיינע הענט... זיינע גרויסע אָקסישע אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט מיט וואונדער:

— זע נאָר... ווער ווייסט וואוהין ער וועט נאָך מיט דער צייט אויף אַזאַ אופן אָנשפּאָרן!...

ז.

איז דאָס איז געוואָרן פון זיין ערשטן חלום — דעם חלום פון „ריינע הענט”.

פון זיין צווייטן חלום — אַז אין אַמעריקע וועט ער גיין אין אַן „אוטשילישטשע” אַריין און זיך אויסלערנען "אַלץ" — איז אויך גאָרנישט ניט געוואָרן. די ערשטע עטלעכע וואָכן אין אַמעריקע,

בעת ער האָט זיך נאָך געלערנט קירזשנעריי, פלעגט ער טאָקע אין די אָוונטן נאָך דער ארבעט באזוכן א „נייט־סקול״ 13). ס'איז געווען א ריזיקע געביידע פון פינף שטאָק, כמורנע און שטרענג ווי א קאַזארמע; א געביידע מיט אָן־א־שיר שטיינערנע טרעפּ און מיט אָן־א־שיר אריינגאַנגען און ארויסגאַנגען, וואו עס איז געווען אסך גרינגער צו פארלירן דעם וועג איידער צו געפינען אים. די צימערן אין אָט דער שולע האָבן פארמאָגט אומגעוויינטלעך־הויכע קאַלטע ווענט און ריזיקע פענצטער — איבער עפּעס האָט זיך בונעמען אויסגעדוכט ווי זיי וואָלטן געהאַט, אָט די פענצטער, גראַטעס אויף זיך, ווי אין א תפיסה. אין דער אמתן אָבער איז עס מער ניט געווען ווי אַן אויסדרוכטעניש זיינע; ווייל ניט נאָר האָבן די פענצטער קיין שום גראַטעס אויף זיך ניט געהאַט, נאָר פארקערט גאָר: די שויבן זייערע זיינען תמיד געווען זייער ציכטיקע און זייער בלאַנקנדיקע.

געווען דאָרט אסך עלטערע מענטשן פונקט ווי ער, בונעם — כאָטש זיי האָבן אים אויסגעזען אינגער פאר אים; אפשר דערפאר וואָס זיי זיינען ניט געווען אזוי ברייט און וואוקסיק, ווי ער. און אַלע איז דאָרט געווען טשיקאווע, אין די קלאַס־צימערן:

ס'איז געווען טשיקאווע דאָס פלינקע איינגליש־ריידן פונם יונגן לערער מיטן שטרענגן ריין־געגאָלטן געזיכט — א געזיכט, וואָס זיין אייגנטימער האָט עס פשוט געצוואונגען צו זיין העפלעך און צו שמייכלען, כאָטש אליין האָט עס ניט געוואָלט — און מיט א האַרטער מעטאַלענער שטים וואָס האָט זיך באַמיט צו זיין ווארים און צוגעלאָזט צו די ריזיקע תלמידים זיינע — דאָס רוב אסך עלטערע פונם לערער אליין.

ס'איז געווען טשיקאווע דאָס גלאַנצן מיט די אויגן און מיט די ציינער פון די תלמידים גופא — א דור־הפלגה פון פעלקער: אידן, איטאַליענער, סלאַוון, שפּאַניער, גריכן, יאַפּאַנעזער. מען האָט זיך צונויפגערעדט איינער מיטן אנדערן דורך די פינגער, מיט די לאַכעדיקע אויגן, מיט א געמישטער געבראָכענער שפּראַך וואָס איז געווען ניט קיין ענגליש און ניט עפּעס אנדערש.

ס'איז אפילו געווען אויך טשיקאווע וואָס צום סוף פון די לימודים, שרעקלעך מידע אַלע פונם ארבעטסטאָג און שוין האַלב־שלאָפנדיקע, פלעגן נאָך אַלע תלמידים צוזאמען — הויך און ערנסט, מיט באַסאָווע, הייזעריקע און קוויטשנדיקע שטימען — זינ־

נען דעם אמעריקאנישן הימן: „מיי קאַנטרי, ט'איז אָוו דהי, סוויט לענד אָוו ליבערטי״...

יאָ, די ערשטע צייט איז עס אַלץ געווען זייער שיין און זייער טשיקאַווע און זייער אינטערעסאַנט. וואָס אַמאָל אָבער איז עס בונעמען געוואָרן אַלץ שווערער צו שלעפּן זיך נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג אין דער אָוונט־שול אַריין. אָפטמאָל פלעגט ער אינמיטן די לימודים איינדרעמלען איבער זיין קליינעם, נידעריקן שטענדער, — פּונקט, ווי אייניקע אַנדערע תלמידים. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין אַליין געעפנט אַ שאָפּ — ז י י ן שוסטער־שאָפּ — איז עס אים געוואָרן נאָך שווערער.

אמת, קיינער האָט אים איצט אין האַלד־און־נאַקן ניט געיאָגט. ער האָט געקענט אַרבעטן וויפיל ער האָט אַליין געוואָלט. ער איז דאָך איצט געווען אַ באָס פאַר זיך. אָבער טאַקע דערפאַר: ווי־עפּעס באַלד מען האָט געאַרבעט אַליין פאַר זיך, פאַר אַן אייגענע „ביזנעס״, איז דאָך זיכער ניט נויטיק צו שוינען זיך. האָט ער טאַקע געאַרבעט איצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין — האָט געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך און זונטיק אויך.

— די האַנט איז ביים דאָזיקע גרינהאָרן אַ גרינגע... — האָבן געזעדט צווישן זיך די אַרומיקע נעגרישע באַוואוינער פונם קוואַרטאַל. — יע־יע... אַז מיסטער רייטשאָוו קלאַפּט אַריין אַ פּאָר טשוועקעלעך אין אַ זויל, איז עס ווי מיט אַ ביקס אַריינגעשאָסן.

מען האָט אים געטראָגן אַרבעט פון אַלע זייטן.

דערהויפּט — די נעגערטעס. בונעמס היפּש וואוקסיקע פיגור — בשום אופן ניט קלענער און ניט מינדער איינדרוקספול פון דעם בעסטן נעגערם — האָט זיי געצויגן צו זיך ווי דער זיסטער האָניק. היינט זיינע ציין... זיי האָבן געבליאַסקעט ווייס און גרויס ווי ביי דעם שענסטן נעגערשן מאַנסביל.

איז דאָס באַנק־ביכל טאַקע נאָכאַנאַנד געוואַקסן... דאָס האַרץ האָט עס נאָכאַנאַנד אונטערגעיאָגט און אונטערגעאייליט, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע באַשעפעניש — עס זאָל וואַקסן וואָס גיכער, וואָס שנע־לער. אין נייט־סקול האָט בונעם גאָר אינגיכן אויפגעהערט צו גיין. ער האָט אָבער געפּרוּווט נעמען צו זיך אַ פּריוואַטן לערער, וועלכער זאָל קומען צו אים אין קעלער אין אַ שבת־ביינאַכט און געבן אים אַ לעסאָן. אַן אָרימער יונג מיט וועלכן בונעם האָט זיך באַקענט טאַקע

אין יענעם שאָפּ, וואו ער האָט זיך לכתּחילה געלערנט קירזשנעריי, האָט זיך נאָך דעמאָלט געהאַט פּאַרטרויט בונעמען אַז אינדערשטיל איז ער אַ סטודענט און קלייבט „קאָונטס".

אָט דער יונגערמאַן האָט אַ חודש־צוויי נאָכאַנאַנד געגעבן בור־נעמען לעקציעס אין ענגליש און אין ספּעלינג — פאַר איין האַלבן דאָלאַר אַ וואָך. אָבער בונעם האָט זיך צום סוף מישב געווען אַז ס'איז אַ שאָד אָוועקפּטרן אויף דעם געלט. דאָס האַרץ האָט דאָך נאָכאַנאַנד געיאָגט און אונטערגעשטופּט דאָס באַנקביכל, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע באַשעפעניש — עס זאָל וואַקסן וואָס גיכער, וואָס שנעלער... אויסער דעם האָט בונעם שוין איצט געוואוסט אַז אין אַמעריקע איז בילדונג אויך ניט אַזוי וויכטיק; ס'איז גאָרניט ווי אין דער אַלטער היים. פאַרקערט גאָר: דאָ אין אַמעריקע, איז וואָס מער מען איז געבילדעט, אַלץ מער איז מען אויף גרויסע צרות. וואָס מער אוניווערסיטעטן מען „קאָנטשעט", אַלץ אין געהאַקטערע וואונדן זיצט מען.

ח.

און אָט אַזוי־אַ האָט בונעם ביסלעכווייז אַליין אויסגעפונען דעם סוד פון די גאָלדשטיקער וואָס וואַלגערן זיך איבער די גאַסן פון אַמעריקע.

איידער דאָס ערשטע יאָר איז אַריבער האָט ער אַריינגעשטעלט ביי זיך אין שאָפּ אַ שיינע שטעפּ־מאַשינע וואָס דאָס האָט אים מיט איין מאָל אַ הויב אויף געטאָן אין די אייגענע אויגן. אויפן צווייטן יאָר האָט ער שוין אַריינגעשטעלט אין שאָפּ ביי זיך אַ גאַנצן מאָ־דערנעם עלעקטרישן שוסטער־אינווענטאַר, — אַ מאַשינעריע מיט אַסך רעדלעך און מיט רימענע פּאַסן וואָס האָבן זיך געדרייט דורך עלעקטרישער קראַפט. די אַגענטן פון דער קאָמפּאַניע האָבן אים געגעבן די ערשטע נויטיקע אינסטרוקציעס ווי צו אַרומגיין אַרום דער מאַשינעריע. און ביסלעכווייז איז בונעם אַליין געוואָרן אַ קוואַליפי־צירטער שוסטער־מעכאַניקער.

דעמאָלט האָט ער זיך אויך איינגעהאַנדלט אַ בלויען קאָלענקאָ־רענעם אַרבעטס־כאַלאַט און עטלעכע פאָר הענטשקעס פון קאַוטשוק —

— יאָ, ווי איך בין אַ איד... — האָט זיך בונעם ניט געקענט פּשוט אָפּוואונדערן. — זע נאַר... שוסטער זאָלן ארבעטן אין הענטש־קעס, כאַ־כאַ! ווער וואָלט עס אין דער היים געגלויבט?

פון אָט דער מאַשינעריע איז בונעם בכלל די ערשטע צייט אַרומ־געגאַנגען אַ בארוישטער. און אין דער ערשטער צייט פלעגט עס טאַקע אַמאָל פּאַסירן:

בונעם פלעגט מיט איין קלאַפּ, מיט איין באַוועג פונם לעוועד, לאָזן אין פולן גאַנג אַלע מאַשינעס — אַלע רעדלעך, אַלע וואַלצערס, אַלע רימענס פלעגן זיך פול באַוועגן, כאָטש ער האָט אין אָט יענער מינוט גאַרניט באַדאַרפט טאָן אויף דער מאַשין — ניט אַרומפיילן דעם קאַנט פון אַ פּאַדעשווע, ניט אָפּפּאָלירן עפּעס אויף דער מעכאַ־נישער באַרשט... און בונעם פלעגט זיך אַנידערשטעלן דערנעבן אין זיין לאַנגן בלוילעכן ארבעטס־כאַלאַט, ווי אַ וועטערינאַרער פעלדשער עפּעס, מיט די קאַוטשוקענע הענטשקעס אויף די הענט — און זיך גליקלעך, הויך און געזונט פאַנאַנדערלאַכן:

— כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... און צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

— האָט ער זיך באַטראַכט אינם שפּיגל וואָס איז איצט געהאַנגען אויף דער וואַנט צוליב די „קאַסטימערס"(14) וועגן — כאַ־כאַ־כאַ...

— האָט ער פרייליך געשטשירעט זיינע פערדישע ציין. — אָט דאָס הייסט ביי אייך אַ שוסטער? — פון שמחה האָט ער זיך אַזש געפּאַטשט אַליין אין די געזונטע באַקעס אריין. — איך בין דאָך אַן אמתער „הינזשענער", ניט קיין שוסטער!...

פערטער קאַפּיטל

סטערע קריגט בונעמס פּיקטשע

א.

א טייל פונם פאַרדינטן געלט פלעגט בונעם רעגלמעסיק אַרי־בערשיקן אַהיים, סטערען.

סטערע האָט זיך אפילו אין זיין געלט קנאַפּ געניויטיקט. אויף דער הוצאה האָט זי דאָך, ברוך־השם, אַליין פאַרדינט. בונעם האָט איר אָבער געשריבן אַז זי זאָל זיך דערוויילֿ דאָרט אַרומקוקן, אויס־זוכן אַ געהעריקן פּלאַץ אויפן באַרג, און אַז זי וועט געפינען דאָס ריכטיקע פּאַסנדיקע אָרט — זאָל זי מאַכן אַ קאָנטראַקט און געבן אַן אַדערויף פון דעם איבערגעשיקטן געלט.

— אַז ער וועט האָבן איר איבערגעשיקט גענוג געלט אויף אויפצושטעלן זיך אַ הויז — האָט בונעם איר אינם לעצטן בריוו זיינעם געשריבן — וועט ער דעמאָלט אַליין קומען צופאָרן אַהיים.

וועגן דעם געלט וואָס ער קלייבט דאָ באַזונדער אין באַנק האָט ער סטערען קיינמאָל קיין וואָרט ניט געשריבן; ער האָט מורא געהאַט אַז אויב סטערע וועט דערהערן אַז ער האָט שוין אָנגעקליבן אַ היפּשע סומע געלט, וועט זי אים אָנהויבן „טרעבעווען" אַהיים.

דאָס דאָזיקע געלט, האָט בונעם געטראַכט, וועט ער שוין אַליין ברענגען צופירן מיט זיך, ווען די צייט אויף אָנהויבן סטראָיען זיך וועט קומען: נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר... וואָס גרעסער די מיטגעבראַכטע „פּויטיקע" וועט זיין, אַלץ אַ גרעסערן סורפּריז וועט ער האָבן פאַר איר; אַלץ אַ שענערן מויער וועט ער דאָרט אויפן

בארג שטעלן. פיקען, קארפלען אויף צופלאצעניש; דער גאנצער שטאט — אויף גרויסע חידושים און וואונדער.

אויף זיין לעצטן בריוו האט סטערע לאנג פארצויגן איר ענטפער. זי האט ניט געוואוסט וואס צו שרייבן אים. זי האט דאך אלץ גע־ווארט צו הערן פון א י ם, ווען ער קומט שוין ענדלעך צופארן אהיים. זי געדענקט דאך גוט די לעצטע נאכט פאר זיין אפפארן, וואס זיי האבן ביידע פארבראכט כמעט וואכנדיק. ער האט איר דע־מאלט געשוואוירן אז ער פארט אוועק בלויז אויף א קורצער צייט — אפשר בלויז אויף איין יאר אינגאנצן. און איצט איז שוין ארי־בער צוויי יאר — און ער דערמאנט אפילו קיין ווארט ניט וועגן קומען צוריק.

— „אז מיר וועלן אימירצישעם האבן גענוג געלט אויף סטראיען זיך”... — האט זי נאכאמאל איבערגעלייענט אט די שורה אין זיין לעצטן בריוו. — ווער וויסט, וויפיל דאס קען נאך געדויערן...

ער שרייבט אויך קיינמאל ניט וועגן אריבערנעמען די משפחה צו זיך. אין יעדן איינציקן בריוו זיינעם רעדט ער בלויז וועגן איין זאך — וועגן דעם „פלאץ”: צי סטערע האט שוין אויסגעזוכט א פאסיקן פלאץ אויפן בארג, ניט צו־ווייט פונם ראנד, וואס קוקט אריבער די שטאט.

זינט יענעם פרילינג ווען בונעם איז אוועקגעפארן איז שוין פאראיבער נאך א צווייטער פרילינג. און אצינד איז שוין אנגעקומען א דריטער.

פונקט ווי מיט צוויי יאר צוריק האט מען אויך איצט אין די נעכט געקענט הערן דאס לוסטיקע רוישן פונם ברייט־פאנאנדער־געגאסענעם טייך דארט אונטן, אינם טייך־טאל, אויף יענער זייט פון דער אנטקעגנאיבערדיקער ריי פון אלט־באקאנטע הייזער און מויערן. פונקט, ווי מיט צוויי הונדערט יאר צוריק, האבן אויך איצט די צעקנאדערטע און איינגעהויקערטע ווערבע־בוימער גיריק געלעקט מיט לאנגע שמאלע צינגלעך פון זייערע ליכטיק־גרינע בלעטלעך די פייכטקייט פונם שטראם וואס האט ארויסגעשווייקט דעם זאמד פון צווישן זייערע אומגעהויערע לאפע־ווארצלען. און פונקט, ווי מיט צוויי טויזנט יאר צוריק, האט אויך איצט איבער דער אור־אלטער געגנט ארומגעשוועבט דאס אייביקע וואונדער פון א טויט

לעבן וואָס וואַכט אויף פּונדאַסניי. אָבער זי, סטערע, איז דאָ אַלץ געווען אַליין. — — —

אין אַזעלכע פרילינג־נעכט פלעגט סטערע בשום אופן ניט קע־נען איינשלאָפן. זי פלעגט ברייט פאַנאַנדערפּראַלן די פענצטער. כאָטש אין דרויסן זיינען די נעכט געווען נאָך קילע, איז איר געווען היים — זי פלעגט טרינקען און זופּן נאָכאַנאַנד די דרויסנדיקע לופט ווי פסחדיקן וויין. אויפן נאַכטיקן טייך, אויף לאַנגע זיך־שלענגלענ־דיקע פליטן וואָס הויבן זיך שוין אָן אין אָט דער צייט צו ציען פון טיף־פּאָלעסיע, איבער די פרילינגדיק־אויפגעשוואָלענע טייכלעך און ריטשקעלעך, אַרוטערצו, צום דניעפּ — זינגען ווייסרוסישע פּויערים און אָנטרייבער זייער אוראַלטן, ווילדן און אומעטיקן געזאַנג, וואָס פון דעם גייט דורך איבערן לייב אַזאַ מאָדנער סקרוך...

דערנאָך קומען־אָן זומער־נעכט, מיט לידער אויף לאָדקעס וואָס גליטשן זיך פאַרביי סטערען סאַמע אונטער דער נאָז ווי בכיוון — אויף צו רייצן זי. אונטער די פענצטער גייען אַרום ביז שפּעט אין דער נאַכט פּאָרלעך — ניט זיי גייען, נאָר זיי שוועבן, זיי שוועבן פאַרביי, דוכט זיך, געדיכט אַזוי און זשומענדיק, — פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען אַזויפיל? פּונקט ווי די מאַי־זשוקעס וואָס קלעפּן מחנות־וויז אַרום די קרוינען פון די פריש־פאַנאַנדערגעבליטע זיסע טאָפּאָליעס און בעריאָזעס.

סטערען, אין איר אַליינקייט, אין איר הונגער נאָך איר מאַן, האָט זיך שוין אויסגעדוכט:

— יעדער סמאַרקאַטער אינגל און מיידל אין גאַס, יעדער יאַ־דישלעוועך עלטערער איד און אידענע מיט רומאַטעס אין די קנאָכן־ביינער, זיינען געגאַנגען איצט, אין דער האַלב־טונקעלער סאַמעט־נאַכט, געאָרעמט, מיט צעוואָרימטע און צעהיצטע בליקן — אַלע אַלע פּאָרלעכווייז...

און וואָס איז דאָ צו ריידן — זי האָט דאָך אפילו מקנא געווען אירע אייגענע קינדער, וויגדערן און טאַמאַרען, וואָס פלעגן זומער־צייט פאַרפאַלן ווערן יעדן פאַרנאַכט מיט זייערע חברים און חברטעס, און פלעגן זיך אומקערן אַהיים ערשט אין קילער און פייכט־שמעקעדיקער שפּעט־נאַכט, — פלעגן זיך אַריינגליטשן אין שטוב שווייגנדיקע, מיט פאַרטאַיעטן אָטעם, מיט בליענדיקע בעקלעך, מיט פלאַמענדיקע אויגן... זיי האָבן אודאי גערעכנט אַז די מאַמע שלאָפט און הערט זיי ניט;

איידער זיי פלעגן נאָך באַווייזן אויסצוטאָן פון זיך די לעצטע מלבושים, פלעגן זיי שוין אַנידערפאַלן אויף זייערע געלעגערס ווי אונטערגעקאַ־שעטע... אָבער זי, סטערע, פלעגט זיך דערנאָך וואַרפן אַן אַ טראָפּן שלאָף אַ גאַנצע נאַכט.

און אפילו ווינטער־צייט —

ווען אינגלעך און מיידלעך מיט געפרוירענע בעקלעך דרייען זיך אַרום אויפן וואונדערלעכן בלוי פונם „קאַטאָק". דער גליטש אויפן טייך איז ווי אַ גלעזערנע שיסל, ווי אַ פאַרפרוירענע פאַזשעלקע צווישן דעם אָנגעהורבעטן שניי אַרום, אַרומגעזוימט מיט אַ רינג פון פרישע אַריינגעשטעקטע יאָדלעס. די ווינטערדיקע זון גלאַנצט און בליאַסקעט און קלינגט מיט איר גאָלד אָן דעם בלויען אייז און די גרינע אייז־פלעכטלעך. און סטערע שטייט דערמאָלט, ווי תמיד, ביים רונדוק, צווישן די הויפנס אַלטע שקראַבעס און וואַלינקעס, צווישן די שטיוול און לאַפּטשעס וואָס באַהענגען דעם פאַרפרוירענעם רונדוק פון אַלע זייטן — ווי פרוכטן אַזעלכע פון לעדער און יוכט און קאַאוטשוק וואָס שטינקען מיט דזעגעכץ און מיט טראָן און מיט בענזין.

פונקט ווי אַלע הענדלערינס אויפן מאַרק איז אויך סטערע איצט שטאַרק איינגעקוטעט אין פאַרטשיילעס; אָבער דעם פייערטאָפּ ניט ווייט פון זיך געברויכט זי בלויז אויף צו דערוואַרימען פון צייט צו צייט אירע הענט וועלכע זיינען אַריינגעטאָן אין הענטשקעס מיט אָפענע פינגער — קיינמאָל ניט, ווי די אַנדערע ווייבער, שטעלט זיך ניט סטערע איבערן פייערטאָפּ מיט פאַנאַנדערגעשפרייטע פיס. אינע־ווייניק, איז איר גאָרניט אַזוי קאַלט.

אָט שלעפּט זיך פאַרביי איבערן מאַרק די בערקוזשיכע. זי באַ־וועגט זיך ווינטער־צייט נאָך שווערער ווי תמיד: פון קאָפּ ביז די פיס איז זי איינגעוויקלט אין אַ באַרג שמאַטעס און טראַנטעס פון וועלכע עס הענגען אַרויס געלע, פאַרוויכערטע און פאַרפעצטע שטיקער וואַטע. אויף ביידע אָרעמס הענגען איר נאָך קאָשיקעס מיט ווינטער־אויבס; די קאָשיקעס קוקן גיכער אויס ווי אָנגעפילטע אינגאַנצן מיט שמאַטעס איידער מיט פאַרפרוירענע ווינטער־עפּל. מיט אַ מידן קול זינגט זי אויס:

— האָניק, צוקער, ווייַן!... קויפט, אידן, איידער מען צע־כאַפּט זיי!

אז זי גליכט זיך אוים מיט סטערעס רונדוק, גיט זי א טיפן קרעכץ:

— אוי, זאָלן זיי אַזוי כח האָבן צו לעבן ווי איך האָב כח צו שרייען... נו, וואָס, דאָ עפּעס אַ בריוו פון דיין אַלטן? ער קומט שוין מסתמא אינגיכן צופאָרן אהיים אַ מיליאָנטשיק, הא?

און סטערען דוכט זיך דעמאָלט:

ביי דער בערקווזשיכע אין די רינגענדיקע אויגן, צווישן די אויפגעשוואָלענע אויגן־לעפּלעך אָן אַ סימן אפילו פון וויעס — דאָרט האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזאַ געל אָפּשפּעטעריש פייערל... כאָטש וואָס האָט דען די בערקווזשיכע צו איר? ס'איז געווען אודאי מער ניט ווי סטערעס אייגן ביטער האַרץ.

ב.

בונעמען אָבער האָט זי וועגן דעם אַלעמען קיין וואָרט ניט געשריבן.

זי האָט אים פאַר דער גאַנצער צייט קיין איינציק מאָל ניט אָנגעפרעגט ווען ער טראַכט ענדלעך צו קומען אהיים. זי האָט געוואַרט אַז ער זאָל דער ערשטער וועגן דעם שרייבן. און ווייל ער האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט דערמאָנט, איז די באַליידיקונג און דער פאַרדרוס אויף איר מאַן אין איר נאָך טיפער געוואַקסן.

און בונעם האָט איר אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל געשיקט געלט... אפשר האָט ער ביי זיך געדענקט אַז ס'איז נאָך אַלץ ווייניק דאָס צוגעשיקטע געלט אויף קויפן אַ פּלאַץ, און דעריבער שרייבט אים די ווייב זיינע וועגן דעם גאָרניט. אָדער אפשר זיינען אירע אייגענע פאַרדינסטן געוואָרן צו־קנאַפּ פאַר איר אויף דער הוצאה. די קינדער וואַקסן דאָך אוים, מען דאַרף האָבן אַ שיכל, אַ קאָסטיום, אַ היטל. זי מוז דעריבער אַ טייל פון זיין צוגעשיקטן געלט פאַרנוצן גלייך אויפן אָרט, און זי שעמט זיך וועגן דעם שרייבן. — איז אויב ער האָט דאָרטן, אינם ווייטן לאַנד פון די שטיקער גאָלד אין די גאַסן, אַזוי געטראַכט — אָ, האָט ער דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן טעות.

אין דער אמתן האָט סטערע דאָס צוגעשיקטע געלט ניט אָנגערירט אפילו. זי פלעגט עס גלייך ביים דערהאַלטן אויף דער פּאָטשט

אויסבייטן אויף בילעטן פון גלייכן ווערט — אויף נייע קנאקנדיקע הונדערטרובלדיקע — און פלעגט זיי אריינלייגן ביינאכט אין א בלעכענעם כאַלוואַ־קעסטל וואָס זי האָט געהאַט פאַרשטעקט אין א ווינקל־קיך אונטערן דיל, אין א „סעקרעטקע". זי האָט פון דעם געלט ניט געוואָלט הנאה האָבן און האָט זיך צו דעם קוים צוגערירט.

אזא מין חשד איז דאָך אודאי געווען נאַריש און ווילד — אָבער עס איז געווען פונקט ווי זי האָט געטראַכט: דאָס צוגעשיקטע געלט איר מאַנס איז פאַרדינט געוואָרן אויך אויפן זעלביקן אופן ווי אָט יענס געלט אויף וועלכן עס האָט זיך דאָ אין שטאָט די גאַנצע צייט געבויט און שוין באַלד אינגאַנצן אויסגעוואַקסן קאַרפּלס דריישטאָקיק מויערל... א מויערל מיט א מערמלשטיינערנעם פונדאַמענט סאַמע אינמיטן שטאָט — אָנשטענדיקע און ערלעכע שטאָט־לייט אויף צו־להכעיס און אויף האַרץ־פּלאַצעניש.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן האַלטן דערביי:

ווען דער פּאָטשטאַליאָן פון דער גאַס, אַן אַלטער גויעץ מיט א פּלאַטשיק פּנים און מיט בלויז א סימן פון א נאָז אויף דעם — זי איז באַשטאַנען בסך־הכל פון צוויי ברייטע נאָזלעכער, און מער גאָרנישט — איז ווען ער פלעגט איר ברענגען א נייע געלט־מעלדונג און פלעגט האָבן דערביי אין די קליינע אויגעלעך א לוסטיקן שעל־מישן פייערל — סיי מחמת די גוטע נייעס וואָס ער ברענגט איר צוטראָגן און סיי מחמת דער דערוואַרטעניש פון א שיינעם טרונק־געלט — איז דעמאָלט פלעגט סטערע מיט פאַראַכטונג פאַרקרימען דאָס שיינע רויטע מויל אירס, פאַרביסן מיט ווייטיק די אונטערשטע, אַביסל אַרונטערגעקאַשערטע ליפּ.

פאַר איר איז אָט די נייע געלט־מעלדונג געווען א קנאַפּע פרייד. זי האָט געהאַט דאָס געפיל פונקט ווי דער מאַן אירער וואָלט מיט אָט דעם פריש־צוגעשיקטן געלט געוואָלט אויסקויפן זיין זינד... זיין זינד קעגן איר יוגנט וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרשווינדן, קעגן אירע בליענדיקע באַקן וואָס האָבן די לעצטע צייט שוין אָנגעהויבן פאַר־לירן זייער פרישקייט און קאָליר; קעגן איר האַרץ וואָס האָט אָנ־געהויבן באַווייזן סימנים פון שוואַכער־ווערן, מחמת דער אָפּטער צו־אויפגערעגטער קלאַפּעניש, אַן אומזיסטער און ניט־באַפרידיקטער.

חודש איז אַזוי פאַרלאָפן נאָך חודש, און האָבן צונויפגעע־סילעוועט נאָך א יאָר, א דריטס.

סטערע איז אַליין געווען אַליין, האָט אַלץ געבענקט נאָכן מאַן — און האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו וואַרטן, ער זאָל דער ערשטער איר אָנשרייבן, ווען ער וועט שוין ענדלעך קומען צו פאָרן.

מיט די קינדער וועלכע זיינען ביידע געווען אין כאַראַקטער שטאַרק גראָטן אין איר — פונקט אַזעלכע איינגעשלאָסענע און שטאָלץ־שווייגנדיקע — האָט זי וועגן דעם אַלעמען, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. נאָר סיי ווייגדער און סיי טאַמאַרע האָבן בלינדערהייט געפילט זייער מוטערס צער. און אויך אין זייער האַרץ, מיט פונקט אַזאַ שווייגנדיקן אימפעט, איז נאָכאַנאַנד געוואַקסן דער פאַרבאַהאַלטענער פאַרדרוס און באַליידיקונג קעגן זייער פאָטער.

ג.

דעם לעצטן זומער פאַר דער וועלט־מלחמה אין אין איינעם אַ טאָג דערהאַלטן געוואָרן פון אַמעריקע עפּעס אַן אויסטערלישער פּאַקעט, ווי אַ שטאַרק־דיקער בריוו־קאָנווערט.

סטערע האָט זיך געוואונדערט. קיין געלט־מעלדונג איז עס דאָך ניט געווען, און קיין שווערער בריוו אַזאַ — אודאי און אודאי ניט. זי האָט מיט אומגעדולדיקע און נייגיריקע הענט געוויקלט פונם פּאַקעט אַרונטער איין שטריקל נאָכן צווייטן, איין פּאַפּיר נאָכן אַנדערן.

אינעווייניק אין פּאַקעט, צווישן צוויי אויסגעהוילטע שטיקלעך קאַרטאָן, איז געלעגן אַ פאָטאָגראַפיע.

אַ לענגערע ווײַלע האָט זי סטערע אַזוי באַטראַכט, אָט די פאָטאָגראַפיע. ס'איז געווען אַ בילד אין פולער גרויס — בונעם שטייט אַזוי אויסגעצויגן, אַביסל אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ טישל, און באַטראַכט די וועלט. אודאי האָט סטערע געוואוסט אַז דאָס איז בונעם: פון וועמען דען וועט זי עס קריגן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַמעריקע? אָבער מאָדנע — ווי ער האָט זיך עס געענדערט, בונעם...

ער איז ווי העכער געוואָרן. אפשר איז עס געווען דערפאַר וואָס ער האָט געטראָגן אויפן בילד אַזעלכע אויסטערליש־לאַנגע הויזן, סאַמע ביז צו דער ערד. זייער אַ ליכטיקן אָנצוג; פון צווישן דער פאַנאַנדערגעשפּילעטער מאַרינאַרקע האָט זיך אַרויסגעזען — איבער דער גאַנצער ברייט פונם פּאַס לייב וואָס צווישן האַרץ און

בויך — א דיקע גאָלדענע קייט, וואָס מען האָט ניט געזען ניט איר אָנהויב און ניט איר סוף, פונקט ווי אָט די גאָלדענע קייט וואָלט געהאַט ארומגענומען אים אינגאַנצן, זיין גאַנצן גוף ארום און ארום. אויף דער לינקער האַנט זיינער איז געווען אָנגעטאָן א הענטשקע. אין דער רעכטער — האָט ער געהאַלטן א שטעקן, מיט דער צווייטער, דער אויסגעטאָנענער הענטשקע.

דער עיקרשט אָבער האָט זיך אינגאַנצן געהאַט געענדערט זיין פּנים... בונעמס פּנים אויפן בילד איז געווען איצט מאָדנע קיילעכ־דיק, אָפּגעפּרעסן אזוי און זאַט. (עס האָט מער ניט געהאַט אויף זיך קיין וואָנצן, און פון דעם אפשר האָט עס אויסגעזען נאָך קיילעכ־דיקער ווי עס איז געווען אין דער אמתן). זיין זאַט פּנים האָט גע־שמייכלט קעגן סטערן מיט אזויפיל צופרידנקייט און גליק.

פון וואָס איז ער עס געווען אזוי צופרידן? ער איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אביסל אָנעם טישל, און האָט באַטראַכט די וועלט פאַר זיך. די „וועלט” האָט זיך אייגנטלעך געפונען ה י נ ט ע ר אים: עפּעס א נעפּלדיק וועלדל, א שניר‎ל פון א טייכל, א לאָדקע אויפן ברעג... ז י י ן בליק אָבער איז האָפּערדיק געווען געווענדט אין פאָראויס, און האָט פארמאָגט אין זיך פיל זיכערקייט און שטאָלץ. ס'איז געווען קלאָר: דאָס באַטראַכט ער אזוי פארמעסטעריש די וועלט — און, אפּנים, אז ער פילט: ער האָט ביי זיך ניט מיט וואָס ארונטערצופאַלן קעגן איר, בונעם...

דאָס בילד האָט מען, פארשטייט זיך, אוועקגעשטעלט אין סאַליע סאַמע אויף אָן אָנגעזעענעם אָרט, — אויפן קאָמאָד וואו עס שטייען אַלע אַנדערע וויכטיקע זאַכן און שטוב־צירונגען: דאָס אָנגעשפּאָל־טענע שפּיגעלע, דאָס פּודעלע מיט סטערעס יום־טובדיקער היטעלע, א פּאָר פּאַפּירענע וואַזאָנעס, א קאַלענדאַר מיטן בראָזן הירשם בילד אויפן טאָוול. סטערע אָבער פלעגט זען פארמיידן צו קוקן אָפּט אויף דעם קיילעכדיקן פּנים, וואָס אָן די וואָנצעס. ס'האָט געווייעט אויף איר פון אָט דעם בילד מיט א מאָדנער פרעמדקייט: ס'איז אי געווען בונעם, און אי עמיצער אַנדערש...

יאָ, עס איז געקומען דערצו אז עס פלעגט זיך עפּעס ניט גלוסטן צו טראַכטן אז ד אָ ס איז עס איר מאַן. אסך בעסער איז שוין געווען, ביינאַכט אַליין אויפן געלעגער, ליגן מיט אָפענע אויגן און זיך

פאַרשטעלן בונעמען ווי זי האָט אים צום לעצטן מאָל געזען: אין פרילינג, ביים פאַראָם...

ד.

פאַרקערט אָבער, די קינדער, יעדעס מאָל וואָס זיי פלעגן פאַר־בייגיין דעם קאמאָד — דערהויפּט ווען די מוטער איז אין דער היים ניט געווען — פלעגן זיי ניט פאַרפעלן זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, לענגער באַטראַכטן דעם נייעם טאַטן זייערן. עס איז טאַקע געווען ווי זיי וואָלטן איצט צוגעקראָגן נאָך אַ טאַטן, אַ נייעם טאַטן — אַן „אַמעריקאַנישן".

פאַר אָט די דריי יאָר זיינען זיי ביידע, ווינגדער און טאַמאַרע, מאָדנע גיך אַזוי אויסגעוואַקסן — אויסגעוואָקסן אויף גאַנצע פינף יאָר, אויף זעקס יאָר. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן זיך ביידע שטאַרק געיאָגט אַריינצוכאַפּן וואָס מער וואוקס נאָך איידער דער טאַטע זייערער וועט קומען צוריק צו פאָרן פון די ווייטע לענדער.

ווינגדער איז אויסגעוואָקסן אין דער הויך. דאָס רוב האָט ער געטראָגן אַ טונקל־ברוינע טוזשורקע וואָס האָט שטייף אַרומגענומען זיין דאַר און שלאַנק לייב, און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ האַרטן קאָלנער וואָס האָט געהאַלטן זיין קאָפּ און האַלז שטייף אויפגעהויבן. זיין מויל איז געווען ווי פריער, — דין־פאַרמאַכט, באַפעלעריש. זיינע קאַרע אויגן — קאַלט, שטרענג.

טאַמאַרע איז געוואָקסן אין דער ברייט — זי איז געוואָרן נאָך קײלעכדיקער און געפּאַקטער. און סיי מחמת דעם, און סיי ווייל זי האָט צו־פרי אָנגעהויבן טראָגן לאַנגע קליידלעך, האָט זי אויסגעזען היפּש עלטער פאַר אירע אמתע יאָרן. דאָס רוב האָט זי געטראָגן איצט אַ קליידל פון אַ טונקל־גרינעם קאַלענקאָרענעם שטאָף, פּונקט ווי די מאַמע — און אפשר אויך דערפאַר, ווייל אַזאַ קליידל שמוצט זיך זייער ווייניק.

אין זייער ביידנס געדעכעניש איז נאָך פאַרבליבן דער אַלטער טאַטע זייערער — פאַרבליבן ווי מיט לאַנג, לאַנג צוריק — אַן־אַ־שיר לענ־גער ווי בלויז מיט דריי יאָר צוריק.

אמת, ניט אַלעמאָל האָבן זיי גרינג געקענט אַרויסרופן אין זייער זכרון דעם פאָטערס גאַנצע אַמאָליקע געשטאַלט. ביי וויג־דערן איז שאַרפער פון אַלץ פאַרבליבן אין זכרון דעם טאַטנס מעכ־טיקער אָקסישער קאָפּ. ביי טאַמאַרען — גראָד די הענט: ברייטע, תמיד־צעהאַקטע, מיט אָן־אַ־שיר אַרבעטס־קנייטשעלעך, אָנגעפּילטע מיט ריטשקעלעך שמוץ. פונדעסטוועגן איז אָט יענער אַמאָליקער טאַטע עפּעס געווען מער „טאַטע״ פאַר אָט דעם נייעם:

—דער מענטש אויף דער פאָטאָגראַפיע איז פאַר זיי געווען עפּעס ווי אַ האַלב־פרעמדער...

דאָס איז גאָרניט געווען זייער פאָטער — אַ רייכער, אויסגע־פוצטער און אויסגעפּראַנטעוועטער פריץ איז עס געווען וואָס האָט זיך שוין אודאי געשעמט מיט זיין אָרימער איבערגעלאָזטער משפּחה. אָט דעריבער — איז ניט ער קומט צופאָרן אַהיים, און ניט עס גלוסט זיך אים אַריבערנעמען זיי צו זיך, אינעם וויטן לאַנד אַמעריקע.

און קוקנדיק אָפט אַזוי אויפן צוגעשיקטן בילד בונעמס, האָבן סיי וויגדער, סיי טאַמאַרע ביסלעכווייז אָנגעהויבן פילן אין זיך עפּעס אַזוינס ווי עס פילן אָרימע קרובים צו אַ וויטן רייכן פעטער: אַ קרוב איז ער בכלל ניט קיין שלעכטער, ווייל קיין געלט זשאַלעוועט ער דאָך ניט; נאָר פונדעסטוועגן פאַרבלייבט ער פאָרט מער ניט ווי אַ וויטער און פרעמדער רייכער קרוב וועמעס רייכקייט, צו וועלכער מען איז ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן אָנצוקומען, באַליידיקט אפילו אביסל אין דער שטיל.

פינפטער קאַפּיטל

בלוטיקע רייטער

א.

אין איינעם אַ הייסן זומער־פּרימאָרגן, אָנהויב־אויגוסט, איז בונעם געזעסן לעבן זיין שוסטער־וואַרשטאַט און געאַרבעט.

געאַרבעט האָט ער אָן חשק — ס'איז געווען שרעקלעך הייס. אַ ווילדע, אַ ניו־יאָרקער היץ פון סוף־זומער האָט מיט בייזער הנאה גיהינומדיק געמאַטערט די גאַנצע שטאָט שוין אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד.

דער אַספאַלט אויף די גאַסן איז געווען אונטערן טראָט ווייך ווי צעוואָרימטער וואַקס. ער האָט זיך געקלעפּט צו די שיך. אויטאָמאָביל־רעדער און פערדישע קאָפּיטעס האָבן געזונקען, ווי אין צעשמאָלצענעם פּעך.

אַ האַלבער כרך איינוואוינער האָט זיך יעדן טאָג, פון כאור ביז זינקענדיקער נאַכט, געווייקט אין די ים־וואַסערן, וואָס באַזוימען ניו יאָרק פון אַלע זייטן. די צווייטע העלפט מענטשן, וואָס איז פאַרבליבן אַרבעטן אין שטאָט, האָט זיך אויך ניט ווייניקער געווייקט — זיך געווייקט אין אייגענעם שוויס, וואָס האָט ריטשקעלעכווייז געהאַלטן אין אַרויסציען פון זיי דאָס חיות.

איבער די גאַסן זיינען מענטשן געגאַנגען האַלב־פאַרחלשטע, מיט פאַנאַנדערגעשפּיליעטע קעלנער, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל — אָן רעקלעך, אָן אויבערשטע העמדער אפילו.

בונעם, ביי זיין וואַרשטאַט, איז אויך געזעסן אַ האַלב־נאַקעטער. דער אויבערשטער טייל פון זיין גרויסן פאַנאַנדערגעוואָקסענעם קערפּער איז געווען באַדעקט בלויז מיט אַ דורכזיכטיקן געשטריקטן לייבל, אָן אַרבל.

עד, ס'וואָלט אַזוי גוט געווען אַרויסצופאָרן איצט קיין קוני־אײַלאַנד. אַ וואַלגער טאָן דעם גרויסן פעטן גוף אין וואַסער, צי אויפן פּייכטן זאַמד, זיך וואַלגערן אַ גאַנצן טאָג אויף מחיהדיקער גרעניץ פון זאַמד און ים־כוואַליע מיט אַזאַ מין תענוג — ווי אַ זאַטער ים־לייב, אַשטייגער...

בונעם איז שוין אין קוני־אײַלאַנד געווען עטלעכע מאָל. ווייסט ער דעם תענוג פון באָדן זיך אין אָפענעם אָקעאַן, פון אונטערשטעלן זיך אונטער אַ דאַך פון ריזיקע וואַסער־כוואַליעס אויסגעבויט — אונטער אַן אָנלויפנדיקן וואַסער־באַרג. אָבער יעדעם מאָל איז ער געפאָרן אַהין אין אַ שבת־טאָג. איצט האָט מען אויך געדאַרפט וואַרטן אויף שבת.

ס'איז אים געווען אַ שאָד איבערצולאָזן די אַרבעט. יעדע פּאָר צעריסענע שיך מיט אָפענע מײַלער, ווי פיש דורשטיקע נאָך לופט; יעדער צעפּאָרענער זויל, יעדער צעקוועטשטער אָפּצאַס — דאָס זײַנען געווען אַלץ טאַלערס, האַלבע טאַלערס, קוואָדערס. דאָס איז געווען אַלץ גאָלד! יאָ, פאַר אים, אויפן שמאָלן הויכן קראָמטיש, וואו אָט די אַלע נאָך ניט פאַרריכטע שיך זײַנען געלעגן אָנגעהויפט חמרים־ווײַז, זײַנען געלעגן טאַקע איצט אָנגעהויפט סאַמע די גאָלד־שטיקער, וואָס וואַלגערן זיך אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק...

דער שווייס איז אים גערונען שפּעדיק פון שטערן — לאַנגע שמוציקע ריטשקעלעך איבערן פּנים, איבערן האַלז, אפילו איבערן לייב אונטערן לייבל... אין שאַפּ האָט מוראדיק געשטיקט. דאָס פּאָדעשווע־לעדער, וואָס האָט זיך געווייקט אין אַן עמער, אין אַ ווייטן ווינקל, האָט געשטונקען היינט שאַרפער ווי תמיד, האָט פאַרשפּרייט עפּושדיקן ריח פון נבלה. און אַז מען האָט געלאָזט לויפן די עלעקטרישע מאַשין, ביים אָפּשטעפּן אַ „נעזל" אָדער ביים אָפּפּאָלירן אַ קאַנט פון אַ פּאָדעשווע, האָט זיך היינט געטראָגן פון דער עלעקטריע אַזאַ פּריקרער ריח ווי פון געסמאַלעטן מענטשן־לייב, — ס'האָט געשלאָגן צום האַרצן, ווי נאָר צום חלשן, ס'האָט שווער געטשאַדעט אין קאָפּ.

פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ טומל, אַ געפּילדער. קינדער האָבן זיך געבאָדן, — האַלב־נאַקעטע, אינגאַנצן־נאַקעטע, — אינמיטן גאַס, אַרום אַ הויכן געשטעל מיט אַרומגעפּלאָכטענע וואַסער־פּאָמפּעס און וואַסער־קישקעס, וואָס פּייערלייט פון דער נאָנטער פּייערלעשער־

סטאַנציע שטעלן געוויינטלעך אַרוים אין גאַס, אין אַזאַ מוראַדיקער היץ, פאַר די קליינע קינדערס וועגן פון דער שכנהשאַפט.

בונעם האָט זיך געטרייסט: אין דרויסן סאַרפעט עס איצט אויך ניט ווייניקער פּרוכטבאַר. ער האָט געהערט ווי מען איז אַרומגעלאָפן דאָרט און מען האָט געשריען מיט באַנומענע קולות:

— הע־הע־הע... וואַקסטרי... הע־הע־הע־אָקסטרי...

ס'קען דאָך זיין: אין דרויסן זיינען שוין מענטשן פּשוט משוגע געוואָרן פון פּאַליענדיקער היץ און זיינען עס דעריבער אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט אַט דעם מאָדנעם און אומפאַרשטענדלעכן געשריי...

דאָס דאָזיקע ווילדע באַנומענע שרייען האָט זיך מיט יעדן מאָל אַלץ מער געשטאַרקט — דוכט זיך, עס האָט אפילו אַריבערגעשריען דאָס ליאַרמענדיקע גערודעריי פון די פאַרביידונערדיקע לאַסט־אויטאָמאָבילן. ביז בונעם האָט דערקענט: דאָס פילדערן עס אַזוי אָנגעלאָפענע צייטונגס־פאַרקויפער.

בונעם איז שוין געוואוינט געוועזן צו אָט אַזעלכע ווילדע געשרייען, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט זיך אַ יאָג טאָן, אַ פלוצלונג־אויסגעבראָכענער מבול, איבער דער זייטיקער גאַס וואו געוויינטלעך שמאַיען ניט אַרום קיין צייטונגס־אינגלעך.

— מסתמא עפּעס אַ גרויסע שריפה... — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, בעת ער האָט מיט אַ ראַספּ־פייל מיט ברען אַרומגעפיילט די ברעגן פון אַן אָקאַרשט־אַרויפגעלייגטער פאָדעשווע — קיין וואונדער ניט... אַזאַ מוראַדיקע היץ!

און פונקט ווי אויך אין אים וואָלט אָט די היץ זיך מוראַדיק פאַנאַנדערגעברענט, האָט ער באַלד האַסטיק אָנגעהויבן אַריינצוקלאַפּן מיטן האַמער אייזערנע שטיפטלעך אין דעם שוך אויף דעם היפּשן מאַסיוון אייזערנעם פורעם וואָס איז געלעגן אויף זיינע שטאַרקע קני.

ב.

דאָס געשריי אָבער אין דרויסן האָט זיך אַזוי גיך ניט איינגעשטילט, ווי געוויינטלעך אַזעלכע געשרייען פון פלוצלונג־אָנגעלאָפענע צייטונגס־אינגלעך. פאַרקערט גאָר, בונעמס אויער האָט זיך געדוכט צו פאַרנעמען: אויפן גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מאָדנע

אזא און אן אומגעוויינטלעכע טומלעניש — א ש ט י ל ע, אן אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע טומלעניש.

זיינע גרויסע אָפּשטייענדיקע אויערן האָבן וווּטער פאַרנומען: די געוויינטלעכע באַוועגונג פון אויטאָמאָבילן און טראַקס אויף דער גאַס האָט זיך אויף פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. ס'האָבן איצט די גאַס שוין אײנגאַנצן באַהערשט די ווילדע געשרייען פון די צייטונגס־אינגלעך — אַן אָטעם און משוגענערווייז זיינען זיי אַרומגעשפּרונגען און צעווילדעוועט געשריען:

— אָ־אָ־אָ... אָקסטרי... וואָ־וואָ־וואָ... וואָקסטרי...(1

„מסתמא שוין גאָר עפּעס א גרויסע סענסאַציע", האָט בונעם פונדעסטוועגן אַלץ ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן. „אפשר א געהיימנים־פולער מאָרד דאָ טאַקע אויף אונזער גאַס?"

ס'האָט זיך בונעמען געדוכט צו זען ווי פון אַלע הויז־קאָרידאָרן, פון אַלע געוועלבן לויפן אַרויס הענדום־פּענדום מענטשן; זיי צערייסן ממש די צייטונגען ביי די אינגלעך־פאַרקויפערס. יאָ, ס'איז געווען טאַקע א שאָד צו וואַרפן די אַרבעט; די נייגעריקייט אָבער איז אין אים שטאַרק געוואַקסן... און אפשר האָט ער גאָר געוואָלט זיך אַליין אָפּנאַרן — זיך אַרויסכאַפּן אין גאַס און דערווייל „אָפּקילן זיך" אביסל אין דעם לופטיקערן גיהנום, וואָס אין דרויסן?

מיט זיין ברייטן צעכראַסטעטן גוף האָט ער זיך אַריינגערוקט אין דער שמאָלער טיר אַריין; ער האָט געמוזט זיין צעוואָקסענע פיגור אביסל אויסדרייען אינדערקרום, כדי זי זאָל קענען אַדורך דורך דער שמאָלער טיר־עפענונג.

און ווירקלעך:

פון קאָרידאָרן, פון טירן, ממש פון דער ערד אַרויס זיינען מענטשן געלאָפן פייל־אויסן־בויגן, זיינען געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן, געריסן די בלעטער ביי די צייטונגס־אינגלעך, אונטערגעשפּרונגען אינדערהויך, געשטופּט זיי דאָס געלט גלייך אין די פּנימער אַריין...

די צייטונגס־אינגלעך — „די צוקונפטיקע ראָקפעלערס, קאַרנע־גיעס און דזשייקאָב שיפס פון אַמעריקע", האָט זיך פּלוצלונג בונעם דערמאָנט די ווערטער וואָס ער האָט אַנומלטן געהערט פון איינעם א לאַנדסמאַן זיינעם; ער האָט דעריבער אויף די שמאַיענדיקע אָרימע חברה־לייט א קוק געטאָן איצט מיט נייגעריקן דרך־ארץ — די דאָזיקע צייטונגס־אינגלעך זיינען שיר ניט צעקוועטשט, צעדריקט געוואָרן

פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט געבלינעט און געפּליצט אויף זיי פון אַלע זייטן. נאָר זיי האָבן פונדעסטוועגן באַוויזן זיך פלינק אַרויסצודרייען פון דער באַלאַגערונג, פלעגן קונציק אַרויסראַטעווען זיך הינטעראַרומעט, אַדורך די פּיס פון די דערוואַקסענע... באַלד זיינען זיי שוין געווען אויף דער אַנדער זייט גאַס, אין אַן אַנדער ווינקל — און פלעגן דאָרט ווידער אָנהויבן שרייען מיט ווילדע באַ־נומענע קולות:

— אָ־אָ־אָ־עקסטרי... מילכו־מאָה... מילכו־מאָה...

א נייער עולם, פון אַן אַנדערן טענעמענט־הויז, האָט זיך ווידער אַ יאָג געטאָן אויף זיי, כאַפּן ביי זיי אַ צייטונג — זיך געלאָזט אויף זיי מיט אַזאַ אימפּעט, ווי מען וואָלט געוואָלט ניט די צייטונגען, נאָר טאַקע די אינגלעך אַליין צערייסן אויף שטיקלעך. נאָר די זשוואַווע חברה־לייט האָבן זיך ווידער פלינק אַרויסגעדרייט פון אונ־טער אַלעמענס הענט, האָבן אויף גיך צוגעכאַפּט די פּאָר סענט און זיינען גליך נעלם געוואָרן...

ס'איז געווען פּונקט ווי זיי האָבן זיך דאָ געוואָלט בלויז רייצן מיטן עולם; פּונקט עס וואָלט זיי ניט אַזוי געגאַנגען אין דעם פאַר־קויפן די בלעטער און אָפּלייזן דאָס געלט, ווי אין אָנזאָגן און פאַנאַנ־דערטראָגן איבער דעם משוגע־צעהיצטן כרך די גרויסע שרעקעדיקע נייעס, דאָס גרויסע ווילדע אומגליק:

— אָ־אָ־אָ... מלחמה... דייטשלאַנד דערקלערט רוסלאַנד מלחמה... וואָקסטרי...

בונעמען איז ענדלעך אויך געלונגען אַריינצושטעקן אַ סענט איינעם אַ צייטונגס־פאַרקויפער אין מויל אַריין, אַ כאַפּ טאָן ביי אים דאָס ענגלישע בלאַט. — מלחמה? — האָט ער גלייכגילטיק געקוועטשט מיט די אַקסלען, געדרייט מיט די גרויסע בויגנס פונם ענגלישן בלאַט, וועלכן ער האָט ניט געקענט לייענען, אויף אַלע זייטן. — יאָ, מלחמה... — האָט ער זינלאָז געשטאַרט אויף די רי־זיקע רויטע אותיות סאַמע פונאויבן בלאַט, אויף דער ערשטער זייט — ז י י האָבן עס מסתמא אָנגעזאָגט די וויסטע בשורה.

— יאָ... רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד...

די מענטשן האָבן זיך ביסלעכוויז גענומען פאַנאַנדערגיין, יעדער צו זיך אין לאָך אַריין, טוליענדיק דאָס בלאַט ווי אַ שטיק איינגע־האַנדלטן בלוטיקן פלייש. דער טומל איז ביסלעכוויז אויף אַט

דער גאַס קלענער געוואָרן — ער האָט זיך אָבער איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדערער גאַס ווי אַ ווילדער פייער. די צייטונגס־פּאַרקויפער זיינען אַלץ ווייטער געלאָפן, אַלץ ראַשיקער געלאָפן — ווי שרעטעלעך, ווי פייער־טייוולאָנים — געשפּרונגען, געהיפּערט איבער גאַניקעס און טרעפּ — און געיאָמערט איבער די גאַסן, און אויסגעשריען די וויסטע בשורה.

אַרום די פּלייצנדיקע וואַסער־קישקעס און פייערלעשערישע וואַ־סער־פּאָמפּעס אויף דער גאַס, וואָס האָבן געפּראַוועט כאַטש אַביסל אַפּקילן די סאַרפּנדיקע היץ אַרום, זיינען נאָך אַלץ אַרומגעשפּרונגען די נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע גרויסשטאָטישע קינדער, אין נאַסע הייזקעלעך און העמדלעך צוגעפּלעטשט צום לייב. איצט האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, אַנגעהויבן טאַנצן אַ קאַראַהאָד אַרום דעם גיסנדיקן וואַסער־געשטעל. די לינקע הענטלעך האָבן זיי פאַר־ליינט אויף די רוקנס, די רעכטע האָבן זיי אויפגעהויבן אינדערהויך, איבער זייערע שטערנס — מעשה אינדיאַנער וואָס טאַנצן אַ הייליקן מלחמה־טאַנץ אַרום אַ גרויסן אַנגעצונדענעם פייערפלאַקער... בשעת מעשה האָבן זיי אַרויסגעברומט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען, האָבן געטופּעט מיט די פיסלעך, צוגעברומט מיט קולכלעך וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן זיי וואָס באַסאָווער און וואָס מוראַדיקער.

— אָו־אָו־אָו... הופּ־הופּ־הופּ... מלחמה... הופּ־הופּ־הופּ... הופּ־הופּ־הופּ... מלחמה...

ג.

צום ערשט — די ערשטע שעהן, אַפילו די ערשטע פּאָר טעג — האָט בונעם שווער באַגריפן דעם מיין פון אַט דעם נייעס.

די אַלע רעדעלעך און שרייפעלעך וואָס האָבן זיך דאָרט ערגעץ אין דער וועלט אַזוי לאַנג געדרייט און געדרייט ביז זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און געבראַכט צו אָט דעם וועלט־אומגליק — אָט די אַלע כחות וואָס האָבן דורך יאָרן־לאַנג געשטופּט די ריזן־שטיין פון מענטשלעכער גיריקייט און שנאה אַלץ אינדערהויך, אַלץ העכער און העכער, און האָבן אים איצט אַליין איבערגעלאָזט ער זאָל מיט ווילדן אימפּעט קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ אין אַ תהום אַריין און זאָל פאַרניכטן אַלץ אויף זיין וועג — ניט בונעם האָט ווען־עס־איז

געהאַט אַן אָנונג וועגן אַט די רעדעלעך און שרייפעלעך, און ניט אַט דאָס אַלץ איז אים דערווייל אָנגעגאַנגען. במילא, האָט ער לכתחילה ניט געפילט די גרויס פונם דאָזיקן אומגליק — וויבאַלד אַז אים פּערזענלעך האָט עס דאָך ניט אָנגערירט.

און ווי אַזוי האָט אַט די מלחמה געקענט גאָר אים פּערזענלעך אָנרירן... אַז קיין דערוואַקסענעם זון האָט ער ניט געהאַט; און ער אַליין, כאָטש ער איז טאַקע פאַרעכנט אין רעזערוו פון דער רו־סישער אַרמיי און כאָטש אין בלאַט איז שוין געווען געשריבן וועגן אַן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע, אָבער מען וועט אים מסתמא דאַרפן לאַנג,לאַנג בעטן ביז ער וועט פון אייגענעם ווילן פאַרלאָזן אַמעריקע און אַוועקפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד שטעלן זיך אין סאָלדאַטן.

ניין, אים פּערזענלעך איז אַט דער גאַנצער משוגענער טומל זייער ווייניק אָנגעגאַנגען — פאַר אים פּערזענלעך, ווי פאַר מיליאָנען אַנדערע איינוואוינער פונם לאַנד אַמעריקע, איז עס געווען בלויז אַ שטיק נייעס — אַ גרויס נייעס, אַן אומגעוויינטלעך נייעס, אַ סענ־סאַציאָנעל נייעס — אָבער פאָרט מער ניט ווי אַ נייעס. איז ער, פּונקט ווי די מיליאָנען אַנדערע איינוואוינער פונם לאַנד אַמעריקע, פאַרבליבן צו דעם אַלעמען איינגאַנצן רואיק.

נאָר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון די אידישע צייטונגען און פון באַקאַנטע, אַז ס'איז דיר ניט קיין געוויינטלעכע מלחמה אַט די איצטיקע, נייערט ס'איז אַ וועלט־מלחמה — האָט זיך בונעם פונדעסטוועגן אָנגעהויבן אַביסל באַאומ־רואיקן וועגן דעם גורל פון זיין ווייב און קינדער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף יענער זייט.

אַזוי, סתם אַ מלחמה, איז אַ זאַך וואָס קען פּאַרקומען זייער ווייט פון מענטשן און זייער טאָג־טעגלעך לעבן: אַשטייגער, די מלחמה מיט די יאַפּאַנטשיקעס וואָס איז פאָרגעקומען טאַקע אַ פּאָר יאָר נאָך זיין חתונה מיט סטערען און וואָס בונעם אַליין איז דעמאָלט געווען אַ סאָלדאַט, נאָר אים האָט עס אָפּגעגליקט און ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט ווי אַ מייסטער אין אַ מלוכהשער שטיוול־פאַבריק, טאַקע ניט ווייט פון זייער שטאָט. — יענע מלחמה איז פאָרגעקומען ווייט־ווייט פון „מענטשן" — שיר ניט אויף יענער זייט וועלט. אָבער די איצטיקע מלחמה איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש, — ס'איז אַ וועלט־מלחמה!...

בונעמען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט:

ווייבאַלד ס׳איז אַ וועלט־מלחמה, קומט זי פֿאָר אין דער זעל־ביקער צייט אומעטום, טאַקע איבער דער גאַנצער וועלט — כאָטש ניט אין אַמעריקע: אַמעריקע, פֿאַרשטייט זיך, איז דאָך גאָר אַן אַנדער וועלט. ס׳איז אַ מין מלחמה פֿון גוג ומגוג פֿון וועלכע ער האָט נאָך קינדוױיז אַמאָל געהערט דערציילן דער מאַמען זיינער, וועלכע איז אים יונגערהייט געשטאָרבן. ווייבאַלד אַזוי, איז מעגלעך אַז זי וועט אויך אָנקומען צו זייער אייגענער שטאָט; זיין ווייב־און־קינדער וועלן זיך געפֿינען דעמאָלט סאַמע אינמיטן פֿייער, אויב זיי געפֿינען זיך ניט דאָרט ש ו י ן, א י צ ט.

ס׳האָט זיך אינגיכן אַרויסגעוויזן:

אויך אָט די מלחמה, די וועלט־מלחמה, קומט פֿאָר אויף אַ גאַנץ באַשטימטן אָרט, און אויך אפֿילו גאַנץ ווייט פֿון „מענטשן" — מען זאָגט, ביי די פֿראַנצויזן גאָר, צי ביי די דייטשן. די דייטשן לויפֿן עפּעס נאָך די פֿראַנצויזן, און די רוסישע לויפֿן דעמאָלט נאָך נאָך די דייטשן — צו די דייטשן אין דער מדינה אַריין. עס איז געווען אַ מהומה, אַ פּלאָנטער, וואָס בונעמס מוח האָט עס ניט גע־קענט אַזוי גרינג משיג זיין. כאָטש זיינע מער געבילדעטע און מער באַהאַוונטע לאַנדסלייט — איבערהויפּט דער קלייענדיקער קאָסטאָם־פּעדלער, מיט זיין געשליפֿן צינגל און מיט זיין פֿייאיקייט אויף צעלייגן אַלץ אַזוי גרינג, אויף טעלערלעך — האָבן אים עס אָפּט גענוג דווקא געפּרוּווט מסביר צו זיין.

אין סך־הכל אָבער, נאָך אָט די אַלע רייד, נאָך די אַלע נעמען פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטעט וואָס האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן סיי אין די שמועסן מיט די לאַנדסלייט און סיי אין די צייטונגען און וואָס האָבן זיך דערנאָך געפּלאָנטערט אין צעטומלטן מוח ווי אַ צעבוישעטע פֿליסיקייט, ווי אַ „וועלט" וואָס דרייט זיך איינעם פֿאַר די אויגן פֿון אַ קאַרוסעלע אַרונטער — נאָך דעם אַלעמען איז אין סך־הכל בונעמען פֿונדעסטוועגן דאָך געוואָרן קלאָר:

ערגעץ דאָרט אין דער אַלטער היים, — אפֿשר טויזנט מיילן ווייט און אפֿשר בלויז אַ הונדערט מיילן ווייט פֿון דער שטאָט ביים ברעג טייך וואו בונעם האָט איבערגעלאָזט זיין משפּחה — האָט אַ גרויס מוראדיק פֿייער איצט געקנאַקט, געשיקט פֿון זיך וואָלקנס

רויך און געוויקלט אין דעם די ערד אַרום... אָבער אַט די קנוילן רויך האָבן צו זיין היים־שטאָט דערוויל ניט דערגרייכט.

ערגעץ דאָרט אַרום האָבן געשפּרייזט מאוימדיקע געשפּענסטיקע געשטאַלטן — אַט אַזעלכע ווי עס ווערן באַשריבן אינם ספר דניאל פון וועלכן ווינגדער האָט אים דערציילט — געשטאַלטן מיט ריזן־פּיס וואָס האָבן געגרייכט פון דער ערד ביז אַ העלפט צום הימל־צו... זיי האָבן דאָרט געשפּרייזט איבער פרידלעך פעלד און דאָרף, איבער רואיקע היים און שטעטל — שווייגנדיקע, אָן אַ וואָרט — געזייט אַרום זיך פון פייערדיקע רעשעטעס אַרוים חורבן און מאָרד, טויט און פאַרוויסטונג... נאָר צו אַט יענער שטאָט ביים ברעג פון דעם שטילן אוראַלטן פּריפּיעט־טייך, וואו זיין ווייב־און־קינדער האָבן גע־וואוינט, זיינען אַט די מוראַדיקע געשטאַלטן דערוויל נאָך נ י ט אָנגעקומען.

האָט בונעמען ווידער באַלד באַהערשט דאָס טרייסטנדיקע גע־פיל אַז אים פּערזענלעך רירט דאָך דאָס אַלץ ווייניק אָן, און ער איז ווידער געוואָרן ביי זיך אינגאַנצן רואיק.

ד.

מען קען דאָך ניט אָפּלייקענען.

פון צייט צו צייט האָט ער פונדעסטוועגן יאָ געפילט:

עס איז טאַקע איצט אָנגעשטאַנען אויף דער וועלט עפּעס זייער אַ גרויסע עת־צרה — אַזוינע אפשר ווי די גזרות פון כמעלניצקים צייטן. ווי אַט יענע בלוטיקע מהומות און פּורעניות וועגן וועלכע ווינ־דער פלעגט פאַר אים ליינען אַמאָל. אין די קורצע און געפרוירענע שבת־נאָכוואַרעמסן, ווען מען פלעגט ליגן אויף דער ליזשאַנקע אונטער אַ שווערן שאָפּן־פּעלץ און פון גאַס פלעגט זיך דורך די פאַרקאָוועטע פענצטער אַריינזייען דאָס כמורנע ליכט פונם ברודנעם ברכי־נפשי דרויסן — פלעגט ווינגדער פאַרן טאַטן לייענען אַלערליי טרויעריקע מעשות פון אַזעלכע צעפּליקטע געלע ביכלעך אַרויס — פון צעשאָ־טענע ביכלעך, אָן טאָוולען און אָן רוקנס — פונם שבט־יהודה, פון קורות־ת״ח־ות״ט, און אַנדערע.

האָט טאַקע בונעם געהאַט פון צייט צו צייט אַזאַ געפיל: ס'איז אָנגעשטאַנען איצט אויבעט אויף דער וועלט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע

ביטערע צייט. אָבער וואָס קען מען דען טאָן אין אַזאַ צייט? מען קען דאָך בלויז טאָן און שיקן געלט.

שיקן געלט סתם אין דער וועלט אריין, פאַר „אידן"—פון דעם האָט מען נאָך צום אָנהויב מלחמה ניט געוואוסט, ניט גערעדט. די הילפס־אַקציע פאַר די מלחמה־קרבנות האָט זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן. די אַלע מענטשן אויף ד ע ר זייט י ם, וועמען עס האָט שטאַרק אָנגערירט, זיינען דערווייל געווען נאָך צו־צעטומלט און צערודערט. עס איז נאָך דעמאָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן צונויפ־נעמען זיך אינאיינעם, צונויפריידן זיך. דערווייל האָט יעדער איינער געשיקט געלט צו זיינע סאַמע נאָנטסטע, צום אייגענעם בלוט־און־פליייש. אין דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן בונעם.

אמת, ביי סטערען האָט זיך שוין ביי היינטיקן טאָג געדאַרפט געפינען אַ היפשע סומע פון די אַלע געלטער וואָס ער האָט איר ביז אַהער איבערגעשיקט. אָט די דאָזיקע אפּויטיקע האָט זי דאָך דערווייל געקענט פאַרנוצן אויף אַלע מעגלעכע באַדערפעניש: וועגן סטראַיען זיך איז דאָך אין אַזאַ צייט ניט געווען וואָס צו טראַכטן אפילו. נאָר אפשר האָט זיך אויך ד אָ ס געלט געהאַט שוין פאַרנוצט, האָט בונעם פאַר זיך געטראַכט — ווער ווייסט וואָס עס טרעפט זיך אין אַזאַ צייט? און אפשר האָט זי טאַקע סאַמע אין דער לעצטער מינוט פאַרט איינגעקויפט פאַרן געלט אַ פּלאַץ.

בונעם האָט דעריבער באַשלאָסן:

— פון איצט אָן וועט ער אָנהויבן איבערשיקן געלט אַהיים וואָס אָפטער... מען וועט דאַרפן אויף אַ ווײַלע אויפהערן קעכלען דאָס באַנק־ביכל.

אָבער אויף דער פּאָטשט האָט אים איינגיכן דערקלערט איינער אַ קלוירק — אַ ריין־געראַזירטער יונגערמאַנטשיק אין אַ נעטן בלויען אָנצוג, מיט אַ זיידן טיכעלע עלעגאַנט אַריינגעשטעקט אין ווינקל־קעשענע פון זיין מאַרינאַרקע און מיט אַ קאַלטן געשעפטלעכן שמייכל אַרום די דין־צונויפגעשנורעוועטע ליפּעלעך — אַז קיין „ראַשיאַ"(2 נעמט מען שוין איצט מער קיין געלט ניט אָן.

— איי עם סאָררי...(3 — האָט ער אַ שטשירע געטאָן מיט זיינע ווייסע און הויכמוטיקע ציין גלייך אין פּנים אַריין דעם צע־טומלטן און פאַרלוירענעם בונעמען. — דאָס הייסט, קיין יוראָפּ, בכלל, קענט איר יאָ שיקן געלט... איר קענט שיקן, צום ביישפּיל,

קיין ענגלאַנד, קיין פראַנקרייך, קיין איטאַליע, אויב איר ווילט. אָבער ניט קיין „ראָשיאַ"...

— אפשר ווילט איר שיקן געלט קיין „פּאַלעסטיין"(4) — האָט זיך אין יענעם פונדעסטוועגן באַלד אויפגעוועקט אַ געפיל פון רחמנות צום אומבאַהאָלפענעם „דזשו" וועלכער איז געשטאַנען פאַרן אַמט־פענצטערל און האָט געקוקט אויף אים מיט טעמפּע שטאַרנדיקע אויגן. — נאָ? קיין פּאַלעסטיין ווילט איר ניט שיקן? נעקסט, פּליעז5).

האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט פאַר בונעמען אַ לויפעניש אַהין און אַהער, אַ זוכעניש, אַ יאָגעניש, איבער אַלערליי קאַנטאָרן און צייטונגען... בונעם איז געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט און צעמישט ווי אַ מענטש וואָס שלאָפט שוין וואָכן־לאַנג זייער שלעכט — ווי אַ מענטש וואָס שלאָפט בלויז פערטל־נעכט.

—וואָס ־זשע וועט עס זיין דאָ איצט, האַ? וואָס־זשע וועט מען איצט טאָן?

ער האָט געוואַרט אויף ידיעות פון דער היים. נאָר אויף צו־להכעיס האָבן די בריוו אויך אויפגעהערט אָנצוקומען. הייסט עס דאָך טאַקע, אַז אין זייער שטאָט איז שוין אויך איצט דאָ „די וועלט־מלחמה?" לאַנדסלייט און באַקאַנטע פאַרזיכערן אָבער, אַז דערווייל ניט.

און ס'האָט זיך טאַקע אינגיכן אַרויסגעוויזן אַז מען קען נאָך יאָ שיקן אַהיים געלט — דורך קאָפּענהאַגען, דורכן רויטן קרייץ. און דורכן זעלביקן רויטן קרייץ איז טאַקע בונעמען אינגיכן אָנגעקומען פון דער היים אַ בריוו.

ה.

אַ מאָדנער בריוו איז עס געווען... אַ בריוו מיט אַן אומגע־וויינטלעכער צאָל מאַרקעס און שטעמפּלען, מיט אַסך אָנגעקלעפּטע ווייסע פּאַפּירלעך אויף ראַנדן פון קאָנווערטן, געעפנטע דורך פרעמדע הענט — אַ מאָדנער בריוו, אַ בריוו פון שלאַכטפעלד אַרויס — אַ בריוו אַ פאַרוואונדעטער, אַ צעהאַקטער און אַ פאַרבאַנדאַזשירטער.

ווען דער בריווטרעגער, — אינמיטן אַ וואונדערלעך־ליכטיקן אָק־טאָבער־טאָג, אַ געבענטשטן טאָג פון דעם אינדיאַנער זומער אין זיין

פולער פּראַכט — האָט איבערגעגעבן בונעמען דעם דאָזיקן בריוו, האָט יענער כהרף־עין אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט, עפּעס, וואָס ער פלעגט געוויינטלעך זעלטן טאָן. ער האָט אַפילו פאַרגעסן אַ צי טאָן דעם עלעקטרישן לעווער, און אַלע מאַשינעס האָבן זיך אַלץ געדרייט נאָכאַנאַנד מיט אַ מוראַדיקן גע־פּילדער די גאַנצע צייט וואָס בונעם האָט געלייענט דעם בריוו.

בונעם האָט זיך צום בריוו צוגעכאַפּט מיט אַ פּאַרטאַיעטן אָטעם און האָט אים איינס־און־צוויי איבערגעלייענט: צו דער ווייבס קאַטשערעס און לאַפּעטעס, וואָס פלעגן גיין מיט אַ מאָדנער אַזאַ רעגלמעסיקייט דווקא באַרג־אַראָפּ פון רעכטס אויף לינקס, איז ער דאָך שוין געוועזן פון לאַנג צוגעוואוינט.

ער איז געבליבן דערנאָך זיצן מיט אַן אָפענעם מויל און מיט צעשפּרייטע גרויסע לאַפּעס צווישן, מיט די דלאָניעס איבערגעקערט אַרויפצו־צו. אויף איינער פון זיי איז געלעגן דאָס קליינע בריוועלע; און אויף דער צווייטער — דער גרויסער בלויער קאָנווערט — דער פאַרוואונדעטער קאָנווערט פון שלאַכטפעלד אַרויס, מיט די ווייסע באַנדאַזשן אָנגעקלעפּט אויף זיינע וואונדן.

בונעם איז געבליבן זיצן אַזוי מיט אַ פאַנאַנדערגעעפנט מויל ווי אַ הונגעריקער ביי וועמען מען האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס שיסל געקעכץ סאַמע פון אונטערן מויל אַרויס:

— מיט קיין איין־איינציק וואָרט איז אין דעם בריוו גאָרניט דערמאָנט געוואָרן וועגן דער מלחמה...

יאָ, דער איצטיקער בריוו איז געווען עפּעס זייער אַ מאָדנער בריוו... ער איז געווען אַפילו געשריבן אינם זעלביקן נוסח ווי אַלע ביזאיצטיקע בריוו סטערעס: „ערשטנס טו איך דיר מעלדן אַז מיר זיינען אַלע באַרכעהאַשעם געזונט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אָמיין״. און דערנאָך, ווי תמיד אין די פריערדיקע בריוו, איז געווען די געוויינטלעכע טענה פאַרוואָס בונעם שרייבט אַזוי ווייניק, כאָטש אין דער אמתן פלעגט ער שרייבן גאַנץ אָפטע בריוו; און אַז ווינגדער איז געוואָרן אַ וואוקסיקער בחור, און אַז טאַמאַרע בליט זיך פאַנאַנדער פון טאָג אויף טאָג, ממש ווי אַ רויז... יאָ, אַלץ איז איינציק וואָרט איז דאָ ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן דער מלחמה.

— הער נאָר... — האָט זיך עס בונעמען ניט פאַטויפּעט אין קאָפּ. — פונקט ווי אַלץ וואָלט איצט געווען דאָרט — און אויף

דער גאַנצער וועלט — אַט אַזוי זיך־אָ... ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק!

— וואָס איז דאָס... וואָס טוט זיך עס דאָרט?... אָדער אפשר — האָט בונעם עס זיך געפּרוּאווט צו דערקלערן — אפשר טאָר מען גאָרניט שרייבן פון דאָרט וועגן דער מלחמה, ווייל די „צענזורע" דערלאָזט ניט?

ער האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט דאָס בריוול, באַטראַכט עס, באַשמעקט עס פון אַלע זייטן, אויפגעהויבן עס קעגן ליכט — ווי ערגעץ אינם פּאַפּיר גופא, ניט אין די שורות ווערטער, וואָלט געווען באַהאַלטן די דערקלערונג וואָס ער האָט געזוכט, — אַ שטייגער, אַ סוד מיט וואַסער־טינט אָנגעשריבן.

דאָס, וואָס אינם בריוול האָט געפעלט אינגאַנצן דאָס אַלץ אויף וועלכן בונעם האָט זיך געריכט צו הערן, האָט דאָס דערהאַלטענע בריוול געמאַכט מאָדנע מיסטעריעז... עטלעכע מאָל האָט ער באַ־וועגט אַזוי מיט דער דלאָניע אויף וועלכער עס איז געלעגן דאָס בריוול, באַוועגט מיט איר אַרויף און אַראָפּ — פּונקט ווי ער וואָלט דאָס בריוול געוואויגן:

— ניין, ס'איז געווען עפּעס אַ מאָדנע־גרינג בריוול אַזאַ... זייער און זייער אַ גרינגס.

וועגן איר איצטיקן מצב האָט סטערע ניט דערמאָנט מיט קיין איינציק וואָרט. פאַרן געשיקטן געלט האָט זי טאַקע געדאַנקט ווי תמיד — „די פּאָוויעסטקע מיטן געלט האָבן מיר פּאָלוטשעט פאַרוואָס מיר דאַנקען דיר גאָר הארצלעך" — זי האָט אָבער ניט געבעטן ער זאָל איר ווידער שיקן צום לעבן אָדער געלט אויף וועלכע עקסטרע הוצאות — זי האָט זיך בכלל מיט קיין איינציקן וואָרט ניט באַקלאָגט אויף איר איצטיקער לאַגע.

בונעמען האָט עס מיט יעדער מינוט אַלץ מער אָנגעהויבן צו פאַרדריסן:

— וואָס איז עס... וואָס טוט זיך דאָ... צי איז ער איר דען אַ פרעמדער, צי וואָס?

ס'איז אויסגעקומען ניט אַנדערש ווי אין דער היים וואָלט מען אים ניט געהאַלטן פאַר אַזאַ נאָענטן מענטשן, אַז מען זאָל פאַר אים קענען אַלץ אויסדערציילן, זיך באַקלאָגן. אָדער אפשר פאַרדריסט

עס סטערען הלמאי ער קומט ניט צופֿאָרן אין אזא צייט אהיים, — איז בונעמען איצט צום ערשטן מאָל איינגעפֿאַלן.

אָבער וועגן קומען אהיים אין אזא צייט — און דוקא ווייל עס איז „אזא צייט" — האָט דאָך גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. פֿאַר־קערט נאָך: שוין סאַמע אין די ערשטע טעג פֿונם מלחמה־אויסברוך האָט בונעם אָנגעהויבן פּרובירן זוכן מיטלען ווי אזוי אַראָפּצובריינגען זיין משפּחה אהער. מען האָט אים אָבער פֿון אַלע זייטן דערקלערט אַז ביי דער איצטיקער צייט איז עס אינגאַנצן אוממעגלעך, אפֿילו ווען מען זאָל זיך לאָזן קאָסטן איך ווייס וויפֿיל געלד. סיידן דורך יאַפּאָניע אפשר, דורך מאַנדזשוריע, צי דורך סיביר — פֿאָלג מיך אַ גאַנג!

ז.

בונעם האָט טאַקע וועגן דעם תיכּף אוועקגעשיקט אהיים אַ רעגיסטרירטן בריוו, וואו ער האָט אַלץ דערקלערט מיט אַלע איינצל־הייטן. אָ, קיינער האָט ניט געקענט אים פֿאַרדעכטיקן אַז ער טוט ניט אַלץ וואָס ס'איז נאָר אין זיינע כּוחות אויף צונויפֿברענגען די פֿאַמיליע צוזאַמען אין איין אָרט, און קיינער האָט אודאי ניט געטאָרט אים פֿאַרדעכטיקן אַז מיט אָט דעם־אָ בריוו האָט ער געהאַט ערגעץ — אפשר פֿאַר אים אַליין אַ פֿאַרהוילענע — כּוונה זיך אויסצופֿיינען פֿאַר זיי דאָרט, טויזנטער און טויזנטער מיילן ווייט פֿונדאַנען: אָט, הייסט עס, סאַראַ געטרייער מאַן און פֿאָטער איך בין...

און מיט אומגעדולד, — מער ווי פֿריער, מער ווי תּמיד, — האָט בונעם אָנגעהויבן וואַרטן אויף אַן ענטפֿער.

אָבער אויך דער ענטפֿער אויף אָט דעם לעצטן בריוו זיינעם, וואָס איז אָנגעקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, איז ווידער גע־ווען אַ מאָדנער אזא, אַ ניט־באַפֿרידנקדיקער.

ווער ווייסט... אפשר האָבן אָט יענע אַפּאָקאַליפּטישע גע־שטאַלטן וואָס האָבן שוין אַ לענגערע צייט שווייגנדיק געשפּרייזט מיט זייערע ריזן־טריט איבער איראָפּעס ערד און געזייט פֿון זייער רעשעטע אַרויס מאָרד און פֿאַרוויסטונג אַרום־און־אַרום זיך — אפשר האָט אָט יענע מוראדיקע געשטאַלט פֿון ספר דניאל, וואָס האָט אָנגע־הויבן שפּאַנען איצט איבער דער וועלט — „אַ חיה מוראדיק און

פירכטערלעך און אומגעוויינטלעך־שטאַרק, מיט גרויסע אייזערנע ציינער, וואָס האָט אַלץ פאַר זיך איינגעשלונגען און אויפגעפרעסן און דאָס רעשט צעטאָפּטשעט מיט אירע ריזיקע פיס״ — איז מעגלעך אַז זי האָט זיך שוין איצט דערענטערט אויך צום פּאָלעסיער קאַנט?

ווער ווייסט? אפשר האָט זי שוין איצט דערגרייכט אפילו אויך צו יענער שטאָט אויפן ברעג פּריפּיעט וואו עס האָט אין דער קאַלטער, שוין לאַנג נים־געהייצטער סאַליע, זיך געטוליעט איצט בונעמס משפּחה, אַ דערשראָקענע און אַ פאַרלוירענע, און גע־וואַרט אויף איר ריי און אויף איר טאָג? אפשר... אפשר... אַלץ איז געווען מעגלעך; אָבער פון דעם אַלעמען איז אין דעם דער־האַלטענעם בריוול קיין איינציק וואָרט ניט געווען.

ד ע ר קאָנווערט איז געווען פּונקט אַזאַ ווי דער פריערדיקער — אַ קאָנווערט פון שלאַכטפעלד אַרויס — אַ באַקלעפּטער מיט אַ גרויסער צאָל אומגעוויינטלעכע מאַרקעס, ווי אויסגעפּוצטע און אויס־געשטראָצלטע קריגס־פירער גרייטע צו אַ שלאַכט; אַ קאָנווערט אַ צעהאַקטער און אַ צעשניטענער ביי די ראַנדן און אַ פאַרבאַנדאַזשיר־טער מיט ווייסע שטיקלעך פּאַפּיר ווי מיט מאַרלע.

און אויך דאָס בריוול, וואָס אינעווייניק אין דעם קאָנווערט, איז געווען פּונקט ווי דער פריערדיקער: קורץ און טרוקן. און ס׳האָט פון אים אויף בונעמען געוויינט מיט אַזויפיל פרעמדקייט ווי דאָס וואָלט געווען אַ בריוו ניט פון זיין אייגן ווייב, נאָר פון גאָר ווייטע קרובים — פון האַלב־פרעמדע מענטשן.

בונעמען איז אודאי ניט איינגעפאַלן:

דאָס האָט זיך צו אים ענדלעך אריבערגעטראָגן אַ ברעקל פון יענעם געפיל מיט וועלכן עס איז שוין פון לאַנג געווען דורכגעדרונגען צו אים דאָרט זיין גאַנצע משפּחה. זיי — איבערהויפּט ווינדער און טאַמאַרע, ביי ווען די נעפּלדיקע דערינערונגען פון דעם פאָטער זייערן איז וואָס אַמאָל אַלץ שוואַכער געוואָרן — האָבן דאָך שוין פון לאַנג באַטראַכט בונעמען ווי אַ האַלב־פרעמדן: ווי עפּעס אַ רייכן, אַ ווייטן און אַ זאַטן אַמעריקאַנער פעטער.

מען קען ניט זאָגן: קיין שלעכטער איז ער ניט, אָט דער אַמע־ריקאַנער פעטער. ער שיקט צו געגנוג געלט. כאָטש די קינדער באַ־מערקן פונדעסטוועגן אַז דערפון ווערט די פירונג אין שטוב קיינמאָל ניט רייכער אָדער ברייטער; אַז די מאַמע קאַרגט אַלץ אויסצוגעבן

אַן איבעריקע קאָפּיקע; און פאַר יעדן יום־טוב מוזן זיך די קינדער דינגען מיט איר איבער אַ נייעם מלבוש צי איבער אַ נייעם שיכל...
איז וואו־זשע קומט אַהין דאָס צוגעשיקטע געלט? אפּנים, אַז אַמע־ריקאַנער געלט איז ניט קיין מזלדיקס — ס'איז פאַרשאָלטן געלט, און סע צערינט אונטער די הענט.

פונדעסטוועגן, אַפּדאַנקען דאַרף מען אים דערפאַר, און אויף זיינע בריוו דאַרף מען ענטפערן. נאָר אַז ווידער און טאַמאַרע פלעגן אַמאָל אַ קוק טאָן אויף זייער פאָטערס בילד וואָס איז געשטאַנען, ווי תמיד, אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט אויפן קאָמאָד, צווישן דעם אָנגע־שפּאָלטענעם שפּיגל און די פּאַפּירענע וואַזאָנעס, — איז וואָס האָבן זיי זיך געקענט דען העלפן? ... עס איז ביי זיי פאַרט דעמאָלט אָפּגעפאַלן דער מינדסטער חשק צו פּרואוון אפילו צו דערציילן יענעם וויטן פאָטער — אָדער פעטער — זייערן וועגן די פילע ליידן און גרויסע פּיינען וואָס עס קומט זיי אוים אויסצושטיין אין דער איצ־טיקער צייט. עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז אַ מענטש מיט אַזאַ זאַט־אָפּגעפרעסן פּנים זאָל גאָר זיין אימשטאַנד אַזעלכעס אָנהויבן אפילו צו פאַרשטיין... איז שוין גלייכער געווען אין די בריוו צו אים וועגן דעם אַלעם גאָר אינגאַנצן צו שטומען.

ז.

אָבער אינגיכן האָבן אפילו אָט די זעלטענע בריוו אויך אויפ־געהערט אָנצוקומען.

„אויף יענער זייט ים" איז פאַר בונעמען און פאַר מיליאָנען אַנדערע מענטשן אויף ד ע ר זייט ים אינגיכן געוואָרן אַ טויט, אַ ווייסט אָרט — אַן אָרט וואו אַלץ איז אָדער ש ו י ן אָפּגעווישט געוואָרן פון דער הויט פון דער ערד — צוזאַמען מיט שטיקער הויט פון דער ערד גופא, — אָדער האָט אָקאָרשט איצט געהאַלטן אין אָפּגעווישט ווערן — אָפּגעווישט ווערן דורך אַ פאַרפלייצעניש פון בלוט און פייער. אַ ווייסט אָרט, וואו מיט לעבעדיקייט און רירעוודי־קייט האָבן אַרומגעשפּרייזט בלויז ז ײ י אַליין — די הויך־דאַרע און שווינדיקע זייערס פון טויט און פאַרניכטונג.

געניי וואָס אַזוינס דאָרט איז איצט פאָרגעקומען איז דאָ, אינם געבענטשטן לאַנד, שווער געווען צו וויסן. דאָס אַלץ איז שווער געווען

זיך דאָ פאַרצושטעלן אפילו, כאָטש הונדערטער צייטונגען האָבן ניט געזשאַלעוועט און יעדן טאָג וועגן דעם אסך געפויקט און אסך גע־שריען. אָבער גלאַט אַזוי, אז מען האָט עס אמאָל שטאַרק געוואָלט, האָט מען געקענט זיך פאָרשטעלן:

אויף „יענער זייט" קומט פאַר עפּעס זייער אַ מאָוימדיקע שריפה וואָס מיט יעדער שעה ממש וואַקסט זי זיך אַלץ מער פאַנאַנדער; ריזיקע פייער־קנוילן, הונדערטער מיילן די לענג, קייקלען זיך הונ־געריק און נידעריק איבער דער ערד, לעקן דורשטיק און גיריק אַראָפּ פון איר אַלץ וואָס עס לעבט אויף איר און אָטעמט... כאָטש פונקט אַזוי האָט מען זיך דאָך אויך געקענט פאָרשטעלן אַז דאָרט האָט איצט געשטורעמט גאָר עפּעס אַ מוראַדיקער מבול, ווי אין נחס צייטן, און האָט דאָרט איצט אַלץ און אַלעמען פאַרטרונקען און אַרונטערגעשוויינקט פון דעם אַנגעזיכט פון דער ערד.

אַזוי צי אַזוי:

פון דעם וואָס אפילו די מאָגערע בריוו פון דער היים האָט ער באַלד אויך אויפגעהערט צו דערהאַלטן, איז בונעמען קלאָר גע־וואָרן: אָט יענע שריפה אָדער אָט יענער מבול האָבן איצט זיכער דערגרייכט שוין אויך צו זייער שטאָט.

פון אַ שריפה צי אַ מבול ראַטעוועט זיך יעדער איינער ווי נאָר ער קען. און אויב דאָרט, אויף יענער זייט ים, איז געגאַנגען איצט אַ מוראַדיקער מבול — איז אַמעריקע אין דער זעלביקער צייט געווען בענגליכן צו אַ הויכן זיכערן באַרג אויף וועלכן עס האָט זיך אַרויפ־געקאַראַפּקעט יעדער איינער וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען זיין לעבן און זיין האָב־און־גוטס.

בונעם און זיינסגלייכן האָבן זיך געפונען אויף אַ רואיק־אָפּגע־שיידטן אינזעלע וואו מענטשן האָבן זיך געוואָלט אויסהיטן פון דער מגפה און משוגעת וואָס האָט מיט אַזאַ פלוצלונדיקן כוח אַרומ־געכאַפּט די אַלטע וועלט — אַ וועלט שוין פון לאַנג אַ קראַנקע און אַ צעפאַלנדיקע — אַ קרענקלעך־היסטערישע וועלט וואָס האָט זיך אַליין אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און גוססט מיט אַ מוראַדיקן אַגאָניע־געשריי.

איז וויבאַלד אַז העלפן האָט מען זיי דאָרטן ניט געקענט, איז דאָך זיכער גלייכער געווען מען זאָל פון אָט יענע משוגענע צי אומ־

גליקלעכע אינגאַנצן אויפהערן צו טראַכטן — אשטיינגער, ווי פון טויטע.

און נאָך אַלערליי זייער ערלעכע און זייער אויפריכטיקע פּרואוון פון זיין זייט, איז אויך בונעמען אינגיכן קלאָר געוואָרן:

— פאַרפאַלן... מיט גאָרניט מער קען ער דאָ ניט העלפן זיין משפחה... אויב זי איז איצט בכלל נאָך דאָ צווישן די לעבע־דיקע.

זעקסטער קאַפּיטל

טעג, וואָכן, חדשים

א.

זיינען אַזוי פאַרגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים. ווינטער־חדשים, פרילינג־חדשים.

ווינטער איז — ווינטער: שניי אויף ניו־יאָרקער גאַסן פאַלט אוים זעלטן. כאָטש עס גאַרן נאָך אים און קוקן אויף אים אוים די אויגן טויזנטער און טויזנטער היימלאָזע און פאַרוואָרלאָזטע טרעמפּס און גלאַט מענטשן אָן אַן אויסזיכט אויף קריגן אַרבעט ביי זייער אייגענער באַשעפטיקונג. מען בענקט נאָכן שניי, ווי נאָך אַ ווייסן און ליכטיקן דערלייזער: מען וועט דאָך פאַרדינען דעמאָלט אַביסל געלט ביים גיכן באַגראָבן דעם זעלביקן ליכטיקן דערלייזער, — ביים אַראָפּשאַרן דעם שניי פון די רוישיקע ניו־יאָרקער גאַסן... נאָר דער ווייסער און ליכטיקער דערלייזער לאָזט פונדעסטוועגן לאַנג וואַרטן אויף זיך, אויף זיין קומען און אויף זיין אייגענער באַגרע־בעניש.

דערפאַר פליאָכן אָפּט דורכן ווינטער מבולדיקע גוס־רעגנס. עס שטראָמען וויכערדיקע אָקעאַנען־ווינטן. אי די גוס־רעגנס, אי די ווינטן שמייסן און בייטשן די אינדרייען איינגעבויגענע דורכגייער, וואַרפן און יאָגן זיי הין־און־צוריק צווישן די קוואַדראַטן פון די גאַסן־קוואַרטאַלן, צווישן די קובן פון די הויכע מויערן.

ווינטער פאַרברענגט בונעם כמעט די גאַנצע צייט אין זיין שום־טער־שאַפּ. וואָס זיינען דען אַ ניו־יאָרקער מענטשנס פריידן בכלל, ווי גרוים איז זייער צאָל, — און וואָס האָבן דען געזאָלט זיין בונעמס פריידן? דעם ניו־יאָרקער מענטשנס ערשטע פרייד — די תאווה

צו מאַכן געלט — איז פאַר דער צייט אין אים אויסגעוואַקסן נאָך שטאַרקער און מעכטיקער. כאָטש איצט האָט דאָך שוין גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן בויען זיך, — וועגן פאָרן „אהיים" איבער־הויפּט. און שיקן אויף דער הוצאה דער משפחה אויף יענער זייט ים איז דאָך אויך געווען אַ זאַך אַ נוצלאָזע: עס וואָלט בלויז פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין וועג. פונדעסטוועגן האָט זיך בונעמען אַזוי שטאַרק און הונגעריק געוואָלט אַז די ציפערן אינם באַנקביכל, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטערן מאַטראַץ פון בעט, זאָלן ווערן אַלץ גרעסער, ברייטער, מערער... ווייל וואָס זיינען דען אַ ניו־יאָרקער מענטשנס פרייד בכלל, און וואָס האָבן דען געזאָלט זיין בונעמס פריידן?

ער פלעגט אָוועקאַרבעטן מיט גרויס חשק און ברען פון סאַמע איינדערפרי־אָן — נאָך ביים גאַז־ליכט און ביים וואַסערדיקן פרימאָרגן שיין וואָס זייעט זיך דורך פונם דרויסן דורך די ברודיקע פענצטער אינם שאַפּ אריין — ביז שפּעט אין דער נאַכט. זעלטן ווען פלעגט בונעם אַרויס אין גאַס. בלויז דעמאָלט ווען ער פלעגט דאַרפן גיין איינקויפן אַ שטיקל לעדער צי אַן אַנדער סחורה פאַר זיין אַרבעט. פון דורכגיין זיך גלאַט אַזוי, פון מאַכן אַ שפּאַציר האָט ער ניט געוואוסט. ווען שפּאַצירט עס דען אין ניו־יאָרק גלאַט אַזוי זיך? מען דאַרף דאָך זיין משוגע דערצו.

אָבער פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן איז דאָך בונעם סוף־כל־סוף אויך געווען אַ מענטש. און ער האָט אויך געמוזט האָבן זיינע ווירקלעכע פריידן — קליינע פריידן, גרויסע פריידן...

גאָר שפּעט אין דער נאַכט, שוין נאָך דער אַרבעט, פלעגן זיך אַמאָל צו אים אין קעלער אַריינכאַפּן עטלעכע באַקאַנטע. פלעגט מען מאַכן אַ קערטל, פלעגט מען אויסטרינקען עטלעכע פיינטלעך1) ביר. איין מאָל אין צוויי וואָכן, אין אַ שבת־אָוונט, פלעגט בונעם פאָרן דאַונטאַון, אויפן מיטינג פון דעם ברענטש אַרבעטער־רינג, וואוהין עס האָבן געהערט דאָס רוב זיינע לאַנדסלייט און וואו ער איז אויך געווען אַ מעמבער. ער פלעגט דאָרט מיט קאָפּ — קיינמאָל פונדעסטוועגן זיך ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק אין דעם וואָס עס קומט פאָר — זיך צוהערן צו די אייביקע פאַרהאַנדלונגען וועגן „לויפנדע פראַגן" אויף יעדן מיטינג, צו די „טאַגעס־אָרדענונגען", צו די „פּאָינט־אָוו־אָרדערס" און אָפּשטימונגען.

אַ מידער, תמיד אַ פאַרהאָרעוועטער, פלעגט ער אפילו ווייניק פאַרשטיין פון די אַלע ענינים וואָס פלעגן מיט אזא היץ „באַשפּראָכן" ווערן פון די מעמבערס. אים איז אָבער פונדעסטוועגן שטאַרק גע־פעלן געווען צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין אַ ליכטיקן זאַל, מיט אַזויפיל לאַנדסלייט אַרום זיך, מיט רויטע פּאָנעז און טראַנספּאַראַנטן אויף די ווענט, וואָס האָבן לוסטיק געוואונקען צו אים מיט מאָדנע אויפשריפטן און לאָזונגען, אויסגעהאָפטענע אין גאָלד. מיט אַ טומל־דיקן ווירוואַר אין מידן קאָפּ פלעגט ער זיך מיט נייגירדיקייט צוהערן צום ווילדן דייטשמעריש־ענגלישן לשון, וואָס איז פונדעסטוועגן גע־ווען אידיש, אין וועלכן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מעמבערס פלעגן אַזוי בריהש „דעבייטן" אינם געדיכטן קנויליקן רויך אַרום.

שטילערהייט פלעגט ער דערווייל פאַר זיך קונציק, אָן גערויש, אָנשפּאַלטן מיט די גרויסע פייכטע פערדישע ציין אינדיאַנער ניסלעך, — און זיי פלינק אַרונטערשלינגען, ווי סעמעטשקעס. ער האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט לאַכנדיקע און צופרידענע אויגן. און אַז עס פלעגט קומען צום אָפּשטימען, פלעגט בונעם מיט „יאַ־באַצייכענען" אָדער „מיט־ניין־באַצייכענען" — לויט דעם ווי דאָס רוב פאַרזאַמלטע אַרום אים פלעגן עס טאָן. און — „דאַמיט פּאַסירט עס".

יאָ, בלויז איין פרייד — די צווייטע גרעסטע פרייד פונם ניו־יאָרקער מענטשן — איז פאַר בונעמען געווען ניט צוגענגלעך: די פרייד פון גיין אין מואווינג־פּיקטשורס... ער האָט דאָך ניט גע־קענט איבערליינען די ענגלישע אויפשריפטן אויפן ליילעך. דערפאַר אָבער פלעגט ער איין מאָל אין חודש — אין אַ פרייטיק געווײנטלעך, ווייל אויף דעמאָלט פלעגט ער האָבן אַ פרייע קאָנטראַמאַרקע פונם טעאַטער פאַר דער דערלויבעניש צו פאַרהענגען זיינע פענצטער מיט די פאַרביקע און באַפּיקטשעטע טעאַטער־אַפישן — איז איין מאָל אַ חודש פלעגט בונעם אָנטאָן אַ יום־טובדיקן, אַ העלן אָנצוג, פלעגט זיך אָפּשערן און אָפּגאָלן, פלעגט באַשמירן די געדיכטע האָר זיינע מיט בריליאַנטינע, פלעגט זיך אָנשמעקן מיט אַ וואָלוועלן פּאַרפיום, אַריינשטעקן אַ קאָלירט טיכעלע אין אַ ווינקל־קעשענע פון זיין רעקל — אַ רעגעלער פראַנט! יום־טובדיק אַזוי אָנגעטאָן פלעגט ער אַוועק אינם נאָנטסטן אידישן טעאַטער, אין דעם לענאָקס־טעאַטער. און דריי פיר שעה נאָכאַנאַנד דאָרטן אי ווײנען און אי לאַכן בעת דער פאָר־שטעלונג, און שטופּן זיך דערנאָך, בעת דעם אַנטראַקט, צווישן היפּשע

מאסן הודיענדיקע און גענזלענדיקע אידענעם מיט ברייטע הינטנס, צווישן גאַנערדיקע אידן, פונקט אזוי יום־טובדיק אָנגעטאָן ווי ער, — אַלע מיט אָפּגעגאָלטע וואָנצן און גלאַטע פּנימער, איינער געראָטן אינם צווייטן, — מענטשן מיט קינסטלעכע ציין אין מויל און מיט קינסטלעכער פרייד אויף פּנימער.

יאָ... דאָס זיינען אפשר אַלץ געווען קליינע פריידן, אָבער ווער ווייסט עס דעם חילוק פון אַ קליינער ביז אַ גרויסער פרייד?

ב.

דערעיקר פרייד פאַר בונעמען זיינען אָבער געווען ווייבער, — נעגערשע ווייבער.

פאַרוואָס גראָד נעגערשע? אמת, אין אָט יענעם קוואַרטאַל האָבן געוואוינט טאַקע אַ היפּש ביסל נעגערס — נעגערשער לייב איז דאָרט געווען אַ וואָלוועלער ביסן. נעגערשע אָרימקייט אין אָט דער געגנט איז גרויס, און אַ האַלבער דאָלאַר גייט אין אַן אָרימער משפּחה בשום אופן ניט באַרוועס. דערצו איז ביי דער נעגערשער פרוי כלומרשטיקע בושה און אָנשטעל פון שעמעוודיקייט אויסערגעוויינטלעך קליין. דער מאַן גייט אינדערפרי אַוועק אַרבעטן אויף אַ גאַנצן טאָג ביים גראָבן אַ נייע סאָבוויי אָדער פירן שטאָטישן מיסט פון די גאַסן; און מען בלייבט אַליין אין דער אָרימער לאָך, אַן אָנגעשטופּטער מיט צעבראָכענעם מעבל און שטינקענדיקע טראַנטעס — איז טאַקע דעמאָלט אַביסל אומעטיק אויך. ווילט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקן פאַר עמיצן די ווייסע ציין אין אַ געלעכטער פון לעבנס־פרייד, — פון לעבנס־פרייד טיפער און ניט קאַליע־געוואָרענער, פון לעבנס־פרייד חיהדיקער.

יאָ, דאָס אַלץ איז טאַקע אמת. אָבער פונדעסטוועגן: ניט דערפאַר האָט בונעם געהאַט צו טאָן אויסשליסלעך מיט נעגערטעס.

אַרום שוסטער־קעלערס שמעקט עס תמיד, חוץ מיט לעדער און מיט שו־וואַקס, אויך מיט צעהיצטן פרויען־לייב. דאָס רוב זיינען עס גאַסן־פרויען וואָס האָבן ניט קיין אייגענעם ווינקל, און קענען אַמגרינגסטן פירן זייער געשעפט הינטער שוסטערישע פּאַראַוואַנען, וואו עס הערשט תמיד אַ שטיקנדיקע און לאַקנדיקע האַלב־פינצטערניש. און ס'איז דאָך שוין אַ פעסטגעשטעלטע תקנה אין

אַט דעם פּאַך: דער אייגנטימער פונם שוסטער־קעלער קריגט פון דער גאַסן־פּרוי זיין באַלוינונג אויך — און ניט מיט געלט, חס־ושלום, נאָר אין „נאַטור”.

אָבער פאַרוואָס נאָר גאַסן־פרויען? בונעמען, מיט זיין וואוק־סיקער פיגור, מיט זיינע היפשע גלאַנצעדיקע פּיסקעס און מיט זיין אָקסן־קאָפּ, וואָלטן גאָר גרינג אָנגעקומען פאַרבינדונגען אויך מיט די יעניקע ווייבער, וועלכע ווערן אָנגערופן אָנשטענדיקע פרויען. יאָ־יאָ! . . .

ניט איין לײדיקגייערישע מיסעס האָט זיך שוין פון לאַנג גע־קוואַפּעט אויף בונעמען ווי אַ באַרדער — אפילו ווי אויף אַ האַלב־אומזיסטן באַרדער. ניט איין זאַט־אָפּגעפרעסענע אַלל־רייטניצע, — אַ ווייבל פון אַן ערשט זיך ארויפגעארבעטן, ה א ל ב ־ רייכן ביז־נעסמאַן וואָס פאַרמאָגט נאָך ניט קיין אייגענעם שאָפער מיט וועמען צו פירן אַ זייטיקע ליבע, און וועלכע האָט דעריבער ניט וואו אַהינ־צוטאָן זיך אַ גאַנצן טאָג פון לײדיקגייערײ און שפּילנדיקע בלוטן, — ניט איינע אַזאַ זאַט־אָפּגעפרעסענע ווייבעלע פלעגט שוין זען אויס־זוכן ביי זיך אין דער באַלעבאַטישקייט אַלטע שיך, אַ פּאָר טופליעס פון פאַר דריי יאָרן וואָס זיינען געווען פאַרשטופּט ערגעץ אין אַן אַלמער, ווייל עס איז קיינעם אין קאָפּ ניט געלעגן זיי ארויסצוואַרפן. ווי אַ טייערן אבן־טוב, אָן וועלכן מען האָט זיך ביז איצט פאַרגעסן; ווי אַ פריינט אין נויט צו וועלכן מען קלאַמערט זיך מיט אַ באַזונ־דערער ווארימקייט — פלעגט מען ארומווישן און ארומשטויבן אָט די שקראַבעס מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, אָנטאָן זיי אויפן פוס ווי אַן איינציקע און אַ לעצטע פּאָר, און זיי ברענגען צו טראָגן צו בונעמען מיט אַ מוראדיקער איילעניש:

— בונעם מוז זיי באַלד, תיכף, שוין, גלייך אויפן אָרט פיקסן — אַז ניט פלאַצן זיי אַזש פון אומגעדולד, די דאָזיקע אַלל־רייטניצעס.

מיט צעפלאַמטע בעקעלעך, מיט הייס־בלאָזנדיקע נאָזלעכער פלעגט מען אונטערטראָגן דעמאָלט בונעמען ניט אַזאַ גוואַלטיק־גע־טאַקט „פּיסעלע” — ווי עפּעס אַ געשמאַקן מאכל אויף אַ טאַץ — יענער זאָל תיכף אראָפּשלעפּן דעם אַלטן שוך. דערביי ציט דאָס צע־לאָזענע ווייבל ארויף דאָס קליידל אירם אַ היפּש ביסל מער וויפיל ס'איז נויטיק, אומשולדיק אַזוי, באַווייזט אַ זיידנס אַ יצר־הרעדיקס אונטערקליידל וואָס טראָגט אין די פאַלדן פאַרבאָרגן אַן־אַ־שיר

פארשפּרעכן. די פארגאַסענע אויגעלעך זשמורען זיך בשעת־מעשה האלב צו, מיט אַ זיס שמייכעלע:

— זיי ניט קיין יאָלד — באַדייט דאָס דאָזיקע פּעטע שמייכעלע — זיי ניט קיין יאָלד און שטוים זיך אָן אַליין.

קיין יאָלד איז בונעם בשום אופן ניט געווען. אָבער „אָנשטויסן" זיך פּלעגט ער פונדעסטוועגן ניט וועלן: פון פאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט אַ ווייסער פרוי פּלעגט ער זיך אויסהיטן ווי פון פייער...

בונעם איז געווען טאַקע אַ מענטש אַ געזונטער, אַ מענטש איבער וועלכן דאָס בלוט זיינס האָט געהאַט אַסך מער דעה, ווי דער מארך. ער וואָלט זיך געוועזן גוט אויסגעלאַכט ווען אימיצער וואָלט אים געזאָגט אַז אַ מאַן זינדיקט קעגן זיין ווייב אויב ער שלאָפט מיט אַן אַנדער פרוי. אָבער איצט איז עס דאָך געווען עפּעס גאָר אַנדערש:

— אין אַזאַ צייט?... פע!... זייער, זייער פע!...

עס איז געווען פּונקט ווי ער וואָלט געזען, בונעם, מיט זיינע אייגענע אויגן:

ערגעץ דאָרט, אויף „יענער זייט", צווישן פעלדער און זומפּן, וואַלגערן זיך איצט זיין ווייב און קינדער אויפן ברעג פון אַ פרירנדיקער, פאַרוואַקסענער סאַזשעלקע (פאַרוואָס עפּעס אַ סאַזשעלקע? ער האָט עס אַליין ניט געוואוסט... אפשר האָט בונעם אַזאַ מין סאַזשעלקע געזען טאַקע אַמאָל ניט ווייט פון זיין היים־שטאָט, אין דער געדיכטעניש פון די פאָלעסיער וועלדער). זיי ליגן דאָרט אויפן ברעג דורך אַ לאַנגער פינצטערער נאַכט, אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע. אויפן פייכטן גראָז לעבן זיי וואַלגערן זיך אַ פּאָר פּעקלעך מיט פאַרכאַפּטע אַלטע בעבעכעס. אויפן הימל בלאַנדזשעט אַרום אַ פאַרלוירענע לבנה, קען זיך ניט אַרויספּלאָנטערן פון די צעריסענע וואָלקנס וואָס פאַרצאַמען איר דעם וועג; און פון דער טיפעניש פון די געדיכטע פאָלעסיער וועלדער טראָגט זיך דערמאָלט אַן אומהיימלעכער וואָיען פון הונגעריקע וועלף...

יאָ, ס'איז געווען פּונקט ווי בונעם וואָלט די גאַנצע צייט געהאַט אַזאַ מין בילד פאַר זיינע אויגן:

ערגעץ דאָרט אין די האַלב־ווילדע פאָלעסיער וועלדער באַהאַלטן זיך איצט אויס זיין ווייב־און־קינד, — באַהאַלטן זיך אויס שוין אַסך טעג און נעכט אַזוי... ווי חיות פאַריאָגטע קוקן זיי זיך יעדע

מינוט שרעקעוודיק אום אין אַלע זייטן, ציטערן אויף ביים מינדסטן וואַלד־שאָרך, ביים אַרונטערפאַלן פון אַ פאַרטריקנטן צווייגל אָדער פון אַן אַלטן פאַראיאָריקן בלאַט. מיט די לאַנגע שמוציקע נעגל גראַבליען זיי אויס פון דער ערד גרעזער און קרייטעכצער אַלערליי, פאַרפרוירענע וואָרצלען פון בוימער אויף צו דערהאַלטן אין זיך דאָס לעצטע ביסל חיות...

ניין, אַז עס זאָלן אים אין אַזאַ צייט ליגן אין קאָפּ „אַזעלכע" זאַכן — איז עס אודאי אַ זינד, אַ מיאוסע זינד, אַ שוואַרצע זינד. און אויב שוין יאָ באַגיין אַזאַ שוואַרצע זינד האָבן זיך פאַר דעם, לויט בונעמס יושר־באַגריף, געפּאַסט גיכער די נעגערשע ווייבער — אַליין שוואַרצע טאַקע, ווי זינד... אויף זיי האָט מען דאָך, שוין מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ניט געדאַרפט אפילו מער אויפהויבן די אויגן.

און זיי זיינען טאַקע דורכגעגאַנגען דורך בונעמס בערישע לאַ־פּעס אָן־אַ־שיר, די דאָזיקע נעגערטעס — איין וואָך איינע און די צווייטע וואָך אַן אַנדערע. פּונקט, אַשטייגער, ווי די שיך און שקראַ־בעס וואָס מען האָט אים געבראַכט צום פאַרריכטן, און וועלכע ער האָט מעכאַניש, גלייכגילטיק, דורכגעטאַפּט אין זיינע הענט.

ג.

עס זיינען אַזוי געלאָפן טעג, וואָכן, חדשים.

עס האָבן זיך אָוועקגעקייקלט אַזוי אַ יאָר־צוויי־דריי זינט די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, זינט די קנוילקע פייערן האָבן אָנגעהויבן איינוויקלען די גאַנצע ערד אויף יענער זייט ים.

„די גאַנצע ערד" — וואָס האָט דאָס דען געמיינט פאַר בונעמען? וואָס איז דען בונעמען אָנגעגאַנגען די גאַנצע וועלט, אָדער דאָס גאַנצע לאַנד רוסלאַנד? „אויף יענער זייט ים" האָט ביי בונעמען געהייסן די אַלטע היים (פון „אין דער היים" איז שוין איצט גע־וואָרן „די אַלטע היים"). נאָך ריכטיקער: אָט יענע שטאָט אין פּאָלעסיע וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב־און־קינד — און איבערגעלאָזט אויך אַ באַרג, אויף וועלכן ער האָט געהאַפּט אַמאָל צו „סטראָיען" זיך... און דאָרט איז פאַר אָט די צוויי־דריי יאָר

קיין שום ענדערונג ניט פאַרגעקומען, אַלץ דאָס זעלביקע: בלוט, און רויך, און פייער.

עס האָט זיך שוין דעריבער איינעם אויף דער זייט ים, וועלכער האָט זיך צו דעם אַלעמען געהאַט ביסלעכווייז צוגעוואוינט, איינגיכן נעגלויבט:

די דאָזיקע מלחמה, די „וועלט־מלחמה", איז דאָרט גאָר קיינמאָל ניט א ו י ס ג ע ב ר אָ כ ן — זי איז דאָרט געווען די גאַנצע צייט... שוין פון לאַנג־לאַנג אָן איז זי דאָרט געווען — און זי וועט נאָך דויערן אַזוי יאָרן, און יאָרן — זי וועט דויערן אפשר דורך אַ גאַנץ מענטשנס לעבן. דורך בונעמס גאַנצן לעבן, אַלנפאַלס.

דער רויך פון די ריזיקע שריפות אויף יענער זייט ים איז שוין געוואָרן, ווייזט אויס, אַזוי גרויס און אומגעהויער, אַז ער האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן דורכשלאָגן זיך אויך אַהער: אַמעריקע איז אויך ענדלעך אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה.

אָבער אויך אפילו אין מלחמה־צייט איז אַמעריקע פאַרבליבן אַ גליקלעך און אויסדערוויילט לאַנד: קיין פייער האָט דאָ קיינער ניט געזען, און קיין בלוט האָט דאָ קיינער ניט געשמעקט. ווירקלעך: פון דער גרויסער שריפה האָט מען דאָ געפילט בלויז — דעם רויך.

פון אַמעריקעס אַריינטריט אין דער וועלט־מלחמה האָט בונעמען, הויפּטזעכלעך, צום אַלעם ערשטן אינטערעסירט צו דערוויסן זיך דאָס: אים אַליין, ווי אַ מענטשן וועלכער איז שוין אַלט אַריבער פינף־און־דרייסיק יאָר, קען דאָס ניט אָנרירן — לכל־הפּחות, ניט אויף די ערשטע פּאָר יאָר.

כאָטש — איין קליינינקע ענדערונג איז דאָך פאָרגעקומען:

אָט יענע בלוטיקע און פייערדיקע קנוילן וואָס האָבן פון לאַנג־לאַנג שוין נידעריק זיך געוויכערט אויף פּאָלעסיעס פעלדער — אָט יענע מבולס, געמישטע פון בלוט און פייער, — האָבן שוין איצט אין די צייטונגען געהייסן ניט מלחמה, נאָר רעוואָלוציע. פּונקט ווי אין מיליאָנען אַנדערע גלייכגילטיקע מוחות האָבן דעמאָלט באַוויזן זיך אַריינצוהאַקן אויך אין בונעמס מוח, ווי שאַרפע פלאָקנס אין אַ שטיק סענקעוואַטע האַלץ, — אַזעלכע אומבאַקאַנטע נעמען:

— קערענסקי, באָלשעוויקעס, לענין, פּרעזידענט ווילסאָן, טראָצקי...

און — דאָס אַלץ; מער ניט.

דאָס וואָס מען האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם צאַר און אין רוס־לאַנד איז איצט אַנשטאָט אַ „סאַמאָדערזשאַוויע" איינגעפירט געוואָרן אַ „רעוואָלוציע" — דאָס, האָט בונעם בלינדערהייט פאַרשטאַנען, איז מסתמא געווען אַ גוטע זאַך: אַלנפאַלס, עס איז גוט פאַר אידן. אָבער ווייטער — וואָס איז בונעמען געווען דער חילוק? אויך דער־מאָלט האָט דאָך בונעם פון זיין משפחה, ווי מילאָנען אַנדערע מענטשן פון זייערע משפחות, קיין שום וואָרט ניט געקראָגן.

קיינער האָט דאָ, אינם גליקלעכן און געבענטשטן לאַנד, ניט געוואוסט ווען דער בלוטיקער מבול אויף יענער זייט, אין די אַלטע היימען פון מזרח־איראָפּע, וועט זיך ענדלעך איינשטילן. און קיינער האָט זיך אויך ניט געקענט דערווייל פאָרשטעלן וויאַזוי דאָס וועט פּאַסירן — א ו י ב עס וועט שוין פּאַסירן. ווייל מיט יעדן טאָג וואָס איז פאַרלאָפן האָט זיך ביי יעדן איינעם נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל:

— עס איז אַ מבול דאָרט אויף אייביק, אויף אייביק...

און ביסלעכווייז, מיט אַן אויפריכטיקן קרעכץ און ערלעכן זיפץ, האָט בונעם בנוגע זיין משפחה אָנגעהויבן פילן דאָס זעלביקע וואָס עס האָבן געפילט טויזנטער אַנדערע מענער און פרויען בנוגע זייערע משפחות:

— זיי זיינען דאָרט אַלע שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער, אויב זיי זיינען גאָר אינגאַנצן ניט אויסגעקוילעט געוואָרן.

אין בונעמען גופא האָט אַ האָפענונג פונדעסטוועגן נאָך ער־געץ־וואו געטליעט; חתונה האָבן האָט ער פונדעסטוועגן ניט געוואָלט.

— טאָמער... כ'וויים וואָס... אפשר איז פאָרט געשען אַ נס און זיי לעבן נאָך דאָרטן?

מענטשן וואָס זוכן אַ לאַנגע צייט אַרום אַ דערטרונקענעם פון וועלכן עס איז אין ערגעץ אויפן ברעג קיין שום סליאַד ניט געבליבן, גיבן דאָך פונדעסטוועגן ניט אויף די האָפענונג אַז דער דערטרונ־קענער האָט זיך מעגלעך גאָר ניט דערטרונקען, און ער וועט זיך נאָך סוף־כל־סוף אויפזוכן. אפשר טאַקע גראָד דערפאַר וואָס מען האָט אים ביז איצט נאָך אין ערגעץ ניט געפונען, וועט ער זיך גאָר אָפזוכן — אַ לעבעדיקער...

אלץ יאָ, בונעם! אָבער חתונה האָבן — ניט: מיט אָט דעם וואָלט ער דאָך ווי אַליין אינגאַנצן אָוועקגעהאַרגעט די לעצטע האָפענונג זיינע וואָס האָט נאָך ערגעץ־וואו אין אים געטליעט.

אַפּנים, אַז מחמת דעם טאַקע האָט בונעם זיך אויסגעהיט פון צו „פאַרטשעפּען" זיך מיט אַ מיסעם דאָרט, צי סתם מיט אַ ווייסער אידענע, וואָס דאָס איז געווען אַזוי גרינג פאַר אים: יעדע דויערנדיקע פאַרבינדונג מיט אַ פרוי אפילו אָן חתונה, איז פאַר בונעמען געווען אַלץ איינס ווי ער וואָלט פונדאַסניי חתונה געהאַט... נעגערטעם — אָ, דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש. ווייל ס'איז דאָך ניט שייך צו זאָגן: אַ ווילדע נעגערטע דאָרטן, אַ פאַרזעעניש מיט אַ מאַלפּע־פּנים, קען דאָך ניט פאַררעכנט ווערן ווי אַ קאָנקורענץ קעגן סטערען! קען דאָך ניט פאַררעכנט ווערן ווי אַ קאָנקורענץ מיט סטערען!

און נעגערטעם זיינען געווען אַסך, אַסך... בונעם פלעגט זיך אפילו ניט באַמיען צו פאַרגעדענקען זייערע נעמען. אָט די לוסטיק־לאַכנדיקע באַשעפענישן מיט זייערע פריידיק־בלישטשנדיקע ציין זיינען דורכגעגאַנגען דורך בונעמס בערישע לאַפּעס און געזונטע האָריק־באַוואַקסענע פיס, אין אַ שטענדיק זיך בייטנדיקער ריי. די וואָך — איינע; די אַנדערע וואָך — אַ צווייטע.

ער האָט געפילט צו אָט די פרייד־דורשטיקע, שוואַרצע און ברוינע באַשעפענישן — דורך די טונקעלע באַטאַגיקע שעהן הינטערן פאַראַוואַן אין זיין שוסטער־שאַפּ, אָדער דורך די זעלטענע פּעך־גלאַנציקע נעכט ווען אַזאַ איינע פלעגט זיך אַמאָל קענען אַרויסדרייען פונם מאַן וועלכער איז אַוועק ערגעץ אויף נאַכט־אַרבעט, און פלעגט קומען דעמאָלט פאַרברענגען צו בונעמען אויף אַ גאַנצער נאַכט — ער האָט דאָך צו זיי געפילט ניט מער אַנגעבונדנקייט ווי צו די פרעמדע שיך און שקראַבעס וועלכע ער האָט אָן־אַ־שיר דורכגעטאַפּט און „געפיקסט" דורך די לאַנגע און פילע אַרבעטס־טעג זיינע אין אַמעריקע — אין משך פון וואָכן, חדשים, יאָרן.

ד.

איז אָט אַזוי, מיט יעדן פאַרשוואונדענעם חודש, זיינען פאַר בונעמען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן די דריי נאָנטסטע מענטשן וואָס

ער האָט פאַרמאָגט אויף דער גאַרער וועלט, פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין — סטערע, ווינדער און טאַמאַרע.

זיי זיינען פאַר אים אָפּגעשטאָרבן מיט אַ טויט וואָס איז געווען אַסך טיפער, אויב מען קען אַזוי זאָגן, ווי געוויינטלעכע טויטן פון נאָענטע און אייגענע מענטשן: זיי זיינען אָפּגעשטאָרבן פאַר אים ניט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק — אינעווייניק אין בונעמס האַרצן און אין זיין געדעכעניש האָט דער טויט זיי פאַרשלונגען — און, ווייזט אויס, אויף אייביק.

פאַר אָט דער גאַנצער צייט האָט בלויז אַ צוויי מאָל אַ וואַרימע כוואַליע פון דערינערונג זיי ווידער אַרויסגעשליידערט צום ברעג פון זיין באַוואוסטזיין — עפּעס אין בונעמען האָט זיך דעמאָלט גאָר אומדערוואַרט אַ קאָרטש געטאָן, אַ צאַפּל געטאָן זיך אין פּיין.

איינאָל איז עס געווען אין אַ שפּעטן פרילינג־אָוונט.

אַ גאַנצן אָוונט האָט אין די שויבן געקלאַפּט אַ דערקוויקנדיקער פרילינג־רעגן. ער האָט דערקוויקט ניט נאָר די אַלטע ברוינע שטיינער פונם פּאַסאַד פון דעם שוסטער־שאַפּ מיט זיינע קויטיקע און תמיד־פאַרדריפּעטע פענצטער פון דרויסן — אויך אינעווייניק, אינם שטויביקן שאַפּ גופא, וואו די לופט פלעגט אַ ניט־צוגעוואוינטן מענטשן אַזוי שטיקן מיטן טשאַד פון דורכגעברענטער עלעקטריע און איינגעשטאַנענעם לעדער־געריך — אויך אינם שאַפּ איז אַלץ ווי דערקוויקט און אָפּגעפרישט געוואָרן.

דאָס דריבנע רעגנדל וואָס האָט נאָכאַנאַנד געטאַנצט און גע־פּויקט איבער די גאַס־שויבן, געדיכט פאַרהאַנגענע מיט טעאַטער־אַפישן, האָט זיך גערייצט מיט מענטשן, האָט געמאַניעט יעדן אין דרויסן אַרויס. און אויך בונעם האָט עס לאַנג ניט געקענט אויס־האַלטן, האָט דאָס מאָל אָוועקגעלייגט די אַרבעט פריער ווי געוויינט־לעך און איז אַרויס אין גאַס.

ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל פאַרוואָלט צו לאָזן זיך שפּאַנען, גיין ערגעץ איבער דער שטאָט מיט גרויסע און ברייטע טריט... נאָר וואוהין צו גיין האָט ער אין אָט דער מינוט ניט געוואוסט. ס׳איז געווען אַ מיטנוואָך. ניט קיין מיטינגען, ניט קיין טעאַטער. (די קאָנטראַמאַרקע זיינע איז געווען גילטיק אויף אַן אַנדער טאָג). באַקאַנטע פאַמיליעס וואוהין אַריינצוגיין האָט ער ניט געהאַט. די איינציקע צוויי לאַנדסלייט בונעמס מיט וועלכע ער האָט זיך באַ־

וויזן נענטער צו באַקענען — טאַקע אויף די מיטינגען פונם אַר־בעטער־רינג־בראַנטש — איז איינער פון זיי, דער קאָסטאָם־פּעדלער, געווען אַן עלטערער בחור. האָט קיין אייגענע היים ניט געהאַט. דער צווייטער באַקאַנטער לאַנדסמאַן, אויך אַ שוסטער, האָט אפילו יאָ געהאַט זייער אַ פיינע היים; ער האָט אָבער געוואוינט ווייט פון דאַנען, אַזש אין בראַנזוויל.

און ווי וואָלט ער עס אַריינגעגאַנגען איצט צו אַ באַקאַנטן אין שטוב אין אַ שום אויסרייד, פּ אַ ר ו ו אַ ס ער האָט איבערגע־לאָזט די ארבעט אינמיטן דערינען? חוץ דעם: עס האָט זיך בור־נעמען ניט געוואָלט טאַקע איצט זיצן אין שטוב, נאָר שפּאַנען גאָר אין דרויסן, — שפּאַנען נאָכאַנאַנד אין דרויסן...

אויף אַ נאָנטן ראָג איז געשטאַנען אַ געזעמל יונגוואַרג, איטאַ־ליענער מיט אידן געמישט, באַשפּרענקלט מיט אַ פּאָר מולאַטן־בחורימלעך. גרויסשטאָטישע חברהלייט מיט הויך אויף די שטערנס אַרויפגערוקטע קאַשקעטן, מיט הענט וואוילעריש פאַרשטעקטע אין די קעשענעס.

— זיי האָבן דאָרט עפּעס געזונגען און געדזשיגעט נאָכאַנאַנד — אפשר האָט זיך זיי אויך דאָרטן שטאַרק געגלוסט לאָזן זיך איצט לויפן הענדום־פּענדום, פליען איבער דער שטאָט אין דער לופט, פליען איבער די העכסטע טענעמענט־געביידעס און וואָלקנקראַצערס — נאָר זיי האָבן, שוין גאַרניט, ווי בונעם, קיינער פון זיי האָט פּשוט קיין גראָשן געלט ניט געהאַט אין קעשענע... אַזוי צי אַזוי: זיי זיינען געשטאַנען דאָרט, אונטערן פרישן רעגן, נאָכאַנאַנד אונטער־געפּייפט, געזונגען און לוסטיק געדזשיגעט. טאַנצנדיק אַזוי און זינגענדיק, האָבן זיי סיי־ווי אויסגעזען צו זיין די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט.

בונעם האָט זיך צוגערוקט צו זיי פון דער זייט, איז געבליבן שטיין ניט ווייט פונם פריילעכן בינטל. איבער זייערע קעפּ האָט געשיינט אַ גאַסיקע גאַז־לאַמטערנע. אירע שויבן זיינען געווען איינ־גאַנצן פאַררעגנט. נאָר דורכן פאַררעגנטן גלאָז האָט דאָס בלייך־גרינלעכע ליכט פונדעסטוועגן דורכגעשיינט שמייכלענדיק און האָ־פערדיק אַזוי, געשפּריט אַ פייכטלעך־זילבערנע נעץ איבער די קעפּ, איבער די אויבערשטע טיילן קערפּערס פונם פריידיקן יונגן געזעמל — ווי אַן אָרעאָל אַרום קעפּ פון הייליקע.

און דעמאָלט איז עס בונעמען אומדערוואַרט אויפגעשוואומען פאַר די אויגן דאָס געשטאַלט פון זיין זון ווינגדערן, דעם שלאַנקן יונג מיט די שטייף־פאַרמאַכטע ליפּן און די שווייגנדיק־באַפעלנדיקע אויגן. אויב ער לעבט נאָך בכלל אויף דער וועלט, וואָלט ער אודאי באַדאַרפט שוין זיין גאָר אַ גרויס בחור'ל, פונקט ווי אָט די לוסטיקע חברה דאָ אויפן ראָג־גאַס... ווען בונעם וואָלט אים, צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה, געהאַט אַריבערגעבראַכט אַהער נאָך פאַר דער מלחמה, — וואָלט ער דאָך אויך, ווי אָט־אָ די גאַנצע פריידיקע חברה אונטער דער פייכטלעך־ליכטיקער נעץ פון דער לאַמטערנע, געשטאַנען איצט אויפן ראָג־גאַס, זאָרגלאָז געזונגען און געדזשיגעט, געדזשיגעט לעבעדיק און דראָבנע, מיט שלאַנקע און קרעפטיקע פיס...

ווער־זשע איז אין אָט דעם שולדיק געווען, וואָס יענער האָט זיך איצט געפונען ניט אָט דאָ, אינם גליקלעכן לאַנד פון רו און ל ע ב ן, — נאָר ערגעץ אַנהערש — אויב ער האָט זיך נאָך בכלל ערגעץ וואו איצט געפונען? —

און נאָך אַ צווייט מאָל איז עס געווען, ווען אַ געדעכעניש־כוואַליע האָט ווידער, אומדערוואַרט און אומגעבעטן, אַ שווענק־אַרויף געטאָן אויפן ברעג — — —

דאָס איז געווען אויף אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג פון בונעמס ברענטש פון אַרבעטער־רינג, אַ פאָרשטעלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין קעסלערס טעאַטער, אויף דער יום־טובדיקער און ראש־באַלויכטענער סעקאָנד עווענוי.

ס'איז געווען דוקא אַ מיטנוואָכיקער ווינטערדיקער אָוונט, נאָר דער טעאַטער איז געווען היפּשלעך געפּאַקט מיט לאַנדסלייט און אַסך מיטגעבראַכטע באַקענטע וועמען זיי האָבן אין משך פון וואָכן און חדשים גאַנצע געהאַט אויף צופריער פאַרקויפט בילעטן.

אין טעאַטער האָט געהערשט אַ פייערלעכע און געהויבענע שטימונג. געשפּילט האָט מען זייער אַ רירנדיקע זאַך: „די צווייטע ווייב, אָדער די לעבעדיקע יתומימלעך". כאָטש אַ העלפט טעאַטער האָט אודאי ניט געוואוסט אפילו דעם נאָמען פון דעם געשפּילטן שטיק.

ווי אין אַ קדחת, האָט זיך דער עולם יעדע מינוט געוואָרפן פון טרערן אַרויס אין געלעכטער אַריין, און צוריק אין אַ גרויס געוויין

אריין. יאָ, ס'איז געווען אַ זעלטענער אָוונט — איינער פון די איינ־ציקע צוויי אָוונטן דורכן יאָר וועז כמעט אַלע לאַנדסלייט קומען זיך צוזאַמען פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון גרויס־ניו־יאָרק: די יערלעכע טעאַטער־פאַרשטעלונג און דער יערלעכער קאַרניוואַל־באַל.

איז עס געווען אָט די געהויבנקייט, די אָנגעצויגנקייט פונם גאַנצן אָוונט וואָס האָט צעריפּעט אַזוי בונעמס נערוון, אָדער די אויפרו־דערונג פון דער באַגעגעניש מיט אַזויפיל לאַנדסלייט אויף איין מאָל? נאָר ס'האָט פּאַסירט:

סאַמע אינמיטן דריטן אַקט, ווען דער העלד זיצט איינער אַליין אויף אַ באַנק אונטער אַ היפּשן פּאַפּירענעם געלן אולם־בוים, אין דערוואַרטעניש צו טרעפן זיך באַלד מיט דער אַמאָליקער געליבטער פון זיין יוגנט, וועלכע איז פון אים מיט יאָרן צוריק דורך אַ מיאוסער אינטריגע אָוועקגערויבט געוואָרן, — איז דעמאָלט פּלוצלונג איבערן גאַנצן זאַל, וואָס האָט זיך ערשט מיט אַ מינוט צוריק אַרונטערגע־גליטשט פון די שטולן אין ספּאַזמע־געלעכטערס, מיטאַמאָל דורכגע־גאַנגען אַ ציטער.

זיצנדיק אַזוי אין דעם העלן זוניקן טאָג אויף דער גאָרטן־באַנק אין דערוואַרטעניש, האָט דער העלד דערווייל אָנגעהויבן זינגען פאַר זיך אַ „שטיקעלע": „אדם יסודו מעפר... וסופו לעפר"... בונעם, ווי דאָס רוב מענטשן אינם צושויער־זאַל, האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שייכות דאָס דאָזיקע־אַ זיננען האָט צום אינהאַלט פון דער פּיעסע, און וואָס די געזונגענע ווערטער באַדייטן. נאָר דער שפּילער פון אָט דער ראָליע — וואָס דער עולם האָט זיך געשושקעט צווישן זיך אַז דאָס איז טאַקע דייוויד קעסלער אַליין! — האָט מיט אַזויפיל האַרציקייט און טיפן ווייטיק, פאַרגעסנדיק זיך אינגאַנצן אָן זיין וואַרטעניש און אָן דער גאַנצער דראַמע, געזונגען און געצויגן:

— אָ־וואָ־דאָם... אי־אי־אי... יעסוי־וואוי־וואוי־דו מעפר...

ס'האָט בונעמען מיטאַמאָל מוראדיק פאַרקוועטשט ביים האַרץ. ער האָט געדאַרפט גאָר שטאַרק פאַרבייסן די אונטערשטע דיקע ליפּ, עס זאָל פון זיין מויל ניט אַ שפּריץ טאָן דאָס כליפּעניש וואָס האָט אין אים אומגעריכט אויפגעוואַכט אינעווייניק.

יאָ, זייער ווייניקע פון דעם היפּשן שלוכצענדיקן עולם אַרום אים האָבן אפשר פאַרשטאַנען וואָס עס באַדייטן די דאָזיקע האַרציקע ווערטער וואָס דער „עקטאָר" האָט געזונגען און געצויגן. אָבער יעדן

איינעם פון די מאַנסבילן (אין די שוואַרצע סמאָקינגס מיט די זיידענע לאַמפּאַסן און לאַצן, מיט די שטייף־אָנגעקראָכמאַליעטע מאַנישקעס) וועלכע האָבן איצט טרויעריק אַרונטערגעלאָזט די קעפּ; יעדער איי־נער פון די גרויסע צעפּאָרענע אידענעס (כמעט יעדעס שטיקל נאַקעט לייב און אבער איינגעטונקט און באַפּוצט מיט בריליאַנטן, פּערל, פינגערלעך און אוירינגלעך) וועלכע האָבן הילכיק געכליפּעט און שפּעדיק געשנייצט די נעזער, — יאָ, אַפּנים, אַז אין יעדן איינעם פון זיי האָבן אָט די ווערטער אויפגעוועקט אַ געפיל פון שולדיקייט, האָבן דערמאָנט אָן עפּעס... ווער קען וויסן — אָן וואָס? בונעמען, אַשטיינגער, האָבן זיי דערמאָנט:

— מעגלעך אַז ער אַליין האָט נאָך אויך ערגעץ אַ משפחה, אַ ווייב און קינדער... איז וואו זיינען זיי איצט?

בשעת ער זיצט דאָ אין טעאַטער, אַ באַלויכטענעם מיט אַ ריזיקער ליוסטרע פון גאַנצע צען רייען עלעקטרישע לעמפּלעך און עלעקטרישער ליכט; בשעת ער זיצט דאָ אָן אַרומגערינגלטער מיט אומצייליקע גילדענע מלאַכימלעך אויפן באַלקן און אויף די קאַרניזן, מיט אויס־געמאַליעוועטע גן־עדן־סצענס אויף די ווענט, — מעגלעך, אַז סאַמע אין דער זעלביקער צייט וואַלגערן זיי זיך דאָרט איצט אויף די בריאַפּעס פון פאַרפרוירענע פעלדער, און האָבן שוין מער אפילו קיין כוח אויסצוגראָבן די וואָרצלען פון דער פאַרהאַרטעוועטער ערד אַרויס...

יאָ, די גאַנצע נאַכט דערנאָך איז בונעם דעמאָלט אַ צערודערטער, און קען בשום אופן ניט איינשלאָפן. שולדיק קעגן זיין משפחה האָט ער זיך דאָך מיט גאָרניט געקענט פילן: ער האָט דאָך ממש אָפּגעקלאַפּט די טירן פון אַלערליי אידישע און ניט־אידישע געזעל־שאַפטן און אַנשטאַלטן, — ער האָט דאָך געטאָן אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט אויף אויסצוגעפינען זיין משפחה, אויף צו העלפן זיי. אָבער פונדעסטוועגן...

ווען אויף מאָרגן איז אַריינגעקומען צו אים אַ נענערשע געליב־טע, האָט בונעם זיך אָנגעכמורעט, צונויפגעצויגן זיינע ברעמען און אַ שטיקל צייט ניט געוואָלט אפילו אויפהויבן צו איר זיינע אויגן פונם שיך אויף דער אייזערנער פּאַרמע וועלכן ער האָט איצט גע־האַלטן אין פאַרריכטן.

דזשעראלדין — אזוי האָט אָט די נעגערטע געהייסן — האָט זיך עס אָבער צום האַרצן שטאַרק ניט גענומען. זי איז געבליבן שטיין אַזוי אָנגעשפּאַרט אָן דעם קראָם־טיש אַביסל אין פאַרוואונ־דערונג איבער דעם קאַלטן ברוך־הבא, האָט געשטשירעט אויף בונע־מען אירע ווייסע לוסטיקע ציין, האָט שווייגנדיק געשמייכלט און גע־שפּילט זיך מיט עטלעכע טשוועקלעך אויף דער קאָנטאָרקע.

און ווען זי איז געשטאַנען אַזוי אַ לענגערע צייט איבער אים, האָט דער באַזונדערער שוויס־ריח פון איר טשוהון־טונקעלן לייב אים באַלד אָפּגעגאָסן מיט אַ כוואַליע היץ. נאָך אַלץ ניט קוקנדיק אויף איר, האָט בונעם זיך אויפגעהויבן, שווייגנדיק זי אָוועקגעשאַרט פון וועג, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַראָפּגעלאָזט די קווי־טיקע צעראַטענע ראָלעטן, ווי געווײנטלעך אין אַזעלכע פאַלן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טיר, פאַרשלאָסן זי פון אינעווייניק, און אויף דער טיר־שויב אויפגעהאַנגען אַ ווייס־קאַרטאָנענע שילדל מיט צוויי שורות שוואַרצע אותיות:

— מיטאָג־צייט געשלאָסן. עפנט זיך צוריק אין אַ שעה אַרום.

ה.

און ווידער זיינען פאַרלאָפן טעג, וואָכן, חדשים.

אין משך פון אָט דער צייט האָט זיך אין בונעמס האַרץ ביס־לעכווייז אויפגעוועקט און איז וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער אויס־געוואַקסן אַ ליבשאַפט צום נייעם לאַנד, צו אַמעריקע.

ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פילן דאָ ניט ווי קיין פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער, כמעט ווי אַ מענטש אַ היגער. ער האָט שוין געקענט ריידן אַביסל ענגליש, אָט ווי מען האָט עס גע־רעדט צווישן די זייניקע, — דאָס הייסט, ער האָט זיך אויסגעלערנט צו ריידן אַביסל אידיש מיט ענגלישע ווערטער דורכגעמישט.

די ליבשאַפט צום נייעם לאַנד איז געוואַקסן נאָכאַנאַנד. די צו־געבונדנקייט צו אים מיט נייע שטריק — אפשר איז אין דעם טאַקע געווען די צוגעבונדקייט דורך די שטריק פון דעם באַנקביכל זיינעם וואָס איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ „שווערער". אָבער עס קען דאָך אויך זיין:

פאַר אָט די טעג, וואָכן חדשים, יאָרן, זיינען די זאַפטן פון דער נייער ערד, פון דער ברייטער, אי נאָכגיביקער און אי פעלזיקער אַמעריקאַנישער ערד — וואָס האָט אים אַזוי גערן אויפגענומען אין איר שוים אַריין אויף צו שוויצן, האָרעווען און פאַרזייען אין איר זיינע אייגענע זאָמען, די זאָמען פון זיין אייגענעם דערפאָלג — עס קען דאָך זיין, אַז פאַר אָט דער צייט זיינען אויך אירע זאַפטן אומ־געזעענערהייט אין אים אַריינגעוואָקסן, האָבן געשטראָמט איצט מיט נייער מונטערקייט אין זיין פרישן און געזונטן לייב... ווייל ס'איז דאָך אַן אמת געווען: בונעם האָט שוין אַ לענגערע צייט אָנגעהויבן פילן מיט יעדן איבער זיינעם אַז דאָ איז ער עפּעס אינגער געוואָרן, — ניט נאָר רירעוודיקער און ענערגישער, נאָר אפילו אינגער פון אויסזען טאַקע אויך.

ס'איז בונעמען פון לאַנג געווען שוין קלאָר:

מיט דער אַלטער היים, וואָס איז איצט געלעגן אינגאַנצן אַ פאַרשווייניקטע מיט בלוט, זיינען אַלע זיינע באַנדן איבערגעריסן גע־וואָרן — און, ווייזט אויס, אויף אייביק. ס'איז אויך געווען קלאָר: זיין, בונעמס, היים וועט שוין תמיד זיין אין אָט דעם נייעם לאַנד. און אויב ער וועט זיך אַמאָל נאָך „סטראָיען", וועט עס אויך זיכער זיין דאָ, און ניט ערגעץ־אַנדערש...

און מסתמא איז דאָ אויך געווען נאָך עפּעס וואָס כאָטש בונעם, ווי אַלע געזונטע מענטשן, האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט, איז עס דאָך פונדעסטוועגן געווען — געווען אין זיין בלוט מיט דער זעלביקער געוויסהייט, ווי אָט יענע פרישע שטראָמענדיקע זאַפטן פונם נייעם לאַנד.

— צי ער וועט זיך דאָ „סטראָיען", צי ניט — איינס אָבער געוויס: דאָס לעצטע שטיבל זיינס, צום סוף פון זיינע טעג, וועט מען אים זיכער אויסבויען דאָ. — — —

צווייטער טייל



„בירגער־קריג", פון מ. זאלאטאראוו

ערשטער קאַפּיטל

ווִיגדער

א.

ווִיגדער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין צו־שטאַרקן חשק אויף צו גיין אין חדר אריין, אָדער אויף צו לערנען זיך אין דער היים, צי גלאַט אפילו אויף צו זיצן אין שטוב און לייענען שיינע ביכלעך. ניט אפילו ווען דער טאַטע איז נאָך געווען דאָ, בפרט נאָך איצט.

אסך ליבער פלעגט ער שוין האָבן — ווען נאָר ער פלעגט קענען קריגן דערצו די „מאַטעריאַלן״ — צו פּאָרען זיך מיט אַלערליי לײדיקע קעסטלעך פון זייף און פאַרשיידענע קאָנסערוון; אַרומצופּאַדיען ארום בלעכליי אַלטע פאַרזשאַווערטע בלעכלעך און קווערטלעך וואָס ער פלעגט נאָר קענען צונויפזאַמלען הינטער פּלויטן פון ליידיקע הויפן.

ער פלעגט פון דעם אַלעמען אויסמאַיסטערעווען באַנען מיט לאָקאָמאָטיוון, אַ „טשערעפּאַלקע״ וואָס רייניקט אויס דעם זאַמד פונם טייך — אַזויווי ער פלעגט זען סוף זומער ניט ווייט פון זיי, אויפן וואַסער — אַ שווערע „זאַך״ מיט אסך נידעריקע בייכיקע בערלינקעס ארום איר; אַ זאַוואָד מיט הויכע קוימענס, — אַזאַ ווי ער האָט אַ פּאָר מאָל געזען אויף קימבאַראָווקע, אין דער דאָרטיקער גרויסער שוועבעלעך־פאַבריק.

— ווי קומט ער אַהין, אויף דער ווייטער שוועבעלעך־פאַבריק וואָס אַזש אין קימבאַראָווקע?

עס פלעגט ווִיגדערן אַמאָל שוין שטאַרק דערעסן צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין חדר און צוקוקן זיך נאָכאַנאַנד ווי ברוך־משה־מרדכים קנייפּט און קנעט אין מאַכטלאָזן כעס דעם נאַקעטן און צעגריבלטן טיש. ווייל די תלמידים זיינע האָט ער פונדעסטוועגן שוין איצט

מורא געהאט צו קניפּן, נאָכדעם ווי ער האָט געכאַפּט אַ מיאוסן אָפּשניט פון אַ פּאָר מאַמעס וועלכע זיינען געקומען אין חדר אריין און האָבן מיט מוראדיקע יעלות געשטופּט די בלויע שיניאַקעס פון זייערע בנאַקלעכס לייבער גלייך ברוך־משה־מרדכין אין זיינע צע־שראָקענע פאַרזשמורעטע אויגלעך אריין.

ווינגדער פלעגט דעריבער אַמאָל פועלן ביי זיך אָפּנאַרן די מאַמען. נאָך וואַרמעס, אָנשטאָט אומצוקערן זיך צוריק אין חדר אריין, פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן בלאָנדזשען הינטער דער שטאָט, — אַשטייגער, אויף די טראַקטן וואָס פירן דורך דער וואַלדיקער קסיאָנדזאָווקע, פאַרביי די אידישע שלאַכטהייזער.

צוליב וואָס עפּעס קיין קסיאָנדזיאָווקע? אָט פאַרוואָס:

דאָרט, אויף דער וואַלדיקער גויאישער קסיאָנדזיאָווקע, האָבן זיך אין גרויסע און זאַמדיקע פויערשע הויפן געפונען, אַסך גרויסע און בייזע הינט. די חדר־אינגלעך פלעגן זיי רופן „פירכטערלעכע כלבים" — ווייל אַזוי האָט זיי דער רבי אַמאָל אָנגערופן.

אין אַ שבת־נאָכמיטאָג פלעגן געוואַגטע אינגלעך זיך צונויפ־נעמען מחנותווייז, זיך באַוואָפענען מיט שטעקנס און אַוועקלאָזן זיך מיטן טיפן וואַסער־אויסגעגעסענעם גראָבן וואָס האָט געפירט דורך קסיענדזאָווקע, פאַרביי די גויאישע הויפן.

אַרויסלאָזן זיך אין וועג אריין פלעגט מען מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ און קעמפּעריש בלישצעל אין די אויגן; נאָר ווען די „פירכטער־לעכע כלבים" פלעגן זיך מיט אַ מוראדיקער בילעריי אַ וואָרף טאָן צו די פּלויטן, — כאָטש אריבערשפּרינגען זיי האָבן זיי, ווייזט אויס, ניט געקענט, — פלעגן זיך די אינגלעך צעלויפן אין אַלע זייטן.

ווינגדער איז די ערשטע פּאָר מאָל אויך אַוועקגעלאָפן — ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַלעמענס שרעק. נאָר ער האָט ביי זיך אינגיכן באַשלאָסן אַז אַזוי איז ניט שיין. ער האָט ביי זיך געפּועלט אַז ער וועט זען, און דוקא איינער אַליין, אַפּאָר מאָל דורכגיין דורכן גראָבן און ניט אַנטלויפן פאַר די הינט. און אַזוי האָט ער געטאָן.

איינמאָל, און אַ צווייטן, און אַ דריטן מאָל האָט ער אונטער־גענומען אַן איינזאַמען שפּאַציר דורכן „ראָוו". ער פלעגט גיין שטאָלץ אויסגעגלייכט און פלעגט זיך אפילו ניט אומקוקן, ווען די הינט האָבן מיט אַן אימהדיקער בילעריי באַקלעפּט די פּלויטן פוןביידע זייטן וועג, זיינען פון ווילדער צערייצטקייט אַזש אונטערגעשפּרונגען

און זיך איבערגעקוליעט אין דער לופט. אזוי לאנג און אפט האט עס ווידער געטאן, ביז ער האט זיך ניט ענדלעך איינגאנצן איבערציינגט אז ער האט שוין ניט מורא קיין ברעקל פאר אט דעם אונטערשטאטישן שרעק פון אלע חדר־אינגלעך.

און אז קסיאנדזיאווקע האט שוין ביי אים דערנאך אנגעוואָרן דעם רייץ, פלעגט ער זיך, אין אזעלכע אפגעגנבעטע נאכווארמעסן, אוועקלאזן מיטן וועג וואס ביים טייך־ברעג. פאזע די בערג וואס האבן זיך אויפגעהויבן לינקס פונם טייך ווי א שארפע וואנט, האט דער וועג געפירט קיין קימבאראווקע, צו דער פאבריק.

שוין דער דאזיקער ברעג־טייך אליין, און דער וועג אויף אים, פלעגט ווידערן שטארק באכישופן — פלעגט אים באכישופן אסך מער אפילו ווי אין אט יענעם פרילינג־טאג מיט א פאר יאר צוריק, ווען דער טאטע איז אוועקגעפארן אינם וויטן לאנד אמעריקע, אויף יענער זייט פון די וויטסטע ימען — אוועקגעפארן און פארלאזט זיי, קענטיק, שוין אויף אייביק... אבער דער עיקר איז פונדעסטוועגן געוועזן די פאבריק אליין.

א גאנצן נאכמיטאג פלעגט ער זיך קענען אפדרייען אזוי ארום דער פאבריק, ארום דער הויכער דיקער ציגעלנער וואנט וואס רינגלט ארום אלע פאבריק־בנינים ווי א פעסטונג־מויער. אינעווייניק פלעגט דאך דער וועכטער ניט אריינלאזן.

פונדערווייטנס שלינגט ווידער מיט ברענענדיקע הונגעריקע אויגן דעם הו־הא און דעם טומל וואס הערשן תמיד ארום דער פאבריק:

ער קוקט צו ווי מען ברענגט צופירן גרויסע וואגאנעס מיט געהילץ און מיט טרוקענע דראניעס — פון דעם צעשניידט מען עס, אפנים, די פיצינקע העלצעלעך פאר די סירניקלעך.

ער זאפט אין זיך אריין דעם ריח פון פאפ און שוועבל וואס טראגט זיך פון ערגעץ אן אינעווייניקסטן פאבריק־קארפוס וואו עס קאכט זיך דער שוועבל — דער שארפער ריח פילט אן דעם גאנצן אפגערייניקטן שטיק וואלד ארום — די פאבריק־בנינים געפינען זיך אויף א „דעליאנקע", אן ארומגערינגלטער פון אלע זייטן מיט סאסנעס און יאדלע־בוימער.

ער קוקט אריין דורך די ריזיקע פילשויבנדיקע פענצטער פון דעם נאנטסטן הויכן בנין ווי עס ברענען דארט פייערן אפילו איצט, כאטש

ס'איז העלער טאָג אין דרויסן; ווי עס ציטערט נאָכאַנאַנד די לופט פונם שטאַרקן און טויבן הודזשען פון עפּעס אַ גרויסער מאַשינע — אָדער אַסך, אַסך מאַשינעס;

ער הערט זיך צו, ווי צו דער שענסטער מוזיק, צו דעם קוויטשיקן הילכעריי פון ריזיקע זעגן אין דער פאַבריק־ליעסאַפּילנע, וואו די געבראַכטע קלעצער ווערן צעשפּאָלטן און צעפּערטלט — דאָס קוויטשיקע זעגן פאַרענדיקט זיך יעדעס מאָל מיט אַ שטומפּיקער טויבער הוזשעריי... אַך, ס'איז אַזוי גוט!

— נו, און דעם רבין? וואָס פאַר אַ תירוץ גיט מען דעם רבין?

דעם רבין פלעגט ער דערנאָך דערציילן אַ מעשה אַז די מאַמע האָט אים געדאַרפט גראָד נויטיק אויפן מאַרק — ס'איז ביים רונדוס מיטאַמאָל געוואָרן אַ גרויסער האַנדל... און אויב סטערע פלעגט זיך אַמאָל דערפון אויך דערוויסן, פלעגט זי מאַכן אַ שוויַיג, און ווײַגדערן וועגן דעם ניט אויסריידן.

זי האָט דאָך גוט געדענקט:

די ערשטע איבעררײַדן אירע מיט אים — וואָס זי האָט עס גיכער געטאָן דערפאַר ווייל מען טאָר דאָך ניט דערלאָזן אַזעלכע „סאַמע־וואָילסטוויעס" ביי אַ קינד, און ניט ווייל זי האָט עס זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן ווינגדערס „צעלאָזנקייט" — אָט די ערשטע איבעררײַדן אירע מיט אים האָבן איר סיי־ווי ווייניק וואָס געהאָלפן. ווינגדער, תמיד אַ געהאַרכזאַמער און אַן איבערגעגעבענער, פלעגט זיך אין אַזוינע פאַלן אָנבלאָזן, אַרונטערלאָזן די אויגן און בלויז אַ בורטשע טאָן עפּעס, — אַשטייגער, אַז אין חדר האָט ער יענם מאָל סיי־ווי ניט געהאַט וואָס צו לערנען: ער האָט שוין אַזוי אויך גוט געוואוסט דעם שיעור... אָדער אַז דער קאָפּ האָט אים דעמאָלט אַזוי ווי געטאָן, ממש זיך געשפּאָלטן — ער האָט געמוזט דורכלויפן זיך אַביסל אויף דער פרייער לופט...

אָפּגעזאָגט זיין אויסרייד, פלעגט סטערע אויף זיין פּנים ניט איבערלייענען קיין סימן אפילו פון חרטה. די אַרונטערגעלאָזענע אויגן, — נו, דאָס איז אפשר געווען דערפאַר וואָס מען צווינגט אים צו זאָגן ליגן, אַ זאַך וואָס ווינגדער האָט זייער ניט ליב געהאַט; סטערע האָט גוט געוואוסט אָט די טבע ווינגדערס פון זיין פריער קינדהייט אָן.

פלעגט ווינגדער בלייבן אזוי שטיין קענגן איר מיט עקשנותדיק־אראפּגעלאָזטע אויגן און מיט ליפּן שטייף־צונויפגעשנורעוועט. און מער ווי אַלע מעגלעכע רייד, האָט אָט דער אויסדרוק פון זיין פּנים געזאָגט:

— טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, מאַמע... אָבער דעם חדר קען איך פאָרט ניט פאַרטראָגן.

ב.

און אַז ס'איז אַריבער אַזוי אַ יאָר־צוויי נאָך בונעמס אוועקפאָרן און ס'האָט זיך נאָך אַלץ ניט אַרויסגעוויזן קיין שום האָפענונג אַז די משפּחה זאָל זיך אינגיכן צוזאַמענקומען אינאיינעם, — האָט סטערע באַשלאָסן אַז ס'איז נויטיק צו טראַכטן וועגן עפּעס אַ תּכלית פאַר ווינגדערן:

— און אַז ער וועט לערנען אין חדר נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי — איז וואָס וועט זיין דערמאָלט? קיין רב וועט ער שוין סיי־ווי קיינמאָל ניט ווערן.

האָט זי גענומען און אים אוועקגעגעבן אין דער לער צו אַ טיפּאָגראַפּשטשיק.

די דרוקעריי, די איינציקע אין שטאָט, האָט געהערט דעם שטאָטישן ראַבינער, אַפּאָלינאַרי יאַקאָוולעוויטש סלאָנימסקין — אַ ניי־דעריק־וואוקסיקן פאַרשוין מיט אַ ברייטן גוף, אַ ברייט־צעקעמטער באָרד, אַ ברייטן גלאַטן שטערן און מיט אַ נחתדיקן ברייטן שמייכל אויף די ליפּן. אפשר האָט דער ראַבינער מיט אָט דער דרוקעריי געהאָפט צו פאַרשפּרייטן צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג אביסל מער בילדונג, — מיט די צוויי יערלעכע דרשות זיינע אין די טאַבעלן־טעג, אין אילומינאַציע־טאָג און אין געבורטסטאָג פון דער קייזערין, איז עס אים, אַפּנים, געלונגען ניט אין אַ גאָר גרויסער מאָס.

קיין סך ווערק וואָס זאָלן פאַרשפּרייטן ליכט און בילדונג האָבן זיך אַפילו אין דער דרוקעריי קיינמאָל ניט געדרוקט: טעאַטער־אַפישן בלויז, קאַזיאָנע פּאַפּירן, מעטריקע־בלאַנקען, חתונה־איינלאַ־דונגען, לשנה־טובה־קאַרטלעך... דעם ראַבינער אָבער האָט זיך, אַפּנים, געדוכט: די עצם־עקזיסטענץ פון אַ דרוקעריי אין שטאָט

— אַ דרוקעריי מיט מאַשינעס און מיט אַן אייגן עלעקטריש לעמפּל איבערן שילד, — פון אַן אייגענער באַטאַרייע, — אַ שוואַך לעמפּל וואָס האָט אין די אָוונטן אַרויסגעזייט פון זיך עפּעס אַ וואַסערדיק־גרינעם שיין, — דאָס אַליין באַדייט שוין אויך גענוג ליכט און ביל־דונג אין אָט דער קליינער אָפּגעשטאַנענער פּאָלעסישער קרייז־שטאָט.

נאַטירלעך, האָט ער פון דער דרוקעריי גאַנץ פיין פּאַרדינט אויך; אָבער דאָס איז שוין געווען אַ זייטיקע זאַך. דער עיקר — דער עיקר איז דאָך געווען עפּעס אַנדערש. ווער האָט עס דען געקענט אָפּלייקענען? זיכער!

— די דרוקעריי איז געווען די אינטעליגענטסטע אונטערנעמונג אין דער גאַנצער שטאָט...

אַריינגעבן ווייגדערן אין דער לער אַריין אין אָט דער אינטעלי־גענטסטער אונטערנעמונג פון דער גאַנצער שטאָט איז פונדעסטוועגן סטערען אָנגעקומען ניט אַזוי שווער ווי מען האָט זיך לכתחילה געקענט פאָרשטעלן.

ווייגדער האָט שוין אין שטאָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ בחורל אַ שטילן און אַ „לייטישן", און דער עיקרשט — אַן „אינטעליגענט־נעם": מען ווייסט ניט ווי אַזוי אפילו — אין דער „פּריכאָדסקאָיע" שולע איז ער דאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען און קיין לערער האָט מען פאַר אים אויך ניט געהאַלטן; אָבער ווייגדער האָט געקענט גאַנץ פליסיק לייענען און אויסלייגן „רושעס". אודאי, האָט קיינער ניט געוואוסט אַז דאָס האָט ער עס זיך אַליין אויסגעלערנט, בלויז פונם נאָכאַנאַנדיקן לייענען און איבערלייענען ממש אַלע, אַלע שילדן אין שטאָט — די שילדן אויף די אַלערליי קראָמען און מלוכהשע אינ־סטיטוציעס.

איז אין אָט דער דרוקעריי האָט ווייגדער אָפּגעאַרבעט צוויי יאָר נאָכאַנאַנד — און זייער שווער געאַרבעט.

דאָס ערשטע יאָר האָט סטערע נאָך געדאַרפט פאַר אים צוצאָלן דעם ראַבינער צען רובל. דערפאַר אָבער האָט ער שוין דאָס צווייטע אַרבעטס־יאָר זיינס אָנגעהויבן אַליין צו פאַרדינען געלט — דאָס צווייטע יאָר האָט מען שוין אים געצאָלט צען רובל.

ביידע יאָר האָט מען אים דעם פאַך ווייניק געלערנט; ער פלעגט נאָכאַנאַנד אַרומלויפן אין שליחותן, סיי פאַר דער דרוקעריי און סיי פאַר דעם ראַבינערס קהלשע ענינים. אין דער דרוקעריי גופא

פלעגט ער דערעיקרשט הויבן גרויסע ראָלן פּאַפּיר, אַריבערטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן היפּשע קאַסטנס בליי און צעשאָטענעם זאַץ. ווייגדער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט באַקלאָגט פאַר קיינעם. חוץ דעם וואָס דאָס איז ניט געווען אין זיין טבע, איז ער טאַקע געווען צופרידן אויך פון אָט דער אַרבעט. דאָס איז דאָך געווען די איינציקע מעגלעכקייט זיינע דאָ אין שטאָט זיך אויסלערנען אַן אַרבעט וואָס האָט עפּעס צו טאָן מיט מאַשינעס.

צום פאַך גופא האָט מען אים ווייניק און ניט־גערן צוגעלאָזט. סיידן אפשר בלויז אויף צו פאַנאַנדערסאָרטירן איבער די קאַסטנס די קליינטשינקע בלייענע אותיות־שטעקעלעך, — פּעטע און גלי־טשיקע אַזעלכע אין זיינע הענט ווי לעבעדיקע באַשעפענישן מיט לאַנגע ווייַדעלעך — ווי יונגע זשאַבקעלעך. אָדער בעת מען פלעגט אים אַנידערשטעלן אויף שעהן נאָכאַנאַנד צו דרייען דעם ריזיקן ראָד פון דער דרוק־מאַשין, — ציען זיך אינדערהויך מיט זיין גאַנצן קערפּער און דערנאָך זיך איינבויגן כמעט ביז צו דער ערד.

אָבער ווייגדער מיט זיין עקשנותדיקער אַנטשלאָסנהייט צו וויסן אַלץ וואָס ס'איז נאָר דאָ אין זיין פאַך צו וויסן, פלעגט זיך שוין תמיד מיט שאַרפע און אָפענע בליקן צוקוקן צו דעם וואָס עס טוט זיך אַרום אים... אַזוי אַז צום סוף פון די צוויי יאָר האָט ער שוין געוואוסט אין זיין פאַך גאָר אַ היפּש ביסל — געוואוסט אַסך מער ווי עס האָבן עס געקענט פאַרדעכטיקן די באַלעבאַטים זיינע, דער ראַבינער און די ראַבינערשע, און אפילו דער עלטערער מייסטער פון דער דרוקעריי אַליין.

ג.

דעמאָלט איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

ווייגדערן, אין זיין וועלט, האָט די מלחמה דערווייל אָנגערירט בלויז אויף אַזויפיל אויף וויפיל אין איינעם אַ טאָג, סאַמע אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, איז אָנגעקומען צום ראַבינער, דעם אייגנטימער פון דער שטאָטישער דרוקעריי, אַ באַאומרויקנדיקע פאַראָרדענונג פונם אָרטיקן איספּראַווניק. אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט פאַרבאָטן צו דרוקן זאַכן — וואָס עס זאָל ניט זיין — אויף אידיש.

די פֿאָראָרדענונג האָט געבראַכט צוטראָגן אַ גאָראָדאָוואָי, אַ פֿאַרשוין מיט אַ זייער בייזן און שטרענגן פּנים. פּונקט ווי יעדער איינער אין שטאָט, האָט אויך ווינגדער גוט געקענט אָט דעם פֿאַרשוין מיט דער רויטער צעפּוילטער נאָז און מיטן פּאָקן־צעגראָבענעם פּנים. ניט קיין געוויינטלעכער גאָראָדאָוואָי איז עס געווען, נאָר איינער מיט צוויי דיקע זילבערנע שטריקלעך אויף זיינע בענדלעך־עפּאָלעטן: אַ באַאַמטער פֿאַר ספּעציעלע פּאָליציייִשע שליחותן.

דאָס מאָל איז זיין פּנים געווען נאָך בייזער און שטרענגער ווי געוויינטלעך — אויב אַזוינס האָט נאָר געקענט געמאָלט זיין. ווי זייער אַ וויכטיקן טשינאָווניק, האָט אים דער ראַבינער גלייך איינגעלאַדן אין דער קליינער קאָנטאָר, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פֿון דער דרוקעריי מיט אַ ווענטל פֿון ניט־געפֿאַרבטע ברעטלעך.

ווינגדער נעמט דעמאָלט און טראָגט אומישנע אַריבער אַ קעסטל זאַץ אויף דער צווייטער זייט דרוקעריי, כּדי ער זאָל קענען כאַפּן אַ קוק אַהין, אַ שמעק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט ווענטל, אויפֿכאַפּן אַ וואָרט...

די הויכע ראַבינערשע מיטן עטלעכע־גאָרנדיקן גוידער קאַטשעט זיך דאָרט צו צום טישל, וויגט זיך אויף די גרויסע באָקעס, וואָס זענען אויס ווי לעבעדיקע באַשעפֿענישן. זי פֿאַרבעט מיט אַ זיסן שמייכל דעם גאָראָדאָוואָי, ער זאָל זיך אַנידערזעצן אויף אַ שטול לעבן טישל, אויף וועלכן עס בלאַנקט אַ קרישטאָלענע קאַראַפֿקע מיט שנאַפּס:

— פּאָזשאַליוטע, גאָספּאָדין פּאָרפּימענקאָ...

שווייגנדיק און מיט אַ מינע פֿון אומגעוויינטלעכער וויכטיקייט, נעמט דער גאָראָדאָוואָי אַרויס פֿונם היטל־אונטערשלאַק עפּעס אַ פּאַפּיר. ער דערלאַנגט עס דעם ראַבינער צום איבערלייענען. דער ראַבינער התמעט זיך. דער גאָראָדאָוואָי בלאָזט דאַן לאַנג אויף דער פֿרישער חתימה מיט דער פּאַרע פֿון זיין מויל. ער שטעקט בשעת־מעשה אַרויס אַ רויטע, געשטופּלטע צונג — ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָפּלעקן די טינט.

ביים געזעגענען זיך שטופּט אים דער ראַבינער אין יד אַריין אַ פּאָר גילדן, ווי געוויינטלעך. דער גאָראָדאָוואָי רוקט זיי פֿלינק אַריין אין אַ ברייטן אַרבל פֿונם שינעל, אויך פּונקט ווי געוויינטלעך. ער טוט עס פֿלינק, שיר ניט אומבאַמערקט, ווי אַ קונצן־מאַכער. אָבער,

ניט ווי געוויינטלעך אין אזעלכע פאלן, שפּרייט זיך דאָס מאָל ניט פאנאַנדער זיין פּאָקן־געשטופּלט פּנים אין אַ ברייטן דאַנקבאַרן שמייכל. אַפילו נאָכן מתנת־יד פאַרבלייבט ער אויך שטרענג און ערנסט, ווי ביי אַ דאָקטאָר, בעת ער גייט אוועק פון אַ שווערן, האָפענונגסלאָזן חולה:

— טעפּעריטשאַ ניע מאָזשנאָ... — שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף ניין. און מען ווייסט פון דעם ניט, צי דאָס מוסרט ער עס אַזוי זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט דעם כאַבאַר גענומען, אָדער דאָס מוסרט ער גאָר דאָס ראַבינערשע פּאָרל, הלמאי זיי ברענגען אים לכתחילה צו אַזאַ מין נסיון. — טעפּעריטשאַ אָטשעננאַ סטראָגאָ...(1

און ער גייט אַרויס מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן בליק, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו קוקן זיינע בעלי־טובות אין די אויגן אַריין.

ד.

קענטיק, הייסט עס, אַז אויף דער וועלט רוקט זיך טאַקע איצט אָן אַ שווערע צייט, אַן ערנסטע צייט.

מען דערפילט טאַקע באַלד אין שטאָט ממש ווי די לופט ווערט געדיכטער, שווערער, דריקנדיקער — מיט יעדן טאָג אַלץ מערער אַזוי.

איז עס אפשר געווען מחמת די נאַסע האַרבסטיקע נעפּלען, וואָס האָבן איצט נידעריק געריוכערט דורך גאַנצע מעת־לעתן איבער דער פּאָלעסישער שטאָט? אָבער אַזעלכע גרויע, קאַלעמוטנע נ'עפּלען קומען דאָך תמיד אָן חשון־צייט, קומען אָן פון די ברייטע פּאַשע־לאַנקעס, וואָס אויף יענער זייט פּריפּיעט־טייך, קומען אָן און קנוילן זיך אַרום דער שטאָט מיט עסנדיקער און דורכנעמענדיקער נעץ.

ניין, אפנים, אַז דאָ איז געווען דאָס מאָל פאַרמישט עפּעס אַנדערש אויך. אָט די נעפּלען פון פּליסיקן צעלאָזענעם בליי — זיי האָבן דאָך ניט נאָר זיך געלייגט שווער אויף דער גאַס און הויז אַליין; זיי האָבן דאָך נאָך שווערער און דריקנדיקער געקוועטשט דאָס מענטשלעכע האַרץ... ס'איז איצט ביי קיינעם ניט געווען גענוג לופט מיט וואָס צו אָטעמען.

אויך ביי דער מאַמען אויפן מאַרק האָבן די געשעפטן אָנ־געהויבן גיין שלעכט. מען האָט ווינציק געקויפט אפילו אַלטע שיך, אפילו פאַרלאַטעטע שקראַבעס.

אין שטוב פלעגט מען שוין איצט עסן אויף אָנבייסן בלויז ברויט מיט טיי — „ברויט מיט צונג", פלעגן עס די קינדער רופן מיט א פרייליכן שמייכל. ביז לעצטנס פלעגט אויף וועטשערע זיין פוטער אויפן טיש אין גלאנציקע פאפירעלעך, א שטיקל קעז אויף א ספאָדקע. אמאָל אפילו — א קאפּטשאָנקע צי א שאמאיקע2). איצט אָבער פלעגט מען שוין עסן בלויז דאַרע געזאלצענע טאראנען... זעלטן בלויז פלעגט סטערע קויפן א וואָבלע, עס איינפרעגלען מיט אביסל מעל און ביליקן בוימל, און ביי די קינדער פלעגט עס דעמאָלט זיין א גרויסער יום־טוב — — —

אָ, ווינגדער האָט פארשטאַנען: די מאמע טוט עס ניט אויס קארגשאפט — זי איז עס קיינמאָל ניט געווען. היינטיקן סוף־זומער, נאָכן מלחמה־אויסברוך, האָט מען קיין פלעשער סאָק און קיין סלאָיען איינגעמאכטס שוין אויך ניט איינגעשטעלט. מען האָט ניט איינגעזייערט קיין עפּל און ניט געשאטקעוועט קיין קרויט. גאָרניט, גאָר־ניט — פונקט, ווי מען וואָלט זיך א ליאדע טאָג געקליבן פון דאנען אנטלויפן...

ווינגדערס לאַנגאָניקער פארדרוס אויפן ווייטן טאטן וואקסט נאָך איצט טיפער, פארביסענער. מער פרעגט ער זיך שוין קיינמאָל ניט ביי דער מאמען אויף אים — אָט פונקט ווי ער וואָלט פאר אים גאָר געשטאָרבן. טיף אין אים וואקסט און שטארקט זיך נאָכאנאנד אָט דער פארדרוס — עס קומט אים אויס ווי אָט יענער ווייטער און פרעמדער טאטע וואָלט געווען שולדיק ניט נאָר אין דער מאמעס שווערער הארעוואניע, נאָר אפשר אויך אין דער גאנצער שווערקייט וואָס האָט אָנגעהויבן צו דריקן מענטשן ארום.

אָבער ווינגדער איז א שווייגנדיקער און אן איינגעהאלטענער. איז דערווייל דערקענט מען אָט דעם פארדרוס זיינעם בלויז אין די דינע ליפן, וואָס זיינען איצט נאָך שטייפער צוזאמענגעקוועטשט; און אין די שארפע קארע אויגן — עס באווייזט זיך לעצטנס אין זיי אזא פייערל, שארף און שנײדיק ווי א מעסער.

עס האָט זיך אזוי געדורשט נאָך נקמה און אָפּרעכענונג...

ה.

אין א ווינקל דרוקעריי איז געווון א פענצטער, וואָס האָט ארויס־געקוקט אין א קליינעם הויף ארויס, תמיד א פארשטעלטן מיט פורן

און וועגענער, תמיד אַ פֿאַרלייגטן מיט קאַסטנס היי און גרויסע הערינג־פֿעסער.

דאָס דאָזיקע הינטערשטע פֿענצטער איז געווען באַשמירט מיט קאַלך, צי אַ וואַפּנע־געמיש: דאָס טאָג־ליכט, וואָס פֿלעגט דורך אים אַריינזייען, איז געווען קאַרג, פֿלעגט דער אָנגעשמירטער קאַלך כאָטש אַביסל פֿאַרגרעסערן די ליכטיקייט.

ביי אָט דעם פֿענצטער איז געשטאַנען אַ דרוק־מאַשינקע, אויף וועלכער מען פֿלעגט אַרויסלאָזן קליינע פֿלוג־בלעטלעך, חתונה־איינ־לאַדונגען, וויזיט־קאַרטלעך און אַנדערע אַרבעטן פֿון קלענערער וויכ־טיקייט.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז קיין געפֿערלעכן קאָנ־קורענט וועט ער אין ווינגדערן אַזוי גיך ניט אַנטרעפֿן, האָט אים דער עלטערער מייסטער אַ פּאָר מאָל צוגעלאָזט אַליין צוזאַמענקלייבן און אַליין אַריינשטעלן דעם זאַץ אין דער מאַשינקע; ווינגדערן פֿלעגט ער ביז דאַן בלויז געבן די געלעגנהייט צו באַוועגן מיט די פּעדאַלן, פּונקט ווי אויף אַ ניי־מאַשין, און אַרויסכאַפּן פֿלינק, צו דער צייט, די פֿאַרטיקע עקזעמפּליאַרן.

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען דער ראַבינער איז שוין געהאַט אַוועק אַהיים, און דער מייסטער איז געווען פֿאַרנומען מיט עפּעס ביי דער גרויסער מאַשין, האָט זיך ווינגדער שטילערהייט צוגערוקט צום קליינעם מאַשינדל ביים הינטערשטן פֿענצטער. דאָרט האָט שוין זייט אייניקע וואָכן געשטעקט אַ פֿורעם פֿון עפּעס אַ אידישן אויפֿרוף צו די מיטגלידער פֿון דער שטאָטישער ליי־און־שפּאָר קאַסע.

אַרומקוקנדיק זיך פֿאַרזיכטיק אין אַלע זייטן, צי מען באַמערקט אים ניט, האָט ווינגדער מיט אַ מאָדנער הנאה אָנגעהויבן קוועטשן אויף די פּעדאַלן און גיך־גיך אָפּקלאַפּן דעם דאָזיקן אויפֿרוף. ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן וואָס ווינציקער גערויש. דער מייסטער האָט זיך אָבער אפֿילו ניט אומגעקוקט צו זען, וואָס דאָס אינגל טוט איצט. ער האָט געוואוסט, אַז וואָס־וואָס — דאָס אינגל איז אפֿשר אַביסל צו־טשיקאַווע און וויל צו־גיך „אַלץ" וויסן, אָבער ער איז זיכער ניט קיין פֿוילענצער, און פֿון אַרבעט דרייט ער זיך קיינמאָל ניט אַרויס.

גראָד האָט עס אין דער זעלביקער מינוט אָנגעטראָגן פּאַרפֿימענקעס, דעם בייזן גאַראַדאָוואָי מיט דער שטאַרק־רויטער, ווי צעפֿוילטער נאָז.

אפשר איז עס געווען אַ קאָנטראָל־באַזוך, און אפשר — האָט זיך עס אים פשוט פאַרבענקט נאָך יענעם כשרן געפיל פון געפייניקטן געוויסן, וואָס ער פילט, בעת מען שטופּט אים אין יד אַריין אַ פּאָר קאַלטע גליטשיקע גילדן כאַבאַר. — — —

אַזוי ווי ניט דער ראַבינער און ניט די ראַבינערשע זיינען איצט דאָ ניט געווען, האָט יענער גלייך אָנגעהויבן ארומנישטערן, ארומשמעקן מיט דער רויטער צעפּוילטער נאָז זיינער אין אַלע ווינקעלעך. מיט זייער אַ וואַזשנעם און צעטראָגענעם פּנים האָט ער געזוכט געהיימע פּראָקלאַמאַציעס, אויפרופן פון דייטשישן שונא צו דער היגער באַפעלקערונג.

ווייגדער האָט זיך אַפילו אויף קיין רגע ניט אָפּגעשטעלט אין זיין אַרבעט. פאַרקערט: איצט איז שוין ניט געווען צוליב וואָס צו זיין פּאַרזיכטיק... מיט נאָך מער ברען און אימפּעט האָט ער צוגעקלאַפּט מיטן פּוס דעם פּעדאַל, פלינק אַרויסגעכאַפּט אַיין פּריש־נאַסן עקזעמפּליאַר נאָכן צווייטן, פלינק זיי איינגעלייגט אין דעם פלאַכן דראָטענעם קערבעלע ביים זייט פון דער מאַשינדל. ניין, ער איז ניט דאָרטן עפּעס אַ לערן־אינגל, וואָס פאַרעט זיך אין אַ ווינקל... ער איז אַן אַרבעטער גלייך מיט אַלע, ער טוט וויכטיקע אַרבעט, וואָס מוז צוציען יעדן איינעמס אויפמערקזאַמקייט. — — —

אַז פּאַרפימענקאָ האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם מאַשינדל און האָט דערזען מיט דער נ אַ ז די אידישע אויפרופן, האָט זיך אין אַיין אויגנבליק די רויטקייט אַ צעשפּרייט געטאָן פון זיין צעפּוילטער נאָז אַרוים איבערן גאַנצן פּאָקן־צעגראָבענעם פּנים.

—עטאָ שאָ? — האָט ער אָנגעכאַפּט אַ הויפן פּרישע און נאַסע בלעטלעך, פון וועלכע עס האָט געשמעקט מיט דרוקער־פאַרב, — עטאָ שאָ, האַ־האַ ?3).

— אויפרופן פון דער... — האָט ווייגדער קאַלטבלוטיק אָנגעהויבן צו דערקלערן. ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו ענדיקן. פון דעם גאָראָדאָוואָיס מויל האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן זידל־ווערטער, — גיך־גיך, ווי פון אַ קוילנוואַרפער אַרויס.

— מאַטי... מאַטי... מאַטי... אין דער מאַמעס מאַמען אַריין... קאַק סמעיעש ?4) שפּיאָנאַזש! שפּיאָנאַזש!

ז.

אין דרוקעריי איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. מיט עקשנות אין די שאַרפע קאַרע אויגן, וואָס האָבן געקוקט גלייך אויפן צעשראָקענעם מייסטער, האָט ווינדער אָנגעהויבן צו דערקלערן, אַז ע ר האָט פון אַזאַ פאַרבאָט קיינמאָל ניט געהערט — קיינער האָט עס אים קיינמאָל ניט געזאָגט... ער האָט געזוכט עפּעס צו טאָן, האָט ער גענומען און עס אָפּגעקלאַפּט.

דער צעפּודזשעטער מייסטער האָט זיך געטרייסלט אין צענטן קדחת. אַ וואָרסטאַטקע מיט שוין־אויסגעזעצטע שורות איז ביי אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט. דער זאַץ האָט זיך מיט דראָבנער פּייקלעריי צעשאָטן איבערן דיל.

ער האָט פאַרזיכערט דעם צונטערנדיק־פלאַקערנדיקן מלוכה־מאַן, אַז דאָס איז בלויז דעם אינגלס שולד... און אַז, בכלל, זיינען עס גאָר ניט קיין אויפרופן פון דער דייטשער אַרמיי — אָט וועט ער עס זיי אים איבערלייענען אויף טשיקאַוועסט... אין ציטערנדיקער צעמישטקייט האָט ער טאַקע גלייך געכאַפּט און אָנגעהויבן לייענען דעם אויפרוף פון דער ליי־און־שפּאָר קאַסע. פאַרפימענקאָ האָט פאַרשטאַנען אידיש ניט־שלעכט.

— גאַר־גאַר־גאַר... — האָט אים אָבער מיט כעס איבערגע־קרימט דער מלוכה־מאַן, וואָס איז אַ משוגענער אַרומגעלאָפן איבער דער דרוקעריי. — גאַר־גאַר־גאַר... — האָט ער געשוימט מיט די ליפּן. — און ווער איז עס מחויב צו קענען פאַרשטיין אייער זשי־דאָווסקן לשון דאָרטן... שווייגן!

— אָבער מען קען עס דאָך באַשטעטיקן ביי אַ נאָטאַריוס... איבערזעצן עס... — האָט דערשראָקן טעלעפּעטשעט דער מייסטער.

— אונטער אַ שבועה...

דער גאַראָדאָוואָי האָט אין זיין משוגענעם אַרומלויפן הין־און־צוריק בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אָט דעם ווילדן איינ־פאַל. פון גרויס צעמישטקייט איבערן געשעענעם אומגליק זיינען ביי אים אַזש פאַרלוירן געגאַנגען אַלע זידל־ווערטער, מיט וועלכע ער וואָלט זיך געקענט לאָזן וואָלגיין אין אַזאַ מינוט. מיט אַ פייערלעכער שטים האָט ער צום סוף פאַרזיכערט אַלעמען אין דער דרוקעריי

— דעם מייסטער, ווינגדערן, די מאַשינעס, די ווענט — אויף קיינעם פון זיי באַזונדערס האָט ער בשעת־מעשה ניט געקוקט — אַז דאָס וועט גלאַט ניט אָפּגיין... די דאָזיקע נבלה וועט דערגיין אַזש ביז צום מיניסטער...

— איר וועט שוין זען, צוינגס זין... היינטיקע צייטן שמעקט עס מיט סמערטניע קאַזני...5).

דעם שבת פון יענער וואָך האָט דער קורצער און פּעסלדיקער ראַבינער געהאַלטן אין שול אַ פייערדיקע דרשה. ער האָט אויפגע־פאָדערט אַלעמען צו שטעלן זיך פעסט הינטערן קייסער — „אונזער צאַר איז די איינציקע רעטונג פאַרן אידישן פאָלק". אייניקע טעג דערנאָך איז איבער אים געהאָנגען טאַקע אַ טויט־שרעק. אָבער די מעשה האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט בלויז מיט דעם:

— אין אַ וואָך אַרום האָט די מאַכט אינגאַנצן פאַרחתמעט די דרוקעריי, און ווינגדער איז געבליבן אָן אַ שטיקל אַרבעט.

ז.

אין איינעם אַ פרימאָרגן פון אַ מיטן־ווינטערדיקן טאָג — עס איז געווען דער ווינטער פון ניינצן־זעכצן — האָבן זיך סטערע מיט ווינגדערן געשלעפּט איבערן בלאָטיקן טראַקט, וואָס פירט פון דער נאָנטער באַן־שטעטל צו זיי אהיים.

ביידע זיינען געווען אָנגעטאָן אין הויכע גערונצלטע שטיוול פון גראָבן יוכט. ביידע זיינען געווען איינגעהילט אין אָן־אַ־שיר טראַנ־טעם און שמאַטעס, פון וועלכע עס האָבן אומעטום אַרויסגעקוקט שטיקלעך קויטיקע וואַטע — געל, ווי וואַקסענע ליכטלעך.

ביידע, מוטער און זון, האָבן זיך געבויגן אינדרייען אונטער דער לאַסט פון ריזיקע אָנגעשטאָפּטע זעק, וואָס זיינען געווען איבער־געוואָרפן איבער זייערע פּלייצעס.

די זעק זיינען געווען אָנגעפילט ביז צום ברעג מיט אַלטן שוכ־וואַרג — אַלטע פאַרלאַטעטע איבערגעניצעוועטע שיך, פאַרגאָסענע קאַלאָשן, אונטערגענייטע וואַלינקעס. זיי האָבן געטאָרטשעט אין די זעק פון אַלע זייטן, ווי וואָרצלען און האָרבעס... זיי האָבן מורא־דיק געשטאָכן די פּלייצעס, געריבן אין די זייטן.

אינם נאָנטן באַן־שטעטל איז נעכטן געווען אַ יאַריד. סטערע

מיט ווייגדערן זיינען ארויסגעפאָרן אהין גאנץ פרי און א גאנצן ווינטערדיקן טאָג דאָרט ארומגעשמאַיעט אויפן מארק, איינגעהאנדלט די סחורה. דערנאָך האָבן זיי דאָרט אין שטעטל, אין אָרימען איינפאָר־הויז, איבערגענעכטיקט ביידע צוזאמען אויף איין גרויסן הארטן טאַפּ־טשאַן. היינט פאַרטאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין וועג אריין, צוריק אהיים.

זיי האָבן זיך געאיילט, זיי האָבן געמוזט אָנקומען צוריק נאָך גאָר פרי, אויסטרינקען א גלעזל ווארימס, פאַנאנדערסאָרטירן דאָס שוכווארג, כדי זיך שטעלן אויפן מארק, ביים רונדוק, אין צייט פאַרן זונטיק־מארק.

נעכטן איז געווען שבת. ס׳איז געווען ווייגדערס איינפאַל, מען זאָל פאָרן אהין, אויפן גרויסן יאריד, וואָס אינם נאָנטן באַן־שטעטל, אין א פויערשער פור.

— אום שבת? — האָט אים סטערע ניט־גלויביק אָנגעקוקט כאָטש אליין איז זי בשום־אופן ניט געווען אזא פרומע: אין שול, אשטייגער, פלעגט זי גיין בלויז צוויי מאָל א יאָר, אום ראש־השנה און יום־כפור; און אז ווייגדער, כאָטש שוין לאנג א בר־מצוה־בחורל, פלעגט אמאָל איבערהיפּערן א דאַוונען, פלעגט זי זיך עס אויך ניט אזוי שטארק נעמען צום הארצן... אָבער פאָרן אום שבת — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש: דאָס האָט זי ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געטאָן.

— דעם יאריד טאָר מען ניט דורכלאָזן... — טענהט מיט איר ווייגדער איין און ווי א גרויסער, ווי א טאַטע. — דאָרטן וועסטו כאַפּן, מאַמע, גאָר גרויסע מציאות... געדענק וואָס איך זאָג דיר.

סטערע אָבער האָט זיך אלץ געקווענקלט. אודאי איז ווייגדער גערעכט. דער רונדוק איז שוין באלד פּוסט. אויף זונטיק וועט שוין כמעט ניט זיין מיט וואָס צו האנדלען. אָבער וואָס וועט זאָגן די שטאָט...

— קיינער אין שטאָט וועט זיך אויף זיי סיי־ווי־סיי ניט אומ־קוקן... — טענהט ווייגדער מיט איר ווייטער איין. — חוץ דעם, קען מען דאָך זיך ארייינזעצן אין דער פויערשער פור שוין הינטער דער שטאָט, ביים פּאַרק...

די לײדיקע זעק, דערקלערט ער איר מעשה־גרויסער, קען מען צוזאמענלייגן אין א קליין פּעקעלע, ארומוויקלען זיי מיט א קאָלירט

ציצן־טיכל — מאַלע וואָס מען טראָגט אין אַזאַ פּעקעלע... און בכלל אין אָט דער צייט שבת אינדערפרי, אַזייגער צען, וועט זיי אין שטאָט זיכער קיינער ניט באַמערקן, — אַלע שטאָטישע באַלע־באַטים געפינען זיך דעמאָלט אין שול, ביים מוסף...

— און אויב אַפילו אַז יאָ — הויבט שוין באַלד אָן סטערע צו באַרואיקן זיך אַליין, — אויב אַפילו אַז אימיצער וועט זיי יאָ זען, איז אויך ניט אַזוי געפערלעך... „אין אַזאַ צייט" וועט קיינער דערפון ניט מאַכן אודאי קיין צימעס.

יאָ, ווייגדער איז איר לעצטנס געווען ניט קיין זון, נאָר אַ מאַן.

ווייגדער האָט זיך ממש געריסן צו דער אַרבעט. אפשר איז אים געווען צו פיינלעך שווייגנדיק צוצוזען דאָס גאַנצע דחקות אין שטוב; אים האָט זיך געוואָלט כאָטש מיט עפּעס העלפן דער מאַמען. און אפשר איז עס געווען גלאַט דערפאַר, וואָס אַלע אין זיין יונגן לייב האָט זיך געריסן צו אַרבעט, צו טאָן, טאָן — ער איז דאָך אַרומגע־גאַנגען שוין עטלעכע חדשים אָן שום באַשעפטיקונג.

ח.

זיי האָבן זיך ביידע געאײַלט איצט, שוין אויפן וועג צוריק פונם יאַריד.

דער וועג איז געווען בלאָטעדיק ווי אין חודש חשון, כאָטש עס איז שוין געווען העט אין טבת. שנייען זיינען היינטיקן ווינטער אויסגעפאַלן זעלטענע, איינטאָגיקע. דערפאַר אָבער האָט עס היינטיקן ווינטער נאָכאַנאַנד געדעגנט און געגעצט, געגאָסן און געפליוכעט. אינמיטן טבת האָט עס פון די יאָדלעס ביי די זייטן וועג געקאַפּעט און געוויינט, ווי טיף אין הערבסט.

ס'איז געווען שווער צו שפּאַנען איצט איבערן טראַקט. גריבער און קאַליוזשעס, און לאַנגע־לאַנגע שמאָלע פּאַסן מיט מוטנער גרינער פליסיקייט אָנגעפילטע — ווי וואַסערדיקע סטעזשקעס. מען האָט מיט די שטיוול נאָכאַנאַנד געגוואַדזשעט אין וואַסער, געגוואַדזשעט.

ס'איז געווען פינצטער. כאָטש סוף־נאָכט־צו זיינען מיט גרויס פייערלעכקייט איבער אַ צוויי־דריטל פונם קאַלטן ווינטער־הימל אַרויס אַלע שטערן. זיי האָבן, ווי אין עפּעס אַ וויכטיקן פּאַראַד, שווייגנדיק און ניט־מיניענדיק אַרונטערגעקוקט אויף דער פּאָלעסישער ערד, אויף

די קאַפּעגדיקע יאַדלע־בוימער און אויף די צוויי מענטשלעכע גע־שטאַלטן, וואָס האָבן זיך געבויגן אינדרייען אונטער זייער שווערער לאַסט.

שטערנליכט איז פונדעסטוועגן געווען צו־קנאַפּ. די שפּאַנענדיקע צוויי פאַרשווינען אינם פאַרטאָג האָבן דעריבער די גרינלעך־מוטנע קאַליוזשעס ניט געקענט באַמערקן. דערהויפּט, ווייל קיין פּיצל ליב־טיקער שניי־ראַנד אַרום זיי איז איצט אויך ניט געווען.

סטערע פלעגט אָפט געשטרויכלט ווערן, אַריינקריכן מיט אַן ענערגישן האַסטיק־שפּאַנענדיקן פוס אין אַן אומגעזעענעם וואַסערדיקן לאָך אַריין. בלאָטע קלעפּיקע און קאַלטע פלעגט דעמאָלט האַסטיק אַ שפּריץ טאָן אין אַלע זייטן, ווי פון אַ דינאַמיט־אויפריים — פלעגט באַשפּריצן דאָס פּנים, די האָר. אַ קני פלעגט זיך איינבויגן כמעט ביז צו דער ערד.

מיט אַ באַפרייטער האַנט פלעגט סטערע אויף גיך אָפּשטופּן פון זיך די ערד, איידער ווינגדער פלעגט נאָך באַוויזן צו העלפן איר זיך אויפהויבן. ניט אַרויסלאָזנדיק קיין איינציקן קרעכץ אפילו, פלעגט זי זיך תיכף שטעלן צוריק אויף די פיס, ווי גאָרניט וואָלט געשען.

ווינגדער שפּאַנט די גאַנצע צייט איבערן וועג שווייגנדיק, פונקט ווי די מאַמע. און פונקט ווי די מאַמע, קען זיין, אַז ער טראַכט אויך איצט פונם זעלביקן — פונם ווייטן, מאָדנעם און אָפּגעפרעמדטן טאַטן זיינעם אין אַמעריקע. ער טראַכט וועגן אים מיטן זעלביקן געפיל פון טיפן פאַרדרוס, מיט וועלכן ער איז שוין פון לאַנג געוואוינט וועגן אים צו טראַכטן. אָבער איצט הויבט שוין אָן אָט דער פאַרדרוס אַריבערצוניין אין פאַרביטערטקייט.

— מילא, געלט... ער שיקט ניט — דאַרף מען ניט... די מאַמע האָרעוועט, און ער אַליין איז אויך ניט קיין חדר־אינגעלע. אָבער אפילו קיין בריוו קריגט מען דאָך פון אים אַזאַ לאַנגע צייט אויך ניט!

— הם... — טראַכט ווינגדער ווייטער מיט אַ געפיל פון באַלייַ־דיקונג, — אַ גאַנצער פּריץ געוואָרן דאָרטן מסתמא... אַ רייכער „אַמעריקאַנעץ”... אים שטייט שוין אודאי אינגאַנצן ניט אָן זיין משפּחה...

ער ווייסט ניט, אַז ביי דער מאַמען ליגט פאַרבאָרגן אין דער סעקרעטקע אַ היפש קניפּל געלט. אמת, די ערשטע צייט האָט זי זיך עפּעס אַזוי ווי געמיאוסט צורירן זיך צום דאָזיקן געלט. לעצטנס אָבער, אַז די צייטן זיינען געוואָרן אַזעלכע שווערע און פון בונעמען האָט מען שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו הערן אַ וואָרט — אַחוץ דעם: ווער ווייסט דען, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און ווען בונעם וועט קענען צוריקקומען אַהיים און זיך אָנהויבן „סטראָיען"? — איז לעצטנס האָט שוין סטערע אפילו ביי זיך יאָ געפּועלט אַראָפּ־נעמען אַביסל פון דעם אויסבאַהאַלטענעם געלט אויף דער הוצאה. זי האָט אָבער מורא געהאַט פּרובירן אויסצובייטן אין דער „קאַז־נאַטשעיסטווע" צי אויף פּאַטשט איינעם פון אירע באַהאַלטענע גרויסע בילעטן.

— אויף פּאַטשט ווייסט מען דאָך, אַז עס קומט איר לעצטנס מער קיין געלט ניט אָן פון אַמעריקע... די גאַנצע שטאָט ווייסט עס דאָך!

סטערע שטעלט זיך פאָר, אַז ווען מען וועט ביי איר דערזען אַזעלכע גרויסע געלט־בילעטן — אַ הונדערטער איז ביי איר געווען דאָס סאַמע קלענסטע — וועט מען זי געוויס פאַרדעכטיקן אין עפּעס. כ'ווייס אין וואָס: באַהיט די שעה זאָל ניט זיין — אפשר גאָר אין שפּיאָנאַזש... ווייבאַלד אַז איצט זיינען אָנגעשטאָנען אַזעל־כע ווילדע צייטן אויף דער וועלט.

ערשטע פרימאָרגן־קראָען, מוטנע־ווייסע מיט שוואַרצינקע קע־פּעלעך און ווידעלעך, פליען דורך איבערן וועג מיט אַ געקראַקערײ — אַנטלויפנדיקע ביינאַכטיקע רוחות.

פלוצלונג גיבן זיך ביי ווינגדערן די ליפּן אַ קרים. אַ כוואַליע פּיין — ווי פון אַ טיפן ערשט־דערוואַכטן ווייטיק ערגעץ אין דער טיף פון זיין גוף — גיט אים אַ לויף אַדורך איבערן דינעם כמעט דורכזיכטיקן פּנים, קרימט עס אויס. אויף אַ רגע שטעלט ער זיך אָפּ, פאַרבייסט די ליפּן. אויף לאַנג אָפּשטעלן זיך אָבער קען מען ניט. די מאַמע, וועלכע גייט איצט פאַראויס, קען נאָך זיך אומדרייען און באַמערקן אַז עפּעס איז דער מער מיט אים.

חוץ דעם:

פון צווישן די צעריסענע ברודיקע שמאַטע־וואָלקנס, וואָס אויפן מזרח־קאַנט הימל, הויבט זיך שוין אָן צו באַווייזן אַ כמורנע־פאַר־

רעגנטע זון — קלאָר, אַז דער טאָג שטייט ניט אויף איין אָרט. מען וועט נאָך פאַרשפּעטיקן אויפן מאַרק מיט דער סחורה — די גאַנצע האָרעוואַניע, דאָס גאַנצע שלעפּעניש איז דעמאָלט געווען אומזיסט.

דערצו פאַרלאַנגזאַמט נאָך די מאַמע אַליין אויך, אַלע ווײַלע וואָס מער, איר גאַנג. ווינדער מוז דערבער סיי־ווי איר נאָכטאָן דאָס זעלביקע — ער וויל ניט פאַרשעמען די מאַמען, אָדער גאָר צווינגען זי גיין שנעלער ווי אירע כוחות טראָגן. ער שטעלט דעריבער סיי־ווי איצט אַביסל קלענערע טריט ווי ביים אָנהויב וועג. ער לאָזט די מאַמען אומישנע גיין אויף צו־פריער, כדי זי און ניט ער זאָל שטעלן דעם ערשטן, דעם מאָסגעבנדיקן טראָט.

דער פאַרבאָרגענער ווייטיק, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע צוריק פאַרקרימט אים דאָס פּנים, ווערט מיט יעדער רגע אַלץ שאַרפער און פיינלעכער. — — —

ט.

פון אַ פליכעוואַטן בערגל, אויף וועלכן דער וועג זייערער האָט זיך איצט אַרויפגעקאַראַפּקעט — אַ בערגל אַ האַלב־זאַמדיקן און אַ האַלב־באַדעקטן מיט אָפּגעבליאַקעוועטן און פאַראיאָריקן גראָז — זעט מען שוין פונדערווייטנס דעם טייך, אַ פאַרגליווערטע טאַשמע בלויי.

דער טייך איז אויך ניט פאַרפרוירן געוואָרן היינטיקן ווינטער; עס זיינען נאָך היי־יאָר ניט געווען קיין גרויסע פרעסט. פונדאַנען אָבער, אינם גרויען פרימאָרגן־ליכט, זעט עס אויס ווי דאָס וואַסער פלייצט גאָר ניט — עס איז גרוי און פאַרגליווערט — ווי אַ פּלוס פון אומריינעם גלאָז.

נו, נאָך אַ וויאָרסט־צוויי און מען איז שוין אין שטאָט... ווינדער פאַרבייסט נאָך פיינלעכער אַ ליפּ. אַ פּאָר מאָל הויבט ער אויף זיין רעכטן פוס אינם גרויסן שטיוואַלע, ער דרייט אויס דעם קאָפּ אויף צוריק: ווי אַ פאַרוואונדעטער הונט, וואָס קען שפּרינגען בלויז אויף דריי לאַפּעס. געוואַלט, ווי ווערט מען פּטור פון אָט דעם ווייטיק. אַ רגע בלייבט ער אַזוי שטיין אין פאַרצווייפלונג.

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך און קוקט זיך באַאומרואיקט אום, אויב די מאַמע זעט אים ניט. דער וועג איז פּוסט. עס הערט זיך

אפילו פון הינטן דאָס סקריפּען פון אַ פור, אָבער מען זעט זי נאָך דערווייל ניט — מסתמא נאָך אַלץ אויף יענער זייט יאָדלע־וועלדל.

סטערע איז אין דער מינוט שטאַרק פאַרטאָן אין באַטראַכטן עפּעס אַ האָז — אַ גרויאינקן האָז מיט ווייסע פיסלעך און ווייסע אויערן, וואָס האָט אַרויסגעטאַנצט פון צווישן דעם יונגן אָנוואוקס פון קליינע נאָדל־בוימלעך ביים לינקן ברעג טראַקט.

קענטיק, דער האָז האָט געוואָלט איבערשניידן דעם וועג. דער־זעענדיק אָבער אַ מענטשן אויפן וועג, האָט דער האָז זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן לויף, האָט פאַרוואָרפן די ווייסע איידעלע אויערן אין פאַר־אויס, און מיטן רעכטן אויגל, ווי מיט אַ גלעזערן קייקעלע, באַטראַכט סטערען פון דער זייט — ער באַמערקט זי יאָ, און ער באַמערקט זי ניט... פון אָרט זיינעם האָט ער זיך אפילו קיין ריר ניט געטאָן, כאָטש די מענטשן אויפן וועג זיינען, דוכט זיך, געגאַנגען גלייך אויף אים.

פון גרויס חידוש איבער האָזס נאַרישקייט האָט זיך סטערע הויך פאַנאַנדערגעלאַכט. זי האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט — זען וואָס עס וועט דאָ זיין.

ווי נאָר אָבער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער האָז כהרף־עין פאַרוואָרפן די אויערן אויף צוריק, מיט די ראָזעווע לעפּלעך אינדערהויך — פייל אויסן בויגן, אין בלויזע צוויי שפּרינג, האָט ער אַ שאָס אַריין געטאָן צווישן די קוסטעס און קליינע בעריאָזקעס, וואָס אויפן רעכטן ברעג טראַקט.

סטערע האָט געגעבן אַ האַסטיקן שפּאַן אַרויס, ווי זי וואָלט געוואָלט כאַפּן דעם האָז. זי איז אַריין מיט אַ פוס אין אַ קאַנאַווע, וועלכע איז געווען פאַרצויגן מיט אַ ברוינלעכן פראָסט־הייטל. די בלאָטע האָט געגעבן אַ שאָס אַרויס, ווי פון אַ געוואָרפענער באָמבע. סטערע האָט זיך אויסגעצויגן איבער דער ערד אין איר גאַנצער לענג. דער שווערער זאַק מיטן שפּיציקן אַרויסשטאַרטשנדיקן שוכוואַרג — אויף איר.

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ. דאָס מאָל האָט זי זיך אפילו ניט באַמיט תיכף זיך אויפצוהויבן ווי זי האָט עס געטאָן יעדן פריער־דיקן מאָל; ס'איז שוין קיין כוח ניט געווען. זי איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן ווי אַ פלאַכטע.

י.

ווינדער האָט אַראָפּגעשליידערט פון זיך דעם זאַק, איז צו איר צוגעשפּרונגען — אפשר פונקט אַזוי פלינק ווי דער האָז מיט אַ פּאָר מינוט פריער. ער איז געווען בלייך און דערשראָקן. נאָר ער האָט צו דער מאַמען גרינג און שפּאַסהאַפּטיק געשמייכלט, ווי מען טוט עס צו אַ קינד, וואָס איז געפאַלן („אַה, האָסטו געפונען אַ קאַ־פּיקע״ ? ...)

— ט'אָסטע דיר ... — האָט ער זיך כלומרשט געברוגזט, — ס'האָט זיך איר פאַרגלוסט אינמיצקע דערינען צו פאַרקוקן זיך אויף שפּרינגענדיקע האָזן, האָט זיך איר פאַרגלוסט ... אויף מיין וואָרט, פונקט ווי דו וואָלסט געווען אַ קינד ...

ער האָט געהאָלפן סטערען זיך אָפּרייניקן פון דער בלאָטע, האָט זי אַליין אָפּגעווישט מיט אַן אַרבל. סטערע האָט געפלאָמט פון בושה און פאַרדרוס. זי האָט אפילו קיין איינציקן קוק ניט געטאָן אויפן זון. יאָ, זיי האָבן זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען — ווי תמיד.

ווינדער האָט אַ כאַפּ געטאָן איר זאַק, האָט צוגעבונדן ביידע זעק ביי די העלזלעך, אַריבערגעוואָרפן זיי איבער די אַקסלען, איינעם פון פאָרנט — דעם אַנדערן פון הינטן. ניט געקוקט אויף דער מאַמעס פּראָטעסטן, האָט ער זיך מיט ביידע זעק געלאָזט גיין. ער איז גע־גאַנגען איצט שנעל ; אַזוי שנעל ווי ער האָט אַליין געוואָלט. ווייבאַלד אַז די מאַמע איז איצט געווען אינגאַנצן אָן אַ זאַק, האָט זי געמעגט גיין אַביסל גיכער.

קיין איין מאָל אפילו האָט ער איצט ניט אַ הונק געטאָן, זיך ניט אָפּגעשטעלט אין גאַנג. אָ, איצט איז ע ר שוין געגאַנגען פאָראויס, און סטערע איז א י ם נאָכגעגאַנגען. זי האָט דעריבער ניט געזען ווי זיין פּנים האָט זיך דאָרט געקנייטשט די גאַנצע צייט און געקאָרטשעט אין פּיין — — —

ווען זיי זיינען ענדלעך אָנגעקומען אהיים, האָט שוין אין שטאָט לאַנג גערוישט דער מאַרק. אין סאָבאָר, דעם ווייס־אָפּגעקאַלכטן, מיט די בלויע בולאַווע־קעפּ באַשפּרענקלטע מיט גאָלדענע שטערן, האָבן צוליב זונטיק געקלונגען די גרויסע גלאָקן.

טאמארע איז שוין אויך געהאט אויפגעשטאנען. אין א דין האַלסעלע, מיט א גרויסער שאַל ארומגעוויקלט ארום קאָפּ און אקסלען און פארבונדן מיט א קניפּ אויף דער פּלייצע, האָט זי זיך געפּאָרעט אין הויז לעבן סאַמאָוואַר. געבלאָזן אויף אים, געפּאַמפּעט לופט מיט דער כאַליעווע פון אן איבערגעקערטן שטיוול.

סטערע האָט אין איילעניש געזופּט איר זודיקן טיי. זי האָט געזופּט דעם קוים־געלבלעכן אַקראַפּ פון א שפּאָדקע ארויס, געבלאָזן אויף דעם, זיך געבריט די ליפּן — און געזופּט.

ווינדער אָבער האָט זיך שוין צו זיין טיי ניט צוגערירט אפילו. ער איז געזעסן די גאנצע צייט מיטן פּנים אומגעדרייט צום פענצטער, האָט מיטן פינגער געמאָלן עפּעס אן אוזאַר אויף דער שוויצנדיקער טאַפליע. סטערע האָט פארשטאַנען, אז ער מוז אודאי זיין איצט גוט מיד. האָט זי אים גאָרניט געזאָגט.

אָפּגעטרונקען איר טיי, האָט זי אויף זיך אָן א וואָרט ארויפגעוואָרפן א זאַק סחורה. נאָך אַלץ זיך ניט אומדרייענדיק פון פענצטער, האָט ווינדער זיך אָפּגערופן:

— הער־נאָר, טאַמאַרעלע... ׳עסט זיך אפשר אויך אריבערכאַפּן אויפן מאַרק צוזאַמען מיט דער מאַמען? איך וועל צוקומען אביסל שפּעטער... גיי, וועסט דערווייל דאָרט אכטונג געבן ביים פאַנאַנדערפּאַקן...

ווען קיינער איז שוין אין שטוב ניטאָ, קערט זיך ווינדער שנעל אָפּ פון פענצטער. זיין פּנים איז שרעקלעך בלייך און צעקרימט. זיין אונטערשטע ליפּ איז ערגעץ אינגאַנצן פארשוואונדן. שפּרינגענדיק אויפן לינקן פוס, האָצקעט ער זיך צו צום שטול און גיט זיך אויף אים האַסטיק א זעץ אנידער.

אז ער הויבט אָבער אָן ארונטערצוציען פונם רעכטן פוס דעם שטיוול, לאָזט ער ארויס א פארשטיקט געשריי — ניט קיין געשריי נאָר א גאַנצע געברילעריי. ער פארמאַכט אַזש צו די אויגן און בלייבט א ווײלע זיצן, ווי א געחלשטער. — — —

מיט אן אויסגעלאָשענעם פּנים הויבט ער ווידער אָן אין עטלעכע מינוט ארום ארונטערצושלעפּן דעם שטיוול פונם רעכטן פוס. ביי יעדן ריר פארקוועטשט ער נאָך שטאַרקער די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט דעם שאַרפן ווייטיק ניט געפילט, נאָר ג ע ז ע ן.

דער רעכטער פוס, אַן אַרויסגעשיילטער פון אַ געלער ציכ־טיקער אַניצע אַרויס, איז געווען איינגאַנצן אַ פּאַרבלוטיקטער...

דער טשוואַק, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען ערגעץ פון דער פּאָדעשווע, האָט, ווייזט אויס, שוין לאַנג געריבן און געריסן דעם פוס... ער האָט, אַפּנים, אָנגעהויבן רייבן און פליקן דאָס פליש, ווען זיי זיינען געווען ביידע, סטערע און וויגדער, נאָך אויף די ער־שטע ווערסטן פונם טראַקט, וואָס האָט געפירט פונם ניט־ווייטן באַן־שטעטל, וואוהין זיי זיינען געפאָרן אויפן גרויסן יאַריד.

צווייטער קאַפּיטל

חול־המועד

א.

און אין שטאָט איז די שטימונג געוואָרן וואָס אַמאָל ווייטער אַלץ שווערער, אַלץ געדריקטער.

די פּרייזן אויף אַלע זאַכן וואָס זיינען וויכטיק פאַרן מענטשלעכן לעבן, דערעיקרשט אויף אַלע שפּייז־זאַכן, זיינען געוואָרן שרעקלעך טייער, די נויטיקסטע לעבנמיטל — ברויט, קאַרטאָפל, צוקער — זיינען אין שטאָט וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ זעלטענער.

אינדערפרי, אויף אָנבייסן, טיילט שוין סטערע אַרויס די קינדער צו פּענעצן ברויט און צו איין ציגעלע צוקער. דעם ברויט־און־צוקער האַלט זי איצט אונטערן שלאָס, אין אַ שופליאַד פונם קאַמאָד, וואו עס ליגט באַהאַלטן דאָס ציכטיקע אויסגעוועלגערטע וועש.

ביז זי נעמט זיך ענדלעך אָן מיט קוראַזש, גראָבט אַרויס פון דער סעקרעטקע דאָס באַלווע־פּודעלע מיט די עטלעכע הונדערט־רובלדיקע בילעטן. איינעם פון זיי וועט זי איצט גיין אויסטוישן, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין — זי וועט עס פּרובירן אויסבייטן ביי אייניקע רייכע מענטשן פון שטאָט.

נאָר עס ווייזט זיך אינגיכן אַרויס:

קיינער פון די אָרטיקע סוחרים און באַלעבאַטים — ניט אפילו דער קאַסירער פון דער ליי־און־שפּאָר קאַסע וואו בונעם איז תמיד געוועזן דאָ אַ „טשלען״ — קיינער, קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין חשק אויסצובייטן סטערען דאָס געלט.

מען שמועסט שוין אַז די דייטשן דערנענטערן זיך אַהער, און וועלן שוין גאָר אינגיכן זיין טאַקע דאָ אין שטאָט. דעמאָלט וועט

דאָס רוסישע געלט ניט ווערט זיין אפילו אָט־דאָ־אָ — וועט ניט ווערט זיין פשוט קיין אויסגעבלאָזענע איי.

דעמאָלט קומען אויך אָן אהער קלאַנגען אַלערליי — איינער ווילדער פאַרן צווייטן, איינער אומגלויבלעכער פאַרן צווייטן.

קלאַנגען, אַז אין פעטערבורג האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, און אַז מען האָט דאָרטן אַרונטערגעזעצט דעם צאַר, און אַז אין רוסלאַנד איז איצט געוואָרן אַ „קאָנסטיטוציע"... דאָ, אין שטאָט, פילט מען נאָך אפילו ניט דעם טעם פון „קאָנסטיטוציע". די שטאָט ציטערט נאָך אַלץ אימת־מות פאַר דעם בלויזן שאָטן פאַרפימענקאָס, וועלכער הערשט איצט איבער שטאָט מיט שטאַרקער האַנט, ווי אַ גרויסער און מעכטיקער קייסער. נאָר דאָס איז מסתמא דערפאַר ווייל די שטאָט פּיטערבאַרג איז שרעקלעך ווייט פון דאַנען, און די קאָנסטיטוציע באַוועגט זיך אהער זייער פאַמעליכקע.

יאָ, און אַלערליי אַנדערע אומגלויבלעכע קלאַנגען... אידן זיינען געוואָרן מענטשן גלייך מיט אַלעמען — זיי מעגן וואוינען אומעטום אין רוסלאַנד, וואו זיי ווילן נאָר אַליין!... אפילו אין מאָסקווע. און פאַרוואָס ניט טאַקע אין סאַמע פּיטערבאַרג — אַ פשיטא שוין אין אַזאַ מין קיעוו! באמת: משיחס צייטן.

— איז עס געמאָלט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיין טאַקע וואָר?

— איז עס געמאָלט, אַז דאָס אַלץ זאָל גאָר זיין מעגלעך?

שטאָטישע באַלעבאַטים האָבן דאָך שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט אַז אָט די אַלע ציצילים טישע באָבע־מעשות זאָלן ווען־עס־איז אַרונטער פון די בלעטלעך מיט די אָפּ־געמעקטע בלייכע אותיות וואָס מען געפינט אַמאָל אין אַ ווינטער־פרימאָרגן אויפן שניי — די פּראָקלאַמאַציעס; אַז זיי זאָלן ווען־עס־איז אַרויס פון דער וועלט פון דער אינגלישער פלאַפּלעריי און פאַר־ווירקלעכט ווערן אין לעבן.

— אפשר איבער הונדערט־און־צוואַנציק יאָר אַרום — פלעגט מען אין אַן אָנפאַל פון נאָכגיביקייט און גרויסמוטיקייט אַמאָל צוגעבן — אפשר פאַר אונזערע קינדער, פאַר אונזערע קינדס־קינדער... אָבער נאָך אין אונזערע צייטן?

עס מוז דעריבער געדויערן אייניקע וואָכן ביז שטאָטישע באַלע־באַטים הויבן אָן צו גלויבן אין אָט די אַלע גליקן — ממש ווי פון הימל אַרונטערגעוואָרפענע. אָבער דערפאַר, אַז מען הויבט שוין

יאָ אָן צו גלויבן, דעמאָלט נעמט אַרום די גאַנצע שטאָט אַ מאָדנע שטימונג און עס רינגלט זי אַרום אַ מאָדנע לופט: אַ שטימונג און אַ לופט וואָס זיינען אפשר ניט אינגאַנצן קיין יום־טובדיקע, אָבער קיין וואָכעדיקע זיינען זיי לכל־הדעות ניט... עס כאַפּט אַרום די שטאָט אַ שטימונג, ווי עפּעס אין די טעג פון חול־המועד.

מען אַרבעט ניט, מען טוט גאָרניט; מען דרייט זיך אַרום טעג גאַנצע גלאַט אַזוי אויפן מאַרק, מען שלעפּט זיך פּוסט־און־פּאַס איבער די האַלב־יום־טובדיקע גאַסן, מען רויכערט מיט אַ גרינג געמיט פּאַפּיראָסלעך און ציגאַרן טיטיון, — מען וואַרט אַלץ אויף די גרויסע גליקן וואָס וועלן זיכער באַלד אָנקומען, ווייל זיי זיינען דאָך שוין אין וועג — גליקן אויף דער שטאָט און אויף אַלע אירע אידן...

ב.

אין די שטיבער הערשט פונדעסטוועגן נאָך אַלץ אָרימקייט און האַלב־פאַרשטעלטער הונגער. איז דעמאָלט באַשליסט אויך וויגדער ביי זיך:

— ער וועט נעמען דעם פּאַראַכאָד און אַוועקפאָרן אַרונטער טייך, קיין קיעוו.

וויגדער קען שוין מער ניט צוזען די גרויסע נויט אין שטוב. קיעוו איז אַ גרויסע שטאָט — דאָרט זיינען דאָ אַסך דרוקערייען, צייטונגען. אָ, ער וועט זיך שוין זען דאָרט צושלאָגן צו עפּעס. אין זיין יונגן קאָפּ ראַיען זיך אָן־אַ־שיר חלומות, ווי בינען אין אַ בינ־שטאָק.

— אָך, צייטונגען... ווען ער, וויגדער, וואָלט זיך נאָר געקענט אַריינכאַפּן אַרבעטן אין אַ צייטונגס־דרוקעריי!

און פאַרוואָס טאַקע ניט? איצט, ווייבאַלד אידן האָבן געקראָגן די זעלביקע רעכט וואָס אַלע... — טראַכט אויך וויגדער ביי זיך.

— איצט איז אודאי אַלץ מעגלעך.

חוץ דעם:

ביי זיך ווייסט דאָך וויגדער אַז ער קען שוין די מלאכה גאָר ניט שלעכט, כאָטש ביים ראַבינער אין דער דרוקעריי, וואו ער איז געווען אַשטיקל צייט אויף דער לער, האָט מען אים קיינמאָל ניט געוואָלט

צולאָזן צו טאָן די עיקר־ארבעטן, צו פאָרען זיך ביי די מאַשינעס. אָ, אין דער גרויסער שטאָט וועט ער זיך שוין זיכער דורכשלאָגן א וועג.

דער מאַמען זאָגט ער אָבער אז ער מוז אוועקפאָרן דערפאַר וואָס די דייטשן קענען דאָך א ליאָדע טאָג אריינקומען אהער אין שטאָט.

— מען זאָגט — וואַרפט ער זיך אַזוי אריין א פּאָר ווערטער ווי כלאחר־יד — מען זאָגט אז די דייטשן נעמען צו אין סאָלדאַטן אַלעמען... אפילו אינגלעך פון זעכצן יאָר...

זאָגנדיק דאָס, האַלט ער די אויגן אַרונטערגעלאָזט, און די ברעמען זיינע כמורען זיך אים אָן. איז דאָס מסתמא דערפאַר ווייל אזוי טוט ווינדער תמיד ווען ער איז געצוואונגען צו זאָגן א ליגן... כאָטש עס קען דאָך געמאָלט זיין אז גראָד דאָס איז גאָר קיין ליגן ניט; אַלנפאַלס, האָט ער דאָך פון אַסכ׳ענען געהערט אז אויף צוואַנגס־ארבעט שלעפּן די דייטשן טאַקע יעדן איינעם, סיי יונג און סיי אַלט.

און סטערע פאַרשטייט גלייך אז זי וועט ווינדערן סיי־ווי ניט קענען אָפּריידן פון זיין באַשלוס.

וואָס־וואָס — קיין קלענערער עקשן פון זיין פאָטער איז ער זי־כער ניט... חוץ דעם, איז ער טאַקע גערעכט אויך. וואָס וועט דאָ פון אים ווערן? ער איז דאָך שוין באַלד א בחור פון א יאָר זיבעצן... דאָס הייסט, אין א חודש־צוויי ארום דאַרף אים דאָך שוין ווערן זעכצן יאָר.

— מאָדנע... — טראַכט סטערע די אייביקע טראַכטענישן פון יעדער מאַמע — מאָדנע, ווי פון א קינד ווערט עס א גאַנצער מאַנס־פּערשוין... ווי ער האָט עס הויך אזוי געגעבן א וואַקס אויס אין די לעצטע פּאָר יאָר — הויך, ממש ווי א סאָסנע.

מער ניט: ער איז נאָך אַלץ אַביסעלע צו־דאַר, איר ווינדערל. און מער, ווי ערגעץ אַנדערש, זעט זיך אַרויס אָט די דאַרקייט אין זיין נאָז — זי איז אזוי לאַנג, אזוי ביינערדיק און אזוי אויסגעצויגן. אודאי נעמט זיך עס דערפון וואָס ער שפּייזט זיך לעצטנס אזוי שלעכט — אָבער וואָס קען זי דען העלפן, סטערע...

— יאָ... זאָל ער טאַקע פאָרן קיין קיעוו — באַשליסט זי ביי זיך אויך — אַפּנים, אז ס׳איז אים אויך באַשערט צו גיין אין

בונעמס דרכים: זיך לאָזן זוכן גליקן אין די ווייטע גרויסע שטעט... צי ער וועט זיך יאָ דאָרט צו עפּעס דערשלאָגן, צי ניט — זאָל ער דאָרט, לכל הפּחות, האָבן עסן צו דער זעט.

סטערען איז איצט אַזוי ביטער אויפֿן הארצן אַז ווען זי וואָלט נאָר געוואוסט וואָס אַזוינס זי וועט קענען דאָרטן טאָן, אין קיעוו, וואָלט זי איבערגעלאָזט די גאַנצע שטוב, האַק־און־פּאַק, און וואָלט אַליין אויך אַוועקגעפאָרן אַהין. וואָרים וואָס וועט זי אַליין דאָ טאָן, אויב די דייטשן זאָלן טאַקע אָנקומען אַהער. מען שמועסט אפילו אַז די דייטשן זיינען ניט קיין אכזרים און זיינען דווקא גאָר גוט צו אידן — דייטשן, צוליב זייער לשון, זיינען דאָך באַלד אַליין האַלבע אידן. אָבער איצט, וויבאַלד אַז אין רוסלאַנד איז טאַקע געוואָרן די אמתע „סלאָבאָדע" — איז דאָך ניט שייך... פּלי וואוהין דו ווילסט, פויגעלע. זוך דיר אויס דיין אייגן שטיקל ברויט, און פּיק.

ג.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ווינדער האָט געמאַכט אַ לענגערע רייזע. ער איז אָפּגעפאָרן איצט מיטן פּאַראַכאָד קיין קיעוו, זוכן דאָרט אַרבעט.

ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. אין האַנט האָט ער געטראָגן איצט אַ בלוי־געפאַרבטע הילצערן קעסטל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען זיינע זאַכן. אויפן פּלייצע — אַ גראָבן לייווענטענעם זעקל אין וועלכן סטערע האָט אים פאַרפּאַקט אַ קישן, אַ קאָלדרע.

ער האָט זיך געאיילט צום פּריסטאַן. אויפן וועג האָט זיך צו אים אומדערוואַרט צוגעטשעפּעט ק י ו ו ע, ברוך־משה־מרדכים אינגסטער זון.

פּונקט ווי דער טאַטע איז געווען אַ קאַרליקל, אַזוי איז דער זון דווקא געווען הויך־געוואַקסן — אַביסל אפילו איבערגעוואַקסן; אין דעם איז ער געווען גערעטן אין דער מאַמען זיינער. בכלל, האָט ער אינגאַנצן געהאַט איר אָנבליק: הויכע מאָנגאָלישע קינבאַקן, שמאָלינקע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגעלעך, אַ קרענקלעך־געלע הויט אויפן פּרישטשעוואַטן פּנים.

ווינדערן האָט ער געקענט נאָך פון די חדר־יאָרן, ווען אַליין איז שוין קיווע געווען דעמאָלט אַן „עקסטערניק". און פון

די חדר־יאָרן אָן נאָך האָט אים ווייגדער פיינט געהאַט: פיינט געהאַט פאַר זיינע פאַרזשמורעטע גנבישע אויגעלעך, פאַר זיין גרויס־האַלטן זיך איבער די אינגלעך פון זיין טאַטנס חדר און פאַר זיין קלוגיטשקן שמייכעלע. אָ, דאָס דאָזיקע שמייכעלע,... באָטש קיווע איז געווען אַ געבראָטענער נאַר, פלעגט דאָס קלוגיטשקע שמייכעלע פונדעסטוועגן זעלטן פאַרשווינדן פון אַרום זיינע פאַרזשמורעטע אויגעלעך ווען ער פלעגט ריידן מיט אַ מענטשן, — פונקט ווי ער, קיווע, וואָלט געוואוסט גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ וויכטיקע סודות, וואָס אַנדערע ווייסן ניט.

קיווע איז געווען לעצטנס אַ בחור אַ לײדיק־גײער. טאָג נאָך טאָג, פלעגט ער זיך אַרומדרייען איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט, איבערן פּ ר אָ ס פּ ע ק ט און איבער פּ אָ ק ר אָ װ ו ס ק ע, מיט אַ גלאַנציק־פּאָלירט שטעקעלע אין האַנט און מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל. ס׳איז געווען ווי מיט אָט דעם אַרומדרייען זיך אינם רייכסטן טייל פון שטאָט, איז ער אַליין, קיוועלע, שוין אויך געוואָרן רייך און וויכטיק... אויף די אַקסלען אַריבערגעוואָרפן האָט ער געטראָגן אַ ברייטע מאָדישע פּעלערינע. אויף דער סטודענטישער היטל — אַ קאָקאַרדע. קיינער אין שטאָט האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואוסט פון וואַנען דאָס האָט זיך צו אים גענומען און אין וואָס פאַראַ אוניווערסיטעטן ער גייט עס...

אַז קיווע פלעגט אַמאָל זיך אָנטרעפן מיט ווייגדערן אין גאַס, פלעגט ער דעם לעצטן עפּעס קיינמאָל ניט דערקענען. יענער איז דאָך געווען בסך־הכל אַ פּראָסטער „ראַבאָטשע", און ער, קיווע — ער איז דאָך אַ סטודענט! דאָס הייסט, דערווייל נאָך ניט. דערווייל האָט ער בלויז אָן אַטעסטאַט אַז ער האָט „געקאָנטשעט". אָבער אַזוי גיך ווי ער וועט אויסהאַלטן דעם קאָנקורס אינם קיעווער פּאָליטעכניקום — — — אַזוי גיך ווי ער וועט אַריינפאַלן אין דער פּראָצענט נאָרמע — — —

איצט אָבער, אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע און קיווע האָט שוין געהאַט געלייענט אין די צייטונגען, אַז די „ראַבאָטשע" זיינען אַצינד געוואָרן גלייכע יחסנים מיט אַלעמען, און אַז אין די גרויסע רוסישע שטעט הויבן זיי אפילו אָן צו פירן די גאַנצע גרענדע, — איצט איז שוין געווען גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש.

קיווע האָט שוין דעריבער, אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע

וואָכן, עטלעכע מאָל געזוכט אָנצוטרעפן אין גאַס ווינגדערן, פאַרפירן מיט אים נענטערע באַקאַנטשאַפט. בפרט נאָך, ווען ער האָט געהערט: ווינגדער פאָרט אַוועק קיין קיעוו — אין אַ גרויסער שטאָט! דערזעענדיק איצט פונדערווייטנס ווינגדערן מיט זיין געפּאַרבטן הילצערנעם רייזע־קעסטל, ווי ער שפּאַנט איילנדיק צו דער ברעג־גאַס, צום פּריסטאַן־צו, איז ער אים אַ שטיק וועג נאָכגעלאָפן, ביז ער האָט אים אָנגעיאָגט.

ד.

— אָט־אַזוי, ברודערל... פאָרסט, הייסט עס, אַוועק קיין קיעוו? טוסט טאַקע גלייך... קאָניעטשנאָ, איך האָב עס פון תמיד געזאָגט: בלויז אין אַ גרויסער שטאָט קען מען זיך דערשלאָגן צו אַ פיינער קאַריערע.

ווינגדער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט בלויז איין מאָל לויפיק אויף אים אַ קוק געגעבן, אַרויסגעמורמלט: „יאָ, קיין קיעוו"... און האָט געמאַכט נאָך לענגערע שפּאַנען. קיווע אָבער האָט זיך אויף קיין האָר ניט באַליידיקט. איצט האָט ער דאָך געדאַרפט ווינגדערס באַקאַנטשאַפט... חוץ דעם, ווינגדער איז טאַקע איצט אויסגעוואַקסן אין קיוועס אויגן זייער הויך.

— יאָ, אודאי אַזוי, ברודערל, — האָט ער נאָכאַנאַנד געזשומעט אין ווינגדערס אויערן. — אַ „מאַלאָדאָי טשעלאָוועק" מיט אַמביציע, ווי דו, טאָר ניט פאַרפּאַדאַיען אין אַ פּראָווינץ־שטעטעלע... לופט! לופט! פּראָסטאָר! איך פאָר אויך אינגיכן אַוועק קיין קיעוו... נאָך אין אַ פאָר וואָכן אַרום וועל איך דאָרט אַריינטרעטן אין קאָמערטשעסקע אינסטיטוט... אָדער אפשר גאָר אין פּאָליטעכניק! ניטאָ איצט מער, ברודערל, קיין פּראָצענט־נאָרמעס — איצט איז סוואָבאָדע, סוואָבאָדע! מיר'ן האָבן אַ פּאַרלאַמענט, אַ קאָנסטיטוציע...

ווינגדער איז געלאָפן וואָס אַמאָל אַלץ שנעלער. קיווע האָט אויך פאַרגיכערט זיינע טריט, ער האָט זיך אַלץ באַמיט אָנצוכאַפּן אָן עק פון דעם שטריק מיט וועלכן ס'איז געווען אַרומגעבונדן ווינגדערס הילצערנער קאַסטן, העלפן אים אונטערצוטראָגן. דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

— קענסט אודאי טראַכטן, אַז איך בין ניט קיין רעוואָלוציאָנער,
— האָסטו אַ טעות... כ'האָב תמיד סימפּאַטיזירט מיט די אידעאַלן פון די אַרבעטער... האָבן מיר ניט אַלע אַלצאַיינס געליטן בשעת דער סאַמאָדערזשאַוויע ? זי איז איצט געפאַלן, סלאַווא באָגו... ביי דער קאָנסטיטוציע, וואָס קערענסקי שטייט איצט אָן איר שפּיץ, וועט אונז אַלעמען זיין בעסער... יעדער איינער וועט זיך קענען מאַכן אַ פיינע קאַריערע, גיעסמאַטריאַ אפילו וואָס ער איז אַ איד.

און ווייגדער האָט אַלץ געשפּאַנט שווייגנדיק. בלויז איין מאָל האָט ער אויף קיווען אַ זייטיקן קוק געגעבן, ווי אויף אַ בייזן אָנשי־קעניש. יענעם, אין זיין גרויסער האָפערדיקייט, האָט זיך שוין גע־דוכט: אים איז געלונגען אין אָט די עטלעכע מינוט באַפריינדן זיך מיט ווייגדערן, פאַרקניפּן מיט אים חברשע באַציאונגען... אָ, ווייגדער וועט זיכער וויסן ווי אָפּצושאַצן אָט דעם אינטעליגענטנעם שמועס, וואָס ער האָט אָקאָרשט מיט אים געפירט! קיווע האָט שוין דעריבער נאָך לעבעדיקער און רירעוודיקער אונטערגעשפּרונגען נאָך ווייגדערן, האָט נאָך וואַרימער געפּלאַפּלט:

— פּאַר געזונט... דאָס הייסט, ניט פּראָשטשאַי, נאָר דאָסוויי־דאַניאַ...1) איך מוז, איק סאָזשאַלעניו2) פּטרן דאָ אין שטעטל נאָך אַ פּאָר וואָכן. מיר'ן זיך אָבער אינגיכן טרעפן, ברודערל... אין קיעוו, וואו עס ליגן באַגראָבן אַ ס ק אָ ל ד און ד י ר...3) און וואו דער הייליקער וולאַדימיר...

פון דעם אַלעמען האָט ווייגדער פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט אודאי קיווע אויפן אָנהויב פונם זמן, ווען דער טאַטע זיינער, דער מלמד, וועט אַריינגעמען פון די שטאָטישע באַלעבאַטים די ערשטע עטלעכע רובל שכר־לימוד געלט, און דעם זינדעלע זיינעם געבן אויף דער הוצאה. ער האָט אָבער מיט קיין איינציק וואָרט זיך ניט אָפּ־גערופן. זיי זיינען שוין באַלד געווען ביים פּריסטאַן. אויפן פּריסטאַן האָט שוין געוואַרט די מאַמע מיט דער שוועסטער. זיי זיינען געקומען טאַקע גלייך פונם מאַרק, זיך געזעגענען.

ה.

פאַר ווייגדערן איז די ריידע געווען אַ גרויסע פרייד, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן וואָס ער האָט געמאַכט אַ לענגערע נסיעה.

דאָס רוב צייט איז ער געזעסן אויפֿן דעק, האָט זיך געטוליעט אין זיין דין מאַנטעלע. ס'איז נאָך געווען קאַלט. ס'איז ערשט געווען אָנהויב־פרילינג.

דורך די האַלב־דורכזיכטיקע בוימער אויפֿן רעכטן העכערן טייך־ברעג האָבן זיך נאָכאַנאַנד געזען דערפֿלעך, כוטאָרן, פּויערים, וואָס זיינען געגאַנגען נאָכן אַקער, הירזשנדיקע געפּענטעטע פערד.

דער טייך איז געווען ברייט צעגאָסן אויף ביידע זייטן, ווי אַ ים־אויסגוס... ווייל ס'איז געווען איצט פרילינג אויף דער וועלט. דאָס וואַסער האָט געזונגען פון ברעג ביז ברעג מיט מיליאָנען קליינע לויפנדיקע כוואַליעלעך. וויגדערן איז געווען ענג דאָס האַרץ אין דער ברוסט, ווי דעם טייך אין זיינע ברעגן. עס האָט זיך געריסן, דאָס האַרץ זיינס, מיט גרויס ליבשאַפט צום אַרום.

ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פיל שיינע ערטער און שטעטלעך און לאַנדשאַפטן — אין איין איינציקן טאָג. אָט, גאָר ניט ווייט פון זייער אייגענער שטאָט, ניט ווייט נאָכן ערשטן פּאַראָכאָד־אָפּשטעל, שטייט עפּעס אַ רייכער, אַ ווייסער פּאַלאַץ, וואָס זעט זיך אַרויס פון צווישן טשיקאַווע אַזעלכע בוימער — בוימער וואָס קוקן אויס ווי וואַקסנדיקע פּיראַמידן — שטייפע און מאָדנע־אומבאַוועגלעכע בוימער... זיי גיבן זיך אפילו קיין ריר ניט, ווי טויטע, כאָטש זיי זיינען אַזוי געדיכט און אינגאַנצן גרין. וויגדער הערט: פּויערים, וואָס זיינען ביי אָט דעם פּריסטאַן ערשט אַרויף אויפֿן דעק, ריידן צווישן זיך, פירן שמועסן... ס'איז ה אָ ר־ו ו א ט ס מאַיאָנטעק — די רייכסטע און בעסטע ערד אין דער געגנט... נאָר וואָס קומט זיי אַרויס דערפון? זיי אַליין, די אויסגעהונגערטע און פאַרמאָרעטע פּאָלעסישע פּויערימלעך, פאַרבלייבן סיי־ווי אָרים, פגרן ממש נאָך אַ שטיקל ערד — — — —

אַזוי ריידן די אַרויפגעשטיגענע פּויערימלעך, די פּאָלעשטשוקעס, צווישן זיך. זיי זיינען אָנגעטאָן זייער קבצניש, אין קורצינקע צעריסענע סוויטקעס, וואָס שמעקן מיט פריש־אָפּגעשונדענער פעל און וואָס דערגרייכן זיי קוים צו די ברייטע פּליודערן פון גראָבן היימיש־געשפּונענעם ברוינעם לייוונט. אויף די קעפּ טראָגן זיי אָפּגעריבענע שמויסענע קוטשמעס, כאָטש ס'איז שוין לאַנג־לאַנג אויס ווינטער.

אַלע פאַרקליבן זיי זיך גלייך אין אַ ווינקל דעק, פונקט ווי זיי וואָלטן ביי זיך אַליין באַשלאָסן — זיי זיינען ניט קיין פּאַסאַזשירן, נאָר וואָלוועלער באַגאַזש... זיי האָבן מיט זיך אַלע טאָרבעלעך כּאַרטש, פון וועלכע זיי שלעפּן פון צייט צו צייט אַרויס שטיקער ברויט. דאָס ברויט איז ברוינלעך־שוואַרץ, ווי פריש־צעאַקערטע ערד. זיי פאַרבייסן דאָס ברויט מיט ראָזעווע ציינדלעך קנאָבל, קייען שווייגנדיק מיט אָנגעכמורעטע פּנימער — אַ שווער לעבן, אַ שווער לעבן...

ביי זייערע פּיס אין די לאַפּטשעס ליגן זעגן איינגעפּאַסטע אין הילצערנע ראַמען. קענטיק, אַז דאָס זיינען עס באַטראַקעס וואָס פאָרן ערגעץ אין אַ נאָענטן וואַלד אויף אַרבעט, פאַנאַנדערזעגן פריש־אומגעוואָרפענע ביימער.

— פרילינג־צייט? — וואונדערט זיך ווינדער, וועלכער ווייסט נאָך גאָרניט, וועלכער קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז עס זיינען דאָ פּויערים, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע ערד אויף צו באַאַרבעטן פרילינג־צייט, דאַרפן דעריבער אַוועקוואָגלען אין דער פרעמד, זוכן אַ שטיקל ברויט, פּונקט ווי ער, ווינדער. יאָ, ער'ט זיך נאָך דאַרפן, קענטיק, אַ שפּאָר ביסל זאַכן ערשט דערוויסן...

און די אַרומיקע שיינקייט שווימט איצט פאַרביי זיינע אויגן, שווימט פּאַזע ברייט־פלייצנדיקן טייך, מיט די ווייסע פריש־אָפּגעקאַלכטע כאַטקעס אויפן ברעג, מיטן פרילינגדיקן קרייען פון ווייטע הענער, וואָס דערפרייט אַזוי דאָס האַרץ ווי גאָרניט אַנדערש אויף דער גאַנצער וועלט. איין פּויער, אַ צווייטער הויבט אויף זיין שטים און אַן אומעטיג־אויסגעצויגענעם געזאַנג. דאָס געזאַנג ווערט פאַמעלעך אויפגעכאַפּט פון אַנדערע, צעגיסט זיך אומעטיק איבערן פרילינגדיקן וואַסער.

און אין דער צייט, וואָס ביי זיין אָפּגעפרעמדטן טאַטן אינם ווייטן־ווייטן לאַנד וואָס מעבר־לים, איז אויפגעגאַנגען אַ לוסטיקע פרייליכע ליבשאַפט צו יענער פרעמדער, גליקלעכער און רייכער מדינה וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיינס — איז דאָ, ביים זון, אויפגעגאַנגען איצט נאָך אַ גרעסערע ליבשאַפט — אַן אומעטיקע ליבשאַפט, אַן איינגעבאַקענע אין האַרצן ווי דאָס ביטער־זיסע געזאַנג פון די פאַלעסישע פּויערים אויפן דעק פונם דאַמפער — אַ ליבשאַפט צום אָרימען אייגענעם לאַנד, וואָס האָט זיך איצט פאַנאַנדערגעוויקלט און פאַנאַנדערגעבליט פאַר זיינע אויגן.

דריטער קאַפּיטל

אין קיעוו

א.

אין ק י ע ו ו געלינגט ווינגדערן, שוין אין די ערשטע וואָכן פון זיין אָנקומען, אַריינצוטרעטן אין אַ „סאַיוז" — אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די דרוקער־אַרבעטער.

די שמחה און די פרײדיקייט, וואָס הערשט אומעטום אין אָט יענע „האָניק חדשים" נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע; די פאַרשכורטקייט פון שיר ניט אַלע געמיטער מיט דער ראָז־קאָלירטער פרייהייט, מיט וועלכער מען ווייסט ממש ניט ווי אַזוי זיך אָנצוזעטן, און וועלכע שטעלט זיך אַלעמען פאָר אין אַזעלכע רעגנבויגן־פאַרבן; דאָס פלוצלונגדיקע אויפרייסן דורכן מאַסן־ווילן פון אַלע שליוזן, פון אַלע פאַרצוימונגען — דאָס גיט אויך ווינגדערן אַזאַ מעגלעכקייט, פון וועלכער חלומען אפילו האָט ער ביז איצט זייער שווער געקענט חלומען:

— אָן שום שוועריקייטן ווערט ער אַריינגענומען אינם „גויאישן" דרוקער־פאַראיין.

אמת, ער דאַרף דורכגיין אַ קליינעם עקזאַמען. אָבער אין געווײנטלעכע צייטן וואָלט ער טאַקע אַזאַ מעגלעכקייט אַזוי גרינג ניט געקראָגן. ער ענטפערט אויך גאַרניט שלעכט אויף די געשטעלטע עטלעכע פראַגן. עס שטעלן אים די פראַגן אַ פּאָר בלאָנדע האַלבשיכורע מייסטערס. זיי זיצן ביידע אין אַן אָפּגעזונדערטן, האַלבטונקעלן ווינקעלע פון אַ גרויסן ליידיקן זאַל: זיי הערן זיך קוים צו צו זיינע ענטפערס. ביידע זיינען זיי אָנגעטאָן אין שוואַרצע האַלב־

סאטינענע „קאסאוואראטקעס", ביידע שמיכלען זיי איינער צום צווייטן גוטמוטיק אזוי און האלב־שיכורלעך.

ס'איז זיי גוט אזוי און פריידיק אויפן הארצן — צי פון דעם גינגאלדענעם שיכורן שטראלכל, וואס שטעכט זיי אין אט דער מינוט מיט ליבשאפט דורך דער ברייטער שויב; צי פונם שוימיקן העלן ביר, וואס שפילט זיי אנטקעגן אין צוויי גרויסע געשליפענע גלעזער אויפן טיש; צי אפשר גאר פון דעם אומגעוויינטלעכן האניק־פרילינג אין דער שטאט קיעוו... א פרילינג וואס איז יענעם יאר געווען ליכטיקער און זוניקער און האניקדיקער, ווי אלע אנדערע אוקראַי־נישע פרילינגן.

אזוי צי אזוי:

די פנימער פון די צוויי פאראיין־עקזאמינאטארן פארלאזט נית די גאנצע צייט א שמייכל, א גוטמוטיקער שמייכל מיט וועלכן זיי באטראכטן אי איינער דעם צווייטן, אי דעם יונגן שלאנקן אידישן בחורל פאר זיך:

— א געשעפט־נו... אויך אן ענין אט דאס־א... נאפליע־וואט! מיר האבן איצט עפעס וויכטיקערס צו טאן — מיר מאכן איצט א רעוואלוציע!

ב.

זיך אליין ניט ריכטנדיק אויף אזא גוטן און גיכן אויסגאנג, ווערט ווינדער באלד פארעכנט, ווי א מיטגליד פונם דרוקער־פאראיין — א גלייכער מיט גלייכע.

דערצו נאך געפעלט ער אויך דעם פאראיין־סעקרעטאר, וועלכן ער איז א פאר מאל געקומען זען אין זיין ביורקע — א נידעריקער דייטש מיט ברייטע טרעגער־פלייצעס, מיט בלויע ברילן אנגעזאטלטע אויף א דיקער נאז, מיט א כריפנדיקן אנגעשפאלטענעם קול און מיט א דריבנעם הוסטל.

— ווי קומען צו אזא ברייט־פלייציקן מענטשן קראנקע לונגען?

— וואונדערט זיך דער יונגער ווינדער, פונקט ווי ער האט זיך אנומלטן נעוואונדערט אויפן פאראכאד, בעת ער האט געזען די ארימע פאלעשטשוקעס ווי זיי פארלאזן זייער ערד סאמע אין פרילינג־צייט. — ווי קומען קראנקע לונגען — צו אזא געזונטן מענטשן?

ווינדער קומט אהער, אין דער ביורקע, כמעט יעדן טאג. שעהנ־ ווייז שטויסט ער זיך אפ שווייגנדיקערהייט אינם קליינעם „צימערל״. דא איז עם די „ארבעטס־בירזשע״. און אט דער נידעריקער הוסטנ־ דיקער דייטש האט עס צו טאן מיטן שיקן ניט־ארבעטנדיקע פאר־ איין־מיטגלידער אויף פרייע ערטער.

אזוי דערקלערן ווינדערן די אנדערע ארבעטער, וועלכע שטויסן זיך אויך דא אפ גאנצע טעג, פונקט ווי ער. כאטש קענטיק — מיט מער הנאה און מיט גרעסערן טומל. אמאל, דערקלערן אים ווייטער די ארבעטער, איז אט דער „קאלבאס־דייטש״ אליין אויך געווען אן ארבעטער גלייך מיט אלעמען. נאר שוין א לענגערע צייט, ווי ער האט אנגעהויבן אונטערצוקרענקען — ער האט פונם דרוקער־ בליי ביי דער ארבעט זיך אינעווייניק פארסמט די געדערים — האט מען אים דעמאלט געמאכט פארן סעקרעטאר פונם פאראיין.

— ס׳האט אים אפגעגליקט, אז ווי צו אים... — וויצלען זיך גוטמוטיק צווישן זיך די ארבעטער. — אזא מין ניעמעץ פערעץ קאלבאסא...

ג.

ווינדער ריכט זיך: אים אויך וועט אויסקומען ארומוואלגערן זיך דא ווער ווייסט ווי לאנג. אבער אויך דא קומט צו אים דאס גליק אומגעריכטערהייט.

אפשר געפעלט עם אזוי דעם דייטש ווינדערס נעטער און ציכ־ טיקער אויסזען, זיין שווייגנדיקער פנים, זיין שטאלצע געהארכזאמ־ קייט ? ווער ווייסט. נאר איינמאל רופט ער אים אריין צו זיך אין ביורקע און האט מיט אים א לאנגן שמועס. ער רעדט מיט ווינדערן וועגן פארשיידענע זאכן. ניט אלץ פון אט דעם שמועס פארשטייט ווינדער, כאטש ער שטרענגט זיך אן אויפצוכאפן יעדעס ווארט. מיט א שטעלע־קריגן האט אבער אט דער שמועס גאר ניט צו טאן. ער פארענדיקט זיך מיט די ווערטער:

— נ־דא... אזוינע ווי דו, בראטאק, האב איך ליב... שטארק ליב. וועסט ווייט אוועקגיין! ווארט — זאלן נאר די ארבעטער נעמען די מאכט אין זייערע הענט — זאלן מיר נאר קריגן די אמתע פרייהייט, אונזערע!

טראַכט דערנאָך ווינגדער וועגן אַט די רייד אין פּאַרלויף פון די קומענדיקע טעג. הייסט עס, אַז די איצטיקע פרייהייט איז נאָך ניט די אמתע, וויבאַלד די אמתע פרייהייט דאַרף ערשט קומען... פאַרוואָס — ווייסט נאָך דערווייל ווינגדער ניט. אָבער אַט יענער נידריקער דייטש מיט די טונקל־בלויע בריל — דורך אַזעלכע ברילן איז, דוכט זיך, גרינגער ניט צו זען, איידער יאָ צו זען — מאַכט אויף ווינגדערן דעם איינדרוק פון אַן ערלעכן מענטשן. אים מעג מען אודאי גלויבן. ניט נאָר זיין הוסט — משמעות, אַז אויך די בלויע ברילן באַזאָרגן זיין נאָז, ווי אַ רעזולטאַט פון היפּשע עט־לעכע יאָרן זיך בלינד מאַכן די אויגן איבער די קאַסטנס זאַץ.

נאָר צופיל טראַכטן וועגן דעם אַלעמען קומט ווינגדערן ניט אויס. גאָר אינגיכן קריגט ער טאַקע אַ פּלאַץ צום אַרבעטן, און — אַ טשיקאַווער שפּאַס:

זיין ערשטן אַרבעטס־פּלאַץ קריגט ער ניט אין אַ פּשוטער דרוק־קעריי, נאָר טאַקע גלייך אין אַ צייטונג! און דערצו נאָך ניט סתם אַזוי אין אַ צייטונג, נאָר אין דער דרוקעריי פון דער אָרטיקער גרויסער אַנטיסעמיטישער צייטונג...

ד.

ווינגדער אַרבעט דאָרטן פלייסיק און איבערגעגעבן, ווי עס איז זיין טבע. ער מאַכט זיך גיך באַליבט ביי די אַרבעטער פון דער דרוקעריי, וואו ער איז דער איינציקער איד.

אַן אומחן אויף אים וואַרפט אָבער שוין פונם ערשטן טאָג אַן דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי, ג א ו ו ר י ל י ו ק, אַ קיילעכדיקער פּאַרשוין מיט קורצע, שטייפע און שטעכעדיקע חזיר־האָר אויפן קאָפּ, מיט קורצע שטעכעדיקע וואָנצן און מיט ניט ווײַ־ניקער שטעכעדיקע אויגעלעך. דער „זשיד" שטייט אים ווי אַ ביין אין האַלז; קיינמאָל האָט נאָך ביי אים ניט געאַרבעט קיין איד. הם... אַט האָסטו דיר טאַקע רעוואָלוציע...

יאָ, אַן אמתער ביין אין האַלז. אַרונטערשלינגען אים קען ער בשום אופן ניט. אַרויסשפּייען אים — לאָזט ניט דער פאַראיין; ניט גלאַט אַזוי, אָן שום סיבה.

איז שוין פונם ערשטן טאָג אָן זוכט גאַווריליוק חסרונות אין ווינדערס ארבעט, זוכט מיט ליכט אַ געלעגנהייט ער זאָל אים קענען אָנקלאָגן אין פאַראיין. אזא מין געלעגנהייט מאכט זיך אָבער בשום אופן ניט.

וואָס קען מען דאָ צו אים זיך טשעפּען? כאָטש ווינדער איז אריין אויף די שבירות פון בלויז אַ געהילף, קען ער פונדעסטוועגן טאָן אַלערליי סאָרטן ארבעט אין דער דרוקעריי, ווייסט שוין ווי צו באַגיין זיך מיט אַלערליי סאָרטן זאַץ. ער איז אַ בחורל ניט קיין פאַר־לענצער, ניט קיין אָפּנאַרער, פּטרט ניט אַוועק אומזיסט קיין צייט. ניין, ניטאָ זיך צו אים פאַרוואָס צו בינדן.

— אָן אָנשיקעניש אויף זיין קאָפּ, — קראַצט גאַווריליוק מיט פאַרביטערטקייט זיינע שטייפע חזיר־האָר. — אָן אָנשיקעניש פון דער רעוואָלוציע...

ער נעמט און שטעלט אים דעמאָלט ארבעטן ביי די שטויביקסטע בליי־קאַסטנס, וואָס זיינען פאַררוקט אין די טונקלסטע ווינקלען פונם דרוקעריי־קעלער. ביים שיין פון שוואַך־ברענענדיקע עלעקטרישע לעמפּלעך לאָזט ער דאָרט ווינדערן ארבעטן כמעט תמיד ביי איין און דעם זעלביקן זאַץ — ביים פּעטיט־זאַץ, וועלכער נעמט אינגאַנצן ארויס די אויגן.

נאָר ווינדער ארבעט מיטן גרעסטן פליס, זשאַלעוועט ניט זיינע יונגע כוחות. מער ניט: ער ווערט פון טאָג צו טאָג בלייכער, די באַקן זיינע קריגן שאָטנדיקע גריבער אונטער די קינבאַק־ביינער, וועלכע הויבן ביי אים לעצטנס אָן קענטיק ארויסצושטאַרטשען. די לונגען, אָנגעזאַפּטע מיט בליי־שטויב, הויבן אים אָן שטילינקע אַביסל אונטערצוכריפּען פאַר יעדן הוסט, ווי אַ קאַליע זייגער פאַרן אויס־שלאָגן די שעה.

אָ, ווינדער פאַרשטייט שוין דעמאָלט פאַרוואָס ביים דייטש מיט די ברייטע טרעגערישע פּלייצעס — דעם סעקרעטאַר פון זייער פאַראיין — פּלעגט תמיד אַזוי אונטערכריפּען ביי דעם ריידן דאָס אָנגעשפּאָלטענע קויל, ווי אַ טרומייטערל מיט לייכעט אינעווייניק... אָבער ביי אים איז נאָך דערוויל ניט אַזוי שלעכט. גאָר ניט אַזוי שלעכט. ער שווייגט דעריבער. ער דאַרף שווייגן. פאַר זיין ארבעט קריגט ער דאָך געלט, און דאָס געלט שיקט ער אַהיים.

ח.

אין קיעוו, דער שטאָט אויף אוקראַינע, ווי אינם גאַנצן ארומיקן לאַנד, הויבט שוין דעמאָלט אָן א האַנט צו דרייען דעם רויטן, דעם בלוטיקן פילם.

סיי פאר ווינדערס אָנקומען אהער און סיי איצט — פאַרביי ווינדערן, איבער ווינדערן, ארום ווינדערן — שטייען אויף, הויבן זיך און פאַלן מלוכות, אָרדענונגען: די ראַדע, די דירעקטאָריע, די העטמאַנשטשינע, די דייטשן...

ווינדער קוקט זיך שווייגנדיק צו צום דעם אַלעמען, צו דעם אומגעוויינטלעכן שנעלן גאַנג און לויף פון די אָרדענונגען, וואָס ווירבלען ארום אים, אָט מיט א יום־טובדיקייט — און אָט שוין מיט א צעשראָקנקייט און צעמישעניש. ער פרובירט אין דעם אַלעמען זיך פאַנאַנדערקלייבן. ער וויל וויסן, וועלכע פון זיי איז „גוט פאַר אים"; ער וויל דערפילן, צו וועלכער פון זיי עס גייט אוים זיין הארץ....

דאָס קומט אים אָבער אָן זייער שווער. דער פילם דרייט זיך צו שנעל. די בילדער בייטן זיך צו־ראַש. זיי יאָגן אָן און יאָגן אוועק. אָט, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אפילו אָנצוקוקן ווי געהער־ריק די שפּאָגל־נייע חיילות, די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען דאָ אינגאַנצן א פאָר טעג, — ערשט אין שטאָט האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן די דייטשן.

ו.

און גאַווריליוק ווערט די גאַנצע צייט ניט מיד. ער זוכט נאָכ־אַנאַנד נייע פאַרטלען, ווי אזוי אויסצוזוכערן פון דאַנען ווינדערן. ער קריגט אזש די געכפּע, וואָס דער „זשידיאָנאָק" אַרבעט ביי אים אַלץ אין דער דרוקעריי. ביז דער כּוס פון ווינדערס געדולד ווערט איבערגעפילט.

אין איינעם א טאָג, באַלד נאָכדעם ווי די דייטשן זיינען אריין אין שטאָט, פאַלט גאַווריליוק אריין אין דער דרוקעריי א שיכורער, א צעהיצט־פאַנאַנדערגעכראַסטעטער, — אָן אויפגעבראָכן פעסל בראַנפן.

בגילופנדיק איז איצט גאווריליוק פון גאנצע צוויי זאכן: אי פון אסך אריינגעפליוכעטן שנאפס און אי פון דעם, וואס די „פאס־קודנע באלשעוויקעס" זיינען פון דער שטאט פארטריבן געווארן. ער האט איצט די טיפע זיכערקייט, אז די דייטשן האבן מיט אן אייזערנער בארשט ניט נאר אויסגעראמט פון דאנען די „פאסקודנע באלשעוויקעס" — זיי וועלן בכלל אפרייניקן גאנץ אוקראינע פונם מינדסטן סליאד פון רעוואלוציע, וואס די מאסקאלישע קאצאפעס האבן אהער פארטראגן.

פון זיינע חוצפהדיקע אויגעלעך, וועלכע באטראכטן איצט די ארבעטער אין דרוקעריי מיט אזא בייזן ארויסרוף, איז קלאר: ער זוכט איצט מיט וועמען אפקילן זיין הארץ. און באלדווארפט ער זיך טאקע ארויף מיט שוים אויף די ליפן אויף ווינגדערן, וועלכער שטייט ניט ווייט פון אים, פיקט ארויס מיט איילנדיק־נערוועזע פינגער די בוכשטאבן פון די קעסטלעך פון דער קאסע1), וואס פאר אים.

— ריר זיך לעבעדיקער, פארכאטער דו... באלשעוויק...

— ברומט ער ארוים, רוקט זיך אלץ נענטער אויף אים, הילט אים אזש איינגאנצן איין אין א בראנפן־פארע. — אויף די באלשעוויצקע סאבראניעס ביסטו דאך אודאי רירעוודיק, ווי א קייקעלע... שוויגסט, הא? געפלאצט ביי דיר דער קוראזש, סמארקאטער באלשעוויק?

מיט עטלעכע טעג צוריק האט ווינגדער טאקע גענומען אנטייל אין א וויכטיקער געהיימער פארזאמלונג פונם דרוקער־פאראיין. אויף אט דער פארזאמלונג זיינען ניט אזוי באטראכט געווארן לויפנדיקע פראפעסיאנעלע ענינים, ווי די פראגע ווי אזוי צו העלפן באשיצן די שטאט קעגן מעגלעכע אנגריפן פון שונאים א צווייטן מאל, ווען די סאוועטישע מאכט וועט דא ווידער זיין.

ווינגדערן איז דעמאלט געווארן קלאר, אז מען דערוואַרט דא ווידער די באלשעוויקעס... מיט א שוויינגנדיק־סודותפולער מינע, כאטש ער אליין האט פון קיין שום סודות ניט געוואוסט, האט ווינג־דער ארומגעשמאיעט צווישן די זיך־היצנדיקע ארבעטער, האט פאנאנ־דערגעטראגן צווישן עולם די מעלדונגען און צעטעלעך, וועלכע דער סעקרעטאר האט אים געהייסן פאנאנדערטראגן.

יא, ריכטיק... אבער פונוואנען ווייסט עס גאווריליוק? ס'איז דאך געווען א געהיימע פארזאמלונג!...

א שאָד, וואָס ווינגדער האָט ניט באַוויזן ריכטיק זיך צוקוקן צו די באָלשעוויקעס דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי זיינען דאָ געווען. יענע עטלעכע טעג, וואָס זיי זיינען דאָ געווען, איז ער גראָד געלעגן קראַנק. און ווען ער איז אַרויס פון בעט, האָבן זיי שוין ווי איבערנאַכט ניט געשטאַיעט.

גאָווריליוק זידלט זיך, און ווינגדער שווייגט אַלץ. ס'איז אָבער אַ צעהיצטע, אַ פלאַמענדיקע שווייגעניש. אויב גאָווריליוק האַלט אים, ווינגדערן, אין איין זידלען: „באָלשעוויק, באָלשעוויק" — מוז דאָך אודאי זיין עפּעס נאָנטס צווישן ווינגדערן און זיי...

ברענט שוין ווינגדער מיט שאַרפער אומגעדולד. ער וואָלט שוין אַ בעלן געווען גיכער צו וויסן, וואָס פאַר אַ מאַכט איז עס די נייע מאַכט, און מיט ו ו אָ ס זי וועט זיין בעסער פאַר דער איצטיקער. כאָטש פאַר אים איז שוין גענוג דאָס, וואָס כמעט אַלע אַרבעטער פון זיין פאַך זיינען מיט האַרץ־און־לעבן איבערגעגעבן אָט יענער אומבאַקאַנטער מאַכט, וואָס הייסט „סאָוועטישע"; כאָטש ער פילט זיך גליקלעך שוין מיט דעם אַליין, וואָס זיי נעמען אים אויך אַריין אין קאָן, ווי אַן איינענעם. אָבער פונדעסטוועגן... זיין נייגיריקייט איז גרויס ענדלעך אַליין אָנצוקוקן אָט יענע וואונדערלעכע מענטשן.

ז.

אָט די אַלע מחשבות זיינען איצט פאַר ווינגדערן אַ באַשיצונג קעגן גאָווריליוקס שטראָם זידלערייען, וואָס גיסט זיך נאָכאַנאַנד אויף אים. אָבער יענעמס פאַרעקשנטע שווייגעניש צערייצט נאָך מער גאָווריליוקן. אויף זיין רויטן שיכורן פּנים גיסט זיך פאַנאַנדער אַ צונטערדיקייט; ער האָט אַ קרענקלעכע הנאה פון דעם, וואָס ניט ווינגדער און ניט אימיצער אַנדערש אין דער דרוקעריי וואַגן זיך איצט שטעלן אים אַנקעגן.

— הער נאַר, — רייסט ער זיך צו ווינגדערן ווי אַ הונט אויף דער קייט. — ע ר אויך... אזא זשידיאָנאָק! ניט גענוג נאָך, וואָס מען האָט אים אַריינגענומען אַהער, קהלט ער זיך נאָך... אי אַהאַפּאַ ליודי! ו ו ע ר עס זאָגט שוין דעות ביי אונז אויף דער אוקראַינע!

— ביי אונז אויף דער אוקראַינע האָבן נאָך דערווייל די באַל־שעוויקעס קיין דעה ניט!... — שפּריצט זיין שיכור־מויל ניכער מיט פייער, איידער מיט סליונע. — דאָ הערשן די דייטשן! די דייטשן, ברודערל! די קאַצאַפּעס דיינע זיינען פאַריאָגט געוואָרן צו־ריק קיין מאָסקווע!

— וואָן פון דאַנען! — דונערט ער זיך אויף ווינגדערן ענדלעך פאַנאַנדער, ווען יענער שווייגט אַליין. — פון מאָרגן־אָן זאָל זיך דיין „זוואַניע" דאָ מער ניט געפינען... גיי, קענסט זיך באַקלאָגן פאַר דיין „סאָיוז", אויב דו ווילסט...

מיט אַ נצחון־שמייכעלע פירט ער זיינע בליקן איבער די אַר־בעטער אין דער דרוקעריי. זיי שטייען אַלע פאַרטיפט אין זייער אַר־בעט און שווייגן. עס קומט אויס, ווי זיי וואָלטן די זידלערייען גאָר־ניט געהערט צוליבן שטאַרקן גערויש פון די מאַשינען, צוליבן הו־הא, וואָס שטייט שטענדיק אין דער דרוקעריי.

ווינגדער האָט אויך גאָוורילוקן קיין וואָרט ניט געענטפערט. ער האָט אים בלויז באַטראַכט אַזוי אַ פּאָר מינוט; האָט אים באַ־טראַכט ניט אַזוי מיט די אויגן, ווי מיט דער דינער און שאַרפער נאָז, וואָס איז ווי באַשאַפן געוואָרן צום באַפעלן; ווי מיט זיינע ליפּן, וואָס זיינען איצט געווען נאָך שאַרפער צוזאַמענגעצויגן.

— וואַרט, — האָבן אָט די צוזאַמענגעצויגענע ליפּן און שאַרף־געשניטענע נאָז גערעדט מער, ווי טויזנט ווערטער. — וואַרט... מיר וועלן זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען... און אפשר טאַקע גאָר אינ־גיכן...

ער הויבט אפילו ניט אָן צו וויסן ווי אַזוי ער וועט זיך עס אָפּ־רעכענען מיט דעם שטאַרקן און מאַכט־האָבנדיקן פאַרוואַלטער. ער פילט אָבער: אָפּרעכענען זיך מיט אים דאַרף ער, — און דעריבער ו ו ע ט ער...

ח.

ווינגדערן פאַרדריסט דעמאָלט ביז גאָר ניט אַזוי דאָס וואָס ער פאַרלירט אַזאַ גוטן אַרבעטס־פּלאַץ. אים פאַרדריסט אַסך מער גאָר עפּעס אַנדערש:

— הלמאי קיינער פון די אַרבעטער נעמט זיך פאַר אים ניט און, הלמאי קיינער שטעלט זיך ניט איין פאַר אים...

ווייל ער ווייסט ניט: אויך זיי, פונקט ווי ער, שטיקן זיך די גאַנצע צייט מיט זייער צאָרן און פאַרדרוס. ער פאַרשטייט ניט: שרייענדיק און וואַרפנדיק זיך אויף אים, האָט דער פאַרוואַלטער מיט דעם ניט ווייניקער געמיינט זיי, די איבעריקע אַרבעטער, וועלכע האָבן ווינדערן ביז איצט באַשיצט און ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל אים פונדאַנען אַוועקשיקן. זיי פילן אָבער, אַז איצט איז נאָך ניט געקומען די צייט אויף אָפּצורעכענען זיך פאַר קריוודעס — זייער צייט דאַרף ערשט אָנקומען... אָט־אָט, אינגיכן איז זי שוין דאָ, ז י י ע ר צ י י ט.

פון גאַווריליוקס שוים־שפּריצנדיקע רייד האָט זיך אויך איצט איין ביי ווינדערן אין קאָפּ דאָס וואָרט „באָלשעוויקעס", ווי שוין נים איינמאָל פריער. הם... עס איז דאָך קלאָר, אויב אַזוי: ווען אָט יענע באָלשעוויקעס וואָלט דאָ געהאַט אַ דעה — וואָלט שוין גאַווריליוק, ווייזט אויס, דאָ געהאַט אַ קנאַפּע דעה... דעמאָלט וואָלט שוין אים קיינער ניט געסטראַשעט, הלמאי ער „קהלט" זיך — הלמאי ער אויך האָט באַזוכט אָט יענעם מיטינג פון די דרוקער־אַרבעטער.

אַז גאַווריליוק איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, פּרוּווט ווינ־דער זיך דערוויסן פון עטלעכע אַרבעטער נענגוי וואָס זיינען עס אַזוינס „באָלשעוויקעס". נאָר יענע לייגן שנעל צו אַ פינגער צום מויל, ווינקען צו אים מיט די אויגן ער זאָל שווייגן.

ערשט שפּעטער, נאָך דער אַרבעט, גיט אים אַ רוף צו זיך איינער אַ יונגער בחורל מיט אַ צוגעפּליעטשעטן לינקן אויער — אודאי פון אַ געשלעג — און מיט אַ לאַנגן־לאַנגן שויבער, וואָס אַז ער פאַרקאַטשערט אים ניט אַלע ווײַלע צוריק, הענגט ער אים אַרונטער סאַמע ביז צו דער מאָרדע. אין שליחות פונם גאַנצן וואַרשטאַט, לאַדט ער איין ווינדערן מיט זיך אין אַ ביר־שענק אַריין.

דאָרט טרינקען זיי אויס אַ פאַר ביר, פאַרבייסן מיט געזאַלצענע אַרבעסלעך און מיט טרוקענע פישלעך. צווישן איין זופּ און דעם צווייטן דערציילט אים שוין יענער „שייגעץ" אייניקע זאַכן וועגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן איצט די דעה אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע — פון די שטעט, פון וועלכע מען איז איצט אָפּגעשניטן.

מען ריכט זיך אָבער, אַז זיי זאָלן אינגיכן קומען אהער, די באַל־שעוויקעס... באַלד, גאָר באַלד.

— פּאָסלושאַי מעניא, בראַטאָק... — קלאַפּט ער זיך אין האַרצן גאַנץ ניכטער. — דאָס זאָג איז דיר, אַז גאָר באַלד, — איך, סטעפּקאַ...

ער קלאַפּט זיך אין האַרצן און וויינט זיך שיר ניט פֿאַנאַנדער פֿון גרויס עגמת־נפש, וואָס ער קען ווינדערן אויף אַ בעסערן אופֿן ניט דערווייזן די אמתדיקייט פֿון זיינע רייד. איז אָט... מען דאַרף זען עפּעס טאָן אין דעם, — רוימט ער איין מיט פּייכטן אָטעם ווינדערן אין אויער אַריין.

און ווינדער דערוויסט זיך פֿון אים יענעם אָוונט דאָס, וואָס ער דערוויסט זיך. אין האַרצן ביי אים טליעט־אויף נאָך שטאַרקער אַ האָפֿענונג אויף גיכער דערלייזונג און באַלדיקער נקמה.

אָט אַזוי האַלט אין זיך איין זיין געקריוודעקייט ווינדער, דער עקשן — ווינדער, ביי וועמען עס איז תמיד מער דאָ אויפֿן האַרצן, ווי אויף די ליפּן. דאָס איינציקע, וואָס ער קען אין זיך ניט איינ־האַלטן, איז זיין הוסטן: זיינע לונגען ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער אָנגעזאַפּט מיט בלוי־שטויב. אויף דער הויט פֿון זיינע שטייף־אָנגע־צווינגענע באַקן, דאָרט וואו עס האָבן זיך פֿריער באַוויזן די גריבער, האָבן זיך לעצטנס שוין באַוויזן צוויי בליענדיקע רויטקייטן.

אפשר איז ער שוין איצט צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער וועט מאָרגן ניט דאַרפֿן קומען צו דער אַרבעט. כאָטש ער האָט נאָך דער־וויילן ניט אָנגעהויבן צו וויסן פֿון וואַנען ער וועט איצט נעמען אויף צום עסן, און וואו ער וועט קריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ער האָט אָבער געפֿילט מיטן גאַנצן בלוט: עס וועט זיך שוין אַלץ ענדיקן גוט, גוט...

פערטער קאַפּיטל

אַ ליכטיקע נאַכט, אָן לבנה און אָן שטערן

א.

אויף אוקראַינע הויבט זיך שוין דעמאָלט אָן נאָך שנעלער צו פֿאַנאַנדערוויקלען דער רויטער, דער בלוטיקער פֿילם.

עס קומען נאָכאַנאַנד און גייען אַוועק נאָכאַנאַנד חילות אַלערליי, קומען אָן פֿון ערגעץ אָן אייגענעם ווילן, — מחנות פֿון חילות־סטאַטיסטן, פֿון בלוטיקע ליאַלקעס, וואָס זיינען געצויגן געוואָרן און געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג דורך אומגעזעענע דראָטן.

ציענדיק אַזוי פֿאַרביי, וואַרפֿן זיי אָן אויפֿן עקראַן בלוטיקע בילדער; לאָזן זיי אַרומטאַנצן דאָרט מוראדיקע געשפּענסטיקע פֿאַ־סירונגען.

די וואָס זיינען א י צ ט דאָ אויף אוקראַינע, זיינען עס די דייטשן — הויכע, געזונטע און בלאָנדע ריזן. עס דרייען זיך אפילו אויך אַרום זייט־ביי־זייט מיט זיי נאָך אַנדערע סאָלדאַטן, — טשי־קאַווע אַזעלכע זעלנערלעך, וואָס זיינען ברייטער ווי לענגער. אין אומגעהויער־ברייטע פּליודערן, אַרומגעוויקלט מיט ברייטע גאַרטלען אַרום די בייכער, מיט רויטע טשיפּיקעס אויף די קעפּ — מאַכן זיי אויף ווינדערן גיכער דעם איינדרוק פֿון אָפּערע־טענצערס, איידער פֿון אמתע סאָלדאַטן. ס'איז קלאָר פֿאַר אים, פֿאַר יעדן איינציקן מענטשן אין שטאָט, אַז די הויפּט־באַלעבאַטים דאָ זיינען איצט — די דייטשן.

זיי טשעפּען אפילו קיינעם ניט, זיי שלאָגן אפילו קיינעם ניט — זיי גייען דאָ ארום שטאָלצע, מיט אַ גאוהדיקן שמייכעלע אויף די ליפּן — אַ גאוהדיקן בטול־שמייכעלע צום גאַנצן ארום, ווי מענטשן פון גאָר אַן אַנדערער, אַ העכערער ראַסע, וואָס זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ ווילדערניש — ווי האַלב־געטער, וועלכע האָבן זיך ארונטערגעלאָזט אויף דער ערד צו אַט־די־אָ בלאָטיקע ברואים.

זיי שלאָגן קיינעם ניט, זיי טשעפּען קיינעם ניט — זיי זיינען משמעות זיכער, אַז מיט זייער שטאָלצן און שווייגנדיקן האַלטן־זיך אליין וואַרפן זיי שוין אַן גענוג מורא אויף די־אָ ווילדע איינוואוינער. איבער די גאַסן שפּאַנען זיי ארום ציכטיקע, מיט קלינגענדיקן און פעסטן טראָט ,מיט אַ רואיקע מינע ווי זיי וואָלטן זיך דאָ געוועזן איינגעפלאַנצט אויף אייביק שוין.

נאָר איינמאָל קומט אָן איבער דער שטאָט אַ וואָך אַן אומרואיקע, אַ וואָך אינגאַנצן עפּעס אַ נעפּלדיקע, אַ וואָך, וואָס טראָגט אין אירע פאַרבאָרגענישן אַלערליי מעגלעכקייטן באַהאַלטן. אַן עסנדיקע, נאַסע לופט הענגט איבער דער שטאָט אין זיך־דריוועלענדיקע מילכיקע שטיקער, ווי אַרונטערגעפאַלענע צעפליקטע וואָלקנס.

און פּונקט ווי אָט די בלאָנדזשענדיקע שטיקער נעפּל, וואָס טשעפּען זיך און וויקלען זיך ארום די אויבערשטע שטאָקן פון די שטאָטישע מויערן, אזוי הויבן אויך באַלד אָן, צווישן די נידעריקערע שטאָקן פון די זעלביקע מויערן, אומרואיק ארומבלאָנדזשען גרויע געשטאַלטן פון דייטשע זעלנער, זאַמד־קאָלירענע מחנות פון זייערע חילות.

זיי באַוועגן זיך שוין איצט איבער די גאַסן אומזיכער און נעפּלדיק — שווימענדיקע שטיקער לופט־פלעקן ; זיי שאַרן זיך האַרט ביי די ווענט, — קענטיק, מיט איין איינציקן פאַרלאַנג, וואָס ווייניקער צו וואַרפן זיך אין די אויגן. און פּונקט ווי די נעפּלדיקע לופט ארום זיי, שמעלצן זיי זיך ביסלעכוויז, צערינען זיי, פאַרשווינדן זיי...

אין משך פון אַ געציילטע פּאָר טעג צערינען זיי אזוי גרינגלעך און אזוי שפּורלאָז, אַז די שטאָט קען ניט אויפהערן וואונדערן זיך איבער דעם חידוש, וואָס האָט פּאַסירט :

— אַזעלכע זיכערע אין זיך האַלב־געטער זאָלן זיך פלוצלונג אזוי איבערשרעקן און אַנטרינען פון דאַנען, ווי רוחות און געשפּענסטער ?

דערנאָך רוקט זיך אָן איבער דער שטאָט אַ פּוסטע נאַכט — אַ פּוסטע און שטאַרק־קילע נאַכט ווי ערב עפּעס אַ יום־הדין. די שטיקער וואָלקנס, וואָס זיינען דורך דער גאַנצער לעצטע וואָך געד האַנגען איבער דער שטאָט, זיינען נאָך דורכן טאָג ביסלעכוויז צעד רונען געוואָרן — אַוועקגעטראָגן געוואָרן אינדערהויך, ווי ריזיקע שפּינוועבסן, — אַוועקגעטראָגן געוואָרן צו איצט ציכטיקע שוין, צו אָפּגערייניקטע און קילע הימלען.

פּוסט זיינען די גאַסן אין אָט יענער נאַכט. אַנהויב־אָוונט האָט מען נאָך געקענט זען: זעלטן, זייער זעלטן לויפט איבער זיי אַריבער אַ טונקעלע מענטשלעכע געשטאַלט, שטייף איינגעוויקלט אין אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. די געשטאַלט איז ווי אַ מויז, וואָס לויפט אַריבער דעם וועג, — אַ מויז, מיט אָנגעשפּיצטע, אומרואיק זיך־איינהאָרכנדיקע אויערן און מיט אויגן וואָס שיקלען אַזש פונם אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן — ביז די מענטשלעכע געשטאַלט פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טויער, רוקט זיך אייליק אַריין ערגעץ אין אַ לאָך, אויך אַזוי טאַקע ווי אַ מויז. דאָס איז געווען אָנהויב אָוונט. אָבער איצט זיינען שוין די גאַסן אינגאַנצן פּוסט. ס'האָט זיך פאַרנומען אויף אַ געשמאַקן פראָסט.

און פּוסט איז אויך אין אָט יענער נאַכט דער הימל — אַ גרינד לעך־בלויער הימל, ווי אַ לויטערער וואַסער; אַ הימל אָן אַ לבנה און אָן שטערן. נאָר כאָטש עס שיינען ניט היינטיקע נאַכט ניט די לבנה און ניט די שטערן, איז פונדעסטוועגן איבער דער שטאָט אַזוי ליכטיק איצט — ס'איז אַ גרויסער חידוש: פונוואַנען און ווי אַזוי איז עס איבער דער שטאָט אַזוי ליכטיק?

אויך אין די הייזער און אין די הויכע מויערן ברענט איצט ניט ערגעץ קיין שום פייער — טויטע קאַסטנס, ריזיקע פּילשטאָקיקע קברים, וואו די שטאָטישע באַפעלקערונג ליגט איצט באַגראָבן. די גאַסן־לאַמטערנעס זיינען אויך איצט אַלע אויסגעלאָשן. פונדעסטד וועגן איז איבער דער שטאָט פאָרט ליכטיק אַזוי... אויב עס וואָלט זיך געפונען איצט אַ מענטש, וועלכער וואָלט זיך דערוועגט אין אַזאַ נאַכט אַרויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן, וואָלט ער דאָך זיכער באַד מערקט ווי איבער דער שטאָט מיטן טיף־פאַרטאַיעטן אָטעם ווערט וואָס אַמאָל אַלץ ליכטיקער... און ער וואָלט זיך זיכער געוואונד דערט, דער מענטש:

— פונוואַנען קומט עס טאַקע אָט די ליכטיקייט אַהער... זאָל עס זיין — ס׳איז בלויז דאָס שטראַלן פון דעם איין־איינציקן גרינ־לעך־גאָלדענעם שטערן, וואָס שיינט איצט, איינער און אַליין, אין מזרח־זייט פוסטן הימל?

ב.

אַ מענטש, וועלכער האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט אַרויסצושטעקן זיין נאָז אין אַזאַ פּחדימדיק־ליכטיקער נאַכט, פול איינציייטיק אי מיט נאַכטיקער שרעק און אי מיט ליכטיקער דערוואַרטונג, — אַזאַ מין מענטש איז געווען ו ו י ג ד ע ר.

שוין עטלעכע וואָכן ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַזוי אָן אַרבעט. ער איז געווען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, האָט געקראַגן לעצטנס אַביסל אַ סוטעלעוואַטן גאַנג, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט די גאַנצע צייט אויף דער ערד.

ער האָט זיך געוויקלט איצט אין אַ גרינגער מאַרינאַרקע ניט פון זיין מאָס; זיינע לאַנגע הענט זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די אַרבל ווי פּרעמדע און איבעריקע. פון צייט צו צייט האָט ער זיי אויפגעהויבן, די הענט זיינע, צום מויל און געבלאָזן אויף די פאַרפרוירענע פינגער. קיין פאַלטן האָט ער אויף זיך ניט געהאַט כאָטש אין דרויסן איז איצט געווען אַ גאַנץ־נישקשהדיקער פראָסט. ער האָט בלויז געטראָגן אַרומגעוויקלט אַרום דעם הויכן האַלז און די שמאָלע אַקסלען אַ לאַנגע, וואַרימע ווייבערישע פאַטשיילע.

פאַר די לעצטע פאַר וואָכן איז ער שטאַרק אויסגעמאָגערט געוואָרן. שוין עטלעכע טעג, אַז ער האָט קוים געהאַט אַ ביסן אין מויל. די הויט איבער זיינע קינבאַקן האָט אַזש געגלאַנצט פון שטייפער אָנגעצויגנקייט. אַהיים דער מאַמען האָט ער קיין וואָרט ניט געוואָלט שרייבן — ס׳איז אים שוין געווען גענוג ביטער אויפן האַרצן, וואָס ער האָט איר אַליין גאָרניט געקענט שיקן.

יאָ, אין אַזאַ נאַכט וואָלט מען אודאי גלייכער ניט געדאַרפט אַרויס אין גאַס. נאָר ס׳האָט ווייגדערן געיאָגט איצט אין דרויסן אַרויס, פונקט ווי עס יאָגט דער ווינטער־הונגער אויף פוסטע שנייאיקע פעלדער אַ הונגעריקן וואָלף פון וואַלד אַרויס.

און ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָט וויגדער טאַקע איצט אויס־געזען — מאָגער אַזוי און לאַנג. זיין אויסגעצויגענע נאָז האָט גע־פּאַכעט מיט די נאָז־פליגלען און גיריק געאָטעמט מיט צוויי טרוקענע ברייט־פאַנאַנדערגענומענע נאָזלעכער. זיינע אויגן האָבן פיבערדיק געברענט.

און אפשר איז ער טאַקע געווען איצט אין פיבער? ווייל בלויז אין אַזאַ צושטאַנד האָט אַ מענטש געקענט אין אַזאַ נאַכט אַרומוואַנ־דערן איבער דער פּוסטער, אין דערוואַרטעניש־אָפּגעשטאַרבענער שטאָט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט אפשר דאָ ערגעץ אַרום געפינען אַ ביסן אין מויל אַריין.

.ג

אין משך פון איינציקע נאַכט־שעהן האָט וויגדער געטראָגן זיך אַזוי איבער די ליידיקע גאַסן. די שטאָט איז געלעגן פאַר אים איינגעוויקלט אין אַ מאָדנער רואיקייט — אַ רואיקייט, וואָס טראָגט אין אירע פאַלדן דעם טיפסטן אומרו. פון ביידע זייטן גאַסן האָבן געהויערט מויערן מיט פאַרטאַיעטן אָטעם. קיינער האָט זיך אים אין גאַס ניט באַגעגנט — ניט קיין הונט צומאָל.

אינדערהויך, אויף די אָפּגעריייניקטע און קילע הימלען, האָט נאָך אַלץ געלויכטן העל דער אומגעוויינטלעך־גרויסער גינגאָלדענער שטערן, וואָס וויגדערן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען אַ שטערן פון אַזאַ גרויס.

אין אַ קליינער בלינדער געסעלע הינטער דער שטאָטישער דומע בלייבט וויגדער פּלוצלונג שטיין אינמיטן פון אַ לאַנגן שפּאַן, ווי מען וואָלט אים מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דעם צווייטן הינטערשטן פוס. ער שמאָרעט מיט דער נאָז הונגעריק אין אַלע זייטן — אַ ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט דערטראָגט זיך צו אים מיט אַזאַ זיסקייט, ווי אַ ווינטל פון אַ זעלטן־שמעקנדיקן זאַפרען־ריח.

פון אַ פירקאַנטיקער גראַטע, טיף אונטערן טראָטואַר, טראָגט זיך עס צו אים דער דאָזיקער ריח. דאָרט געפינט זיך, ווייזט אויס, אַ בעקעריי. די בעקעריי אַליין זעט מען אָבער פון דאַנען ניט; זי איז פאַררוקט טיף אין אַ קעלער. וויגדער נעמט דעמאָלט און בויגט זיך אַריבער איבער דער גראַטע־עפענונג ביים ראַנד טראָטואַר.

איצט דערזעט ער קלאָר די האַלב־באַלויכטענע גראַטע פון דעם בעקעריי־פענצטער. אָבער קיין שום מענטשלעכע געשטאַלט זעט מען אויך איצט ניט אַרויס דורכן געגראַטעטן פענצטער, קיין שום מענטש־לעך קול הערט מען ניט פון דאָרטן — פונקט ווי דאָס ברויט וואָלט זיך דאָרט איצט אין דער נאַכט אַליין געבאַקן... שטאַרקער נאָך און נאָגנדיקער ציט איצט ווינדערן אונטערן האַרץ דער זיסלעך־זויערער ריח פון פריש־געבאַקענעם ברויט. ווי אַ גאַסן־הונט הינטער אַ זאַטער קיך, בלייבט שוין ווינדער אַ צוגעשמידטער צום אָרט.

עס קומט אים פאַר מוראַדיק־אומגעווייניטלעך דאָס דאַזיקע שטילע ברויט־באַקן אין אַזאַ נאַכט... ווינדער לאָזט זיך אַרונטער אויף די קני, ציט זיך באַלד אויס אין זיין גאַנצער לענג איבער די קאַלטע פליטעס פונם טראָטואַר ביי דער גראַטע, און בלייבט שוין דאָרטן אַזוי ליגן, ווי אַ גרויסע, אין זיך אַליין איינגענורעטע שנעקע.

איבער אים, אין דער ווייט, הויבן שוין אָן אין דער סוף־נאַכט צו קרייען די הענער.

אַ וואַך און אָנגעשטרענגט אויער וואָלט געקענט איצט פאַר־נעמען, חוץ דעם קרייען די הענער, אויך אַזעלכע מאָדנע טויב־לעכע גערוישן וואָס יאָגן איצט אָן אויף דער שטאָט פון דער ווייט, פון אויף יענער זייט די פעטשערסק־בערג — ווי ערגעץ דאָרט אין דער ווייט וואָלט געפּלאַצט אַ ריזן־דאַמבע, און בערג גאַנצע מיט וואַסער דערנענטערן זיך אַהער צו דער שטאָט מיט אַ מוראַדיקן אימפּעט... נאָר ווינדער הערט איצט גאָרניט. פאַר אים איז גענוג דאָס וואָס ער קען דאָ ליגן און טוליען זיך אין דער זאַטער וואַרימקייט און שלינגען די סמאַהע. כאָטש דאָס פאַראורזאַכט אים אַזאַ פיינלעכע צופּעניש אונטערן לעפעלע. אַליין ניט פילנדיק עס, בלינדערהייט, כמעט ווי אַ שנעקע טאַקע, רוקט ער זיך אַלץ נענטער און נענטער אַריבער דער וואַנט פון דעם וואַרימען לאָך, און אַז ער ליגט אַזוי אויסגעצויגן איבערן טראָטואַר אַ לענגערע צייט, פאַלט ער אײַנגיכן אַריין אין אַ צושטאַנד פון וואַרימען הינער־פּלעט, פון נודיענדיקן האַלב־חלשות.

אים חלומט זיך דעמאָלט אַ מאָדנער חלום:

אים חלומט זיך ווי ער בויגט זיך איין איבער אַ גרויסער דייזשע פון אָקאָרשט פאַר־האַטשטשינעטן ברויט. ער וויל כאַפּן אַ שמעק פון דער געשמאַקער זויערלעכער ראָשטשענע דאָרטן, ער בויגט זיך

אַלץ טיפער און טיפער, ביז ער פאַלט אַריין אינגאַנצן אין דער דייזשע אַריין, און ריזיקע בעקער־הענט הויבן אים אָן באַלד איינצוקנעטן אינם טייג, קנעטן אים מיט אַ הילכיקער פּליאַסקעריי און פּאַטשעריי.

ד.

פונם דאָזיקן דרימל וועקן ווינגדערן אויף עטלעכע הילכיקע שאָסן וועלכע פייערן דורך פאַרביי אים, דוכט זיך, גאַר נאָנט, ממש פאַרביי זייער אויער — זייער קנאַלן איז ענלעך צו די קנאַלן פון די קאָלירטע ראַקעטן וואָס ווינגדער האָט איינמאָל אין אַ זומער־נאַכט געזען ווי מען האָט זיי געלאָזן אין דעם „שאַטאָ”, אין דעם גרויסן היגן זומער־גאָרטן.

ער ציטערט אינגאַנצן אויף פונם דרימל און קלאַמערט זיך איין מיט די הענט אין די נאַסלעכע שטיינער פון דער עפענונג איבערן קעלער־פענצטער. די הילכיקע שאָסן האָבן אים טאַקע אויפגעוועקט אין צייט: ער האָט שוין שיר ניט געהאַט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט און זיך אַרונטערגעגליטשט אַהין אין לאָך אַריין.

פון זיך אַליין הויבן זיך ביי אים אויף די אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט דאָרט ווירקלעך דערוואַרט צו זען די לאַנגע פייערדיקע ראַקעטן־בייטשן וואָס פאַרענדיקן זיך אין קאָלירטע קנופּן, וועלכע שיסן צום סוף אויס און שפּריצן פון זיך אין אַלע זייטן קאָלירטע שטערנדלעך און פילפאַרביקע פונקען.

ער זעט:

דער הימל שפּרייט זיך נאָך אַלץ איבער דער שטאָט אַ בלוילעך־גרינער און פוסטער, אָן לבנה און אָן שטערן. ס'איז אָבער באַשיינ־פּערלעך אַז די גרויסע ציכטיקע לייַלעכער אינדערהויך ווערן וואָס אַמאָל העלער און העלער, ווי די זיך־דערנענטערנדיקע ליכטיקייט וואָלט געיאָגט איבער זיי וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער... די גאַסן אונטן זיינען אָבער נאָך אַלץ פוסט — ס'איז ניט צו זען ניט קיין לעבעדיקע באַשעפענישן און ניט קיין שאָטנס פון זיי. ווער־זשע האָט עס אויסגעשאָסן? ניין, פאַרביי ווינגדערן האָט זיכער קיינער ניט אויסגעשאָסן.

אָבער באַלד דערהערט זיך ווידער דאָס שיסעריי. דאָס מאָל שוין אָפּטער, נאָכאַנאַנדיקער. אָט, אַ קנאַלן פון ווייטע דונערס; און

אַט — אַ דראַבנער שיטן זיך פון אַ האַגל. ווינגדער הערט זיך איין אַנגעשטרענגטער און אַנגעשטרענגטער.

פון דער שטאָט ענטפערט קיינער ניט אַנטקעגן — קיין שונא, קיין קעגנער. עס דוכט זיך דעריבער אַז אַט די זיך־דערנענטערנדיקע שיסעריי איז ניט אַזוי אויף אַנצואוואַרפן אַ מורא, ווי צוליב אַן אַנזאָג, — אַן אַנזאָג פון אַ גוטער, אַ פריילעכער בשורה.

און ווי ווינגדערן קומט ניט אַן שווער דאָס אוועקרייסן זיין קאַלטן און אויסגעהונגערטן גוף פונעם וואַרימען ערטל לעבן דער בעקעריי־פענצטער, אין וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטייף איינגעזויגן — הויבט ער זיך פונדעסטוועגן באַלד פאַרט אויף. ער ווישט אָפּ די סמאַהע פון זיינע בלויע ליפּן, וויקלט זיך נאָך פעסטער איין אין זיין ווייבערשער פאַטשיילע און לאָזט זיך שאַרן פאַרביי די מויערן — ער הויבט זיך אָן שאַרן צו יענער ריכטונג פון וואַנען עס דער־טראָגט זיך אַהער בשורהדיק דאָס שיסעריי. און דאָס שיסעריי פאַרשטאַרקט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער — ווי דאָס דריבנע פּיקלען פון גרויסע אַנקומענדיקע מחנות איבער טויזנטער און טויזנטער פּיקלעך.

ח.

די שטאָט ליגט איצט אין סוף־נאַכט מיט פאַרהאַקטע טיר־און־טויער און מיט בלינדע פענצטער. זי הערט זיך איין אַנגעשטרענגט אין דעם, וואָס ס'קומט אַרום פאַר.

ווינגדער דערשרעקט מיט זיין גאַנג אַ קעצישע פּאָר וואָס שטייט פּונקט איצט איינס קעגן אַנדערן מיט פאַררייסענע זיך־שלענגלענדיקע עקן און באַטראַכט זיך מיט גרין־פינקלדיקע אויגן וואָס שיסן פון זיך פייער — פייער פון ליבשאַפט און פייער פון שנאה. איינע פון זיי לאָזט זיך באַלד לויפן מיט רוישלאָזע טריטעלעך איבער דער גאַס, ערגעץ אין אַ פאַרבאַרגעניש; די צווייטע קאַץ אַנטלויפט צוערשט באַזונדער, מכלומרשט אַן־אַ־זייט. די גאַנצע צייט פּלאָגט זי פונדעסט־וועגן נאָך מיט גרינע פייערלעך דעם מאָדנעם מענטשן וואָס האָט זיך גראָב אַריינגעמישט אין זייער שפּיל. אַז יענער דערווייטערט זיך פון איר אַ געניגנדיקן מהלך, פאַרקערעוועט זי באַלד צוריק און גליטשט

זיך אריין אינם זעלביקן לאָך הינטערן טויער וואוהין עס איז פאַר־שוואונדן די ערשטע קאַץ.

ווינגדער שלייכט זיך ווייטער, פאַרביי די פאַרהאַקטע טויערן און געשעפטן, איבערן קרעשטשאַטיק. אים דוכט זיך די גאַנצע צייט: פון ווינקעלעך, פון פענצטער קוקן אויף אים אָן־אַ־שיר אויגן, אויגן, אויגן... נאָר אפשר איז עס בלויז דערפאַר וואָס ס׳הויבט שוין דערוויל אָן צו טאָגן, און אין די שויבן אויף דער מערב־זייט באַ־ווייזן זיך בלישצשלעך און גלענצלעך פון דער אויפגייענדיקער זון, ווי זון־ליסקעלעך אין פאַרטאָגיקע סאַזשעלקעס.

מיטן טאָג שטאַרקט זיך אָבער אויך די קעלט. פון דער ערד ציט אַ קעלט. ביי אַ ראָג גאַס באַמערקט ווינגדער אויפן ברוק זיך וואַלגערן אַ גרויסע שמאַטע פון עפּעס אַזאַ ברודיקן קאָליר. ער בויגט זיך איין, הויבט זי אויף, בינדט זי אַרום די לענדן, ווי אַ קורץ פאַרטוכל וואָס עס טראָגן טרעגערס. פון דער שמאַטע הענגען אַראָפּ עקלעך, שטיקלעך, ברעקלעך... ס׳קוקט אויס: ווינגדער האָט זיך עס בכיוון פאַרפּוצט אין אַזאַ מין הילוך כדי צו זיין גרייט מקבל פּנים צו זיין די לייט פון די אָנקומענדיקע מחנות.

ז.

און די מחנות דערנענטערן זיך אהער וואָס אמאָל מער און מער.

דאָס קנאַלעריי און שיסעריי איז שוין איצט זעלטן. דערפאַר אָבער הויבט ווינגדער באַלד אָן צו פאַרנעמען אין דער לופט אַזאַ מין ווייטן טויבן הילכען, אַ פאַרשטיקטע הוזשעריי, וואָס ווערט מיט יעדער מינוט אַלץ דייטלעכער. איצט, אינם באַגינען, פאַרנעמט די דאָזיקע טויבע הילכעריי דאָס אָרט פון יענער ליכטיקייט וואָס האָט זיך דורך דער נאַכט געשפּרייט איבערן גרינלעך־בלויען הימל.

ווי ציענדיק זיך צו אָט יענער זיך־דערנענטערנדיקער הוזשעריי און טופּעריי, לאָזט זיך ווינגדער גיין באַרג־אַרויף מיט דער אַלעקסאַנ־דער־גאַס. ער גייט אָן שום מורא, כאָטש ער ווייסט ניט וואָס אַזוינס עס דערוואַרט אים דאָרט. אין זיין איצטיקן הונגעריקן מצב איז אים סיי־ווי אַלץ איינס. די פּראַכטפולע מויערן און „אָסאָבניאַקעס" פון די אָרטיקע מיליאָנערן און באַנקירן, די פּאַלאַצן אויף דעם

אויבערשטן בארגיקן טייל פון דער אַלעקסאַנדער־גאַס, וואָשן זיך איצט שטיל און קיל אין דער פרימאָרגנדיקער ליכטיקייט.

מיטאַמאָל, העכער פון די שטאָט־גערטנער, באַווייזט זיך אַ קליינע קופּקע מענטשן, אַן אַכט־צען פּאַרשוין. זיי גייען מיט פאַרזיכטיקע טריט, מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער, מיט פאָראויס־אויסגעצויגענע קעפּ. זיי גייען אינמיטן ברוק, ווי סאָלדאַטן. די ביקסן האַלטן זיי באַלכסון אין די הענט זייערע, ניט אויף די אַקסלען.

זיינעם עס אָבער טאַקע סאָלדאַטן? ווייל ווינגדער באַמערקט נאָך פונדערווייטנס: אַלע זיינען זיי דאָרט אין דער קופּקע אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן אַזוי — ניט ווי קיין סאָלדאַטן זעען זיי אויס, נאָר ווי אַ באַנדע גזלנים. ניין, אפילו ניט ווי גזלנים. זיי זיינען אָנגעטאָן עפּעס גאָר זייער מאָדנע: איינער פון זיי, אַשטייגער, איז אָנגעטאָן אין אַ האַלב־צעריסענעם זעלנערישן שינעל, אָבער אויפן קאָפּ האָט ער טיף אַרויפגעזעצט אַ הויכן גלאַנציקן נייעם צילינדער־הוט; אַ צווייטער טראָגט אַ לאַנגן סורדוט, אויף די פיס — אָניטשעס און פויערשע לאַפּטשעס, און דער קאָפּ איז ביי אים פאַרפּוצט מיט אַ גרויסער האָריקער פּאַפּאַכע פון אַ קאָזאַק אַ „טשעטשענעץ"; דער דריטער האָט זייער הויכע באַקנביינער און זייער שמאָלינקע אויגעלעך ווי שלעפעריקע — אַ כינעזער, הייסט עס. אָבער אַ מאָדנער כינעזער איז עס... מיט אַן אַנטבלויזטן קורץ־אָפּגעשוירענעם קאָפּ אָן אַ סימן אפילו פון אַ צאָפּ אויף זיך!

ווינגדער בלייבט שטיין אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער הויכער און שמאָלער געשטאַלט. די פרירנדיקע הענט זיינע פאַררוקט טיף אין די קעשענעס. ער מאַכט מער ניט קיין טראָט. ער רירט זיך ניט מער פון אָרט.

איינער פון דער טשיקאַווער גרופּע — יענער וואָס מיטן שוואַרצן פראַק און מיט די אָניטשעס און לאַפּטשעס אויף די פיס אָנשטאָט שטיוול — הויבט אויף אַביסל העכער אין דער האַנט די ביקס, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסצושיסן, און לאָזט זיך צו ווינגדערן.

— די הענט אינדערהויך! — שרייט ער אויס מיט ווילדקייט און מורא. ווינגדער גיט אַ קליינעם לאַך: פאַר א י ם האָט מען זיך עס מורא?... ער נעמט פונדעסטוועגן אַרויס ביידע הענט פון די קעשענעס, אָבער רירט זיך אַלץ ניט פון אָרט.

אַז יענער מיט דער אָנגעצילעוועטער ביקס באַמערקט ענדלעך ווינדערס אָרימען אויסזען און לײדיקע הענט, די ווײבערשע פּאַטשײלע אַרום די אַקסלען און די גרויסע קאַלירטע שמאַטע מיט וועלכער זײנע לענדן זײנען אַרומגעבונדן, — הויבן בײ אים די אויגן אָן אַביסל אונטערצושמײכלען: „אַן אונזעריקער, הײסט עס... אַ פּרײנט!״ ער לאָזט גלײך אַרונטער די ביקס, מאַכט נאָך אַ פּאָר טריט צו ווינדערן, כאַפּט אים אָן פאַר אַ האַנט און הויבט אָן צו רײדן צו אים מיט אַן אײליקער, אַן אויפגערעגטער שטים.

— טאָווארישטש... מיר זײנען באָלשעוויקעס... באָלשעוויקעס זײנען מיר... און מיר זײנען הונגעריק... ברויט ווילן מיר. פיר אונדז, ברודערל, צו עפּעס אַן ערטעלע, וואו מיר זאָלן קענען קריגן אַשטיקל ברויט... האַ?

די איבעריקע פון דער גרופּע, אַלע מיט זײער טשיקאַוון הילוך, דערנעענטערן זיך אויך צו ווינדערן און רינגלען אים אַלע אַרום. פונדערווײטנס, פונם רויטלעכן פּאַס זון וואָס באַווײזט זיך איצט בײם זוים פון ווײטער גאַס און הימל, רוקן זיך באַלד אָן נאָך געשטאַלטן, קופּקעס, גרעסערע מחנות, — מענטשן צופוס און רײטער אויף פערד. עס הויבן אָן צו רודערן איבערן ברוק וועגענער מיט מאַשין־ביקסן, גרויסע האַרמאַטן מיט גלאַנציקע פּאַרריסענע קופּערנע פּיסקעס.

און ווינדער שטײט נאָך אַלץ אַזוי אויף זײן אָרט, ער עפּנט ברײט פאַנאַנדער די אויגן זײנע וועלכע זײנען בײ אים געוויינטלעך צונויפגעזשמורעט. ער חזרט אינדערשטיל, ווי ער וואָלט אַלײן ניט געגלויבט דאָס וואָס זײנע אויגן זעען איצט.

— איז דאָס, הײסט עס, זײנען זײ עס, די באָלשעוויקעס... אָט דאָס זײנען עס די מענטשן וועלכע זײנען געקומען מיך ראַטעווען — ראַטעווען מיך פון הונגער... זײ זײנען געקומען ראַטעווען און אויסלײזן די גאַנצע שטאָט, און אַלײן זײנען זײ אַזעלכע הונגעריקע, אַזעלכע אָפּגעריסענע... אַזעלכע...

און ווינדער באַטראַכט מיט פאַרגיכערטן האַרץ־קלאַפּן די אָנפלײצנדיקע חילות. יאָ, פון דרויסן, זעט ער, איז עס טאַקע עפּעס אַזאַ מין צעמישעניש, אַן ערב־רב. יעדער איז אָנגעטאָן אין וואָס ס׳איז אים נאָר צו דער האַנט געקומען, אָבער אַלע זײנען זײ פונדעסטוועגן שטאַרק באַוואָפנט; מער נאָך ווי זײ זײנען באַוואָפנט

מיט ביקסן צי מיט שטיקעס, זיינען אַלע באַוואָפנט עפּעס מיט אַזעלכע פייערלעך אין די אויגן . . . קוק זיי נאָר אָן!

איז ווידער וואָלט נאָך געווען געשטאַנען אויף זיין אָרט מי יודע ווי לאַנג. אָבער דער סאָלדאַט וואָס אינם לאַנגן שוואַרצן סור־דוט און מיט די פויערשע לאַפּטשעס אויף די פּיס אָנשטאָט שטיוול, ער גיט אים ווידער אַ טאָרע — שוין אַ העפטיקערן און שטאַרקערן טאָרע, ווי פריער.

— נו, ברודערל, וואָס האָסטו דאָ זיך צעגענעצט... דו פיר אונז בעסער אין אַן אָרט וואו מען קען קריגן ברויט... און גי־כער... שוין, טאַקע די מינוט...

און דעמאָלט, ווי אַ גענעראַל אָן דער שפּיץ פון זיינע מענטשן, לאָזט זיך ווידער אָן אַ וואָרט פּאָראויס פּאַר אַ קליינינקן אָפּטייל פון אָפּגעריסענע אכט־צען מענטשן. שווייגנדיקערהייט, שמייכלענדיק צו זיי מיט די אויגן, ווי צו באַקענטע שוין פון לאַנג־אָן, לאָזט ער זיך גיין מיט זיי אַרונטער־באַרג, דורך דעם אויפגעוואַכטן טאָג, צו אַט יענער געסעלע הינטער דעם דומע־פּלאַץ, וואו עס האָט זיך געפונען די באַנאַכטיקע בעקעריי.

פינפטער קאַפּיטל

רויטער, בלוטיקער פּילם

א.

איידער די שטאָטישע באַפעלקערונג באַוויזט נאָך אינגאַנצן אַרויסצוקריכן פון אירע פאַרבאָרגענישן און לעכער און זיך צוגעוואוינען צו דער נייער אָרדענונג אין שטאָט; איידער די אָפּגעריסענע באָלשעוויסטישע אַרמיי באַוויזט נאָך צו קומען אַביסל צו זיך פון אירע שווערע מאַרשן, זיך אָנעסן צו דער זעט און פאַרריכטן ווי עס איז די טראַנטעס אויפן לייב — פאַרשווינדט זי ווידער אין איינער אַ נאַכט... פאַרשווינדט ווידער פלוצלונג און אומדערוואַרט, ווי זי האָט זיך דאָ באַוויזן — אָן שום פריערדיקער וואָרעניש.

אַז די שטאָט כאַפּט זיך אויף פרימאָרגן־צו, טרעפט זי שוין דאָ אַ פאַרטיקע און נייע אַרמיי, אַ פּוילישע, — אַ נייע אַרמיי מיט גאָר אַ נייער אָרדענונג.

די נייע אַרמיי איז דאָ פונם ערשטן טאָג אָן שוין אַן אויסגעפּוצטע, אַ ציכטיקע און פלעקלאָז־אָנגעטונענע, שוין גאַרניט ווי די באָרוויסע באָלשעוויסטישע אַרמיי.

יאָ, די נייע אַרמיי דערזעט מען שוין גלייך דעם ערשטן טאָג; אָבער די נייע אָרדענונג הויבט מען אָן דערפילן אין אַ פּאָר טעג אַרום...

ציכטיקע און אויסגעפּוצטע קריגסלייט, מיט אַ גרינעם פייערל אין די האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן און מיט אַ גאַוהדיקן שמייכעלע אַרום די צונויפגעשנירעוועטע ליפּן, הויבן זיי זיך אָן אַרומצודרייען

איבער די מאַרקן, קלינגען נצחונדיק מיט די שפּאָרן און מיט די שווערדן, קויפן אויף פון כל־טוב, דינגען זיך דערביי זייער שטאַרק און לאַנג מיט די הענדלערקעס אויפן מאַרק, דינגען זיך און דינגען זיך אויף אַ נייעם לשון.

דער מאַרק איז היינט זידנדיק און קאָכעדיק — שוין לאַנג האָט די שטאָט אַזאַ באַלעבטן און קאָכעדיקן מאַרק ניט געזען... אָט די אַלע קרעמער און אָט די אַלע סעדיכעס האָבן דאָך ביז היינט זיך אויסבאַהאַלטן אין לעכער און אין קעלערס, אין פאַרבאָרגענישן און פאַרשטעקענישן. זיי האָבן דאָך אַלע ביז איצט געציטערט אין טויט־שרעק פאַרן נייעם, מוראַדיקן און פייערדיקן וואָרט, וואָס האָט געפּאָכעט איבער די קעפּ ווי אַ שאַרפער שווערד: „נאַציאָנאַליזאַציע".

— נאַ דיר אַ נאַציאָנאַליזאַציע אויף אונזערע קעפּ... — האָבן זיך געבייזערט וואַזשנע און רייכע סוחרים, אייגנטימער פון גרויסע הורטאָוונע געשעפטן אויף פּאָדאָל און אויפן קרעשטשאַטיק. מחמת דעם וואָס אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר פלעגן זיי פאָרן קיין אויסלאַנד נאָך סחורה, אָדער אין די דאָרטיקע קורבעדער אַראָפּצאַפּן פון זיך אַביסל שמאַלץ — האָבן זיי זיך דעריבער געהאַלטן פאַר פאָלנע אייראָפּייער, פאַר דורכאויס פאַרגעשריטענע מענטשן און גאַנצע לי־בעראַלן.

— אַזיאַטן... — האָבן זיי איינער קעגן אַנדערן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — מישטיינס געזאָגט, װ ו ע ר עס האָט גענומען אויף זיך די שליחות צו ברענגען די גאולה אויף דער וועלט...

— אַ בעסערע וועלט? אדרבא, מסכים! דאָס האָבן מיר דאָך אַלעמאָל אַליין געזאָגט! אָבער פאַרוואָס זאָלן מ י ר גראָד זיין די ערשטע?

— און דערצו נאָך גלייך מיטאַמאָל איינפירן די סאַמע העכסטע, די אידעאַלסטע סאָציאַלע אָרדענונג: קאָמוניזם... אין אייראָפּע ניט — און ביי אונז יאָ?

— ווייס איך וואָס... קאָמוניזם־שמוניזם... ס'איז דאָ וואָס צו הערן...

— דאָס זיינען דאָך אמתע באַרבאַרן... — האָבן זיך מאַכטלאָז געקאָכט און געזאָטן די פּראָסטערע געשעפטסלייט פון דער בעסאַראַב־קע און דער גרויס־וואַסילקאָווער גאַס. — גנבענען און ראַבעווען

פרעמדע פּראַצע, נעמען צו יענעמס שווער־פאַרהאָרעוועטן האָב־און־גוטס — און דערציילן דיר נאָך אַ מעשה: סאָציאַליזם...

זײַנען זיי אַנטלאָפן אין די לעכער, אין פאַרבאָרגענישן, האָבן מיט דער באָלשעוויסטישער אָרדענונג ניט געוואָלט האָבן צו טאָן.

דערפאַר אָבער איז היינט אינדערפרי אַלץ געווען אָפן און אויסגעשטעלט אויף די מאַרקן. געשטעל, רונדוק און געוועלב זײַנען געווען געדריכט אָנגעפּאַקט מיט אַ שפע פון אַלערליי סחורות ווי בשעת אַ גרויסן יאַריד־טאָג, אויף וועלכן אַלע האָבן געוואַרט און אויסגעקוקט... די סוחרים־שטאָט האָט טריאומפירט.

— ניין, וואָס האָבן מיר געזאָגט? די וועלט קען מען אַזוי גרינג ניט איבערמאַכן...

— וועלט בלייבט וועלט, און האַנדל בלייבט — האַנדל.

אפילו די נײַע סאָלדאַטן אַליין — מען זעט דאָך באַשײַנפּערלעך, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ציוויליזירטער, אַן עכט־אייראָפּעיִשער אַרמיי, און ניט דאָרטן מיט אָפּגעריסענע באָסיאַקעס. אויסגעשטראָלצטע פּאַראַדנע אָפיצערן גייען אַרום מיט סאָלדאַטן־באַדינער, וועלכע טראָגן זיי נאָך פון הינטן גרויסע קאָשיקעס. מען הייסט זיך אָהין אַרײַנלייגן די בעסטע פלייש און פיש, די טייערסטע עסנווארגן. דערבײַ דינגט מען זיך זייער שטאַרק און זייער לאַנג.

קרעמער און פאַרקויפער האָבן שטאַרק הנאה פון דער גרויסער לייזונג. אָבער ניט ווייניק הנאה האָבן זיי אויך פון אָט דעם דינגען זיך אַליין — הייסט עס, אמתע קונים טאַקע... ביסלעכווייז ווערן די שטרויענע קאָשיקעס און קאָרזינקעס פול אונטער דער שווערער משא פון די אײַנגעהאַנדלטע פעקלעך. דעמאָלט גייען די קריגסלייט שווייגנדיק אַוועק, גייען אַוועק פּאַמעלעך און ניט־געאײַלט...

די קרעמער און פאַרקויפערס בלײַבן אַזוי פאַרגליווערט שטיין און זיצן — ווי ווער — דערשטוינטע, מיט פאַנאַנדערגעעפנטע מײַלער... אידישע און גויאישע הענדלער נעמען זיך אָן מיט מוט, שטעלן זיך איין און גייען נאָך אַ פּאָר טריט, בעטן די פּוילישע אָפיצערן מען זאָל באַצאָלן פאַר די אײַנגעקויפטע זאַכן, — הויבט זיך אויף אַ נאַהאַיקע און גיט אַ שאַרפן סוויסטש... קרעמער און קרעמערקעס אַנטלויפן ווי אונטערגעשאָסענע צוריק — מיט אַ קוויטש, מיט אויפגעלאָפענער באַק, מיט בלויער קישקע אויף האַלז און שטערן.

ב.

ווינגדער איז פון שטאָט ניט אוועק צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס.

כאָטש פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי זיינען דאָ געווען איז ער געוואָרן מיט זיי זייער נאָענט. ער פלעגט זיין אַ שטענדיקער באַזוכער פון זייערע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אַ מיטגליד פון אַלערליי קאָמיטעטן און קאָמיסיעס, בכלל — אַן „אייגענער מענטש". אפילו אין דער פּאַרטיי איז ער שוין אַריינגעטראָטן און האָט אין אַ גאָר קורצער צייט דערוואָרבן דעם נאָמען פון אַ באַוואוסטזיניקן אַרבעטער. די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער האָבן שוין אַלע גוט געקענט אָט דעם שווייגנדיקן און געוויסנהאַפטיקן בחור, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט פאַרלאָזן אין גאָר, גאָר אַסך זאַכן.

איז אפשר איז ווינגדער טאַקע פאַרבליבן דאָ אין שטאָט צוליב עפּעס אַ וויכטיקער און געהיימער אַרבעט, וואָס די חברים האָבן אויף אים דאָ אַרויפגעלייגט... אַז ווער קען אים דען ווייסן איצט, ווינגדערן. זיינע ליפּן, פון תמיד־אָן אַזעלכע דינע און שטייף־פאַרמאַכטע, זיינען אים לעצטנס געוואָרן נאָך פעסטער און שטייפער צונויפגעצויגן.

איינס אָבער האָט מען פונדעסטוועגן אויף אים יאָ געקענט באַמערקן:

די לעצטע צייט פלעגט ער אַרומגיין נאָך אָרימער אָנגעטאָן; זיין קורץ פּידזשאַקל איז נאָך ווי קירצער געוואָרן. אָדער אפשר איז עס געווען דערפאַר וואָס ווינגדער איז נאָך אַלץ געוואַקסן אין יענע יאָרן, ווען מען וואַקסט זייער שנעל? אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר ווייבערישע „וועננגערקעס" אָן שנירלעך און אָן שניר־האַלטערס. זיי זיינען געווען אַרומגעבונדן אַרום די פיס מיט בענדלעך אַלערליי און מיט שטריקלעך. איבער די גאַסן באַווייזט ער זיך דאָס רוב אַרומגעוויקלט אין אַ היפּשער ווייבערשער באַרכעטענער פאַטשיילע, וואָס דערוואַרעמט אים אַביסל דאָס לייב. זיין פּנים איז געווען מאָגער און גלאַנצנדיק; קנאָכעדיקע ביינער מיט בלויזער הויט באַצויגן.

די לעצטע עטלעכע טעג דרייט ער זיך אַרום אויפן „יעווריעיסקי באַזאַר", צווישן די פּויערים וואָס זיצן אויף דער בלאָטיקער ערד, מיט אַביסל מיסטיקער שטרוי אונטערגעבעט הינטער זיך, ווי

זיך־קעלבנדיקע בהמות. ארום זיי: קערב מיט אייער פארשטעקטע אין פאלאווע, זעקעלעך מעל, שיסלען מיט געלן פוטער און אומריי־נעם קעז. מען האנדלט, הייסט עס, ווידער, אלץ איז ווייטער ווי געוועז... יא. אבער וואס האט ער זיך וואס איבערצונעמען קעגן זיי? ער, ווינגדער, איז דאך איצט אויך געווארן א הענדלער. אויך ער דרייט זיך ארום איבערן מארק. און אויף איינעם אן ארעם איז ביי אים אריבערגעווארפן א פאר הויזן. די הויזן זיינען נאך גאנץ נישקשהדיקע, יום־טובדיקע, בלויע. דעם „הינטן", וואס גלאנצט שוין אונטער אביסל, באהאלט ער פארזיכטיק צו־זיך־צו. ער באמיט זיך אויסצובייטן זיין איינציק גוט פאר הויזן אויף א ברויטל. נאר די מארק־פויערטעס קוקן אים אן פארדעכטיק און שאקלען מיטן קאפ אויף ניין און ניין — זיי טרייסלען זיך פון אים אפ.

מי אוזשע פראמעניאלי...!) — טענהען זיי מיט הארט־לעבער און קאלטער שטים, וואס איז פול אי מיט פארדרוס אויף איינעגער געקריוודעטקייט, אי מיט חרטה אויפן בייט, וואס מען האט נארישערהייט אזוי אויסגעקוקט אויף אים. — מי אוזשע פראמעניאלי, פאניטש... באלשעוויקאוו נא פאליאקאוו פראמע־ניאלי...

ג.

און דער רויטער בלוטיקער פילם וויקלט זיך אלץ ווייטער און ווייטער.

עס קומט איינגיכן אן א טאג, ווען אינמיטן דערינען ברעכט אויס איבער דער שטאט א בהלה און א גרויס געפילדעריי ווי פון א פלוצימדיקער שרפה — אין טויטשרעק און אין מוראדיקער איי־לעניש הויבט זיך אן די פוילישע ארמיי צוריקציען צוריק, — אהין, פון וואנען זי איז אהער געקומען, — צום זשיטאמירער טראקט.

פונדערהויך, פון די פעטשערסקער בערג, וואס הענגען איבער דער שטאט, דונערן שוין באלד ווידער הארמאטן, הארמאטן פון נייע אנקומענדיקע חילות. אין שטאט ווייסט מען שוין גלייך, אז דאס זיינען עס ווידער די באלשעוויקעס. און מען וואונדערט זיך, און מען קען זיך גאר ניט אפוואונדערן:

— זע נאַר, סאַראַ מזיקים... אַזוי גיך!... פּונקט ווי זיי וואָלטן דאָרט די גאַנצע צייט געלעגן באַהאַלטן אין די אַרסענאַלן וואָס אויף די פּעטשערסקע בערג...

און איידער די לעצטע פּוילישע פורן באַווייזן נאָך זיך אָפּ־צוטראָגן אין איין עק שטאָט, אין דער זייט פון זשיטאָמירער טראַקט, הויבן שוין אָן פון דער צווייטער זייט שטאָט, פון די פּעטשערסקע בערג אַרונטער, צו שטראָמען די סאָוועטישע חילות.

איצט איז זי אַסך צאַלרייכער, די באָלשעוויסטישע אַרמיי. צאַלרייכער און זיגרייכער. אויך אָנגעטאָן איז זי איצטער בעסער, אַסך ציכטיקער ווי פריער — אמתע זעלנער, אויסגעמושטירטע און דיסציפּלינירטע.

דאָס מאָל איז שוין די פריערישע באַפעלקערונג פון אוקראַינע כמעט איננאַנצן אויפן צד פון די באָלשעוויקעס. זיי העלפן אפילו נאָכיאָגן די פּאָליאַקן, טוען אָן זייער טייל אַלערליי נגישות, פאַלן אויף אים אָן פון באַהאַלטעניש אין פּאַרטיזאַנישע גרופּעס.

יאָ, דאָס מאָל באַגעגנט דאָס דאָרף די סאָוועטישע אַרמיי מיט צוטרוי — ווי איינענע, „אונזערע". אָבער ניט אַזוי איז די שטאָט — זי פאַרבלייבט נאָך אַלץ אַ הענדלער־שטאָט, אַ שטאָט אַ זונה.

כאָטש די באָלשעוויסטישע אַרמיי קומט איצט אַריין מיט שטרענגע פאַראָרדענונגען גאָר ניט צוצונעמען אָן געלט, באַציט זיך פונדעסטוועגן די זונה־שטאָט צו די ניי־אָנגעקומענע סאָלדאַטן נאָך אַלץ מיט הענדלערישן אומצוטרוי, מיט חשק צו אָפּנאַרעריי, מיט אומגלויבן און אומליבשאַפט צו די יעניקע, וועלכע „ווילן איבער־אַנדערשן אַ וועלט".

שוין אין עטלעכע טעג אַרום הויבט זיך אָן אין שטאָט אַ ווילדע ספּעקולאַציע אויף מעל, אויף ברויט, אויף זאַלץ, אויף נאַפט, אויף נוויטיקסטע לעבנסמיטלען. אין פאַרלויף פון בלויזע עטלעכע טעג שטייגט שוין דער פּרייז פון אַ פונט ברויט ביז פינף הונדערט רובל.

אָבער ווידער האָט איצט גאָר אָפּגעלעבט — אַ פיש אויף דער טריקעניש, וואָס מען האָט ווידער אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין. די גאַנצע צייט איז ער מוראדיק פאַרשמאַיעט און פאַרטאָן. ער לויפט אַרום פון איין דרוקעריי אין אַ צווייטער מיט פּעקלעך, מיט בלעטלעך, מיט צירקולאַרן.

ווי נאָר די באָלשעוויקעס האָבן זיך ווידער באַוויזן אין שטאָט, איז ווייגדער פונדאָסניי אַריינגעטראָטן אַרבעטן אין דער זעלביקער דרוקעריי, וואָס פריער.

די דרוקעריי איז איצט געווען נאַציאָנאַליזירט. איז אויף אַ טייל נקמה האָט ווייגדער, הייסט זיך, זיך שוין איצט דערוואַרט: גאַווריליוק, דער אויפזעער, איז געוואָרן דאָ אויס אַליינהערשער און בייזער דעה־זאָגער — איז געוואָרן אינגאַנצן אויס קאַפּעליוש־מאַכער. אמת, פון דער דרוקעריי האָט מען אים ניט פאַרטריבן. פאַרקערט, מען האָט אים אפילו נאָך איבערגעלאָזט דאָ ווי אַן אָנפירער מיט די אַרבעטן: פאָרט האָט ער דאָך געהאַט דאָ אַ לאַנגיעריקע דערפאַרונג, פאָרט האָט ער דאָך געוואוסט יעדעס פּיצעלע, יעדעס ברעקעלע אין דער דאָזיקער גרויסער דרוקעריי.

צווישן די מייסטער האָט מען אפילו אונטערגעמורמלט, אַז גאַווריליוק פאַרנאַכלעסיקט איצט די אַרבעט און טוט אָפּט אָפּ אַזעלכע ווילדע זאַכן, וואָס פאַר די אַרבעטער איז קלאָר, אַז זיי מוזן ברענגען גרויסן שאָדן דער דרוקעריי, די מאַשינען, דעם גאַנצן גאַנג פון דער אַרבעט... נאָר ווער ווייסט אים דאָרטן, גאַווריליוקן, צי דאָס טוט ער עס אַלץ אויס פאַרביטערטקייט און צו־להכעיס, אָדער גאָר מחמת דעם, וואָס לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן שיכורן נאָך מער ווי תמיד.

יאָ, אויף איין טייל נקמה האָט ווייגדער זיך שוין דערוואַרט; נאָר אויפן צווייטן טייל איז אים אויסגעקומען דערווייל צו וואַרטן נאָך אביסל לענגער...

ד.

ווייגדער איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ מיטגליד פונם פּאַבקאָם2).

אין זיינע שליחותן פלעגט אים אויסקומען אָפּט אַרומצולויפן פון איין דרוקעריי אין דער צווייטער מיט פּעקלעך אַלערליי אויפרופן און בראָשורן. וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף ניט, שטייט ער אַליין אָפּ אַ גאַנצן טאָג, האַלב ניט־דערעסן, אין אַ ווינקל דרוקעריי, און זעצט און דרוקט, און פאַלדעוועט. און דערנאָך ערשט טראָגט ער עס אַלץ פאַנאַנדער אויף די געהעריקע ערטער, לויט די

אינסטרוקציעס, וואָס ער קריגט פון דאָרטן, פון וואַנען אינסטרוק־
ציעס קומען.

לויפנדיק אַזוי איבער די גאַסן, זעט צומאָל ניט ווינדער, וואָס
עס קומט פאַר אַרום אים, קוקט ער זיך צו גאָרניט צו — ער ווייסט,
אַז ער איז אַ קליין שרייפעלע אין אַ ריזיקער מאַשינעריע, און דאָס
איינציקע, וואָס ער דאַרף יאָ זען, איז: זיין תמיד אויף זיין אָרט
און זיך דרייען ריכטיק... אָבער איינמאָל, אַז ער לויפט אַזוי אימ־
פעטדיק דורכן מאַרק, צווינגט אים עפּעס פּלוצלונג זיך אָפּצושטעלן.

לעבן איינעם אַ רונדוקל, — אויף וועלכן עס זיינען אויסגע־
לייגט הויפנס שמוציקע האַלב־אויסגעבאַקענע פּלעצלעך, באַשאָטענע
מיט שטיקלעך ציבעלע ווי מיט פליגעלעך פון טויטע פליגן — שטייט
אַ רויט־אַרמייער און טענהט עפּעס איין מיט האַרץ מיט דער הענד־
לערין אים אַנטקעגן, ביי דער צווייטער זייט רונדוק.

דאָס פּנים דעם רויט־אַרמייערס זעט ניט ווינדער. נאָר לויט
יענעמס אויסגעבוויגענער פּלייצע און קורצן וואוקס, לויט דעם, ווי
דער רויט־אַרמייאישער שינעל זיינער ליגט אויף אים אַזוי ברייט
און לויז און שלעפּט זיך אים נאָך סאַמע אויף דער ערד, שטויסט
זיך ווינדער אָן, אַז דאָס מוז אודאי זיין אַ אידישער עקסטערן־איג־
טעליגענט, איינער פון די פריש־געבאַקענע פריוויליקע.

ער שטייט דאָרט אַזוי, אָט יענער רויט־אַרמייער, אין דער לינקער
האַנט — פּעסט פאַרקוועטשט די איינגעקויפטע פּלעצלעך; אין
דער אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט — עטלעכע אויסגעשפּרייטע
פּאַפּירענע געלט־שטיקלעך. ער שטופּט זיי דער הענדלערין אין
פּנים אַריין. נאָר יענע, קענטיג, וויל זיי ביי אים בשום אופן ניט נעמען.

— אַי־אַי־אַי... — מוסרט ער די סעדיכע, וועלכע פּרובירט
ביי אים צוריק אַרויסרייסן די געקויפטע פּלעצלעך. —אַי־אַי־אַי...
קאַקאַי באַלשאַי סטיד... זאַ קערענסקים — דאַ, אַ זאַ באָלשע־
וויצקי — ניעט, האַ? אַי־אַי־אַי...(3.

ניט נאָר זיין קאָפּ, נאָר אויך זיין גאַנצע סוטולעוואַטע פיגור
שאָקלט זיך אַזש הין־און־צוריק פון טיפן צער און פּאַרדרוס. עס
קוקט אויס, ווי דאָס וואָלט ביי אים געווען אַ צער און אַ פּאַרדרוס
ניט אַזוי איבער דער אומגערעכטיקייט פון אָט דער סעדיכע — ווי
בכלל איבער דער אומגערעכטיקייט פון דער גאַנצער וועלט צו די
באָלשעוויקעס.

— הערט אביסל... באָלשעוויצקי אָנא נע כאָטשעט... ניע גראַוויטסיא באָלשעוויצקי!... — שאָקלט ער זיך ישובה־בחוריש און מיט טיפן באַדויער אין זיין קול. — אַ זאַ קאָוואָ מי באָריעמ־סיא, הא?...4).

אין סאַמע מיטן פון זיין איילינקן שפּאַנען ערגעץ מיט אַ פּעקל אין האַנט, בלייבט ווייגדער שטיין אַ צוגעשמידטער צום אָרט. די איינגעבויגענע געשטאַלט פונם אידישן רויט־אַרמייער — די פאַרקער־פּערונג פון דער מאַכטלאָזיקייט פון בלויזן יושר אויף דער וועלט — גיט אים אַ פּיינלעכן צופּ ביים האַרצן.

אין אָט דער פּראָסטער סעדיכע, וואָס וויל זיך ניט שיידן מיט אירע פּלעצלעך — דער גויע מיטן וואָלענעם טיכל, וואָס נעמט אַרום שטייף ווי אַ רייף איר רויט־געפרוירן פּנים — דער סעדיכע, וואָס האָט די חוצפּה ניט צו וועלן נעמען קיין סאָוועטיש געלט, כאָטש די שטאָט איז יעצט אונטער באָלשעוויסטישער מאַכט — אין אָט דעם־אָ דערזעט מיטאַמאָל ווייגדער דעם גאַנצן אומצוטרוי, וואָס רינגלט זיי דאָ אַלעמען אַרום אין שטאָט — ער דערזעט עס ערשט איצט מיטאַמאָל אַזוי קלאָר...

קלאָר דערזעט ער איצט דעם פּאַראַט, וואָס לויערט אויף זיי פון אַלע ווינקעלעך, די הינטערפּיסלעך, וועלכע מען זוכט פון אַלע זייטן אונטערצושטעלן דער נייער מאַכט. אַשטייגער, נעמען גאַוורי־ליוקן. אַ, ער, ווייגדער איז זיכער אַ מבין אויף דעם אַלעמען, וואָס גאַווריליוק טוט אָפּ אין דער דרוקעריי, ווי ער רואינירט זי ביסלעכ־ווייז. אָבער דאָס ווייסן דאָך אויך אַנדערע אַרבעטער. איז פאַרוואָס־זשע שווייגט מען, הא? אָבער ווייגדער דערמאָנט זיך איצט דאָס קלינגענדיקע וואָרט, וואָס לעצטנס איז אים אויסגעקומען עס צו הערן עטלעכע מאָל צווישן די אַרבעטער:

— סאַ־באָ־טאַזש...

יאָ, דאָס איז עס אַלץ: סאַבאָטאַזש!

און שוין אין דער זעלביקער מינוט ווערט ביי ווייגדערן פאַר־פעסטיקט, ווי אַ באַשלוס, אָט יענער געדאַנק, וועלכער שווימט אַרום אין זיין מוח שוין פאַר די לעצטע עטלעכע טעג:

— אַזוי מוז עס זיין... קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ; דעם הילפלאָזן יושר, וועמען אַלע טרעטן מיט די פיס, דאַרף מען,

מ ו ז מען אונטערשפּאַרן מיט מאַכט! איצט איז וויכטיקער, אפשר, פאַר אַלץ אַנ וואָס: מען דאַרף דעם שונא גוט אָנשרעקן...

און אפשר זיינען עס גאַרניט געווען ווינדערס אייגענע געדאַנקען — אפשר האָט ווינדער אָט די אַלע רייד געהערט לעצטנס פון די פאַרשיידענע חברים זיינע, מיט וועמען ער האָט זיך געקאָמפּאַניעט. נאָר מעגלעך אויך, אַז אין אים האָט אויפגעפלאַמט רויט און בלוטיק דער דורשט נאָך נקמה — מעגלעך אַז פאַר ווינדערן איז געקומען איצט די צייט אויף ענדלעך זיך אָפּצורעכענען פאַר אַלע קריוודעס און עוולות, וואָס זיינען ביז איצט באַגאַנגען געוואָרן כאָטש קעגן אים אַליין — אויב ניט פאַר די עוולות און קריוודעס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן דער גאַנצער וועלט פון די זייניקע.

אַזוי צי אַזוי:

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שוין ווינדער געאַרבעט אין דער קיעווער טשע־קאַ.

זעקסטער קאַפּיטל

פּעקלעך און —

א.

פאַר דער צייט איז טאַמאַרע אויסגעוואַקסן אין אַ היפּשער מיידל — אַ היפּשע, אַ פעסטע און קיילעכדיקע.

שוין פונם פופצנטן יאָר אָן פון איר לעבן האָט מען אָנגעהויבן אין איר באַמערקן אַט די נייגונג צו פול־לייביקייט און קיילעכדיקייט: קיילעכדיקע בליענדיקע באַקן — קיילעכדיקע שפּראָצנדיקע בריסטלעך וואָס זעען אויס גיכער ווי עפּל איידער ווי באַרנעס — קיילעכדיקע, זייער פולע אָרעמס — קיילעכדיקע, זייער דיקלעכע פיס — אַ קיילעכדיק מויל וואָס עפנט זיך אויף ווי אַ טרייבעלע בשעת זי טוט אַ שמייכל, אָדער סתם ווען זי קוקט אַזוי פאַרטראַכט ערגעץ אין דער ווייט אַוועק.

אין דעם אַלעמען איז זי גיכער געווען געראָטן אין טאַטן איידער אין דער מאַמען אירער. און ניט נאָר מיט דער קיילעכדיקער פעסטקייט פון אירע איברים — אויך נאָך אין אַנדערע פּרטים האָט זי שטאַרק דערמאָנט דעם ווייט־אַוועקגעפאַרענעם טאַטן אירן.

זי האָט שטאַרק דערמאָנט אָן בונעמען מיט איר גוטמוטיקייט, אַן אינערלעכער און אַן אויפריכטיקער, אַ צונויפגעוואַקסענער, וואָס מען האָט עס אַזוי ווייניק געקענט פון איר אָפּטיילן, ווי ווייניק מען קען אָפּטיילן, אשטייגער, דאָס גרינקייט — פונם גראָז.

זי האָט דערמאָנט אָן בונעמען מיט דעם שמייכל וואָס פלעגט געוויינטלעך באַדעקן איר גאַנצן געזיכט, ניט נאָר אירע אויגן בלויז. און זי האָט אויך דערמאָנט אָן בונעמען מיט איר נייגונג צו זיםלעכע טרוימען — טרוימען וועגן דעם וואָס וועט זיין אַ מ אָ ל;

חלומות פון דעם, וואָס וועט זיין שפּעטער, ווען „עפּעס" פּאַראויס וועט געלינגען... ביי איר פּאַטער זיינען עס געווען חלומות וועגן אַמעריקע, וועגן „סטראַיען" זיך; און ביי איר — טרוימען פון ניט־געשטוי־גענע, ניט־געפלויגענע גליקן וואָס וועלן מיט איר פּאַסירן שפּעטער, ווען זי וועט שוין זיין גאָר אַ גרויסע...

איז אפשר נעמען זיך גאָר אירע טרוימען פון די פילע ביכלעך וואָס זי האָלט אין איין אַריינשלינגען אין זיך פאַר אַט דער גאַנצער צייט. וואָס האָט זי דען אַנדערש צו טאָן בעת זי זיצט אויפן מאַרק ביים רונדוק, זיצט אויף דעם ליידיקן אויפגעשטעלטן קאַסטן פון טשוועקעס, ווי אויף אַ הויכן שטול? זי זיצט דאָ, פאַרשטייט זיך, כדי צו העלפן דער מאַמען. ביים רונדוק אָבער איז די לייזונג די לעצטע צייט זייער אַ שוואַכע. מענטשן זאָרגן זיך איצט מער וועגן ברויט און וועגן זאַלץ און וועגן קעראָסין, איידער וועגן שטיוול און וואַלינקעס און טיפע קאַלאָשן, אפילו איבערגעניצעוועטע און פאַר־לאַטעטע.

טאַמאַרע זיצט פונדעסטוועגן דאָס רוב פון טאָג ביים רונדוקל, ווייל אין שטוב איז אומעטיק און קאַלט און קיינער איז דאָרט ניטאָ. זי כאַפּט זיך אַריבער אַהיים בלויז מיטאָג־צייט, אָפּצוקאָכן פאַר זיך און דער מאַמען אַביסל שיטערן קרופּניק, און גלייכצייטיק ברענגען צוטראָגן אַ טאָפּ הייסע זשאַרנדיקע קוילן. אָבער באַלד דערנאָך — ווידער אויפן מאַרק.

אין שטוב זיינען די חדרים גרויסע, גרוימע — ס'איז אַ נייע הויז. ווייל מען הייצט זיי דורך בסך־הכל אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך, איז טאַקע געוויינטלעך דאָרט קאַלט. עס נעצט פון די ווענט. אין רדויסן, אפילו ווינטער־צייט, איז פונדעסטוועגן וואַרימער. בפרט, אַז ס'איז דאָ אַ זון. און דערעיקרשט: מענטשן זיינען דאָרט דאָ אַסך — עס קוקט אויס, ווי אַזויפיל מענטשן אין גאַס און אויפן מאַרק מאַכן שוין אַליין וואַרימער די לופט...

כאָטש אַלע שלעפּן זיי זיך פאַרביי פאַרחושכטע אַזעלכע, באַ־מערקט טאַמאַרע, מיט פאַראומערטע פּנימער. אמת, בעת מען גוואַד־זשעט אַזוי אין דער בלאָטע הין־און־צריק, נאָכאַנאַנד הין־און־צוריק, טליעט נאָך פונדעסטוועגן אין די אַרונטערגעלאָזטע אויגן אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען אַ פונק פון האָפענונג, אַ נייגיריקע זוכעניש — ווי מען וואָלט אין דער בלאָטע, וואָס באַדעקט איצט די גאַנצע

שטאָט ווי אַ געדיכטער טויג, געהאַפּט צו געפינען כאָטשבי אַזעלכע פאַרלוירענע אוצרות... אָבער טאַמאַרע, אין איר יונגקייט און ביי־כערישקייט, זעט עס אַלץ זייער ווייניק.

אַרום דעם שמאָלן אויפגעשטעלטן קעסטל פון טשוועקעס אויף וועלכן זי זיצט, איז אויף דער בלאָטע אויסגעשפּרייט אַ בינטל האַרטע שטרוי, אויף וועלכן טאַמאַרע האַלט אירע פיס אין די גרויסע מאַנס־בילשע שטיוול. דער אַרומגעשאָטענער שטרוי טיילט זיך אויס פון דער טונקל־ברוינער בלאָטע, ווי אַן אינזעלע. און טאַמאַרע אויף אים — די בת־מלכה אויפן אינזעלע. אַ בת־מלכה אין גרויסע יוכטענע פויערשע שטיוול וואָס זיינען ערשט נעכטן פריש אויסגע־שמירט געוואָרן מיט גרינבלעך־בלויען פיש־טרוין; אַ בת־מלכה אויף אַ הויכן ליידיקן קעסטל פון טשוועקעס, ווי אויף אַ טראָן גע־שניצט פונם טייערסטן עלפאַנטביין...

ב.

אַז עס קומט אָן דער זומער, ווערן די געשעפטן ביים רונדוק נאָך ערגערע.

ווייל עס קומט אַ צייט ווען ניט נאָר עס איז ניטאָ ווער עס זאָל קויפן — עס איז אינגיכן אויך ניטאָ וואָס צו פאַרקויפן.

איבער דער שיינער שטאָט פון גרינע ליימיקע בערג און בלאָ־טיקע טאָלן;

איבער דער שטאָט ביים פלאַכן און שטילן פּריפּיעט־טייך — אַ טייך אַ בנעימותדיקער וואָס פוילט זיך אונטערצוויאָגן זיינע וואַסערן אַביסל שנעלער; אַ טייך אַ פאַרחלומטער וועמעס וואַסערן עס שלענגלען זיך שוואַך און ווי איינדרעמלענדיק אין דער ראַם פון די זאַמדיקע פאַלעסיער ברעגן;

איבער דער שטאָט וואָס איז די געבורטס־שטאָט פון בונעמען, פון זיין משפּחה און פון די פילע משפּחות אויף משפּחות, פון ווע־מעס לענדן בונעם און זיין אייגענע קליינע משפּחהלע זיינען אַרויס־געקומען, —

איבער אָט דער שטאָט, פּונקט ווי איבערן גאַנצן אַרומיקן פּאָלע־סישן לאַנד, טראָגן זיך דעמאָלט דורך הייזעריקן אַלערליי, חילות און מחנות פאַרשיידענע.

דעם צאַרס צוריקלויפנדיקע אַרמיי, די דייטשן וואָס פאַרפאָלגן זיי טריט ביי טריט, דעניקינצעס, באַלאַכאָוויצעס — און נאָך אַנדערע חיילות וואָס שטאַטיש באַפעלקערונג קען זיך אין זיי גאָרניט אַזוי גיך פאַנאַנדערקלייבן. און אַז געדיכטע היישעריקן טראָגן זיך אין אַ צייט אַרום אַפּ און דעקן אויף אַ ווייל אויף דאָס אַנגעזיכט פון דער ערד — זעט מען ווי דאָס לאַנד אַרום ווערט יעדן מאָל אָרימער, נאַקעטער, אָפּגעשיילטער, אַרומגעהריזשעטער — — —

איז אויף זייערע אָרימע אַנבייסנס, אויף זייערע מאָגערע תענית־דיקע וועטשערעס עסן סטערע און טאַמאַרע ביסלעכווייז אויף די פאַרלאַטעטע שטיוול פונם רונדוק־קאַסטן, די אָפּגעבאַרעטע און עט־לעכע מאָל שוין אויסגעפּאַרריכטע וואַלינקעס...

געלט, פאַר וועלכן צו קויפן נייע סחורה, איז שוין מער ניטאָ. די פעקעלעך נעט־צונויפגעלייגטע גרויסע אַסיגנאַציעס, גרינינקע און בלוילעכע — „געלט פאַר אַ הויז, געלט פאַר אַ פּלאַץ"... — וואַלגערן זיך שוין איצט האַלב־פאַרגעסענע אין אַ קופערט. ניטאָ שוין צוליב וואָס זיי אויסצובאַהאַלטן אין דער סעקרעטקע; זיי זיינען שוין כמעט ווי ווערטלאָז... אָבער אַרויסצוואַרפן זיי איז פונדעסטוועגן קיין האַרץ ניטאָ — ווי יחוסדיקע פּגרימלעך, וועמען מען דאַרף כאָטש געבן אַ שיינע קבורה. — — —

גוט איז דעריבער וואָס איצט איז אויף דער וועלט זומער־לעב — אַ רייכע גאָב, וואָס קיינע פון די זיך־אַריבערגעטראָגענע מחנות היישעריקן קען זי ניט אויפפרעסן; אַן אייביקע מתנה פאַרן מענטשן וואָס קיינע פון די פאַרביייאָגנדיקע חילות קען עס ניט פאַרטיליקן.

אַהינטער שטאָט — אין די בערג, אויף וועלכע עס נעסטלען זיך טיילן פון דער שטאָט און צו וועלכן עס טוליען זיך אויך די פאַר־שטעטלעך, — פרעסן זיך איין אין זיי טיפע ליימיקע ראָוון. און אָט די ראָוון פירן צו אַ ברייטער וועלט וואָס איז פריי און ליכטיק איצט, פונקט ווי תמיד פרילינג־צייט — זי נעמט זיך, קענטיק, וויינִיק צום האַרצן אָט די אַלע בלוטיקע טויטן און פורעניותן מיט וועלכע איין טייל מענטשן קליגט זיך צו פאַרטיליקן דעם צווייטן.

איז אין געבענטשטער פרילינג־צייט און זומער־צייט גייט טאַ־מאַרע אַוועק, — אַמאָל מיט איין חברטע בלויז און אַמאָל מיט נאָך אַסך מיידלעך און אינגלעך, — אין די קילע טיפענישן פון איינעם

פון אַט די ראָוון — פון דעם גרעסטן פון זיי, וואָס פירט דורך דער פאַרשטאָט ק א ל י נ י ק.

דאָרט, ביי די זייטן, געפינען זיך געפלאַנטערטע וועלדלעך נוס־בוימער נידעריקע. עס וואַקסן קוסטעס געדיכטע אַנגעפּיקעוועטע מיט שוואַרצע יאַגעדעס. עס ציען זיך שורות גאַנצע הויכע בוימער מיט אָן־אַ־שיר ווילדע באַרלעך... און אַז טאַמאַרע האָט נאָך מיט זיך אַ חברטע וואָס האָט פּונקט אַזוי ווייניק מורא פאַר וועלף ווי זי אַליין, לאָזט זי זיך דעמאָלט אפילו נאָך טיפער און טיפער אין ראַשצשע אַריין, דאָרט, וואו ס'איז תמיד פייכט און האַלב־טונקל. זי קלייבט דאָרטן אָן אַ פול קווישל מיט ליכטיק־גרויע שוואוימען, מיט געלינקע ליסיטשקעס...

אָ, זי ווייסט שוין אַזויפיל פאַרבאָרגענע ערטעלעך אין וואַלד... אין דער פייכטער האַלב־טונקלקייט געפינען זיך דאָך אוצרות, גאַנצע אוצרות. נישקשה, זי קען זיך טיילן מיט אַנדערע — עס איז דאָרט גענוג דאָ פאַר אַלעמען, און בלוט איבער דעם דאַרף מען ניט פאַרגיסן.

און טאַמער ווערט מען דורשטיק, ווייסט זי אויך וואו עס גע־פינען זיך די איידל־ציכטיקע בעריאָזעס אין וועלכע אימיצער אַן אומ־באַקאַנטער האָט אויסגעדלוביעט היפּשע לעכער, פון וועלכע עס רינט שמעקעדיקער קילער זאַפט — קוואַס פון בעריאָזע־בוימער.

אהיים קערט זיך אום טאַמאַרע דעמאָלט קיילעכדיקער ווי תמיד:

די באַרלעך און די נים וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט אַריינ־קריכן אין די מיטגענומענע לייוונטענע טאָרבעלעך, האָט זי אָנגע־שטופּט פול און פול אין דער פאַזוכע, אין בוזעם... איר פּנים, דערהויפּט די פולע בליענדיקע באַקן אירע, גלאַנצן אַזש פון צופרידנ־קייט און פריידיקער דערגרייכונג.

פון די מיטגעבראַכטע אוצרות מאַכט זי אַזא מין תכלית:

די שוואַרצע יאַגעדעס פרעגלט אוים די מאַמע אין אַ געדיכטן יאַגאָדניק, מען באַשמירט מיט דעם לוסטעס ברויט צי פענעצלעך חלה — קיין בעסערער מאכל דערפון איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אַ שאָד נאָר: ס'איז דאָ זייער ווייניק צוקער אויף צו פאַרזיסן דעם יאַגאָדניק און מען מוז אים דעריבער „באַצוקערן" מיט פּלאַסטינקעס סאַכאַרין.

די ניסלעך — פייכטינקע, ראָזעווע, אין שאָלעכץ־קליידעלעך, צונויפגעוואַקסענע קופּקעסווייז, לייגט מען זיי אויפן פענצטער צום

טריקענען אויף דער זון; די שוואוימען סילעוועט מען אויף פעדים און מען הענגט זיי אויף אויף דער וואנט; און די וואלד־בארלעך, הארטע ווי שטיינדלעך, זיי טראגט מען ארונטער אין קעלער. איין פאק שטרוי שפרייט מען אויס אונטער זיי, מיט א צווייטן פאק באדעקט מען זיי פון אויבן. איז ליגן זיי דארט און צייטיקן זיך און פוילן געשמאק אן ביז עס קומט אן דער ווינטער. — — —

ג.

פון ווינגדערן איז די גאנצע צייט קיין ווארט ניט געווען. שוין א פאר יאר אזוי.

אז ווינגדער איז אין דער גרויסער שטאט געווארן א קאמוניסט, אן „אטוועטסטווועני ראבאטניק" אפילו — דאס האט סטערע געהערט נאך מיט א צייט צוריק.

געהערט האט זי אט די נייעס פון חיה־גוטע דער „מויד" — איטשע־פאיע־רחלס טאכטער — א געזונטע מידל, מיט פיסקעס ווי ביי א דארפס־שיקסע. זי איז דאך ביזן אכצנטן יאר פון איר לעבן געהאדעוועט געווארן אויפן דארף, ביים טאטן אויף דער מיל; א מויד מיט א הילכיקן געלעכטער, וואס פלעגט זיך הערן אזש אינם פינפטן הויף.

זי פלעגט ארבעטן אין קיעוו ווי א מאדיסטקע כמעט א קיילעכדיק יאר און פלעגט זיך אומקערן אהיים בלויז אויף יעדן פסח און סוכות. נאר די לעצטע פאר יום־טובים האט מען זי אין שטאט עפעס ניט געזען מער ארומשפאצירן איבער די גאסן, א יום־טובדיק־אויסגע־פוצטע, אין פאסאנע גרויס־שטאטישע מלבושים. איר פאטער, ר' איטשע דער מילנער, האט פון איר אויך די גאנצע צייט קיין שום ידיעה ניט געקראגן. ווי זי וואלט אין וואסער אריין.

מילא, די שטאט — זי האט געהאט אין אט דער צייט אסך וויכטיקערע און נענטערע דאגות ווי די זארג וואס מען זעט ניט מער אין א ליכטיקן פסח־טאג אויפלויכטן איבער די גאסן חיה־גוטע דער „מוידס" רויט־צעבליטע באקן, פולע ווי פאמפושקעס; וואס מען הערט ניט מער פאר א מייל איר זאפטיקן קלינגענדיקן געלעכטער, וואס פלעגט שוין זיין כמעט אזא מין טייל פון דער יום־טובדיקער לופט, ווי די פסחדיקע זון אליין.

נאָר אפילו דער אַלטער זאַיעץ אַליין, דאָס צעטומלטע אידל מיט די תמיד־צעשראָקענע האָזן־אויגן, ער האָט שוין אויך אויף איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פטור־נו... אויף דעם ווערן דאָך קינדער געבאָרן, אַז זיי זאָלן שפּעטער ניט וועלן וויסן אפילו פון טאַטע־מאַמע...

ער, לכל הפחות, איז שוין געוואוינט געווען, אַז זיינע קינדער זאָלן אַוועקפאָרן אין דער ווייט און זאָלן אָן אים פאַרגעסן. דעם „פּאַטשין" האָט געמאַכט זיין עלטערער זון, פּיניעלע, וואָס מען זאָגט אויף אים אַז אין דער ווייטער אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ געוואַל־טיקער עושר און דעם אַלטן טאַטן וויל ער אויף קיין בריוו אפילו ניט ענטפערן. און איצט — די טאָכטער...

נאָר איינמאָל, בשעת דער פּוילישער אינוואַזיע, האָט זיך חיה־גוטע אומגעריכט ווידער באַוויזן אין שטאָט.

אומגעקערט האָט זי זיך אַ שטאַרק־געענדערטע, אַ מאָגערע און אַן אויסגעצערטע, — ממש ניט צו דערקענען. געוויינטלעך אַ באַ־ריידעוודיקע און אַ לעבעדיקע, איז זי איצט געוואָרן אינגאַנצן שווייגנ־דיק און עפּעס אַזוי ווי אָן שום לעבן. ס'איז געקומען צופאָרן צוריק אין שטאָט ניט חיה־גוטע אַליין, נאָר איר שאָטן.

זי אַליין האָט, דוכט זיך, קיינעם גאָרניט דערציילט פון דעם וואָס עס האָט מיט איר די גאַנצע צייט דאָרטן אין קיעוו פּאַסירט, אָבער מען האָט שוין דערציילט פאַר איר, אַז געקומען צופאָרן אַהער איז זי מיט גרויסע נסים. זי האָט זיך געשלעפּט אַהיים מיט אַ „טעפּ־לושקע" גאַנצע דריי וואָכן צייט, — דער וועג אַהער פון קיעוו געדויערט מיט דעם פאַראַכאַד אַ מעת־לעת, און מיטן באַן — נאָך ווייניקער.

— אָ, א י י ע ר ע ר!... — האָט זי, באַגעגענדיק סטערען אין מאַרק אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך איר צוריקקערן זיך, יענער געענטפערט אויף דער פראַגע, צי איר, חיה־גוטען, איז ניט אויסגעקו־מען אַמאָל צו טרעפן ווייגדערן אין קיעוו. — הם, אייערער איז דאָך דאָרטן געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער... עפּעס אַ קליינינקייט ווייגדער! אַן „אַטוועטסטוועני ראַבאָטניק"... ער איז דאָרטן אין דער אָרטאָט־טשקאַ... איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס? גלייבער טאָקע, אַז איר זאָלט עס קיינמאָל ניט וויסן.

מער ווי דאָס האָט זי סטערען ניט דערציילט; און אפשר טאַקע האָט זי מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. נאָר סטערע איז געבליבן דעמאָלט זיצן עפּעס אַזוי... איר איז געוואָרן שטאַרק קאַ־לעמוטנע אויפן האַרצן.

חיה־גוטע האָט געהאַט אַזאַ מין געלן פּנים און אַזאַ מין טרויע־ריקן שמייכל, אַז מען האָט ניט געקענט וויסן, צי דאָס האָט זי איבער־געגעבן סטערען אָט די ידיעה מיט אַ גוט אָדער מיט אַ שלעכט האַרץ. כאָטש עס האָט דאָך גרייליך געקענט זיין, אַז דער טרויעריקער אויס־דרוק אויף חיה־גוטעס פּנים האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט ווינ־דערן און מיט איר, חיה־גוטעס, מיינונג וועגן אים, ווי פון אַ גאַנצן „קנאַקער". מעגלעך, אַז דאָס האָט געשטאַמט ביי איר פון אירע אייגענע קיעווער דערינערונגען און איבערלעבונגען, וועלכע זי האָט געטראָגן אויסגעבאַהאַלטן איצט אונטער איר בלייך און אויסגעצערט געזיכט. און מעגלעך אויך, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס חיה־גוטע האָט געטראָפן דעם טאַטן אירן אַזאַ פאַרעלטערטן און גראָען, ווי אַ טויב; די מיל אויפן כוטאָר — אַ חרוב־געוואָרענע; און דאָס קלייטל, וואו די מאַמע פלעגט פאַרקויפן דעם מעל און דעם קלייען און די גרויסע קוכנס מאַקוכע — אַ פּוסטע... ווער קען דען וויסן אַקוראַט, וואָס עס טוט זיך ביי אַ צווייטן אויפן האַרצן?

נאָר אָט די אַלע מחשבות האָבן פונדעסטוועגן אַלץ ניט גרינגער געמאַכט סטערעס געמיט. זי איז געוואָרן זייער באַזאָרגט איבערן גורל פון איר זון, וועלכן זי האָט שוין אייניקע יאָר ניט געזען און ניט געהערט פון אים גאָרניט. יאָ, צו זיין אַ קאָמוניסט אין אַ זאַ ציט — און נאָך דערצו אַ „גאַנצער קנאַקער" — איז זיכער געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן... און דעם טעם פון אָט די געפאַרן דערפילט טאַקע סטערע גאָר אינגיכן אויף זיך אַליין.

ד.

אין איינעם אַ פראַסטיק־ליכטיקן ווינטערדיקן ערב־שבת, בעת די פּאָליאַקן הערשן נאָך אַלץ אין שטאָט, האָט צוגעסקריפּעט איבערן שניי צו זייער שטוב אַ פּויערשער שליטן, אָנגעלאָדענער מיט עטלעכע זעק קאַרטאָפל.

דער פויער האָט זיי מסתמא געפירט אויפן מאַרק. היינט איז געווען, צוליבן ערב־שבת, אַ שטיקל מאַרק־טאָג. כאָטש סטערע אַליין איז נים געגאַנגען אויפן מאַרק, ווייל זי האָט ניט געהאַט צוליב וואָס.

דער פויער איז געווען גאָרניט ענלעך אויף אַ פּאָלעשטשוק: ס'איז געווען אַ הויכער דראַנג אין אַ קורצער סוויטקע, מיט קאָפּ און אויערן אַזוי געדיכט אַרומגעוויקלט מיט אַ ווינטערדיקער פּאַטשיילע, אַז מען האָט פון גאַנצן פּנים אַרויסגעזען בלויז אויגן מיט ווייסע פראָסטיקע ברעמען און אַ נאָז מיט אָנגעקלעפּטע אייז־ליכטלעך.

ווען ער איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן, האָט ער אָנגעהויבן שווער און פּאַמעלעך אַרונטערצושלעפּן אַ זאַק. ער האָט זיך אַזש געבויגן אין דרייען אונטער דער משא. אַפּנים, זייער אַ שווערער זאַק געווען. אָ, אַ זאַק קאַרטאָפּליעס וואָלט איר זיכער שטאַרק צונויץ געקומען, אָבער סטערע האָט דאָך קיין שום קאַרטאָפּליעס נים איינגעקויפט. זי האָט זיך דעריבער זייער געוואונדערט וואָס דאָס קען באַדייטן. סיידן אפשר — אליהו הנביא...

נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַרויסצוגיין אין הויף און פּרואווון קלאָר ווערן פון וואַנען עס נעמט זיך דאָ דער טעות, איז שוין דער פויער מיטן זאַק קאַרטאָפּליעס אויף די איינגעהויקערטע פּלייצעס געשטאַנען אין דער צעעפנטער הויז־טיר.

אָן אַ וואָרט האָט ער זיך אַריינגעשפּאַרט אין טיר און אַרונטערגעוואָרפן דעם זאַק פון דער פּלייצע אַרונטער.

סטערע האָט גלייך דערפילט: אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע פון הויז האָט זיך פונם אַרונטערגעזעצטן זאַק נים געהערט קיין שווערער קלאַפּ; פונם זאַק האָט זיך אויך ניט געטראָגן דער געוויינטלעכער פוילבלעכער ריח פון האַלב־געפרוירענע ווינטערדיקע קאַרטאָפּליעס.

דער פויער האָט איצט אַביסל אַרונטערגערוקט די פּאַטשיילע פונם פּנים. עס האָט זיך דערזען דער אונטערשטער טייל געזיכט זיינער — אַ בלייכער און שאַרפער קין, געלבלעך אַביסל, אָן וואָנצעס און אָן באָרד. סטערע איז געבליבן שטיין אָן לשון און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דער פויער האָט צו איר אָנגעהויבן ריידן אידיש.

— דאָס האָט אייער זון געשיקט אהער... אייער ווינדער...

— האָט ער איילנדיק און ווי זיך־יאָגנדיק אַרויסגערעדט. — אַ סימן האָט איר: דאָס לעצטע מאָל ווען ער האָט אייך געשיקט געלט, האָט

ער געשיקט געגוי זיבעצן רובל מיט פופצן קאפיקעס... ער האט אייך דעמאלט אינם בריוול געבעטן איר זאלט זיך קויפן אויף ווינטער וואלענע זאכן... איר געדענקט? נו, גוט...

סטערע האט געגלאצט די אויגן און ניט געקענט ארויסלאזן קיין איינציקן קלאנג. דער יונגערמאן האט אויפגעהויבן דעם זאק, אים אביסל נענטער צוגעטראגן צו איר.

— דאס איז ליטעראטור... — האט ער ווידער געיאגט די ווערטער פונם מויל. — דאס איז זייער נויטיק... קען זיין, אז אייער זון וועט אליין איינגיכן קומען צופארן אהער...

ער האט אומרואיק זיך ארומגעקוקט אין די זייטן, האט אריבער־געקוקט איבער סטערעס קאפ.

— אין שטוב איז ביי אייך איצט קיינער ניטא? בעסער אזוי... טא באהאלט עס... וואס גיכער... ערגעץ אין א זיכערן ארט... זאל דאס קיינער ניט טשעפען ביז מען וועט ניט צו אייך נאך דעם קומען.

סטערע האט די גאנצע צייט אלץ קיין איינציק ווארט ניט ארויס־געזעגט, א צעטומלטע פון אט דעם אומדערווארטן באזוך. און איידער זי האט נאך באוויזן צו קומען צו זיך, עפעס צו פרעגן ביי אים, צי דערוואווידערן — האט ער שוין ניט געסטאיעט.

א ווײַלע איז זי נאך געבליבן שטיין אזוי אויף איר ארט אין צעמישעניש, און דאס הארץ האט איר הויך געקלאפט. דאס ערשטע וואס זי האט געוואלט טאן, ווען זי איז געקומען צו זיך, איז געווען: כאפן דעם זאק און אים אויף גיך צוריק ארויסווארפן.

— אפשר איז דאס א שפיצל? — איז איר דורכגעלאפן א געדאנק. — אפשר איז עס דא געווען א פארשטעלטער „סיסטשיק"?

נאר ניין, — דער יונגערמאן האט אויף איר אזא מין איינדרוק בשום אופן ניט געמאכט. און פון וואנען וואלט ער עס דען געוואוסט וועגן דעם געלט און וועגן דעם וואס איז געשטאנען אין ווינדערס בריוול? אבער חוץ דעם: וואוהין וועט זי עס איצט דעם זאק ארויס־ווארפן, אז דער פויער האט שוין לאנג ניט געסטאיעט. זי וועט בלויז ארויפשלעפן זיך אויפן קאפ נאך א גרעסערע צרה.

יא, באהאלטן אים ערגעץ האט מען געמוזט וואס גיכער... פארשטעקן אים, פארשטופן אים. אבער וואוהין? אין לערניק? ניין, ניט אין לערניק: אויב ס'זאל זיך עפעס מאכן, וועט מען דאך אין

לעדניק זיכער גיין זוכן. און ווי וועט זי עס קענען שלעפן איצט דעם זאַק איבערן הויף? טאָמער באַמערקט נאָך אימיצער...

ווי אַ דערשראָקענע קאַץ, וואָס וויל אַריבערלויפן אַ געדיכט־טומלענדיקע גאַס, האָט זיך סטערע געקאָרטשעט איצט, געהויקערט, געוואָרפן אַרום זיך צעטומלטע און אַרומלויפנדיקע בליקן. אין טשו־לאַן אפשר? יאָ, יאָ, אין טשולאַן טאַקע... דווקא דאָ אין טשולאַן, אין סאַמע פאַרהויז, וועט קיינעם ניט איינפאַלן צו זוכן...

זי האָט אויף גיך אַריינגעשלעפּט אַהין דעם זאַק. ס'איז נאָך באמת געווען אַ גליק, וואָס טאַמאַרע איז איצט אין שטוב ניט געווען. זי איז גראָד מיט אַ שעה פריער אַוועק מיט עטלעכע פודעלעך קאַקאַאָ אויף קימבאַראָווקע, אויסצוטוישן דאָרט ביי פּאָוויצקין דעם ביר־ברויער דעם קאַקאַאָ אויף אַ בוטל נאַפט. ווען זי וואָלט דאָ געווען וואָלט זי שוין אודאי געווען נייגיריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אינם זאַק.

דער זאַק איז געווען טאַקע אַ שווערער. די ביכלעך און בראָ־שורן אינעווייניק האָבן געשאָרכעט, געשיפּעט, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען שטאַרק ניט־צופרידן וואָס מען לאָזט זיי ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, וואָס מען שלעפּט זיי גאָר אַריין אין אַ פינצ־טערן טשולאַן...

אין טשולאַן האָט סטערע פאַררוקט דעם זאַק אינם סאַמע ווייטסטן ווינקל; האָט אים אַרומגעהאַנגען מיט שמאַטעס, מיט אַלטע הויזן, מיט אַ צעריסענעם פּאַלטאָ, האָט אים פאַרשטעלט מיט אַ לאָקשנברעט און מיט אַ דייזשקע פון זויערע אוגערקעס. און מער האָט זי זיך צום זאַק ניט געוואָלט צורירן, פונקט ווי פון אַן איבעריקן ריר וואָלט שוין אָט דער זאַק מיט ביכלעך געקענט אויפרייסן.

אין משך פון עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד, און זייער אָפּט נאָכ־דעם שפּעטער, האָט סטערע בשום אופן ניט געקענט איינשלאָפן: איר האָט זיך רק געדוכט, אַז עפּעס באַוועגט זיך דאָרט אין טשולאַן, אַז אימיצער גייט דאָרט אַרום אין פאַרהויז... עטלעכע מאָל האָט זי זיך געקליבן אָנשרייבן ווינדערן וועגן דעם, אים פרעגן, אים וואָ־רענען, אים בעטן אַז ער זאָל אָפּהיטן זיין לעבן כאָטש... נאָר זי האָט דאָך גוט געקענט איר זון — האָט זי פאַרשטאַנען:

ערשטנס, אַז עס וועט קיין שום נוצן סיי־ווי ניט זיין אין דעם; און צווייטנס, האָט עס אין אַזאַ צייט בכלל גאָר קיין רייד ניט גע־

קענט זיין ווענן שרייבן אים א בריוו אדער פרואוון אויסזוכן וואו ער געפינט זיך דארט אין דער גרויסער שטאט.

און מאדנע:

ניט געקוקט אויף אט די אלע שרעקן און פחדים, וואס אט דער פארבארגענער זאק האט איר פארשאפט; ניט געקוקט אויף דעם וואס זי האט אינדערשטיל אפט געוואונטשן אז זי זאל אט דעם געהיימניספולן זאק בעסער ניט געווען האבן ביי זיך, אז אי־מיצער זאל שוין קומען און זאל אט דעם געפערלעכן פעקל ביי איר וואס גיכער אוועקנעמען, — איז דער דאזיקער זאק איר דאך ביסלעכ־ווייז געווארן נאנט און אייגן, און אפילו איינגעבאקן אין הארצן.

דער זאק אין טשולאן — א פארבארגענער צווישן לאקשנברעטער, צווישן אפגענוצטע בעזימער און פאמעלעס, — איז דאך פארט געווען דער איינציקער לעבעדיקער גרוס פון איר זון, וואס זי האט פאר דער גאנצער צייט געהאט. און פונקט, ווי אין איר אייגענעם לייב־לעכן זון, האט זי דאך אין אים אויך, אין אט דעם שווייגנדיקן זאק דארטן, געהאט א חלק — א חלק פון זארג, פון שרעק און ציטערניש.

ביז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז — טאקע א דאנק אט די שרעקן און שלאפלאזע נעכט וואס איר איז צוליב דעם געהיימניספולן זאק אויסגעקומען אויסצושטיין — ביז ביסלעכווייז זיינען סטערען נענ־טער געווארן אויך אט יענע אומבאקאנטע חברים ווינדערס, די באלשעוויקעס, וועלכע האבן מיט אים, און מיט זיין ארבעט, געהאט צו טאן — דארטן, אין די ווייטע ברענענדיקע שטעט, וואס זיינען איצט אפגעגאסן מיט בלוט.

ח.

אויב פון ווינדערן האט סטערע די לעצטע יארן קיין שום בריוו ניט געקראגן, האט זי דערפאר גאר אומדערוואַרט געקראגן איינמאל א ידיעה פון בונעמען. א בריוו פון יענעם לעגענדארישן און גליקלעכן לאנד אויף יענער זייט אקעאן, וואס האט פון דער ווייטקייט אהער געשטראלט הונדערטער טויזנטער, מיליאנען מענטשן — ווי א ריזיקע זון פון א בלוי־גאלדענעם נעפל ארוים.

אין דער געגנט ארום דער שטאט האט עס אין א נאווינע ווידער אויף א קורצער צייט אפגעלאזט — צווישן איין שטורעם און א

צוויטן. עס האָט זיך באַוויזן אַ רעגנבויגן, אַז מער וועט שוין קיין רעגן ניט זיין — ביזן קומענדיקן רעגן, רעגן פון בלוט. — — —

דערווייל, אויף אַן איבערבייט, הערשן איצט אין שטאָט די באָל־שעוויקעס.

דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען איבער דער שטאָט האָט זיך איבערגעטראָגן — ווי די גליקלעכסטע בשורה וואָס קען נאָר אויפקלינגען אין אַ מענטשלעך אויער — דאָס פּייערלעכע נייעס: אמע־ריקע האָט אָנגעהויבן שיקן אהער — פּעקלעך.

כאָטש ווייניק מענטשן אין שטאָט האָבן מיט די אייגענע אויגן אָנגעקוקט אַ פּעקל, און נאָך ווייניקער האָבן דערווייל אַליין אָט די וואונדערלעכע פּעקלעך געקראָגן, — האָט פרייד און דערוואַרטונג באַהערשט פונדעסטוועגן אַלעמען, אַלעמען — אפילו אַזוינע וואָס האָבן דאָרטן, אינם גאָלדענעם לאַנד, גאָר קיין שום קרובים ניט גע־האַט... וואַרטן אויף זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרטן אַלע, אַלע, אַלע — געוואַרט ניט אַזוי ווי אויף אַ באַשטימטער זאַך, נאָר ווי אויף עפּעס אַ נס: אַ נס קען דאָך פּאַסירן מיט יעדן איינעם!...

די פאַנטאַזיעס פון די שטאָטישע איינוואוינער האָבן שוין אָנ־געהויבן אויסזוכן, אין דער גדעכעניש און אין פאַרשוואונדענע יאָרן, אַלערליי אָפּגעפרעמדטע, זייער ווייטע קרובים, כלערליי פאַר־געסענע באַקאַנטשאַפטן... און ווייל עס האָט זיך אַזוי גע־וואָלט גלויבן, האָט זיך טאַקע געגלויבט אַזוי גרינג אין דער מעגלעכקייט פון אַ נס:

— ווער ווייסט... אפשר וועט מען אַליין אויך היינט־מאָרגן קריגן אַ פּעקל...

אָבער ניט ווייניקער ווי די טאָג־טעגלעכע דערוואַרטונג אַליין צו קריגן אַ פּעקל איז אויך גרויס געווען סתם די פרייד וואָס האָט אַלע־מען אין שטאָט דעם יאָר אַרומגעכאַפּט.

ס'איז געווען אַ פרייד איבער דעם וואָס אין אָט יענעם וואונדער־לעכסטן און גליקלעכסטן לאַנד אויף דער וועלט געפינען זיך מענטשן וואָס טראַכטן פונדעסטוועגן פון דער קליינער שטאָט ביים ברעג פּריפּיעט — דער שטאָט, וואו איצט נאָך אויך, צווישן אַלע הריגות און שחיטות פון די לעצטע יאָרן, קלינגען לויטער נאַכטיגאַלן אין די פרישע און קילע פרילינג־נעכט און עס קרייען הענער אויסגעצויגן

און פארשמאכט אין די לאנגע, הייסע און זאמדיק־פוסטע נאכמי־טאגס . . .

— הייסט עס, אז מען איז פונדעסטוועגן ניט פארוואָרפן דאָ איינינקע אליין, פארגעסענע פון אלעמען אין די ארומיקע האלב־ווילדע פאלעסיער וועלדער ?

צווישן די ערשטע מענטשן אין שטאט, וואס האבן געקראגן „ארא״־פעקלעך, איז אויך געווען סטערע.

קיין בריוו אפילו איז מיט דעם פעקל ניט אנגעקומען. פונ־דעסטוועגן האט סטערע גלייך פארשטאנען :

— אויב פון אמעריקע, איז פון ווען דאן, אז ניט פון בר־נעמען ?

אבער מאָדנע :

מיט אט דעם פעקל איז בונעם פונדעסטוועגן פאר סטערען אויף קיין סך ניט לעבעדיקער געוואָרן... סטערע האט זיך אליין געוואונדערט איבער אט דער קאלטקייט, מיט וועלכער זי האט אויפגענומען די ידיעה וועגן דעם אנגעקומענעם אמעריקאנער פעקל פאר איר — א ידיעה, אויף וועלכער אלע אין שטאט האבן זיך אזוי אויסגעקוקט די אויגן.

עס האט איר, פארשטייט זיך, געפרייט צו דערוויסן זיך, כאטש אויף אזא אומדירעקטן אופן, אז איר מאן לעבט. די זיכערקייט דער־פון איז אודאי געווען א גרויסע בארואיקונג. אבער נאך אין דער ערשטער נאכט, נאכדעם ווי זי האט דערהאלטן דאס פעקל, — ווען זי איז א לאנגע צייט געלעגן אויף איר געלעגער און זיך גוט צוגע־הערט צו איר הארץ און צו אלץ וואס קומט דארט איצט פאר, און האט זיך געפרואווט פארשטעלן בונעמען, איר מאן, ווי ער ליגט איצט, אשטייגער, ביי איר זייט אין דער אביסל שווייסיקער ווארעמ־קייט פון די פערינעס, און נעמט איר, סטערען, ארום — נאך סאמע אין אט דער נאכט האט סטערע דערפילט קלאר :

ניט אט דאס פעקל, און ניט מערערע אנדערע פעקלעך, וועלן זיין אין שטאנד אפצוואווישן אין איר יענעם פארדרוס און אט יענע באליידיקונג, וואס זי האט אנגעהויבן שפירן צו איר מאן שוין באלד נאך זיין אפפארן קיין אמעריקע . . . פארקערט נאך : דורך די אלע יארן זיינען אט די געפילן אירע בלויז שטייפער און גע־

דיכטער געוואָרן — זיי האָבן ארומגערינגלט איר האַרץ און אָפּגע־שיידט עס פון בונעמען מיט אַ שייד פון אַ פרעמדן, דורכאויס אַן אנדערשדיקן מענטשלעכן גורל.

ז.

ס'איז געווען אַ ווינטער־טאָג. דעם פּעקל האָט מען זיי אַהיים ניט געבראַכט. נאָך אַן אַמעריקאַנער פּעקל האָט מען גערדאַרפט פאָרן אַליין צום סקלאַד, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער באַן.

פאַר אָט דער צייט, אינם לעצטן יאָר פאַרן וועלט־קריג, האָט מען אויסגעלייגט אין דער געגנט אַ באַן־ליניע, וועלכע איז פאַר־בייגעגאַנגען גאָר נאָענט צו דער שטאָט. דער וואָקזאַל האָט זיך שוין איצט געפונען ניט אין דעם שטעטעלע וואָס אויף יענער זייט טייך, נאָר אין שטאָט גופא. פונדעסטוועגן איז פון סטערעס הויז ביז צו דער סטאַנציע געווען אַ מהלך פון אַ וואָסערע דריי־פיר וויאָרסט. דער נייער וואָקזאַל האָט זיך געפונען כמעט אויף דעם צווייטן עק ט ע־ל ע פ ע נ י.

סטערע און טאַמאַרע האָבן ביידע, סאַמע אין פרימאָרגן, גע־לאָזט זיך גיין מיט אַ שליטל צו דער סטאַנציע.

אָנגעקומען אַהין זיינען זיי נאָך פאַר מיטאָג. אָבער צוריק האָבן זיי זיך געשלעפּט זייער לאַנג און פּאַוואָליע. דער טאָג איז געווען אַ פראָסטיק־רויביקער, אַ ברודנער און אַ האַלב־טונקעלער. ס'איז אייגנטלעך גאָר קיין טאָג ניט געווען, נייערט איין לאַנגער בין־השמשות, וואָס האָט זיך געצויגן נאָכאַנאַנד, צווישן פרימאָרגן און אָוונט.

סטערע און טאַמאַרע האָבן זיך שטאַרק אָנגעפּעלצט, האָבן ארויפגעשלעפּט אויף זיך כמעט אַלע שמאַטעס, לייבלעך און אַלטע פּידזשאַקעס וואָס האָבן זיך נאָר אָנגעקליבן אין שטוב און אין טשו־לאַן אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן.

זיי זיינען ביידע געווען עטלעכע מאָל ארומגעגאַרטלט ארום־און־ארום מיט לאַנגע שטריק. די זעלביקע שטריק זיינען אויך געווען ארומגעוויקלט ארום האַלז און אַקסלען. איינגעשפּאַנטע און איינ־געבויגענע, זיינען זיי ביידע געטראָטן איבערן האַרטן שניי, מיט קעפּ אויסגעשטרעקט פאָראויס — און האָבן געשלעפּט, געשלעפּט.

דאָס הילצערנע קעסטל אויפֿן שליטן איז געווען זייער אַ היפּשס און אַ שווערס — אָ, אינעווייניק האָט זיך דאָרט אודאי געפֿונען פֿון כל־טוב... אפשר אויף אַ גאַנצע פּאָר חדשים צום לעבן. די גאַנצע צייט וואָס סטערע האָט געשלעפּט דאָס שליטעלע — פּאַמעלעך, טראָט־ביי־טראָט — האָט זי ניט אויפֿגעהערט צו פֿילן, אַז דאָס שלעפּט זי עפּעס פֿרעמדס... ס'איז געווען ווי אויפֿן שליטל וואָלט זיך געפֿונען אַ טויטער זאַק. אַ פּגרל, וואָס מען האָט געמוזט אַוועקשלעפּן ערגעץ און פֿאַרשטעקן, מיט וועלכן מען האָט זיך געמוזט שעמען.

ניט אַזוי האָבן אָבער געדענקט די באַקאַנטע סטערעס.

ווען זיי זיינען מיטן שליטל דורכגעפֿאָרן אין טעלעפֿעני פֿאַרביי דעם איינגעפֿאַלענעם הייזל, וואו עס האָבן געוואוינט די בערקווזשעס — אַ זעמליאַנקע מיט אַ צעקרימטן דאַך, וואָס איז געווען פֿון גאַנצע דריי זייטן אַריינגעשפּאַרט אין דעם רוקן פֿון הויכן בערגיקן ברעגטייך — האָט איר דאָרטן, אַפֿנים, שוין פֿון אַ לענגערער צייט, אָפּגעוואַרט די בערקווזשיכע — האָט אָפּגעוואָרט מיט דער גרויסער גוליע אויפֿן שטערן און מיטן מויל אויף שרויפֿן.

ווען זי האָט דערזען די פּראָצעסיע פֿון די פֿיר — סטערע, טאַמאַרע, שליטל און פּעקל — האָט זי גלייך אָנגעהויבן ווישן און רייבן אירע געשוואָלענע הענט אָנעם פֿאַרטוך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געקליבן מאַכן אַ ברכה „שחלק מכבודו" איבער אָט דער גרויסער באַגעגעניש — איבער דער קיניגלעכער מתנה פֿונעם ווייטן לאַנד אַמעריקע, וואָס איז איצט פֿאַרביייגעפֿירט געוואָרן פֿאַר אירע אייגענע אויגן אין אַ מלכותדיקן רייטוואָגן, — איבער דעם הילצערנעם קעסטל מיט די שוואַרצע אויפֿשריפֿטן, וואָס מוטער־און־טאָכטער האָבן געשלעפּט אין דעם סקריפּענדיקן הילצערנעם שליטל.

— זעסטו שוין... אַז מען לעבט דערלעבט מען זיך... — האָט די בערקווזשיכע זיך געגבן אַ פֿיר איבער דער נאָז מיט איר גלאַנצנדיקער און געשוואָלענער האַנט, בלוי ווי אַ מילץ. — ביסטו דאָך טאַקע פֿאַרט אויפֿגעריכט געוואָרן, סטערעניו... געדענקסט, וואָס איך האָב נאָך דיר דעמאָלט געזאָגט? נאָר אין אַמעריקע... יעדער מענטש דאַרף אַוועקפֿאָרן אַהין, ווער עס קען נאָר!...

סטערע האָט איר אויף אָט די פֿריידיקע און באַגייסטערטע

רייד גאָרניט געענטפערט, נאָר בלויז אומטיק אַ שמייכל געטאָן. די בערקוזשיכע האָט זיך דעמאָלט נאָך מער פאַנאַנדערגעהיצט:

— נאַרעלע איינע... דו ווייסט גאָרניט סאַראַ גליקלעכע דו ביסט... אַ מאַן אין אַמעריקע! הלוואי וואָלט מיין אייגעלער אומגליק אויך געווען אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע דעמאָלט, ווען עס איז נאָך געווען צייט, און זיך ניט פּלאָנטערן מיר דאָ אונטער די פיס תמיד...

צוליבן פראָסט אין דרויסן האָט זי אַלע ווײַלע איבערגעביטן די געשוואָלענע פיס אירע, ווי די גרויסע בולאָוועס, פאַרשטעקט אין צעפּאָרענע וואַלינקעס. איר פּנים — אַ צעפּוילטער, ווייכער עפּל, וואָס פאַלט זיך פאַנאַנדער ביים ערשטן ריר.

באַלד האָט זי אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. אַט־אַט וויינט זי זיך שיר ניט פאַנאַנדער... וויינט זיך פאַנאַנדער פון פרייד איבער דעם גרויסן גליק וואָס עס האָט אַזוי אומגעריכט גע־טראָפן סטערען, וויינט זיך פאַנאַנדער פון דעם וואָס אַזעלכע גליקן זיינען נאָך גאָר בכלל מעגלעך אויף דער וועלט אין אַזאַ צייט ווי די איצטיקע... כאָטש עס קען דאָך אויך זיין, אַז אירע אויגן זיינען געווען פאַרטרערט בלויז מחמת דעם גרימיקן פראָסט אין דרויסן.

לעבן איר איז אויך געשטאַנען דער בלינדער האַרוואַטשיק. פאַר אַט דער צייט איז ער, דוכט זיך, נאָך העכער און שוויינגנדיקער געוואָרן. ער איז געשטאַנען אין אַ פאַלטאָ, אין אַ הויכער באַראַש־קענער קוטשמע פון אַ געלבלעכן קאָליר, אין אַ רויט־ברוינער וואַ־טאָווקע און פּליודערן פון גראָבן ווייסן לייוונט. ער איז געשטאַנען לעבן דער בערקוזשיכע שטיל־אויסגעצויגן, ווי אַ גע־פאַרבטער סלופּ.

— האַ, זעסט כאָטש, האַרוואַטשיק... — האָט די בערקו־זשיכע אים געשלעפּט פאַר אַ האַנט אין גרויס באַגייסטערונג. — זעסט כאָטש סאַראַ אוצר מיט גוטע זאַכן זיי פירן עס מיט זיך? וואָס דען... שפּילסט זיך עפּעס מיט אַמעריקע...

— יאָ, איך זע... — האָט האַרוואַטשיק געקוקט פאַר זיך מיט זיינע אָפן־בלינדע אויגן אונטער די גרויסע בעלמעס, געקוקט ערגעץ אין דער כמורנער לופט פונם ברודנעם ווינטער־טאָג. ער איז גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך און האָט בשום אופן ניט דערלאָזט, אַז זיין

אָרעם, וועלכן די בערקווזשיבע האָט געהאַלטן אין איין צופּן און שלעפּן, זאָל זיך אָפּטיילן פון אים, — פונקט ווי ער וואָלט געוועז צוגעפּראָרן צו זיין לייב.

— איך זע... — האָט ער ענדלעך א באַוועג געטאָן זיינע לאַנגע ברעמען, און באַלד מיט א גליקלעכן שמייכל אָנגעהויבן צו קניטשן דעם פּנים זיינעם. — איך זע... פאַרוואָס זאָל איך ניט זען? אי־אי־אי... ס'איז דאָך טאַקע אַן אוצר... אַן אמתער אוצר...

ז.

ווען סטערע און טאַמאַרע האָבן ענדלעך געבראַכט צו שלעפּן אַהיים דעם אוצר פון אַמעריקע, איז שוין דער לאַנגער בין־השמשות־טאָג געהאַט אויסגעגאַנגען. עס איז ענדלעך געוואָרן נאַכט, אמתע נאַכט.

מען האָט דאָס מאָל פרי פאַרמאַכט די לאָדנס און פאַררוקט די פרענטעס נאָך פאַרזיכטיקער און פינקטלעכער, ווי תמיד. ביידע האָבן זיך גלייך גענומען, מיט העמערל און העקל, אויפצועפענען דעם היפּשן הילצערנעם קעסטל.

אין משך פון היפּשע עטלעכע מינוט האָבן מוטער־און־טאָכטער נאָכאַנאַנד געצויגן פונם קעסטל איין פּאַפּיר־פּעקל נאָכן צווייטן, איין בלעכענע פּושקעלע נאָך דער אַנדערער, איין שקאַרמיץ נאָכן צווייטן...

פון וועמען דער דאָזיקער אוצר זאָל ניט האָבן געוועזן און אַן וועמען ער זאָל ניט האָבן דערמאָנט סטערען — עס איז געוועזן קלאָר: מיט אַזאַ מין זאַפּאַס האָט מען זיך געקענט פילן באַזאָרגט מיט עסן אויף א לאַנגע, לאַנגע צייט. מען האָט דעם אוצר בלויז געדאַרפט וואָס גיכער באַהאַלטן ערגעץ, פאַרשטעקן.

נאָר ווען טאַמאַרע, אומגעדולדיקער פאַר דער מאַמען, האָט באַלד אָנגעהויבן פאַנאַנדערעפענען די שאַכטלעך און די שקאַרמיצלעך, אַרומגעבונדענע מיט שייניגקע בלויע פעדימלעך און שטריקעלעך, און האָט זיי אויסגעלייגט איינע לעבן די אַנדערע אויפן טיש, — איז זי געבליבן שטיין מיט א האַלב־אָפענעם מויל, א גאַפּנדיקע...

און אַז זי האָט מיט אַ האַלב־פּאַרוואונדערטן, האַלב־פריידיקן בליק אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען און אָנגעהויבן פון גרויס שמחה פּאַטשן אַזש אין די הענט, האָט יענע איר שווייגנדיק אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל, ווי מען שמייכלט, אַשטייגער, אויף אַ קינדס נאַרי־שער שפּילעוודיקייט.

אין אָט די אַלע זעקעלעך און שקאַרמיצלעך און פּושקעלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש, האָבן זיך געפונען אַלץ אַזעלכע טייערע זאַכן . . . צוקער און קאַקאַאָ, טיי און שאָקאָלאַד, שמעקעדיקע קאַווע־פּאַסאָליעס און אַלערליי פּראָשקעס אויף צוגרייטן פּודינגס... ווער דאַרף עס, ווער?

נו, מילא.

אין פאַרלויף פון דער וואָך געלינגט סטערען ביסלעכווייז אויסצובייטן ביי עטלעכע נגידישע באַלעבאַסטעס — ביי די ראַבי־קאָוויטשעס פון איינפאַר־הויז, ביי גערטשיקן פון דער פּאַראָווער מיל, ביי די מאָסטאָווליאַנסקיס — דעם דאָזיקן אַמעריקאַנישן אוצר:

דעם קאַקאַאָ און שאָקאָלאַד—ביי דער מאַדאַם גערטשיק—אויף אַ קליין זעקעלע מעל, וועלכן סטערע האָט צעמישט מיט קלייען. פון קליינעם זעקל איז דעמאָלט געוואָרן אַ גרויסער . . .

דעם טיי־און־צוקער האָט זי אויסגעטוישט ביי די מאָסטאָוו־ליאַנסקיס אויף אַ גרויסן זאַק קאַרטאָפליעס, וועלכע מען פלעגט איצט עסן דריי מאָל אין טאָג. די שאָלעכץ זייערע פלעגט מען טריקענען, דערנאָך צערייבן און שפּעטער פאַרבריען דערפון אַ מין קאַווע.

דאָס שאַכטעלע שמעקעדיקע קאַווע־פּאַסאָליעס האָט זי אויסגע־ביטן ביי די ראַביקאָוויטשעס אויף אַ זעקל זאַלץ, דיקן ווי פּאַרפּל. און פאַר די אומצייליקע פּודינג־פּראָשקעס פון וואַנילאַ און טאַפּיאָקאַ, און קאָקאָנוס, און שאָקאָלאַד איז איר געלונגען צו קריגן ביי פּאָ־וויצקין, דעם רייכן דייטש־אידישן ביר־ברויער, אַ ריזיקע בוטל מיט נאַפט.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכן ערשטן פּעקל איז אָנגעקומען אַ צווייטער. און אַביסל שפּעטער — אַ דריטער פּעקל. אין אָט די לעצטע פּעקלעך איז שוין געווען מער גרויפּן, מער רייז, מעל און חזיר־פעטס. די קעסטעלעך מיט די טייערע פּראָדוקטן פלעגט סטערע באַהאַלטן אין דער ווייטער קילער פינצטערניש פונם לעדניק, אויפן

צווייטן הויף. און פון די טיפע באהעלטענישן פונם דאָזיקן לעדניק, ווי פון די פינצטערנישן פון א גאָלד־מינע, פלעגט זי פון צייט צו צייט ארויסקריגן עפּעס אן „איידעלע" זאַך, א לוקסוס־ארטיקל — און פארקויפן אָדער אויסבייטן עס ביי רייכע שטאָטישע באַלעבאָסטעס אויף אַזוינס, וואָס מען האָט געדארפט האָבן צום נויטיקסטן אויף אויפצוהאַלטן זיך און טאַמאַרען ביים לעבן.

זיבעטער קאַפּיטל

בלוט

א.

... און באַלד קומט ווידער אָן אַ צייט, ווען די שטאָט ווערט אָפּגעריסן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, און ווערט אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט לויערנדיקע און אַרומנישטערנדיקע חילות.

ניט מען קריגט שוין דעמאָלט פּעקלעך פון אַמעריקע און ניט עס ליגט אַפילו דעמאָלט אימיצן אין קאָפּ צו טראַכטן וועגן זיי: אַלע אברים און אַלע חושים ביי מענטשן זיינען אָנגעשטרענגט און שטייף אָנגעצילט בלויז אויף איין־און־איינציקער זאַך — אויף אויס־צומיידן אַריינצופאַלן אין די פרעסעריש־הונגעריקע אָרעמס פון דעם גוואַלט־טויט, וואָס שטאַלפּערט און שפּרייזט שוין ווידער אַרום־און־אַרום דער שטאָט.

אין דער גאַנצער פּאַלעסיש־וויסרוסישער געגנט, וואָס אַרום דער שטאָט, ווערן כמאַרעס ווידער געדיכט — און אין דער כמאַרנער און כמורנער לופט וואָס איבער דער שטאָט הענגט שוין זייט אייניקע טעג און דראָעט אָט־אָט אַרונטערצופאַלן אַ רעגן — אַ בלוטיקער רעגן, אַ רעגן פון בלוט.

און עס קומט אַזוי איינמאָל אָן אַ ליכטיקער, אָן אויסגעוואַשן־בלויער, אַ זומערדיקער פרימאָרגן.

ער שיינט אָבער אויף, דער דאָזיקער ליכטיקער פרימאָרגן, אויף דער וועלט דוקא מיט אַ דונערן — מיט אַ טויבן דונערן פון האַר־מאַטן פון ווייט אויף יענער זייט טייך, פון די זאַמדיקע יאַדלע־וועלדלעך וואָס אַרום דעם אידישן כוטאָר שיטניע; און מיט אַ

דראַבנערעם קלאַפּן און אייליקן, שטעפּן פון קוילנוואָרפעס אַביסל נענטער, פון די וואַסערדיקע לאַנקעס וואָס ליגן גלייך אויף יענער זייט טייך.

דורכן גאַנצן לאַנגן זומערדיקן טאָג ליגט דעמאָלט די שטאָט ביים פּריפּיעט־טייך אַ הייסע, אַ פּוסטע, ווי אַן אָפּגעבריענטע שטאָט... נאָר ווייל די איינציקע, מיט אייזערנע שטאַכעטן פאַרצוימטע פלוימען־בוימלעך ביי די זוימען פון די גאַסן זיינען איצט אין פולער בליאונג, פּונקט ווי עס זיינען איצט אין פולער בליאונג די וועלדער, סעדער און פעלדער וואָס ארום דער שטאָט; ווייל אין אָט דער „אָפּגעברענ־טער שטאָט" זיינען אַלע הייזער דווקא גאַנץ, נאָר בלויז טויערן, טיר־און־לאָדן אין זיי און אין די קלייטן זיינען פעסט פאַרקלאַפּט און פאַרריגלט, — קוקט די שטאָט דערפאַר אויס נאָך פּוסטער אַסך ווי אַן אָפּגעברענטע שטאָט, — זי קוקט אויס ווי אַ שטאָט, וואָס איז פּלוצלונג אויף אייביק פאַרלאָזן געוואָרן פון אַלע אירע איינוואוינער...

דאָס דונערן פון די ווייטע האַרמאַטן דויערט אַזוי אַ גאַנצן טאָג. פון דער שטאָט ענטפערט צוריק דאָס האַווקען פון די ווייטע שונאַ־שע האַרמאַטן בלויז איין באַלשעוויסטישע באַטאַריי אויף אַ הינ־טערשטן באַרג, וועלכע דעקט איצט צו דאָס צוריקציען זיך פון שטאָט פונם קליינעם היגן באַלשעוויסטישן גאַרניזאָן.

אין דער בלענדנדיקער זומער־באַטאָגיקער ליכטיקייט איבער דער שטאָט, וואָס ציטערט איצט סיי פון דער אייגענער מיטן־זומער־דיקער היץ און סיי פונם דונער פון די ווייטע האַרמאַטן, צינדן זיך ענדלעך אָן אַ פּאָר בנינים.

עס פלאַקערט אויף העל, ווי אַ ריזיקער שייטער, פּ י ק ע ס הויז אויפן ספּאַסקע־באַרג, וואָס אויף יענער זייט פונם קאַוואַלויקער טראַקט: דאָס מאָל שפּריצט שוין מיט פייער ניט נאָר די גרויסע באַזילבערטע קויל וואָס איז אַרויפגעזעצט דאָרט אויף אַ מעשענעם שטאַנג אין סאַמע מיטן דאַך, — עס קנאַקן און פלאַקערן דאָרט קראַקוועס אין די ווענט, עס טרעשטשען מיט זייערע טרוקענע צווייגן עטלעכע צעקנאָדערטע עפּל־בוימער, וואָס וואַקסן דאָרט פאַרן הויז אינם קליינעם סאַד אויפן שפּיץ באַרג. עס כאַפּן זיך אָן שטרויענע דעכער פון אַ פּאָר פּויערשע הייזער אין אַ פאָרשטאָט. נאָר קיינער לעשט ניט די שרפות. זיי ברענען מאָדנע אַזוי העל אין דער ביי־טאָגיקער ליכטיקייט — מען פּ י ל ט מער די פייערן אײדער מען

זעט זיי — און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די פוסטקייט וואָס הערשט איבער דער שטאָט. — — —

ב.

די לעצטע באָלשעוויסטישע באַטאַריי־ראָטע איז אָפּגעטראָטן מיטן שאָסיי, וואָס פירט קיין אוקראַינע. און נאָך איר האָבן שנעל אוועקגעדונערט איבערן זעלביקן שאָסיי זייערע עטלעכע געציילטע האַרמאַטן.

דאָס דונערן פון דעם שונאס ווייטע האַרמאַטן האָט זיך דעמאָלט באַלד אויך אָפּגעשטעלט, און אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל, גאָר אומגעוויינטלעך שטיל.

די פּאַרטאַיעטע מענטשן אין די פאַררינגלטע הײַזער און אין די פאַרהאַקטע קעלערס, דערהערן דעמאָלט: אין דרויסן קרייען זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער הענער — אַסך הענער, אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט — פּונקט ווי גאַרניט וואָלט געשען... זיי קרייען זיך פאַנאַנדער לאַנג אַזוי און אויסגעצויגן און נאָגנדיק, ווי עס קרייען תמיד הענער אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג.

און באַלד דערהערט מען אויך: עס טרעטן אַריין אין שטאָט די ערשטע טיילן פון די נייע פּיינטלעכע חילות; אויפן ברוק הויבן אָן שנעל צו קלאַפּן פערדישע קאָפּיטעס פון ערשטע קאַוואַלעריע־פּאַטרולן. די מענטשן אין זייערע פאַרבאַרגענישן און באַהעלטענישן הויבן זיך אָן צו וואונדערן ווער זיינען עס ד אָ ס מאָל די אָנקומענדיקע חילות, ווער איז עס דער נייער שונא.

ניט קיין דייטשן און ניט קיין פּאָליאַקן — צווישן פּוילן און רוסלאַנד, פּונקט ווי צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, איז דאָך שוין דעמאָלט געווען „שלום" — און קיין באָלשעוויקעס אויך ניט. איז ווער־זשע פאָרט?

מען שטעקט פאָרזיכטיק אַרויס קעפּ, נעזער, פון טירן וועלכע מען עפנט אויף אַ קליין שפּעלטעלע. מען קוקט אַרויס דורך די שפּאַרונעס פון לאָדנס. אָבער אין אותו־רגע טראָגט זיך ווידער אַריבער איבער דער שטאָט אַ שיסעריי — אַ נענטערס ווי פריער: אַ שיסעריי פון קוילנוואַרפערס. כמעט אַלע שטאָטישע איינוואוינער זיינען שוין איצט גרויסע מומחהס אין אַלערליי געווערן; יעדער

איינער דערקענט אַט די נאָכאַנאַנדיקע שנעלע קליפּ־קלאַפּעריי, ווי דאָס שנעלע שטעפּן פון אַ ריזיקער בלוטיקער ניי־מאַשין.

אַט די שיסעריי איז שוין זיכער אַן אומגוויטיקע: אין שטאָט איז דאָך שוין איצט קיין שפּור פון דער אָפּטרעטנדיקער באָלשעוויס־טישער אַרמיי ניט פאַרבליבן. נאָר אַפּנים אַז מער פון אַלץ איז די שיסעריי נויטיק איצט געווען אויף אָפּצושרעקן און וואָרענען אַליין די שטאָטישע איינוואוינער... און אַלע האָבן טאַקע גלייך צוריק אוועקגעכאַפּט פון שפּאַלטן און שפּאַרונעס די הייסע קעפּ, די קאַלטע נעזער, די פיבערנדיקע אויגן.

ערשט מיטן אָנקומען פונם אָוונט פאַרענדיקט זיך אינגאַנצן דאָס אַריינטרעטן פון די נייע חילות.

צוערשט רייטן אַריין טשעטשענצעס אין ריזיקע שוואַרצע האָרי־קע קוטשמעס, אין ברייטע שוואַרצע האָריקע פּעלערינעס, וועלכע פאַרהוילן ניט נאָר זיי אַליין אינגאַנצן, נאָר פאַרדעקן אויך אַ העלפט פון די פערד. די דאָזיקע ווילדע רייטער גיבן זיך וויכערדיק אַ יאָג איבער דער שטאָט אַרום־און־אַרום דעם מאַרק, ווי זיי וואָלטן גע־וואָלט אויסטאַנצן אַ קאַראַהאָד אַזאַ, אַ קאַראַהאָד פון טויט.

— מאַמע, זע נאָר, סאַראַ שוואַרצע רוחות... — האָט טאַמאַרע, וועלכע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט צוגעקלעפּט צו אַ שויב, זיך אָפּגערופן. — קום נאָר אַהער, מאַמעלע, גיב נאָר אַ קוק...

ווירקלעך:

אַזעלכע מאָדנע באַשעפענישן האָבן זיי נאָך ביידע קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. ניין, זיי האָבן זיכער ניט אויסגעזען ווי קיין מענטשן — זיי זיינען געווען ווי צונויפגעוואַקסן מיט די קליינע פלינקע פערד־לעך זייערע — אויסטערלישע ברואים, האַלב־מענטש, האַלב־פערד.

— יאָ... — האָט סטערע באַשטעטיקט מיט שרעק. — זיי זעען טאַקע אויס ווי רוחות... דאָס מוזן אודאי זיין מענטשן, וועלכע וואוינען אָפּ זייער גאַנץ לעבן אין מדבריות.

ג.

געדיכטע נאַכט איז באַלד צוגעפאַלן, און מען האָט שוין גאָרניט מער געקענט זען פון די שפּאַרונעס אין די טירן און אין די פאַר־האַקטע לאָדנס.

קיין לאָמפּ און קיין ליכט האָט קיינער זיך ניט אָדוואַזשעט אָנ־צוצינדן. נאָר שלאָפן האָט זיך אויך אצינד קיינער ניט געלייגט. מיט פּאַרטאַיעטן אָטעם, איז מען געזעסן אין דער פינצטערניש פון די שטיבער, און זיך צוגעהערט, געוואַרט אויף דעם וואָס עס וועט איצט געשען. אַז עפּעס וועט באַלד זיכער געשען, האָבן די אַלע מענטשן אין די באַהעלטענישן זייערע געפילט מיט יעדן חוש, מיט יעדן אבר: אין שטאָט איז ווידער פּלוצלונג געוואָרן שטיל, זייער שטיל. — — —

און מיטאַמאָל האָבן זיך טאַקע איבער די גאַסן אָנגעהויבן צו פאַנאַנדערטראָגן געשרייען, ווילדע געשרייען.

זיי האָבן דורכגעשטאָכן דאָס געוועב פון דער לינדער, סאַ־מעטן־זומערדיקער נאַכט. אָט אין דעם, אָט אין יענעם טייל שטאָט. אויף עטלעכע מינוט פלעגט ווערן שטיל — און ווידער פלעגט עס א יאָג טאָן און א דריי טאָן, ווי א צעיושעטער פייער. ווילדע קולות און יאָמערלעכע געשרייען האָבן אין משך פון עטלעכע שעה נאָכ־אַנאַנד מיט שאַרפן גרויל געשטאָכן אויסגעבאַהאַלטענע, לעבנס־דור־שטיקע מענטשלעכע לייבער, שאַרפער נאָך ווי די שאַרפסטע מעסערס.

די אַריינגעקומענע חילות האָט מען געגעבן צוויי שעה אויף צו ראַבעווען. די ערשטע צוויי שעה נאָך זייער אַריינקומען אין שטאָט. נאָר דאָס ראַבעווען האָט זיך פאַרצויגן אויף א היפּש ביסל לענגער — די הנאה פון דער מצוה איז געווען זייער א גרויסע, ס'האָט זיך געוואָלט זי מקיים זיין מיט אַלע תנאָים, מיט אַלע פּישטשעווקעס: מען האָט געראַבעוועט און געקוילעט צוויי שעה מיט א היפּשן עודף... סיי אָט יענע רוחות אויף שוואַרצע פערד, וואָס סטערע און טאַמאַרע האָבן געזען אַרייניאָגנדיק אין שטאָט אינם פאַרנאַכט; און סיי אַנדערע רוחות — אין אַלערליי זעלנערישע מונדירן, מיט און אָן האָריקע פּאַפּאַכעס — האָבן געבושעוועט און געיאָגט דורך דער נאַכט איבער דער שטאָט.

מיט ליכט אין די הענט — די לבנה איז נאָך ניט געהאַט אויפגע־גאַנגען און קיין שטערן אויפן הימל זיינען אויך ניט געווען — מיט ליכט אין די הענט, מיט לאַמטערנעס האָבן סאָלדאַטן און קאָזאַקן געלאָזט זיך שפּרינגען און טאַנצן איבער די דעכער פון די נידעריקע הייזער, פון איין הויף אינם צווייטן אַריין — וואו איינעם האָט זיך

נאָר געדוכט, אַז ס'לוינט זיך, און וואו איינעמס נאָזלעכער האָבן נאָר דערשמעקט דעם זיסן טעם פון בלוטיקן רויב.

מיט ליכט אין די הענט, מיט לאַמטערנעס איז מען געשפּרונגען איבער שכנותדיקע שטיבער, איבער שטאַלן, איבער שפּייכלערס... געשפּרונגען פון איין הויף אינם צווייטן אריין, גענישטערט אין קעלערס און אין לעדניקעס, אין שפּייכלערס און אין שפּיזאַרניעס. פון צייט צו צייט האָט אַ קנאַל געטאָן אין דער נאַכט אַ רעוואָלווער, ווי אַ געלאַזטער פייערווערק אויף אַ גרויסער שמחה.

קולות פון צעהאַקטע און פאַרוואונדעטע מענטשן האָבן דורכגעשפּיזט די לופט ווי שטעכעדיקע ראַקעטן. דערשראָקענע קולות פון מענטשן, וועלכע האָבן יעדע רגע דערוואַרט דעם טויט, האָבן זיך צונויפגעמישט מיט אַ רעווען פון בהמות, וועלכע מען האָט אַרויסגעפירט פון שטאַלן, געשלעפּט אויפן מאַרק, מיט שווערדן זיי דאָרט אַרונטערגעהאַקט די קעפּ, צעשניטן דערנאָך זייערע פאַרענדיקע לייבער מיט די קורצע און ברייטע קאָזאַקישע מעסערס וואָס אין די לעדערנע שיידלען.

אויפן מאַרק האָט מען אין דער נאַכט פאַנאַנדערגעלייגט גרויסע פייערן, און מען האָט אויף שפּיזן און שפּיצן פון שווערדן געבראָטן גרויסע חלקים פלייש, פון וועלכע דאָס בלוט האָט נאָך גערונען און אַרונטערגעסיקעט גלייך אין פייער אריין. — — —

ד.

סטערע און טאַמאַרע זיינען ביידע די גאַנצע צייט געלעגן אין קיך, אַפּן האַלב־נאַסן טאַפּטשאַן. ס'האָט זיך זיי אויסגעדוכט: אין קיך, וואָס גייט אַרום אויפן הויף, איז זיכערער ווי אין עס־שטוב, וואָס גייט אַרויס גלייך צו דער גאַס... זיי האָבן געטאָן דאָס זעלביקע וואָס אַנדערע, — אין ז י י ע ר פאַרבאָרגעניש זיך צוגעהערט מיט פאַרטאַיעטן אָטעם צו די געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די שכנישע הויפן. זיי האָבן מיט פאַרזונקענעם האַרץ געוואַרט אַז אָט־אָט, — מען קלאַפּט די צווייטע מינוט שוין אָן צו זיי אויך.

ס'איז אָבער געווען ווי אין דרויסן וואָלט אַ פּלוצלונדיקער ווינט אַ בלאָז געטאָן פון אַן אומגעריכטער זייט און אַ יאָג געטאָן דעם

בושעווענדיקן פייער אין א פארקערטער ריכטונג. דער גרויזאמער נאכט־געפילדער האט זיך ביסלעכווייז געטראגן פון דאנען אלץ ווייטער, אלץ ווייטער... מען האט אים באלד שוין כמעט ניט געהערט. אפשר האט ער איצט געהוליעט אויף אנדערע גאסן. און אפשר האט ער זיך שוין אינגאנצן אפגעשטעלט. אלנפאלס: דא, אויף דער גאס וואו עס האט געוואוינט סטערע, איז איצט געווארן אינגאנצן שטיל.

צו זיי אין שטוב האט קיינער קיין איינציקן מאל ניט אנגעקלאפט.

איינגיכן האט אפילו טאמארע ווידער דערהערט: עס הילכן ערגעץ ווייט אויפן מארק גרויסע שטיינער, וואס ווערן געשליידערט מיט ווילדן כוח קעגן פארריגלטע טירן פון קלייטן און געוועלבער. מען פרואווט זיי מסתמא אויף אזא אופן דארט צו עפענען. ענדלעך אבער איז שוין אינגאנצן שטיל געווארן, ארום־און־ארום.

אבער ערשט איצט, דוקא איצט, באוועלטיקט סטערען און טאמארען א גרויסער פחד.

ס'איז געווען פונקט ווי פריער, ווען פון גאס האבן זיך נאך געהערט די מוראדיקע הארצרייסנדיקע קולות, איז דאך געווען היימישער... פריער האבן מוטער־און־טאכטער פון צייט צו צייט זיך דורכגעווארפן מיט א שטילןווארט. זיי האבן געפרואווט אין־דערשטיל צו טרעפן ביי וועמען מען ראבירט עס אצינד. אבער איצט זיינען זיי שוין ביידע אינגאנצן אנטשוויגן געווארן.

זיי האבן זיך אנגעשטרענגט ניט צו געבן זיך קיין מינדסטן ריר. זיי האבן זיך איינגעהערט מיט קלאפנדיקע הערצער אין יעדן מינדסטן שארך און קראצן, אין שטילסטן בלאזן פון א ווינטל וואס האט זיך דערטראגן צו זייערע אויערן. ס'האט זיך זיי אויסגעדוכט: ערשט איצט, אין דער איינגעשטילטער נאכט אין דרויסן, גנבענען זיך טריט, — דאס גאנבעט מען זיך ענדלעך צו זיי...

ביידע הערצער האבן געקלאפט שנעל, שנעל. זיי האבן מורא געהאט ארויסצולאזן אפילו א פארע פון מויל, פונקט ווי אויף יענער זייט טיר וואלטן שוין זיכער געשטאנען די באנדיטן און זיך איינגעהערט צו דעם וואס ס'קומט פאר אינעווייניק, אין קיך.

און מיטאמאל האבן ביידנס הערצער זיך אפגעשטעלט.

עס האָט זיך דייטלעך דערהערט: אימיצער קלאַפּט טאַקע אָן אין קיך־טיר.

מען קלאַפּט אָבער אָן שטיל און פּאָרזיכטיק, אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט אויף פריער אויספּרובירן... טאַמאַרע האָט אָנגעכאַפּט די מוטער פאַר א האַנט, האָט זי א קוועטש געטאָן ביז ווייטיק. זי האָט, דוכט זיך, געפרעגט ביי דער מאַמען וואָס מען דאַרף טאָן; אָבער אינדערהאמתן איז ניט נאָר קיין קול — קיין פאַרע אפילו איז איצט ניט אַרויס פון איר מויל.

הינטערן טיר איז ווידער געוואָרן שטיל. סטערע האָט די טאָכ־טער אירע נאָך שטייפער אַרומגענומען.

אָבער אין א פּאָר מינוטן אַרום האָט זיך ווידער דערהערט דאָס זעלביקע שטילע קלאַפּן און קראַצן. מען וויל זיי, הייסט עס, צוערשט גוט אָנשרעקן... ניין, אַזוי טויג ניט; ס'איז אודאי גלייכער אַז מען זאָל אַליין עפענען די טיר, ניט אַריינברענגען זיי דאָרטן אין כעס. אַז מען וועט זיי זיך אַנטקעגנשטעלן, וועלן זיי דאָך זיכער באַלד אויפברעכן די טיר מיט כוח און אַריינקומען אַהער שוין מיט א פאַרטיקער רציחה.

— זאָראַז...[1]) — האָט סטערע זיך אָפּגערופן אויף גויאיש.

— זאָראַז... זאָראַז... — האָט זי אין איילעניש אַלץ איבערגע־חזרט איינס און דאָס זעלביקע וואָרט. אפשר דערפאַר, וואָס מער האָט זי, פון איבערגעוועלטיקנדיקן שרעק, אין דער מינוט ניט גע־קענט אַרויסריידן.

מיט א פאַרזונקענעם האַרץ איז סטערע אַראָפּגעקראָכן פון טאַפּ־טשאַן און פּאַמעלעך אָנגענומען די קליאַמקע.

אין דרויסן איז אָבער קיינער ניט געשטאַנען פאַר דער טיר. אין דרויסן איז איצט געווען זייער ליכטיק. א פולע לבנה איז אויפ־געגאַנגען און רויק און קיל געשוועבט איבער א ריינעם הימל. אין דער שטילער, לבנה־ליכט אָנגעזאַפּטער לופט האָבן זיך און האָ־ניקדיק געשמעקט די בלעטער פון אַן איינציקן אַקאַציע־בוים, וואָס איז געוואַקסן קעגנאיבער דעם פאַרקאַן אין קיילעכדיקער פאַרצווימונג פון הילצערנע דרענגלעך. און סטערע דערפילט באַלד ווי צווישן אירע פיס האָט זיך קיל און נאַס דורכגעשאַרט אין שטוב אַריין די וואַרטנדיקע קראַצנדיקע קאַץ — זייער אייגענע ווייסע שטוב־קאַץ.

ה.

אויף מאָרגן ערשט דערוויסט מען זיך אין שטאָט ו ו ע ר אָט די נייע בלוטיקע געסט זיינען.

דאָס זיינען באמת אומגעוויינטלעכע חילות, אזעלכע וואָס ביז אהער איז נאָך די שטאָט מיט זיי קיינמאָל ניט באַגליקט געוואָרן. ניין, עס איז ניט קיין געוויינטלעכע אַרמיי; עס זיינען אָבער אויך ניט קיין באַנדיטן. עס איז עפּעס אַ געמיש אי פון אַן אַרמיי, אי פון באַנדיטן.

די גאַסן זיינען ליכטיק און זון־פאַרפלייצט. עס ווימלט און פּרוכפּערט אויף זיי מיט פוסגייער און מיט רייטער, מיט סאָלדאַטן פון אַלערליי מיליטערישע אוניפאָרמען — אַלט־צאַרישע און פּוילישע, און קאָזאַקישע. דער מאַרק איז איצט איין גרויסער קריגס־לאַגער.

דער טאָג איז אַ זוניקער, אַ גאָלדענער. אין פאַרשיידענע טיילן שטאָט ליגן אין קאַלוזשעס בלוט הרוגים — הרוגים מיט צעוואָרפענע און צעשפּרייטע גלידער, הרוגים צונויפגעקאָרטשעטע אין בלוטיקע קופּקעלעך — הרוגים מיט אָפענע שטשירנדיקע מיילער, מיט פאַר־גלייזטע אויגן, מיט אָרעמס אָפּגעהאַקטע ביז צו די אַקסלען, ווי בוי־מער מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן.

די קאַלוזשעס בלוט טריקענען שוין אין דער זון; און אַרום די הרוגים הויבן זיך אָן צו קלייבן מחנות גרויסע פעטע פליגן, מיט גאָלדענע בייכלעך.

פון דער אידישער באַפעלקערונג זעט מען נאָך דערווייל קיינעם ניט אויף דער גאַס. אַלע געפינען זיך נאָך אין זייערע באַהעלטעניש. אָבער ווי דורך ראַדיאָ־כוואַליעס — צי גאָר ווי דורך די באַזונדערע צייכנס מיט וועלכע עס גיבן זיך איבער נייעס פאַרשפּאַרטע אין אַ תפיסה — האָבן שוין אַלע איצט געוואוסט:

— אין שטאָט זיינען דאָ איצט די באַלאַכאָוועצעס.

שפּעטער אין טאָג הויבט מען אָן פויקן אין גרויסע פויקן, מען רופט די שטאָטישע באַפעלקערונג זי זאָל אַרויס אין די גאַסן: עס איז שוין, הייסט עס, נאָך אַלעמען — מעג מען שוין... איבער די ווענט ווערן פאַנאַנדערגעקלעפּט גרויסע אַפישן, וואָס דאַרפן אַלעמען באַרואיקן.

— קיין פאַגראָמען וועלן שוין מער ניט זיין און ראַבעווען וועט מען שוין ניט מער... דאָס, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן ביז איצט — איז געטאָן געוואָרן קעגן דעם ווילן פון דער מאַכט... אָבער איצט וועט שוין די מאַכט האַלטן די לייצעס פון רו און אָר־דענונג שטרענג אין אירע הענט!

די איינוואוינער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן ארויסצוגיין פון זייערע באַהעלטענישן און זיך אומקערן יעדער איינער צו זיין פרידלעכער באַשעפטיקונג.

נאָך מיטאָג באַווייזן זיך טאַקע אויפן גאַס די ערשטע עטלעכע שטאָטישע איינוואוינער, וועלכע דער הונגער האָט ארויסגעטריבן פון זייערע באַהעלטענישן. עס באַווייזן זיך אויך מיטגלידער פון דער חברה־מתעסקים — מען זוכט אין יעדן הויף, אין יעדער שטוב, צי עס געפינט זיך ניט דאָרטן קיין חלל. חברה־קדישא איילט זיך וואָס גיכער אָפּצוראַמען די דערהרגעטע, באַגראָבן די געפאַלענע „קדושים״ — עס קוקט אויס פונקט ווי אידן וואָלטן מורא געהאַט, מען זאָל די שולד פאַר אָט דעם אַלעמען ניט וואַרפן נאָר אויף זיי אַליין...

און נאָך שפּעטער אַביסל עפענען זיך אויף עטלעכע טירן, לאָדנס, געוועלבער. זיי עפענען זיך אָבער אויף ווי אויף פּראָבע. אַ טיר — אויף דער העלפט בלויז. איין לאָדן — אויפגעפּראַלט; דער צווייטער — צו.

— מען וועט זען... אפשר...

אָבער באַלד האָט מען שוין חרטה אויף דעם. האָט מען אָפּגע־מאָל זיך ניט אַביסל צו־שנעל געלאָזט איבעררעדן?... מיטאַמאָל לאָזן זיך צו די הייזער אין ווילדן געלויף סאָלדאַטן און קאָזאַקן — עס איז שוין צו־שפּעט ווידער פאַרמאַכן די טירן, ווידער פאַרהאַקן די פענצטער, ווידער אַריינקריכן אין די לעכער...

ז.

דאָס מאָל אָבער איז די שרעק פונדעסטוועגן אַן אומזיסטע.

די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזט איצט אין די הייזער אריין ניט ראַבעווען, נאָר גאָר מיט זייער פרידלעכע שליחותן: זיי טראָגן

אַלע אין די הענט טעפּ, און קעסעלעך, און גרויסע טשוהונעס — זיי ווילן, אַז די באַלעבאָסטעס זאָלן זיי העלפן אָפּקאָכן עפּעס אַ געקעכטס, אָפּבראָטן אַ שטיקל פלייש.

די גאַנצע צייט וואָס זייערע עסנס קאָכן זיך אין אויוונס, אויף פּריפּעטשאָקס און אויף פּריש־פאַנאַנדערגעלייגטע פייערן אונטער דרייפוסן, בלייבן זיי אויך זיצן אין די קיכן, אויפן שוועל פון דער אָפּענער טיר צי אויף אַ טאַפּטשאַן: זיי גיבן אַכטונג, אַז מען זאָל ביי זיי דערוויל גאָרניט אַראָפּנעמען פון טאָפּ... אַלע ווילע הייסן זיי זיך דערלאַנגען אַ לעפל פונם געקאָכטן, צום פאַרזוכן. און אַז דאָס געקעכטס געפעלט זיי ניט, וואַרפט מען דעם הייסן קעסל דער באַלעבאָסטע אין קאָפּ אַריין.

איז אויף מאָרגן באַשליסן די שטאָט־איינוואוינער, אַז ס'איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ גלייכער זיך וואָס ווייניקער אַרומדרייען אין דרויסן, ניט געקוקט אויף די באַרואיקנדיקע אַפּישן און אויפרופן. מען פאַרבלייבט שוין בעסער פאַרשטעקט אין די הייזער. כאָטש אין דרויסן זיינען איצט גרויסע היצן, ציטערט מען פונדעסטוועגן אין די שטיבער, ווי פון גרויסער קעלט, בעת מען שטופּט זיך אַרום די פענצטער און מען קלעפּט דערשראָקענע פּנימער צו די שויבן. מען לעקט מיט הונגעריקע אויגן אַלץ וואָס מען קען נאָר איצט זען אין גאַס.

צווישן די ערשטע ציוויל־געקליידעטע מענטשן, וואָס מען באַ־מערקט דורך די שויבן היימיש אַרומשמייענדיק אין גאַס, געפינט זיך ב ע נ ד ע ט , בענדעט פּראַנצויז, בענדעט פונם באַרדאַק.

דער אויסזען פון זיין געשטופּלט, קופּערדיק־אויסגעקאָוועט פּנים האָט זיך פאַר אָט דער צייט ווייניק־וואָס געענדערט, ווי ווייניק עס ענדערט זיין אויסזען אַלטער קופּער. נאָר די האַרטע האָר, וואָס זיינען שטייף און קײַלעכדיק אָפּגעהאַקט אויף זיין רויטן נאַקן — זיי זיינען שוין איצט גראָ ווי חזיר־האָר, און דער נאַקן אַליין זיינער איז שוין איצט אויך טיף געקנייטשט און געקאַרבט.

בענדעטל לויפט איצט אַרום איבער די גאַסן, צעפלאַמט און שטאַרק־אויפגעלייגט, ווי אַ באַלעבאָס אַ מכנים־אורח — צוליב זיינע פילע ליבע געסט. פון די טיפע קעשענעס פון זיינע ברייטע צי־גיינערישע הויזן שלעפּט ער פלעשעלעך מיט שאַרף־שמעקנדיקע פלי־

סיקייטן, סלאָיטשיקלעך מיט קאָלירטע זאַלבן, און טיילט זיי אויס צווישן באַקאַנטע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וועלכע ער טרעפט אָן אויפן וועג. ער שטייט אַ ווײַלע און סודעט זיך מיט זיי...

דערנאָך דערזעט מען דורך די לאָדן־שפּאַלטן ווי איבער דער שטאָט שפּאַצירט האַנט־ביי־האַנט זייער אַ טשיקאַווע פּאָרל: עס שפּאַצירן בערקאָוזשע און ברוך־משה־מרדכים, דער מלמד. דער ערשטער — הויך ווי אַ דראַנג, מיט אַ דאַרן און אויסגעצויגענעם גוף אויף אַ פּאָר לאַנגע דינע פּיס. דער צווייטער — אַ פּיצינקער אידעלע מיט אַ שיטער און שפּיציק צאַפּן־בערדל.

מענטשן דערפילן גלייך עפּעס אומגעוויינטלעכעס ניט נאָר אין אַט דער וואונדערבאַרער קאָמבינאַציע און ניט נאָר אין דעם וואָס גראָד זיי פון אַלע שטאָט־איינוואוינער גייען איצט אום אין שטאָט, — דאָס אומגעוויינטלעכע שטעקט אויך אין זייער גאַנצן איצטיקן הלוך.

בערקאָוזשע טראָגט אויף זיך אַ בלויע פּאַראַדנע קורטקע מיט גרויסע גלאַנצנדיקע מעשענע קנעפּ. אויפן קאָפּ — זיין פייערלעשער־קאַסקע, וואָס שלאָגט אָפּ אין דער זון מיט אַ פאַרבלענדנדיקן בליאַסקען. ברוך־משה־מרדכים איז אויסגעפּוצט אין אַ לאַנגן יום־טובדיקן סורדוט ביז די פּיאַטעס. דאָס מאַכט אים אויסקוקן אַביסעלע העכער ווי ער איז אינדערעמתן. אויף די קליינע פיסעלעך טראָגט ער שבתדיקע שוואַרצע קאַמאַשן אויף הויכע ווייבערשע אָפּצאַסן.

זיי שפּאַנען ביידע זייט ביי זייט, זיי גייען מיט געמאָסטענע טריט; יעדער פון זיי האַלט, איינער ביי יעדן עק, אַ גרויסן שווערן קויש. אין קויש געפינען זיך אַסך טעלער, גלעזער, קיילישקעס — אַלערליי געשיר.

דורך די לאָדן קוקט מען צו מיט פאַרחידושקייט ווי זיי גייען פון איין הויף אַרויס און אין דעם צווייטן — אַריין... אַ מינע האָבן זיי ביידע אַ שווייגנדיקע און אַ וויכטיקע, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען איצט איבער די הייזער אין זייער אַן ערנסטער שליחות און צוליב עפּעס זייער אַ גרויסער מצוה־זאַך: אַשטייגער, קלייבן נדן פאַר אַן אָרימער כלה. זיי מוזן אָבער קלאַפּן לאַנג אין די טירן, ביז מען עפנט זיי אויף.

ז.

און באַלד דערוויסן זיך אַלע:

דאָס דאָזיקע פּאָרל — דאָס איז טאַקע זייער אַ וויכטיקע דע־פּוטאַציע פון דער שטאָט, — און צו דער שטאָט.

דער גענעראַל בולאַק־באַלאַכאָוויטש גרייט זיך צו פּראַוועון אַ גרויסע סעודה, צו געבן אַ פייערלעכן באַנקעט זיינע אָפיצירן. ער וויל צוזאַמען מיט זיי יום־טובן דעם גרויסן נצחון, וואָס זיין אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן איבער אַ באָלשעוויסטישן טייל, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן.

איז אַלץ האָט ער שוין פאַרטיק, דער גענעראַל, פאַר אָט דער סעודה: פליישן, און ווייַנען, און פרוכטן, און יונגע בלאָנדע שיקסלעך בעת און אויף נאָך דער פייערלעכער וועטשערע. מען האָט אַרויס־גענומען אַלע אידישע און פּוילישע מיידלעך פונם אָרטיקן באָרדאַק. מען האָט געבראַכט צו שלעפּן — מיט דער הילף און אָנווייזונגען פון בענדעטל פּראַנצויז — אַסך פּויערשע מיידלעך פון די אַרומיקע דערפער און כוטאָרן וואָס אין די פּאָלעסיער וועלדער... איין זאַך בסך־הכל האָט אויסגעפעלט צום גרויסן גאַלאַ־מאַלצייט: אַביסל מער געשיר.

האָט דער גענעראַל געשיקט ברענגען צו זיך די אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט — דעם רב מיט די צוויי גרעסטע נגידים: דעם האַלב־דייטש, האַלב־איד, דעם ביר־ברויער פּאָוויצקע; און דעם הויפּט־אייגנטימער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק „בליץ", וואָס אין פאָרשטאָט קימבאַראָווקע, דעם אָנגעפאָרענעם מינסקער גביר, סאָלאָמאָן שטראַשון.

אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים פירט מען זיי אַריין אינם ביידל פונם גענרעאַל בולאַק־באַלאַכאָוויטש. ער נעמט זיי אויף זייער און זייער פריינטלעך. ער איז, קענטיק, שטאַרק אויפ־געלייגט. די קליינע אויגעלעך אויף זיין פּנים, אַ באַוואָקסענעם מיט שטעכיקע האָר, זשמורען זיך זייער ליב. זיין מונדיר איז פון פאָרנט איינגאַנצן צעשפּיליעט: אַפילו די אונטערשטע בלויע קאַמיזעלקע זיינע איז אויך אָפן. עס זעט זיך דורך איר אַרויס אַ פעטע, אַ שווייסיקע און האָריקע ברוסט.

דער גענעראַל איז, ווייזט אויס, ערשט אַרויסגעקראָכן פון בעט, האָט זיך נאָך ניט אָפּגעראַזירט און ניט איינגעוואַשן. ער פרעגט זיך פאַנאַנדער, צי זיינע „כלאָפּצעס" האָבן ניט אביסל צו־שטאַרק אַ שטיף געטאָן אין שטאָט? ... אָך, ער באַדויערט זייער דאָס געשעענע. ער האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַ באַפעל מען זאָל לאָזן די חברה־קדישא אומגעשטערט זיך פאַרנעמען מיט אָפּראַמען און מקבר זיין די הרוגים.

דער רב, ר' עוזרל, און די צוויי אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט שווייגן.

— אָבער פאָרט... אפשר האָט איר פאָרט עפּעס טענות און קריוודעס צו אונז? — דער גענעראַל, ריזיק און ברייט ווי אַ צירק־אַטלעט, ציט זיך אויס פויל, טרייסלט פון זיך אַראָפּ די רעשטלעך פונם געשמאַקן באַנאַכטיקן שלאָף. — זאָגט, שעמט זיך ניט...

דאָ האָט זיך פּאָוויצקי אָנגעצונדן. זיין קיילעכדיק פּנים מיטן בערדל אַלאַ נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געוואָרן צונטערדיק־רויט. ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט ווירדע און שטרענגקייט. אין אַ האַרטלעכן דייטשישן רוסיש, פאַרבייטנדיק אומעטום אַ „זש" אויף אַ „ש", האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז די נייע אַרמיי האָט דערוויילן מיט זיך ניט מיטגעבראַכט קיין „אָרדענונג און גערעכטיקייט", ווי עס איז געשטאַנען אין די פאַנאַנדערגעקלעפּטע אַפישן, נאָר גראָד פאַרקערט, — מ'קען זאָגן אפילו, אַז שטאַרק פאַרקערט... ער וואָלט נאָך געוועזן אודאי גערעדט און גערעדט נאָר אַסך. ער האָט, קענטיק, צוגעגרייט אין דער היים אַ לאַנגע רעדע, פול מיט רעכטפערטיקן בירגערלעכן צאָרן. נאָר די איבעריקע מיטגלידער פון דער דעפּוטאַציע האָבן אים מיט גרויס שרעק איבערגעהאַקט אינמיטן.

— ווייס איך וואָס... וואָס בראָקט ער דאָרטן, דער דייטש... סאָרא טענות... ני־טשוטאָטשקו... — האָט דער אייגנטימער פון דער שוועבעלעך־פאַבריק, סאָלאָמאָן שטראַשון, זיך דערשראָקן איבערגעקוקט מיטן רב. ער האָט העפלעך אָפּגעשטופּט פון וועג פּאָוויצקין און האָט זיך אַליין אַרויסגערוקט פאָראויס.

— מיר בעטן אייך, אייער דורכלויכט, ניט אָנצונעמען פאַר אומגוט די רייד פונם דאָזיקן טשודאַק... מיר האָבן קעגן אייך אַבסאָלוט גאָרניט... אדרבא... פּאָזשאַלויססטאַ...

— אזוי... אזוי... — האָט דער גענעראַל אביסל ברייטער פאַנאַנדערגעעפנט זיינע מאַנגאָלישע אויגעלעך און נייגיריק באַטראַכט פּאַוויצקין. — זיינט איר, הייסט עס, ניט אזוי צופרידן מיט דער נייער מאַכט...

— נו, האָט דער גענעראַל וויטער פריינטלעך אויסגעפרעגט די איבעריקע, און אויף פּאַוויצקין האָט ער שוין מער קיין קוק ניט געגעבן; זיינע פעטע אויגן האָבן זיך ווידער שטאַרק צונויפגעמאַכט, אזוי אַז מען האָט געקענט גלויבן, אַז ער וועט באַלד איינשלאָפן.

— נו... איז אפשר זיינט איר ניט צופרידן מיט מיר אַליין, פאַר־וואָס איך האָב צוגעלאָזט אַז עטלעכע מענטשן דאָרטן זאָלן דערהרגעט ווערן אין שטאָט? זאָגט, איך בעט אייך... זשענירט אייך ניט... אויב איר ווילט, קען איך אָוועקפאָרן און צושיקן אימיצן אַנדערש אויף מיין אָרט. מיט אַן אַנדער אַרמיי... מיין ברודער, אַשטייגער.

מיט שרעק און ציטערניש האָבן זיך ווידער די פאָרשטייער פון שטאָט איבערגעקוקט, און דער רב אַליין, ר' עוזרל, האָט דאָס מאָל געענטפערט:

— חלילה... מיר האָבן צו אייך ניט קיין שום טענות און תביעות... — האָט געענטפערט דער רב, בלייך ווי קרייד. — מיר ווייסן דאָך, לויט אונזער דין, אַז יעדע מאַכט איז פון גאָט... מיר אידן, סטאַראָזאַקאָניקעס, טוען תפילה יעדן טאָג פאַרן שלום פון מלכות... פאַרקערט, מיר ווילן שוין בעסער אַז איר זאָלט בלייבן דאָ... צו־וואָס אייער ברודער?...

— גוט, — האָט דער גענעראַל שעלמיש אַ וואונק געטאָן מיט אַ פאַרזשמורעט אויגל. — וויבאַלד אַז איר, אידעלעך, ווילט עס אַליין אזוי שטאַרק, וועל איך דאָ אַליין בלייבן... מען וועט שוין זען זיך סטאַרען...

פון דער דעפּוטאַציע האָט ער דערוויל געפאָדערט בלויז איינס: דער קאַהאַל זאָל זען נעמען אויף זיך די אויפגאַבע, אַז די שטאָט זאָל אים צושטעלן דאָס נויטיקע געפעס: טעלער, שיסלען, גלעזער, וואַזעס, קאַראַפינען... ער וויל חס־ושלום מיט געוואַלט ביי קיינעם גאָרניט צונעמען — ער וויל בעסער אַז מען זאָל אים דאָס אַלץ ברענגען צוטראָגן מיטן אייגענעם פרייען ווילן... און נאָך דעם באַנקעט וועט מען יעדן איינעם פּינקטלעך אומקערן צוריק דאָס וואָס ביי אים איז געבאָרגט געוואָרן.

ווען די דריי חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך שוין געפונען אין דרויסן פון זיין לייוונטענעם געצעלט, האָט ער זיי מיט העפלעכקייט נאָכגעשריען:

— פאַרשטייט זיך, צווינגען צווינגט ער קיינעם ניט... אויב מען וויל אים ניט ברענגען אַליין, איז אויך רעכט: וועט ער שוין מוזן שיקן זיינע מענטשן זיי זאָלן זיך מטריח זיין איבער די הייזער, צונויפקלייבן דאָרט אַליין דאָס גויטיקע געשיר...

ח.

די „שטאָט" — אָט די דריי וויכטיקסטע מענטשן פון שטאָט — האָט תיכף באַשטימט צוויי מענטשן ווי אַ קאָמיטעט, וואָס דאַרף שוין צווישן זיך באַשטימען וויפיל מען דאַרף נעמען געשיר אין יעדן איינציקן הויז; און דער זעלביקער „קאָמיטעט" האָט טאַקע אויך גערדאַרפט אַליין דאָס דאָזיקע געשיר צוזאַמענגעמען.

בערקוזשע, כדי ער זאָל אַרויסרופן מער אָפּשיי סיי ביי די אַרומשמייענדיקע חילות אין שטאָט און סיי ביי די איינוווינער גופא, האָט אויף זיך אָנגעטאָן זיין גלאַנצנדיקע קופּערנע פּייערלשער־קאַסקע. און ברוך־משה־מרדכים — אין זיין יום־טובדיקן סורדוט אינמיטן דערוואָכן — האָט איצט אויסגעקוקט אויב ניט ווי אַ גייסטלעכער, ווי אַ רב, איז לכל־הפחות ווי אַ „שיינער איד".

זיי זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, אָנגעקלאַפּט אין די טירן און אויסגערופן מיט אַ זינגענדיקן אומעטיקן קול, ווי עס רופט דער שמש אין אַ קילן פאַרטאָג צו סליחות:

— געפּעס פאַרן גענעראַל באַלאַכאָוויטש... גע־פּע־עס...

אין יעדן שטוב, נאָכדעם ווי זיי האָבן צוגענומען און פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין גרויסן קאָשיק דעם באַשטימטן חלק געשיר, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן אַ ווײַלע פאַרזאַמט, האָבן אָנידערגעשטעלט דעם קאָשיק אויף דער פּאָדלאָגע, זיך לאַנג געווישט דעם שוויים פון שטערן, — אין דרויסן איז דאָך געווען אַזאַ גרויסע היץ — און האָבן יעדן איינעם דערציילט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן נעכטן ביינאַכט אין שטאָט.

— קומען זיי, הייסט עס, אַריין צו מיר — האָט בערקוזשע אָנגעהויבן מאָלן מיט זיין גיך־גיכן לשון פון וועלכן מען האָט געקענט

פארנעמען בלויז איין וואָרט פון צען — קומען זיי, הייסט עס, אריין צו מיר... פארשטייט איר מיך, ביי אונז אויף טעלעפּעני וואוינען דאָך אסך מער קריסטן, איידער אידן... איז ווען זיי זיינען נאָך אין פּירהויז גיבן זיי הויך א פרעג:

— העי, ווער וואוינט דאָ: אידן צי קריסטן?

— צו קריסטן, פארשטייט איר מיך, האָבן זיי אפילו אין שטוב ניט אריינגעשמעקט. א ווײַלע האָבן מיר זיך געקווײנקלט, ניט גע־וואוסט פשוט וואָס צו ענטפערן: ניט געווען זיכער וואָס עס וועט זיין גליַיכער. זאָלן מיר זאָגן — האָט בערקאָזשע אָנגעהויבן קנעלן מיט א גמרא־ניגון — אַז אידן, איז שטעקן מיר דאָך אוים אַליין די העלזער צו דער שחיטה. אלא וואָס דען, פאַרקערט, מיר'ן זאָגן אַז קריסטן, — ווילן זיי דאָך אודאי באַלד דערזען אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט... וועט עס אפשר זיין נאָך ערגער פאַר אונז...

און ער בלייבט אַזוי שטיין, דער בערקאָזשע, הויך און שוואַרץ און אויסגעצויגן — אַן אָפּגעפּליקטער שטאַם פון א בוים: ער באַטראַכט דעם עולם מיט א שטאָלצן נצחון־שמייכעלע... און עס איז געווען אַזוי מאָדנע דאָס, וואָס דעם פּיין און דעם גרויל פון יענער נאַכט האָט ער שוין ווי געהאַט פאַרגעסן; געדענקט האָט ער בלויז דעם „טריאומף" און זיג זיינעם איבער דעם שונא, — ער האָט זיך נעבריהט איצט פאַר די אָנוועזנדיקע מיטן אופן ווי ער האָט זיך עס ארויסגעדרייט פון דער שווערער לאַגע.

— שטייען זיי, הייסט עס, נאָך אַלץ אַזוי אין פּירהויז...

— האָט בערקאָזשע אדורכגעפירט זיינע בליקן איבער די פּנימער פון די אָנוועזנדיקע און האָט, קענטיק, געהאַט פאַרגעניגן פון אַלעמענס געשפּאַנטקייט. — און אַז זיי גיבן נאָכאַמאָל דאָס זעלביקע א פרעג און מיט א געברום הויבן זיי זיך אָן שטופּן אין הויז אריין, נעם איך, כאַ־כאַ, און ענטפער:

— „קומט אריין, ברידערלעך... כ'מיין, וואָס איז דער חילוק: א איד צי א קריסט... מיר זיינען אַלע מענטשן... מיר זיינען אַלע גאָטס קינדער... קומט אריין און נעמט צו אַלץ וואָס סע געפעלט אייך"...

דער עולם איז געשטאַנען מיט ארונטערגעלאָזענע נעזיכטער. מען האָט צוערשט ביטער א שמייכל געטאָן, אָבער באַלד האָט מען אָנגעהויבן קרעכצן, איינציקווייז און בצבור.

— וואָס דען... — האָט בייז און שטעבעדיק זיך געכמורעט ברוך־משה־מרדכים, אפשר ניט אזוי אויף די פּאַנראַמשטשיקעס ווי אויף בערקוזשען וועלכער האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין מאָלן מיט דער צונג און האָט א י ם בשום אופן ניט געלאָזט קומען צום וואָרט.
— ער דערציילט א חכמה, נו... וואָס־דען — ביי גוים וועלן זיי דען ראַבעווען?

ער האָט אָנגעהויבן נערוועז קנעטן די לופט מיט זיינע קליינע פויסטלעך, נאָכאַנאַנד אויפּעפּענענדיק און צומאַכנדיק די קורצע פינגער מיט די לאַנגע נעגל.

— אָט, ביי אונז אין דער צווייטער גרויסער העלפט שטוב געפינט זיך דאָך, ווי איר ווייסט, דעם אַפּטייקערס דירה — זי שטייט שוין זייט עטלעכע טעג א ליידיקע: זיי זיינען נאָך לעצטע וואָך אַלע אנטלאָפן אין דאָרף, צו זייערן א באַקאַנטן, א „סעלסקע אוטשיטעל", זיך אויסבאַהאַלטן. אין שטוב ביי זיך האָבן זיי איבערגעלאָזט בלויז דעם גרויסן הונט זייערן. איז א גאַנצע נאַכט האָט דער פּאַסקודנער כלב געהאַלטן אין איין סקאַוואַוטשען, און אין איין יאָמערן — מיר האָבן געפּילט בפועל ממש ווי אָט דער כלב ברענגט גרויס אומגליק אויף אונזער קאָפּ. ס'איז געווען ווי ער וואָלט אהער באַשיינפּערלעך גערופן די באַנדיטן. איז הערט איר...

בערקוזשע איז געוואָרן אומגעדולדיק, האָט אָנגעהויבן אונטערבורטשען אַז מען דאַרף שוין גיין — „דער טאָג שטייט ניט"... ער האָט זיך שטאַרק אָנגעבויגן און האָט אָנגענומען דעם קאַשיק פּאַר אַן אויער; כדי אָנצונעמען דעם צווייטן אויער האָט ברוך־משה־מרדכים זיך אָבער גאָר ניט געדאַרפט איינבויגן, — ער האָט בלויז א קליין האָרעלע ארונטערגעלאָזט זיין קערפּערל פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַנידערזעצן. שוין מיטן קאַשיק אין איין האַנט, האָט ער פאַרענדיקט:

— יאָ... איז דערהערן מיר טאַקע אינגיכן אונטער די פענצטער, ווי אין דרויסן שטייט שוין א כאַפּטע זעלנער און אַמפּערן זיך, און קראַצן זיך די פּאַטילניצעס. אייניקע ווילן שוין אריינגיין צו אונז און אָנהויבן ראַבעווען, אָדער די בייזע שעה זאָל ניט זיין, נאָך עפּעס ערגערס; אָבער די אַנדערע זייעריקע ריידן זיי אָפּ דערפון:

— קודי, בראַטצי... וואוהין קריכט מען... דאָ וואוינט זיכער אַן אונזעריקער... זשידעס האַלטן דאָך ניט קיין הינט אין שטוב...

ט.

דער פיינער און העלדישער גענעראל בולאק־באלאכאוויטש האט טאקע געהאלטן ווארט — דאס ווארט וואס ער האט געגעבן די פאר־שטייער פון דער אידישער קהלה וועלכע זיינען געקומען צו אים מיט א דעפוטאציע.

אין משך פון די קומענדיקע טאג־צוויי איז אין שטאט ווירקלעך איינגאנצן רואיק. די דערהרגעטע האט מען שוין מקבר געווען; די שווער־פארוואונדעטע האט מען אוועקגעפירט אין אידישן שפיטאל אריין. די איינוואוינער פון שטאט קריכן ביסלעכווייז ארויס פון זייערע באלעטעגישן אין די גאסן ארויס: עס עפענען זיך ווידער אויף א טייל קלייטן.

יא, אין משך פון די קומענדיקע פאר טעג איז אין שטאט איינ־גאנצן רואיק.

עס פאסירן אין שטאט פאר אט דער צייט בסך־הכל צוויי קליי־ניקייטן, בלויז צוויי זאכן פון ניט־גרויסן באדייט.

מען דערוויסט זיך, ערשטנס, אז רחמלע גיטערמאן — גיטער־מאן דעם אייגבינדערס איינגסטע טאכטער, די נייגצניעריקע בלאנדינקע מיט די שווארצע אויגן — איז, ווייזט אויס, געווען א גרויסע רע־וואלוציאנערקע און זייער א געפערלעכער פארשוין. אמת, יונגווארג אין שטאט האט ביז איצט אויך געוואוסט אז זי איז א רעוואלוציאנערקע. אבער פונדעסטוועגן האט קיינער אין שטאט קיינמאל ניט פארדעכטיקט אז זי איז עס געווען אזא וויכטיקע טוערין, נאך וועלכער מען יאגט זיך אזש און פאר וועמעס קאפ עס ווערט איצט געגעבן א פרייז.

איצט איז זי שוין אין שטאט ניטא. זי איז אוועק אפנים מיט די באלשעוויקעס, אויב זי באהאלט זיך דא ניט אוים ערגעץ אין שטאט גופא. אבער ביז מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי דאך דא יא געווען און האט זיך געפונען אין דער באלשעוויסטישער „קאנצע־לאריע" — אינם שטאטישן איספאלקאם, וואו מען פלעגט זי אפט זען אין איינעם פון די ערשטע צימערן, א רואיקע, מיט ציכטיק־פאר־קעמטע גאלדענע האר, שרייבנדיק אויף א מאשינקע, שנעל ווי א רוח — ווער ווייסט וואס פארא וויכטיקע געהיימע דאקומענטן.

איז ווייסט מען איצט אין שטאָט: עס איז אַרויס פון באַלאַ־כאָוויטשעס שטאָב אַ באַפעל צו די סאָלדאַטן, — למען־השם אויס־צוזוכן אַט די גיטערמאַן און ברענגען זי צו פירן! פאַר איר קאָפּ, אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן, האָט דערוואַרט די גליקלעכע געפינער אַ באַלוינונג פון גאַנצע הונדערט קערבלעך.

און נאָך איין קלייניקייט פאַסירט אין שטאָט אין משך פון די קומענדיקע פאַר טעג:

עטלעכע גאָר פרומע עלטערע אידן, וועלכע האָבן זיך איינגע־שטעלט אויפצושטיין אין איינעם אַ דאָנערשטיק גאַנץ־פרי, אַזייגער פינף־זעקס פאַרטאָג, און זיינען געגאַנגען אין דער גרויסער שול אַריין צו אַ ותיקין־מנין — ס׳איז געווען יענעם טאָג אַ תענית, שבעה־עשר־בתמוז — האָבן אויף יענער זייט פון דער מזרחדיקער שולוואַנט, אינם שמאָלן סיטקעלע וואו יונג און אַלט פלעגט אָפּטאָן זייערע הצטרכותן, געפונען אַ פרישן חלל, — דעם קערפּער פון אַ דערשאָ־סענער פרוי.

דער, וועלכער האָט זי דערזען דער ערשטער, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ברוך־משה־מרדכים, דאָס פּיצינקע מלמדל.

אינמיטן דאַווענען, איידער ער האָט געדאַרפט אַרויפגיין אויפן בעלעמער לייענען דעם תעניתדיקן ויחל — קיין אַנדער בעל־קורא איז צו יענעם מנין גראָד ניט געווען — האָט ער אויסגעטאָן די תפילין און איז אַרויס זיך מכין זיין אינם שמאָלן דורכגאַנג הינטער דער שול וואָס איז תמיד געווען געדיכט באַדעקט מיט בערגעלעך צואה און וואו עס האָט שטענדיק מוראדיק געאָוועָרט דער קיינמאָל זיך ניט אויסוועפנדיקער ריח פון השתנה.

ערשט ער האָט דערזען:

לעבן דער וואַנט ליגט צונויפגעקאָרטשעט דער גוף פון אַ פרוי. אַ פּויערטע וואָרשיינלעך פון דאָרף, וועלכע איז געקומען צו־פרי אויפן מאַרק און האָט ניט געפונען קיין בעסערן אָרט וואו אַנידער־צולייגן זיך דערווייל כאַפּן אַ דרימל... לעבן איר שטייט אַ קוישל; אַ זעקעלע מעל — אינעווייניק אין קוישל.

— אַ שיכורע מסתמא, — האָט זיך דער מלמד איינגעבויגן איבער איר אַ קוק צו טאָן. ער האָט זי אַ ריר געטאָן מיטן פוס. אַ דערשראָקענער, איז ער באַלד אויפגעשפּרונגען: די פרוי איז געווען טויט. דאָס איז געווען חיה־גוטע, איטשע פּאַיע־רחלס טאָכטער.

ער איז אריינגעפאלן צוריק אין שול אריין און האט געמאכט א געוואלד.

קיין גרויסע וואונדן האט מען אויף איר קערפער ניט געפונען. מער ניט, איבער דער לינקער זייט געזיכט — איין־איינציקער שראם, וואס איז אפילו קיין שראם ניט געווען: בלויז א פארגליווערט שנירל בלוט וואס האט זיך געצויגן איבער דער באק פון א קויל־לעכל אין לינקן שלייף. דאס בלוט ארום אט דעם קליינעם לעכל האט שוין באוויזן פארגליווערט צו ווערן און האט אין דער אויפגייענדיקער זון רויטלעך געלאנצט — ווי א גרויסע בין וואלט דארט צוגעפאלן און רואיק זיך איינגעזויגן אינם שטערן־ווינקל.

דער דערשאסענער חיה־גוטעס קערפער איז נאך ניט געווען אפילו איינגאנצן אפגעקילט. אירע אויגן זיינען געווען אפן, אומגעווויינטלעך קיילעכדיק און גרויס. מען האט זיי ערשט איצט געדארפט צומאכן.

ווען דער פרימארגנדיקער עולם פון די ותיקין־מתפללים האט זיך נאך אין טלית־און־תפילין געקופקעט ארום איר מיט פארשטשעמעטע ליפן, איז אנגעקומען אן אפטייל סאלדאטן און האט פאנאנדער־געיאגט דעם עולם.

אן דער שפיץ פונם אפטייל זיינען געגאנגען צוויי זעלנער מיט א טראג־ברעטל: איינער גאר א הויכער און דער צווייטער א דאריג־קער, אן אנגעכמורעט מענטשל מיט גריבערדיקע באקן. די צוויי זעלנער, מיט פייערלעכקייט און אויסדרוק פון זיג אויף די פנימער, האבן א וואלגער געטאן אויפן טראג־ברעטל דעם טויטן קערפער און האבן, דווקא מיט גרויס פארזיכט, ארויפגעשטעלט צופוסנס דעם מת דעם קאשיק מיטן זעקעלע מעל. דער אפטייל סאלדאטן, מיט אויפגעשטעלטע ביקסן אויף די אקסלען, האט דעמאלט געמאכט ארום דער פראצעסיע א קרייז, און אוועקגעמארשירט מיט גרויס פייערלעכקייט אין דער ריכטונג צום לאגער־צו.

דער איבערגעבליבענער עולם האט זיך איבערגעקוקט מיט גרוי־סער שטוינונג.

די זון האט זיך גערוקט העכער און העכער אויפן הימל ארויף. פון די ארומיקע הייזער האבן אנגעהויבן ארויסצושטעקן זיך קעפ, פנימער, הענט־און־פיס.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: די אַרומיקע שכנים האָבן טאַקע ביינאַכט געהערט אַ געשריי — אַן איין־איינציקן געשריי וואָס האָט דורכגעריסן די נאַכט; און דערנאָך אַ שאָס — אַן איין־איינציקן שאָס וואָס האָט איר שאַרף אַ ביס געטאָן. ווער האָט דען אין אַזעלכע נעכט געקענט רואיק צומאַכן מיט אַן אויג? אייניקע שכנים האָבן אפילו אין אָט דעם געשריי פאַרנומען אַ פאַרצווייפלטן קוויטש פון אַ פרוי, אָבער פון אַרויסגיין אַ קוק צו טאָן האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט זיין קיין שום רייד.

נאָר איצט, ווען דער שרעק איז מיטן פריידיקן אויפשיינען פון דער מיטן־זומערדיקער זון קלענער געוואָרן, האָבן שוין אַסך פון די אַרומיקע שכנות געהאַט דוקא וואָס צו דערציילן... איינע האָט די צווייטע איבערגעשפּאַרט; יעדע פון זיי האָט איצט געוואוסט מער פאַר דער אַנדערער וועגן דעם פאַרגעקומענעם, פּונקט ווי זיי וואָלטן טאַקע דעם גאַנצן נעכטיקן אָוונט נאָכגעפאָלגט חיה־גוטעס פּוסטריט דורך דער שטאָט.

און פון דעם וואָס אָט די אַרומיקע שכנים און שכנות האָבן געהאַט צו דערציילן; און דערעיקר פון דעם וואָס גימפּל דער בעדער האָט דערציילט — די לעצטע עטלעכע נעכט, צוליב גרעסערער זיי־כערקייט, איז ער געשלאָפן אין מרחץ, וועלכער האָט זיך געפונען אויף יענער זייט שול־געסל — איז ביסלעכווייז און שטיקלעכווייז געוואָרן קלאָר דאָס פאָלגנדיקע.

י.

שפּעט אין אָוונט — עס איז אפילו גאָרניט געווען אַזוי שפּעט, ערשט אַרום אַזייגער ניין־צען, ס'איז אָקאָרשט פינצטער געוואָרן; נאָר אַלע שטאָטישע איינוואוינער האָבן זיך שוין לאַנג געפונען אונטער פאַרריגלטע טירן און פאַרהאַקטע לאָדנס, כאָטש וואָס האָבן ריגלען און לאָדנס געקענט זיין פאַר אַ באַשיצונג אין אַזעלכע נעכט... — נעכטן שפּעט אין אָוונט איז זאַיעצעס טאָכטער געגאַנגען איינע אַליין איבער די פּוסטע גאַסן.

אויף איין אָרעם האָט זי געטראָגן אַ קוישל, אַ קוישל אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ קליין זעקעלע מעל איינגעוויקלט אין צייטונגען.

זי וואָלט אודאי אין אַזאַ צייט ניט אַרויס אין גאַס אַזוי שפּעט און נאָך אַליין דערצו. נאָר אין שטוב איז שוין דעם צווייטן טאָג ניט געווען וואָס צו עסן. פּאַיע־רחל, ר' איטשע מילנערס אשת־חילדיקע ווייב, האָט, בעת די באָלשעוויקעס זיינען נאָך געווען אין שטאָט און מען פלעגט דאָס מעל ביי די קרעמער נאַציאָנאַליזירן, באַהאַלטן עטלעכע זעקלעך מעל אין אַ „זיכערן אָרט" — טאָקע ביי סטערען אין לעדניק. דערפאַר פלעגט סטערע פון איר אויך פון צייט צו צייט קריגן אַ לעק מעל. אמת, דאָס מעל פלעגט טאָקע אין דער פייכטקייט ביסלעכווייז קאַליע ווערן, אָבער דערפאַר איז עס געווען פאַרשטעקט אין אַזאַ ווייטער גרוב אין אַ פינצטערער וואַנט פונם לעדניק, וואָס אַ פרעמד אויג וואָלט עס קיינמאָל ניט געקענט געפינען.

ניין, חיה־גוטע וואָט זיכער אין אַז שפּעטער שעה ניט אַרויס אין דער אָנגעשראָקענער שטאָט וואו עס האָבן אַרומגעשמאַיעט ביינאַכטיקע פּאַטרולן: ס'איז דאָך שוין געווען אַ גאַנצע שעה נאָך זונזעצן זיך. נאָר פּאַיע־רחל אַליין, מיט איר גרויסן מויל, האָט די טאָכטער דערצו צוגערעדט. ווען ניט, איז אויסגעקומען כאָטש אויסגיין מיינע שונאים פון הונגער. חוץ דעם: פּאַיע־רחל איז געווען זיכער אַז חיה־גוטע מיט איר צינגל — ניט קיין שוואַכער אינסטרומענט פאַר דער מאַמע אירס — און מיט איר „רושעס" רײדן וועט אודאי זיך קענען אויסטענהן ווי געהעריק איז מיט דער „וואָלאַסט", אויב עמיצער וועט איר פאַרהאַלטן אויפן וועג.

חיה־גוטע האָט זיך אָנגעטאָן אַזוי פּראָסט ווי נאָר מעגלעך. זי האָט אָנגעטאָן אַ קאָלירטע ספּאָדניצע — אַזוינע ווי עס טראָגן די דאָרפשיקסעס, — עלעהיי, עפּעס אַ שיקסע דאָרטן, אַ דינסט ביי אידן, וואָס איז אַרויס זיך דורכשפּאַצירן אינם אָוונט. און כאָטש אין דרויסן איז געווען וואַרים, האָט זי איינגעוויקלט קאָפּ־און־אַקסלען אין אַ גרויסער ווינטערדיקער פּאַטשיילע, אַזוי אַז אַרויסזען האָט מען פון אונטן בלויז דאָס אוקראַינישע קליידל אירס. דעם קאָשיק האָט זי געהאַט פאַרבאָרגן אונטער די גרויסע פליגלען פון אָט דער פּאַטשיילע.

אָנשטאָט צו גיין מיט דער הויפּט־גאַס, וואָס האָט געפירט גלייך צו סטערען, מיט דער קיעווער גאַס, איז חיה־גוטע אַוועק דווקא מיט דער פּוסטער און פינצטערער ברעג־גאַס, וואָס האָט געפירט

פארביי דער באָד, פארביי דעם שול־הויף און פארביי דעם בריק מיט די יאַטקעס. דער וועג אירער איז געווען אַזוי אומהיימלעך־פּוסט — קיין הונט, קיין קאַץ, קיין שאָרך פון אַ ווינט אפילו... אָבער חיה־גוטע האָט זיכער געוואָלט אַז אָט די פּוסטע אומהיימלעכקייט זאָל שוין ליבערשט אָנהאַלטן אַזוי די גאַנצע צייט וואָס זי וועט זיין אין גאָס, ביז זי וועט זיך צוריקקערן אהיים.

אויפן וועג צו סטערען האָט מיט איר טאַקע גאָרניט פּאַסירט; קיינער האָט זי אַפילו ניט באַמערקט. אַלנפאַלס, קיינער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט. אונטן אין טאָל, האָט שטיל געראַוישט דאָס וואַסער אין טייך, האָט געפּלעסקעט זיך אָן ברעג, און מער גאָרניט.

ווען זי איז אָבער אָנגעקומען צו סטערען, איז חיה־גוטע געווען זייער בלייך, כאָטש אויף איר פּנים איז געווען אַ שמייכל. אָבער נאָך בלאַסער אַסך איז געווען סטערע ווען זי האָט דערזען חיה־גוטען אויפן שוועל: אַ לענגערע ווײַלע האָט זי איר אַזוי באַטראַכט, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, פּונקט ווי פאַר איר וואָלט אין דער נאַכט זיך באַוויזן אַ מת.

וויפיל זי האָט דערנאָך ניט געפּרואווט איבעררײדן חיה־גוטען זי זאָל שוין פארבלייבן דאָ איבער נאַכט און זיך ניט דערוועגן גיין צו־ריק, האָט חיה־גוטע בשום אופן ניט געוואָלט הערן דערפון: ווען עס וועט ווערן ליכטיק, וועט זי זיך דאָך זיכער ניט דערוועגן צו באַוויזן זיך אין גאָס מיטן מעל — אַ קשיא אויף אַ מעשה, אימיצער קען עס נאָך ביי איר צונעמען. זי האָט דעם זעקעלע מעל איינגעוויקלט אין אַלטע צייטונגען וואָס האָבן זיך אָפּגעזוכט ביי סטערען, און מיט אַ שעה שפּעטער האָט זי זיך שוין אומגעקערט צוריק, ווידער מיט דער ברעג־גאָס.

אויפן וועג צוריק, בעת זי איז געווען ניט ווייט פון דער גרויסער שול, האָט איר מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט אַ פּאַטרול פון ·צוויי סאָלדאַטן.

— הע, דיוווקאַ, פּאָידי סיודי...

חיה־גוטע האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל און איז געבליבן שטיין. דאָס האַרץ אין איר איז, דוכט זיך, אויך געבליבן שטיין.

— וואוהין גייסטו עס אַזוי שפּעט, באַרישניע?

אינם טאָן פון פרעגער איז געווען עפּעס לוסטיקס, פלירטעווענ־דיקס. חיה־גוטע איז באַלד געקומען צו זיך. זי האָט רואיק געענט־פערט אַז זי קערט זיך עס איצט אום אַהיים — אָ, זי מוז זיך איילן: די כאַזאַיקע וועט שוין אויף איר דאָרטן שרייען, שרייען.

— אַזוי שפּעט? — דאָס איז געווען אַן אַנדערע שטים פון פּאַטרול, אַ טרוקענע, אַ פאַרדעכטיקנדיקע. — איינע אַליין?

דער פּאַטרול האָט זיך דערנענטערט.

יאָ, זי איז זיך טאַקע פאַרזעסן אַביסל צו־שפּעט ביי די באַקאַנטע אירע: קיין זייגער איז דאָרטן ניט געווען. איצט מוז שוין טאַקע זיין זייער שפּעט?... נו, אויב אַזוי, מוז מען זיך צואיילן... אַ גוטע נאַכט, כלאָפּצעס! מ'עט זיך אפשר זען מאָרגן?

זי האָט גערעדט מיט אַ גראָב דרייסט קול. זי האָט גערעדט דווקא ניט קיין „רושעס", נאָר פּראָסט־פּויעריש לשון.

דער עלטערער סאָלדאַט אינם פּאַטרול האָט איר, מעשה קאַוואַ־ליער, אַריינגערוקט אַ גרויסע לאַפּע הינטער דער פּאַטשיילע און האָט איר היימיש אַ קניפּ געטאָן אין אַ געשמאַקן אָרט. און אויף דעם האָט חיה־גוטע מיט אַ געמאַכטער ברוגזדיקייט, ווי די לאַגע האָט גע־פאָדערט, געגעבן אַ זאַפּטיקן לאַכעלע. נאָר פון דעם לאַכעלע האָט זיך שוין דעם סאָלדאַט פאַרגלוסט עטוואָס מער — ער האָט אַריינ־גערוקט די לאַפּע זיינע אַ צווייטן מאָל, אַביסל נידעריקער, צווישן די פליגל פון דער פּאַטשיילע. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם קאָשיק.

— אַהאַ? — האָט שטרענג אויף איר אַ טיוקע געטאָן דער צוויי־טער, אינגערער סאָלדאַט וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַן דער זייט אַן אָנגעברוגזטער, ווי אַ קליין הינטל ועמען אַ גרעסערער הונט לאָזט ניט צו צום שפּיל מיט אַן אָנגעלאָפּענער צויג. — אַהאַ? און דאָס וואָס איז?

מען האָט איר ברייט פאַנאַנדערגעריסן די פּאַטשיילע. זע, דאָס איז גאָר ניט קיין שיקסע — ס'איז אַ אידיש מיידל... אַמאָל אפשר, מיט עטלעכע יאָר צוריק — ווען חיה־גוטע האָט נאָך פאַר־מאָגט אַ זאַפּטיקן מויל פון וועלכן עס האָט געקלונגען תמיד גע־לעכטער, און רויט־צעבליטע באַקן, פולע, ווי פּאַמפּושקעס — אַמאָל וואָלט מען זי נאָך מעגלעך געקענט אָננעמען פאַר אַ שיקסע. חיה־גוטע האָט טאַקע געהאַט פון זיך אַ פאָטאָגראַפיע אויף וועלכער זי איז

געווען אויסגעפּוצט ווי אַן אוקראַינישע שיקסע. אָבער איצט... נאָך דעם אַלעמען וואָס זי האָט איבערגעלעבט די לעצטע פּאָר יאָר אין קיעוו?

עס איז איצט ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי צו דערציילן דעם גאַנצן אמת. קיין פאַרבאָט אויף צו ברענגען זיך אַליין מעל, אפילו שפּעט אין אָוונט, איז דאָך ניטאָ, האַ? זי האָט לוסטיק צו־געוואָרפן אַ גרויסשטאָטישן שעלמישן שמייכל יענעם עלטערן סאָל־דאַט וועלכער איז געווען קענטיק דער וויכטיקסטער אינם פּאַטרול, — אַ שמייכעלע וואָס האָט, צוזאַמען מיטן פאַרזשמורעטן בליק פון די אויגן, פאַרשפּראָכן כ׳ווייס וואָס פאַרא ווייבערשע גליקן.

— יאָ... ס׳איז טאַקע אמת... — ווערט שוין יענער סאָל־דאַט ווייכער. — אודאי מעג מען זיך טראָגן מעל... אָבער פאַרוואָס האָט זי עס לכתחילה געלייקנט? האַ?

— און פאַרוואָס האָסטו עס אַרומגעוויקלט אין אַזויפיל צײ־טונגען? — האָט שטרענג און נאָך פיינטלעכער געשריען דער קורצינקער, פון איר פאַרנאַכלעסיקטער סאָלדאַט. — וואָס זיינען עס פאַר אַ צייטונגען?!

חיה־גוטע דערציילט זיי ווידער דעם ריינעם אמת. זי האָט עס לכתחילה פאַרבאָרגן דערפאַר ווייל זי האָט פשוט מורא געהאַט אימיצער זאָל ביי איר דעם מעל פונדעסטוועגן ניט צונעמען... און אַזאַ צייט... נו, און די צייטונגען...

ביידע סאָלדאַטן שטייען אָנגעשפּאַרט אָן די קײלעכדיקע אויס־געשייערטע טרייבלעך פון די אַרונטערגעלאָזטע ביקסן און קראַצן זיך שטאַרק אין די פּאַטילניצעס — עס איז אַ שווערער עסק... זיי באַטאַפּן דעם זעקל מעל פון אַלע זייטן. מילא, דעם מעל וועט מען שוין ביי איר קאָנפיסקירן: קיין האַן וועט ניט אַ קריי טאָן... אָבער די צייטונגען, — וואָס זיינען עס פאַרא צייטונגען? גיי קלייב זיך פאַנאַנדער!

דער עלטסטער פון די צוויי סאָלדאַטן, — דער יעניקער צו וועלכן חיה־גיטע האָט אַזאַ שעלמישן פאַרשפּרעכנדיקן וואונק געטאָן, אַ וואונק פול מיט כל־טוב — שטרעקט שוין אויס די האַנט צום זעקל מעל, און איז גרייט צו לאָזן דאָס מיידל גיין איר וועג אַריין.

אָבער דער אינגערער סאָלדאַט, — דאָס דאַר אָנגעכמורעט מענטשל, מיט די גריבערדיקע באַקן און מיט דער וואַזשנער מינע פון אַן אוריאַדניק אין אַ קליין שטעטל — דער, האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט זי ווידער גענומען אויף אַ שטרענגען פאַרהער:

— נו, און רופן, הייסט עס... איז ווי רופט מען דיך?

און ווידער האָט זי געענטפערט ווי דער אמת איז, דעם אמת וועלכן זי האָט ניט געהאַט צוליב וואָס צו פאַרלייקענען.

— חיה־גוטע.

צוליב דעם וואָס זי האָט געלעבט אַזאַ לאַנגע צייט אין קיעוו האָט זי איצט איר נאָמען אַרויסגערעדט ניט גוטע, נאָר גיטע — פונקט ווי אירע באַקאַנטע דאָרטן פלעגן זי אָנרופן.

— חאַי גיטרי? — האָט דאָס דאַרע סאָלדאַטל שיר ניט אַ טאַנץ געטאָן פון אָרט. — חאַי גיטרר?

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן זיין העכערן חבר אָן־אַ־זייט. מיט אַ קול וואָס האָט זיך אַזש איבערגעהאַקט פון אויפרעגונג האָט ער אים איינגערוימט:

— ’סט געהערט? דאָס איז דאָך זי... די גיטערמאַן... וועלכע מען זוכט...

דער עלטסטער האָט אים אַ שטופּ אָפּ געטאָן פון זיך און האָט אים אָנגעקוקט מיט ווילדע דערשראָקענע אויגן.

— אוועק, דו טיפּש איינער! — האָט ער אי ניט פאַרשטאַנען און אי געפּרואווט צו פאַרשטיין יענעמס מיין. — צום טייוול... וואָס פּלאַפּלסטו, אין דיין מאַמען אַריין?

ווייל ווי איז עס דען גאָר געווען מעגלעך? יענע, די גיטערמאַן, האָט ערשטנס באַדאַרפט זיין אַ בלאָנדע, מיט גאָלדענע האָר, און די איז אַ טונקעלע גאָר, אַ שטאַרק־טונקעלע אפילו: ראָז... חוץ דעם האָט די־אָ אויסגעזען אַסך עלטער פון דער געזוכטער פאַרברע־כעריון, פון רחמעלע גיטערמאַן. לויט דער פאַראָרדענונג פון שטאַב, האָט עס דאָך באַדאַרפט זיין אַ מיידל פון בלויז נייַנצן יאָר!

אָבער דער אינגערער פּאַטרול־סאָלדאַט האָט זיך איינגעשצעמעט אין זיין חברס אָרעם מיט אַזאַ כוח, אַז יענער האָט זיך אַזש געמוזט אַ ריס טאָן צוריק. דאָס אָנגעכמורעטע סאָלדאַטיקל, וואָס האָט

איצט אינגאַנצן געבּרענט, האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־שטיוול און אים אַריינגעצישעט אין אויער אַריין:

— ביסט אַ באַלוואַן, אַן אייזלשער קאָפּ... און די הונדערט רובל — פאַרגעסן שוין? אַ פּילאָזאָף אַ גאַנצער געוואָרן! ווילסט אַרויסלאָזן דאָס פויגעלע פון האַנט? זי אַליין זאָגט, זי הייסט גיטערמאַן, און ער — בורטשעט נאָך...

די אויגן פונם עלטסטן האָבּן זיך ברייט אַן עפן געטאָן, און רויט זיך צעפינקלט.

— און די צייטונגען מיינסטו זיינען עס דיר פּראָסטע צייטונ־גען? — האָט יענער אים מיט אַ הייסן אָטעם געקיצלט די אויערן. — אַזוי, פּאַפּיר אויף איינצוּאַוויקלען מעל? און וואָס עס טוט זיך אינם מעל — קען מען דען וויסן, וואָס? מ'עט זי צו־שטעלן צום ווענטל, און באַסטאַ... און דערנאָך וועלן מיר זי ביידע ברענגען צום גענעראַל: טאַטעלע — דיר די גיטערמאַן... מיר אַ העלפט — דיר אַ העלפט...

אַז מען האָט חיה־גוטען אַנגענומען יעדער איינער פאַר אַן אָרעם און זיי אָנגעהויבן פירן אין דער ריכטונג פון דער אַלטער שול, וואָס האָט אין דער נאַכט געגלאַנצט מיט אירע הויכע האַלב־קיילעכדיקע פענצטער, איז דאָס ערשטע איר איינגעפאַלן אַז דאָס גייען די צוויי מאַנסבּילן מיט איר אודאי „עפּעס טאָן”.

פון איר געזונטער געמבּע — פאַרט פּאַיע־רחלס אַ טאָכטער — האָט זי דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין מוראדיקן פאַרצווייפלטן קוויטש וואָס האָט ניט נאָר דורכגעשטאָכן די שטילקייט פון דער זו־מערדיקער נאַכט ביים טייך, נאָר דורכגעשפּיזט אויך די דערשראָקענע הערצער פון זיך־צוהערנדיקע שכנים, וואָס זיינען געוועזן פאַרשטעקט אין די ציטערנדיק־שווייגנדיקע הייזער אַרום.

דאָס איז אָבּער געווען איר איינציקער געשריי אין יענער נאַכט. חיה־גוטעס שרעק איז געווען אַן אומזיסטער. די סאָלדאַטן האָבּן זיך פיבּערדיק געאיילט. זיי האָבּן דעריבּער ניט בּדעה געהאַט אפילו צו טאָן דאָס, פאַרוואָס חיה־גוטע האָט זיך אָממערסטן געשראָקן. זיי האָבּן זי אַריינגעפירט אינם שמאָלן דורכגאַנג הינטער דער אַלטער שול, וואָס איז געווען תמיד באַדעקט מיט בערגלעך צואה און וואו עס האָט תמיד מוראדיק געאַוירט דער קיינמאָל זיך ניט־אויס־ווערפנדיקער ריח פון השתנה פון אַ גאַנצער עדה אידן.

און אז מען האָט חיה־גוטען באַלד צוגעשטעלט צום וואַנט האָט זי שוין מער קיין געשריי ניט אַרויסגעלאָזן. זי האָט בלויז אויסגעגלאָצט אירע אויגן וואָס זיינען געוואָרן אין דער מינוט אומגעווויינטלעך קיילעכדיק און גרויס — ווי זיי וואָלטן ניט פאַרשטאַנען און האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מען גייט מיט איר איצט טאָן.

אַכטער קאַפּיטל

פאַר די אָרימע ברידער

א.

אינם גאָלדענעם לאַנד געשען דעמאָלט גרויסע נסים:

— רויט מענטשלעך בלוט וואָס גיסט זיך אין די לענדער פון אויף יענער זייט אָקעאַן, ווערט דאָ שנעל פאַרוואַנדלט אין געל־פלאַקערדיקן תאוהדיקן גאָלד.

אינם גליקלעכן און געבענטשטן לאַנד, אין די מלחמה־יאָרן, הויבט דעמאָלט ווירקלעך אָן צו וואַלגערן זיך גאָלד אין די גאַסן.

טאָג ווי נאַכט, נאַכט ווי טאָג ברענען די פייערן אין די שמעלץ־אויוונס, אין די געווער־פאַבריקן און אין די ריזיקע שטאָל־און־אייזן זאַוואָדן איבערן גאַנצן לאַנד. עס אַרבעטן דאָרט הונדערטער און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער — אַרבעטן אין בייטאָגיקע און בייַנאַכטיקע וואַכטעס — אַמוניציע־פאַבריקן אַרבעטן נאָכאַנאַנד פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

עס שלינגען איין וואָס אַמאָל אַלץ גרעסערע מחנות מענטשן די פאַבריקן וואו מען שמידט געווער און וואו מען גיסט אויס קוילן, גראַנאַטן, שראַפּנעלן, באָמבע־צודעקן און אַלערליי האַרמאַטן־טיילן פאַר אַלערליי אַרמייען פון אַלערליי פעלקער, — פאַר יעדן איינציקן וואָס שיקט נאָר אַהער גאָלד, גאָלד, גאָלד. בלוט ווערט דאָ פאַר־וואַנדלט אין גאָלד. און דאָס דאָזיקע „גאָלד״ — אויף די שלאַכט־פעלדער — אין בלוט.

אָבער ניט נאָר דורך שמידן געווער און האַרמאַטן ווערט דאָס בלוט, וואָס פליִיצט אַהער אַזוי שפּעדיק פון די מדינות פון אייראָפּע,

פאַרוואַנדלט דאָ אין גאָלד. דאָס פּאַסירט אויך דורך אַלערליי פּריוד־לעכע, אומשולדיקע אונטערנעמונגען.

אויך שניידער־פאַבריקאַנטלעך גייען ממש אין גאָלד פון נייען הויזן און מאַנטלען פאַר דער אַרמיי — פאַר די אַרמייען. געוועזענע קליינטשיקע קרעמערלעך און אייגנטימער פון קענדי־סטאָרס ווערן מיט איין קלאַפּ גרויסע שטיינרייכע „מאַנופעקטשורערס" — פאַבריקאַנטן פון מיליטערישע בענדלעך פאַר זעלנערישע מונדירן, פון שנירלעך פאַר אַרמייאישע שטיוול, פון קנעפּלעך פאַר סאָלדאַטישע פּליודערן און גאַטקעס...

אַלע, אַלע אינדוסטריעס אינם געבענטשטן לאַנד אַמעריקע בליען אויף, שטופּן דעם וואוילזיין פונם גאַנצן לאַנד — און שיר ניט פון יעדן איינציקן מענטשן א י נ ם לאַנד — אַלץ פאָראויס, אַלץ באַרג־אַרויף. מענטשן הויבן אָן רייך ווערן ממש איבער נאַכט.

מאַליאַרעס, פּלאָמבערס, פּלאַסטערערן1) — הויבן אָן צו פאַרדינען צען, צוועלף דאָלאַר אַ טאָג. הויבן אָן אָפּצושפּאָרן געלט אין די בענק, שיקן די ווייבער אין קאַונטרי אַריין, שאַפן זיך איין אויטאָמאָבילן, פאָרדלעך כאַטש... ווירקלעך, מענטשן זיינען אין אָט יענע יאָרן רייך געוואָרן טאַקע איבער נאַכט.

אויך בונעם פאַרמאַגט שוין איצט ניט איין שוסטער־שאַפּ, נאָר עטלעכע — גאַנצע דריי שעפּער. זיי געפינען זיך אַלע אין האַרלעם. איינער אויף דער פינפטער עוועניו, דער צווייטער אויף לענאָקס עוועניו, דער דריטער אויף דער הונדערט־און־זעכצנטער גאַס — אַלע, הייסט עס, אין געדיכטע, שטאַרק־באַפעלקערטע און פאַרמעגלעכע ראַיאָנען.

אין די שעפּער ביי אים איז תמיד „ביזי" פון קאַסטאָמערס2). זיינע שוסטער־געוועלבן זיינען איינגעריכט אויפן מאָדערנסטן אופן. זיי געפינען זיך שוין מער ניט אין קעלערס, נאָר אויף גראַנד־פלאָרס, גלייך מיטן טראָטואַר — דער קליענט, און דערעיקרשט די רייכע פריילן אָדער דאַמע, זאָלן ניט דאַרפן קלעטערן אַרונטער און אַרויף שטיגן.

בענק מיט פיינע צעראַטענע געבעטע געזעסן שטייען לעבן די פענצטער. ניטאָ מער קיין „געדענקען אויפן קאָפּ", פאַר יעדן שטיקל איבערגעלאָזטער אַרבעט קריגט דער קאַסטאָמער אַ געדרוקט קוויטעלע, מיט אַ נומער. די שוי־פענצטער אין די שעפּער זיינען שוין

איצט גרויסע און ציכטיקע. דאָרט זיינען אויסגעשטעלט אַלערליי פּודעלעך שוואוואַקס און פּוץ־קרעמען פאַר אַלערליי מעגלעכע קאָלירן שוכוואַרג; עס ליגן אָנגעהויפט בערג גאַנצע קאַוטשוקענע אָפּצאַסן און זוילן, שוך־שנירלעך און קאָרקענע אַריינלייגעכטסן.

בונעם אַליין אַרבעט שוין איצט ווייניק. ער מאַכט בלויז דורכן טאָג אָפּטע שפּאַצירן פון איין שוסטער־שאַפּ אינם צווייטן. אומעטום זיינען טאַקע ביי אים אָנגעשטעלט גוטע מייסטערס — אידן, איטאַ־ליינער, איירישע3). ער דאַרף אָבער זען צי אפילו אין זיין אָפּוועזנ־הייט ווערט די אַרבעט אויך געטאָן ריכטיק.

— דיינע שעפער האָבן איצט שוין אין ניו־יאָרק א נאָמען, א טריידמאַרקע, יו נאָאו... — האָבן לאַנדסלייט מיט א וואָזשנעם טאָן אים אָפּטמאָל געגעבן צו דערקלערן. — דו דאַרפסט זיי זען אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... דער נאָמען פון א ביזנעס איז אַסך וויכטיקער, פאַרשטייסט מיך, ווי דער אייגענער נאָמען!

און איבער אַלע שעפער בונעמס — דערווייל זיינען זיי דריי אין צאָל; פּאָר א פּערטן האַלט ער ערשט איצט אין אויסזוכן א פּאַסיקן אָרט וואו צו עפענען אים — הענגען איצט שיינע ציכטיקע שילדן: איינע א האָריזאָנטאַלע שילד און צוויי ווערטיקאַלע. אויף זיי איז גאָרניט אויסגעמאָלט, גאָרניט רעקלאַמירט — אפילו בונעמס נאָמען אַליין איז אויך ניטאָ אויף זיי. אויף זיי געפינט זיך בלויז איין־איינציקע גרויסע אויפשריפט, — די פירמע, די טריידמאַרקע:

—The Bonum Shoe Repairing Company.

ב.

יאָ, בונעם איז ביסלעכווייז געוואָרן רייך. און קלוג אפילו אויך: דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט זיינס האַלט ער שוין מער ניט איצט אין די בּענק, — א נאָ, סער! זיין גאַנצן אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן האַלט ער איצט אַריינגעלייגט אין ריעל־עסטייט4).

אויף ריעל־עסטייט איז אין ניו יאָרק לעצטנס א גרויסער בום5). אַלע קויפן ריעל־עסטייט. אַלע זאָגן אַז דאָס איז דער בעסטער אופן ווי צו אינוועסטירן אָנגעקליבן געלט — עס טראָגט דעם העכסטן פּראָצענט, עס ברענגט דעם גרעסטן ריוח...

אין פארשיידענע טיילן פון ברוקלין, אין בריטאַן און אין איסט־פלעטבוש, פאַרמאָגט איצט בונעם אַ היפּשע צאָל פיינע „לאָטס" אויף וועלכע עס וועלן זיכער שטיין אַמאָל די שענסטע רעזידענץ־הייזער, די רייכסטע קאָטעדזשעס. אָבער בונעם — ניט ער פאַר־קויפט זיי דערווייל, די לאָטס זיינע, און ניט ער בויט זיך אויף זיי אליין.

פאַרקויפן איז אַ שאָד; די פרייזן האַלטן ממש יעדן חודש אין איין שטייגן. און מען זאָגט אַז עס וועט נאָך ערשט שטייגן און שטייגן... דערהויפּט ווען מען וועט דאָרט, אין די געגנטן וואו זיינע לאָטס געפינען זיך, פאַרענדיקן איינגאַנצן די אַרבעטן פאַר דער נייער סאָבווי וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן שוין מיט אַ שטיק צייט צוריק.

— אַ סאָבווי אונטער אַ געגנט — ווייסט שוין איצט בונעם — איז פּונקט ווי מען וואָלט אונטערגעמינעוועט אָט די געגנט מיט שטיקער גאַנצע גאָלד... ס'איז פּונקט ווי מען וואָלט דורך איר דורכגעלייגט שליאַכן טונקעלע פון דימענטן.

נו, און בויען זיך אליין—אויף דעם איז נאָך דאָ צייט, איז נאָך דאָ צייט... ס'איז ניט אַז בונעמען זאָל האָבן פאַר דער גאַנצער צייט ווען־עס־איז איינגעפאַלן אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיך צוריקקערן אין דער אַלטער היים. אַ, נאָ סעררי! ניט ער — ניט ביי מאָטיען... ער, בונעם, איז שוין גאָר, גאָר ניט אַזאַ נאַר, אויף צו קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אריין. די אַלטע היים איז פאַר אים איצט שוין געוועז טויט מיט טויזנטער טויטן — טויט און באַגראָבן.

פאַר אָט דער צייט איז בונעם שוין געוואָרן אפילו אַ בירגער אויך — אַ שטאָלצער בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. אמת, דאָס קריגן די בירגערשאַפט איז אים אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג — גיי אין זיינע יאָרן און חזר אוים אויף אויסנווייניק, פאַרגעדענק, אשטייגער, וויפיל סענאַטאָרן און וויפיל קאָנגרעסלייט עס זיינען דאָ אין אַ סטייט, וואָס זיינען די אַרבעטן פונם סענאַט, און וואָס — פונם סופרים קאָורט6)...

בונעמען אָבער האָט אָפּגעגאָלטן: אויפן עקזאַמינאַטאָרן־קאָמיטעט האָט זיך גראָד געפונען איינער אַ פּאָליטישן פונם דיסטריקט וואו בונעם האָט געוואוינט. יענער פּאָליטישן, וועלכער האָט זיך געקליבן

אינגיכן צו לויפן פארן קאנגרעס, האט אים דעריבער געטאן א „פיוואר" — ער האט זיך געריכט צו געפינען אין בונעמען א באַשטענדיקן געטרייען „וואוטער"7).

יא, בונעם איז שוין איצט געווען אן אמתער, א פאלגער אמעריקאנער. און אויב ער האט פונדעסטוועגן פארט ניט געוואלט סטראַיען זיך אויף זיינע אייגענע לאטס איז עס געווען בלויז דערפאר:

— צוליב וואס דארף עס א מענטש אליין, און א ווייב, און קינדער־און־רינד — א גאנצע הויז פאר זיך? פאר אים אליין, א סינגלמאן8), איז גענוג ווען ער דינגט א שיינעם חדר ביי פרעמדע

ס'איז אומעטיק? ניין, ס'איז ניט אומעטיק. א גאנצן טאג און אפילו א שטיק פונם אוונט, איז מען דאך אין די ביזנעס. נו, און אין אוונט — אין אוונט איז מען, ערשטנס, מיד. מען איז סך־הכל גאר צופרידן זיך אריינצוּוואַרפן גלייך נאכן סאפער אין בעט אריין. דערהויפט נאך ווען מען האט אריינגעפאקט דעם גרויסן איינגעפרעגלטן סטייק, מיט ציבעלקעלעך און מיט היפשער שיסל פרענטש פרייד פאטייטאס9), און מען האט עס נאך דערצו ארונטערגעשווייינקט מיט א פיינטעלע10) שוימיקן און קילן ביר וואס איז ווי א בורשטינענע פליסיקייט — איז דעמאלט אודאי דער גרעסטער פלעזשור טאקע זיך אריינוואַרפן וואס פריער אין בעט אריין, און געשמאק און אן איבעררייס דורככראפן די גאנצע נאכט.

און ווען מען איז ניט מיד, איז אויך גענוג דא ווי און וואו צו אמוזירן זיך.

בונעמס פארגעניגן אין א מיטנוואכעדיקן אוונט פלעגט זיין: אריינצוכאפן זיך אין א נאנטן סאלון11), וואו ער פלעגט שוין טרעפן עטלעכע גוטע פריינט. זיי פלעגן זיך אלע דארט ארומזעצן ארום איין טיש. פאר זיי — גרויסע גלעזער מיט שוימיקן ביר. ארום זיי — ביליארד־טישן ארום וועלכע עס זשומען, אויף וועלכע עס קריכן ארויף און ציען זיך אוים אין דער גאנצער לענג חברה „ספארטן" וואס שפילן ביליארד און „פול". אז מען וויל גאר, ווארפט מען אריין א ניקל12) אינם שפאלט פונם ריזיקן, אין „זילבער" און אין „גאלד" איינגעטונקטן מוזיק־קאסטן, וואס טורעמט דארט אין א ווינקל, און דער קאסטן דערלאנגט דיר די שענסטע און די נייעסטע און די בעסטע מוזיק וואס א מענטש קען זיך נאר ווינטשן... פאר איין ניקעלע. און אז עס טרעפט אויך און מען איז ניט געשטימט מוזיקאַ־

ליש, בלייבט מען זיצן ביים טיש און מען האקט א פינאָקל און א פּאָוקער, אז עס גייט אזש א רויך.

דאָס איז — אין א געוויינטלעכן טאָג.

אין אן אָפּרו־טאָג, אין א יום־טוב־טאָג, זיינען דאָ יום־טובדיקע פארגעניגנס: גייט מען אין טעאַטער אריין. בונעם איז שוין איצט, ווי געזאָגט, א פאָלנער אמעריקאַנער — ער גייט שוין אין ענגלישן טעאַטער אריין. אזוי־ווי אָבער ער פארשטייט פונדעסטוועגן ניט די שפּראַך צו־גוט, האָט ער אמבעסטן ליב צו גיין אין אזא טעאַטער וואו מען רעדט וואָס ווייניקער — אשטייגער, צו א גוירל־שאָו, צו א לעג־שאָו[13].

דאָרט פילט זיך בונעם ווירקלעך א מענטש מיט מענטשן גלייך — יאָ, טאַקע א פאָלנער אמעריקאַנער: ער פארשטייט אַלץ, אבסאָ־לוט אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אויף דער בינע... און אז ער קומט צוריק פון טעאַטער ברענגט ער אפילו מיט זיך מיט א פּאָפּולער לידל וואָס ער האָט זיך דאָרט אין יענעם אָוונט אויסגעלערנט. דאָס לידל קנעלט ער דערנאָך איין מיט שמחה מיט זיינע מייסטערס — כאַ־כאַ, אַלע פרעגלען זיך דאָרטן פון פארגעניגן.

— סיי באָים, דיד יו היר דהי לייטעסט? נאָ?[14]

און ער קנאַקט פאר זיי אָפּ די מיטגעבראַכטע מעלאָדיע, זייער וואוילינגעריש און מיט אַלע פישטשעוועס, דרייענדיק דערביי די אקסלען און דעם גרויסן הינטער־חלק זיינעם, צוקנאַקנדיק דערביי לע־בעדיק מיט די פינגער:

—Come over here,
Come on and hear
Alexander's rag time band . . .

ג.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אמאָל, נאָך איידער אמעריקע איז אליין אריינגעטראָטן אינעם וועלט־קריג.

דעמאָלט ווען בונעם איז געווען נאָך אָרים; ער פלעגט גיין דעמאָלט אמוזירן זיך אויף דער באָוערי, אין מ י נ ע ר ס בורלעסק־טעאַטער.

פון דאָרט פלעגט אָבער בונעם אוועקגיין אָפּטמאָל א ניט־באַ־פרידיקטער, מיט א שטיקל פאַרדרוס אין האַרצן — עס פלעגט אים אויפרייצן דאָס וואָס אין שוי־זאַל פלעגט זיך דער עולם בשעת מעשה האַליובען און קושן, קניפּן און האַלזן... מאַנספאַרשוינען פלעגן אַרויפשלעפּן מיידלעך און ווייבלעך צו זיך אויף די שויסן. און ער, בונעם — ער איז דאָ איינער אַליין, כאַטש נעם און קוועטש און דריק און האַלז, דעם שטול אויף וועלכן דו זיצסט.

אָבער איצט איז שוין אַנדערש. איצט איז שוין בונעם פאַר־מעגלעך — אין דער אַלטער היים וואָלט ער, מיט זיין געלט, אודאי געווען נאָך פאַררעכנט ווי זייער א גרויסער גביר. און בונעם, ווי איינער וואָס איז שוין איינגאַנצן אויסגעגרינט, גייט — אפשר קען ער שוין איצט אַביסל מער ענגליש און אפשר נאָך אַלץ ניט — אַזוי צי אַזוי: איצט גייט ער שוין אין טעאַטער אויף סאַמע בראָדוועי.

אין טעאַטער האָט ער נאָך אַלץ ליב צו גיין אויף א גוירל־שאָו, אויף א פאָרשטעלונג פון נאַקעטע פּולקעס. איצט אָבער גייט ער שוין אין ווינטער־גאָרטן, אָדער צו די „זיגפּילד־פאָליס". ער זיצט דאָרט אַזוי אַן אויסגעפּוצטער אין א סמאָקינג און אין א שטייף־געפּרעס־טער שניי־ווייסער מאַנישקע, ווי יעדער איינער פון דער רייכער און עלעגאַנטער אוידיטאָריע — עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. אין טעאַטער? אין א וואונדערלעכן גן־עדן! א פאַרבלענדעניש פון גאָלד און זילבער און פּערל אויף נאַקעט פון אויסערגעוויינטלעך־שטאַלטנע פרויען. עס בלענדן און שימערירן אין די טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן אַרום אים מיט צויבער און וואונדערלעכקייט, — א כישוף־וועלט, וואו עס לעבן די אמתע מיליאָנערן... פאַר בונעמען אויף דער סצענע הוידען זיך נאָכאַנאַנד אַרויף און אַראָפּ צענדליקער, הונדערטער בלענדנדיק־נאַקעטע פרויען־פיס. זיי ווינקען צו אים, זיי שטופּן זיך אים גלייך אין די אויגן אריין, ווי ווייס־צעגליטע פייערדיקע זיילכעלעך — פיס, פיס, פיס...

אָבער בונעמס סאַמע גרעסטער פאַרגעניגן איז דאָן געווען דער זונטיק־ביייטאָג.

זינט בונעם איז געוואָרן רייך און זינט פרעמדע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן ביי אים צו אַרבעטן, איז בונעמס וועכנטלעכער רו־טאָג פון שבת געוואָרן זונטיק.

איז אין אַ זונטיק־בייטאָג פֿלעגט ער ליב האָבן אַרויסצופֿאָרן אין אָט יענע געגנטן פֿון ברוקלין וואו זיינע לאָטס געפֿינען זיך און אַרומבלאָנדזשען דאָרט אַזוי איבער די ליידיקע גאַסן וואָס גרעניצן זיך מיט זיינע פּלעצער.

גאַסן זיינען דאָרט שוין פֿון לאַנג אויסגעלייגט געוואָרן אין דער אַרומיקער גראָז־פֿאַרוואַקסענער זומפּיקער געגנט. מאָדנע גאַסן: זיי פֿאַרמאָגן שוין אַפֿילו טראָטואַרן פֿון גרויסע פּירקאַנטיקע אַספֿאַל־טענע פּליטעס; דער „ברוק" אינמיטן איז שוין באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט פֿעך־באַגאָסענע שטיינדלעך. נאָר פֿוסט זיינען זיי פֿונדעסטוועגן, די דאָזיקע גאַסן, קיין סימן פֿון אַ הויז איז נאָך דאָ אין ערגעץ ניט צו זען.

אַ מענטש גייט אויף זיי זעלטן דורך. אויב אַזאַ מין מענטש באַווייזט זיך אַמאָל יאָ, איז עס אויך הויפּטזעכלעך אין אַ זונטיק. אפֿשר קומט יענער אויך צו באַקוקן זיינע לאָטס? אָדער אפֿשר זוכט זיך נאָר אָט יענער מענטש אויס אַ פּאַסיק אָרט וואו צו שטעלן אַ הויז?

בונעם קוקט דאָ זיך ניט אויס קיין אָרט פֿאַר אַ היים, ניין. פּאַטש ער דרייט זיך דאָ אַרום אַ גאַנצע שעה, צי צוויי, צווישן די ליידיקע קוואַדראַטן וואָס זיינען באַזוימט מיט אַספֿאַלט־בלאָקן און באַוואַקסן מיט ווילדע געוויקסן, — מיט קוסטעס, מיט סומאַק־פֿלאַנצן און מילך־גראָז. איז מסתמא טראַכט ער דאָך דעמאָלט אויך פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן און חלומט פֿאַר זיך דעמאָלט פֿאַרשיידענע חלומות — וואָס, אַ מענטש וועט עס דען אַרומגיין צוויי שעה צייט נאָכאַנאַנד גלאַט אַזוי, פֿוסט־און־פּאַס? נאָר אַ זייטיק אויג — דאָס זעלטענע אויג פֿון אַ מענטשן וואָס באַווייזט זיך דאָ אַמאָל — זעט מער ניט:

איינער אַ מענטש, אַ הויכער און אַן אויסגעפּאַשעטער, אין אַ ליכטיק־גרויען אָנצוג, דרייט זיך אַרום איבער די אַרומיקע ליידיקע לאָטס, טאָפּטשעט זיך צווישן די הויכע נאַסע גראָזן. דער מענטש בויגט זיך פֿון צייט צו צייט איין, הויבט אויף אַ שטיינדל און טראָגט עס ערגעץ אַוועק אין אַ שטיינער־קופּע; הויבט אויף אַ פֿאַרזשאַווערט בלעכל פֿון קאָנסערוון וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אַהער גאָט ווייסט פֿון וואַנען, — און פֿאַרוואַרפֿט עס ערגעץ — ער פֿאַרוואַרפֿט עס אַרי־

בער אויף א צווייטן לאַט, אויף א פרעמדן לאַט... דאָס איז אַלץ, וואָס יענער מענטש זעט.

ד.

אין א פּאָר יאָר אַרום האָט זיך די מלחמה ענדלעך פאַרענדיקט אויף דער גאַנצער וועלט. דערפאַר אָבער אין דעם אידישן טייל פון דער וועלט — זייער א קליינטשיקער און באַגלייך אויך זייער א גרויסער טייל — האָט זיך דעמאָלט ערשט רעכט אָנגעהויבן צו גיסן בלוט.

האָבן בונעמס שטאָטלייט, סיי די וואָס האָבן געהערט צו זייער באַזונדערן ברענטש פון אַרבעטער־רינג און סיי די וואָס האָבן קיינ־מאָל ניט געהערט אַהין, — האָבן זיי גענומען אַלע און זיך אָרגאַ־ניזירט אין א לאַנדסמאַנשאַפט. א פאַראיין, הייסט עס, אויף צו העלפן דערהאַלטן ביים לעבן יענעם טייל פון די פאַראומגליקלעכטע איינוואוינער פון זייער שטאָט וועמען עס איז נאָך דערוויל ניט געוועזן צו־שפּעט צו דערהאַלטן ביים לעבן... ביז אימיצער דאָרטן וועט זיי אויך ענדלעך ניט אויסקוילענען.

קיין בריוו און קיינע ידיעות זיינען נאָך אַלץ דורך קיינעם ניט דערהאַלטן געוואָרן פון „יענער זייט”, פּונקט ווי עס ווערן ניט דער־האַלטן קיין בריוו און קיינע ידיעות פון אויף יענער זייט לעבן, — פון דער אמתער „יענער זייט”. די צייטונגען אָבער האָבן פּונדעסט־וועגן געוואוסט צו דערציילן אַזעלכע זאַכן פון דעם וואָס עס טוט זיך דאָרטן איצטער אָפּ אַז ביי רואיקע און זאַטע מענטשן דאָ פלעגן זיך ממש די האָר שטעלן אויפן קאָפּ, — מעשות שרעקלעכער ווי די פּחדים־געשיכטעס און בלוטיקע גרוילן פונם דאַנטישן גיהנום.

און די גליקלעכע און רואיקע מענטשן אויף „דער זייט” האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן זייער רו. ס'איז זיי געוואָרן שלעכט, זייער שלעכט... איז וואָס, אַז אַלע זיינען זיי געוועזן איצט אָנגעשטאָפּט מיט געלט און גאָלד? וויבאַלד אַז זיי האָבן נעבעך ניט געקענט מער רואיק שלאָפן דורך די נעכט.

האָבן זיי זיך געוואָרפן און געשליידערט אויף זייערע ווייכע געלעגערס, איז דער שלאָף פון זיי פאַרוואָגלט געוואָרן, אַזוי לאַנג

און אזוי ברייט, ביז מען האָט אָנגעהויבן שיקן אַהין —
— פּעקלעך.

אינם לעבן פון די צוויי אידישע פעלקער וואָס אויף ביידע זייטן פונם גרויסן און שטורמיש-גלייכגילטיקן אַטלאַנטישן אָקעאַן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע — אַ הערלעכע עפּאָכע, אַ רומפולע עפּאָכע, אַ גאָלדענע ערא, וואָס וועט לאַנג און לאַנג שטראַלן אין דער געשיכטע, שטראַלן גאָלדיק און בלוטיק — די עפּאָכע פון פּעקלעך שיקן, די ערא פון הילף פאַר די אָרימע ברידער...

— ווען האָט מען עס געוואָלט גרינגער מאַכן מיט אַט די פּעקלעך — האָט מען עס געוואָלט פאַרשטאָפּן מיט זיי די וואונדן ביי יענע דאָרטן וואָס זיינען אָפּגעגאַנגען מיט אַזויפיל בלוט?

— האָט מען עס מיט זיי געמיינט צו פאַרשטאָפּן די שרייענדיקע ווילד-צעריסענע מיילער, וואָס כאָטש מען האָט זייערע געשרייען פון דאַנען גאַרניט געהערט צוליב דער ווייטקייט, האָבן זיי דאָך גע-שטאָכן די הערצער פון די רייכע און גליקלעכע לאַנדסלייט — דינע שטילע שפּיזן אין רויט-קלאַפּנדיקע געזונטע הערצער אריין?

הערצער וואָס האָבן געקלאַפּט מיט פולער לעבנס-לוסט דורך די לאַנגע שנייאיקע און ווינטיקע ניו יאָרקער ווינטער-נעכט אין די באַקוועמע צענטראַל-באַהייצטע אַפּאַרטמענטן, אין די רייך-פּאַרפּוצ-טע און ליכטיקע שלאָפצימערן — צי גאָר דורך די קורצע, גאָלד-און-דימענט-נעכט וואָס אין פרעכטיקע זומער-פּאַוויליאָנען ביי די ים-ברעגן — אָדער אין לוקסוסדיקע זומער-קאַטעדזשעס וואָס אין די בלויע-בערג פון פּענסילווייניע, אין די ווייס-בערג פון ניו-העמפּשייר, אין די גרין-בערג פון ווערמאָנט?

ח.

אין אַ שיינעם זאַל דאַון-טאַון — אין אַ זאַל, וואו עס קומען פאַר גרויסע מנינים ימים-נוראים-צייט און פילדערנדיקע דזשאַז-בעלער ווינטער-צייט — זיינען זיך אין איינעם אַן אָוונט צונויפגע-קומען אַלע לאַנדסלייט.

קיינער האָט דאָ היינטיקן אָוונט ניט געפעלט. אפילו אַזוינע מעמבערס וואָס פלעגן קומען צוגיין אויף אַ מיטינג זייער זעלטן,

כמעט קיינמאָל ניט; אפילו ווייבער, אפילו עלטערע ווייבער זיינען אויך געקומען.

ס'איז גלייך געווען צו זען, אז היינט קומט דאָ פאָר אן אויסער־געוויינטלעכע אסיפה.

אויפן סופיט זיינען געהאנגען אסך הענגלעך בר׳ענענדיקע גרויסע וויינטרויבן — ליוסטרעס מיט בינטלעך פראָסטיק־שיינענדיקע עלעקט־רישע לעמפעלעך. אויף די דעקאָרירטע ווענט — פילצוייגיקע העסעס, אָנגעצונדענע ווי צו עפּעס אַ וויכטיקן באַנקעט — ווירקלעך, ווי צו אַ חתונה־מאָלצייט.

די מלבושים אויף אַלעמען — אויך יום־טובדיקע, ציכטיקע און מערסטנטיילס טונקעלע. די פּנימער — ריין געראַזירט, גלאַט, אָבער געלבלעך־בלייך אינם עלעקטרישן ליכט. איין פּנים ענלעך אויפן צווייטן, ווי אַסך, אַסך, — ווי צענדליקער און צענדליקער ברידער פון איין טאַטע־מאַמען. און אויף אַלעמענס פּנימער איין אויסדרוק — פייערלעך און אויסערגעוויינטלעך־וויכטיק.

— ליידיס און דזשענטלמען, — האָט באַלד געעפנט דעם מיטינג דער פאָרזיצער, אַ לאַנדסמאַן, וועמען בונעם, גראָד אַ שטענדיקער און פלייסיקער באַזוכער פון שיר ניט אַלע מיטינגען, האָט נאָך דאָ קיינמאָל פריער ניט געהאַט געזען: אַ פאַרשוין פון מיטעלן וואוקס מיט אַ מאָגער געזיכט, אַ שאַרפּס און אַ ווינקלדיקס. „קענטיק, זייער אַ וויכטיקער מענטש", האָט בונעם ביי זיך אַ טראַכט געגעבן. „דאָס ערשטע מאָל דאָ — און מען גיט אים שוין אָפּ כבוד צו זיין אַ טשערמאַן".

איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוריידן אפילו בלויז עט־לעכע ווערטער, האָט דער פאָרזיצער אַרונטערגעשלונגען אַ גאַנצע גלאָז סעלצער־וואַסער פונם סיפאָן לעבן אים אויפן שטענדער. ער האָט אָנגעצאַפּט גלייך אַ צווייטס, געלאָזט שטיין לעבן זיך, גרייט... און אפשר מער פון דעם, ווי פון דער פייערלעכער מינע אויף זיין געזיכט, איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז ער קלייבט זיך צו האַלטן דאָ זייער אַ לאַנגע און זייער אַ וויכטיקע רעדע... די גע־זיכטער פון די פאַרזאַמלטע זיינען דעריבער געוואָרן נאָך ערנסטער, נאָך טרויעריקער. טייל האָבן אַרונטערגעלאָזט די פּנימער ווי שולדיקע.

— ליידיס און דזשענטלמען... דיזן אָבענד האָבן מיר אַ מיטינג פון גרעסטן אימפּאָרטענס15)... איך מיין, אַז איך דאַרף עס

אייך ניט צו־פיל עקספּליינען16). די בלוטיקע שטימע פון אונזערע אַרי־מע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים, לידים און דזשענטל־מען, וואָס זיינען פאַרבליבן אינם אומגליקלעכן באַלשעוויקעס־לאַנד, זי שרייט צו אונז אַהער... יעס... איך מיין, איך דאַרף עס אייך ניט צופיל עקספּלעינען... דאָס איז... וועל, איט'ס סימפּלי טער־ריבל, דהאַט'ס אָל17) ! —

ער האָט ווידער גענומען דאָס גלאָז סעלצער־וואַסער אין האַנט, האָט עס אָבער ניט אונטערגעטראָגן צום מויל.

— אָוו קאָרס18), מיר טאָרן ניט פאַרגעסן : מיר זיינען לאָיאַל סיטיזנס פון די יונאַיטעד סטייטס, און מיר האָבן אַבסאָליוטלי קיין רעכט ניט צו מישן זיך אין פאַרעין פּאָליטיקס19), ווי אייניקע אונזערע אידעלעך וואָלטן עס געוואָלט ! כ'האָב אַנומלטן גערעדט מיט מיינעם זייער אַ גוטן פריינט, אַ יונאַיטעד סטייטס סעניטאָר, האָט ער מיר געזאָגט דזשאַסט20) דאָס זעלביקע, אַז ער שטימט מיט מיר איין...

ביי דער דאָזיקער וויכטיקער דיפּלאָמאַטישער אַנצוהערעניש האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דער עולם זאָל קענען ווי געהעריק איז אַריינכאַפּן אין קאָפּ די גאַנצע וויכטיקייט פון דעם געזאָגטן. אָפּ־וואַרטנדיק, האָט ער באַטראַכט דעם עולם ; דער עולם, פון זיין זייט, האָט זיך אויך שווייגנדיק איבערגעקוקט.

— אָבער דיזע שטימע — דער פּאָרזיצער האָט זיך קענטיק אָנגענומען מיט מער קוראַזש : זיין אייגענע שטימע האָט זיך גע־העכערט — דיזע בלוטיקע שטימע, יו אָל אַנדערסטענד21), איז אַ שטימע, וועלכע פאָדערט פון אונז, אַז מיר זאָלן טאָן אונזער דיור־טי22)... ווערנד מיר לעבן אַלע גליקלעכע אין איי גאָדס קאָנטרי23), סאָפּערן24) זיי דאָרט אַלע אומזיסט־און־אומניזשט... וועל, איך בין פּאָזיטיוו, אַז מיר וועלן דיזן אָבענד ניט פירן קיין שום אומזיסטע דיבייטס25), ווי מען איז עס תמיד געוואוינט ביי אונזערע אידע־לעך...

און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע האָבן פאַרלוירן זייער לכתחילהדיקע אָנגעשטרענגטקייט. דעם טשער־מאַנס רעדע איז, נאָך אַלעמען, געווען אַסך אַ קירצערע, ווי מען האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן.

דער פאָרזיצער, ניט אויפשטייענדיק פון זיין פאָרזיצער־שטול מיט הויכן לען־וועגטל :

— וועט אימיצער אפשר מאכן אַ מאַשען, מיר זאָלן גלייך צו־טרעטן צו די עלעקשאַנס פון אַ דעלעגאַט?

ז.

און ווען עס איז געקומען צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאַר אַ דע־לעגאַט, איז די פייערלעכקייט און ערנסטקייט באַלד גאָר אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אַלעמענס פנימער.

אַ היציקייט, אַ ליידנשאַפטלעכע קאַכעניש האָט אין איין מינוט אָנגעפילט דעם גאַנצן זאַל. צווישן דעם עולם האָבן זיך געפונען צוויי צדדים: איין צד האָט געוואָלט שיקן ווי אַ דעלעגאַט דעם פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — ניט דעם טשערמאַן פון דער היינטיקער אויסערגעוויינטלעכער פאַרזאַמלונג, נאָר דעם געוויינטלעכן, דעם באַשטענדיקן פאָרזיצער; און דער צווייטער צד האָט געוואָלט שיקן דעם סעקרעטאַר.

ביידע זיינען זיי געווען די צוויי וויכטיקסטע טוער פון דער אָר־גאַניזאַציע; ביידע — די איינציקע פּאַסנדיקע קאַנדידאַטן פאַר אַזאַ מין וויכטיקער שליחות. ניט רעכענענדיק, פאַרשטייט זיך, דעם אויס־ערגעוויינטלעכן גאַסט, דעם פאָרזיצער פון דער היינטיקער אסיפה, ביי וועמען מען האָט שוין פריער וועגן דעם געהאַט אָנגעפרעגט, און וועלכער האָט אין ענטפער בלויז אַ שווייגנדיקן, גרינגשעצנדיקן שמייכל געטאָן:

— פּראַ־אדמס... קיין וויכטיקערע זאַכן האָט ער שוין ניט וואָס צו טאָן, וואָס?

דער פאָרזיצער און דער סעקרעטאַר — די אייביקע צוויי קעג־נער אינם פאַראיין, דער „טאָג" און די „נאַכט" פון דער לאַנדס־מאַנשאַפט. און יעדער איינער פון זיי האָט דאָ געהאַט זיינע אָנ־הענגער און פּאַטריאָטן.

האָט זיך אינם זאַל גלייך אָנגעהויבן אַ זשוזשעריי און אַ קאָ־כעריי. אַלע האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן, ווי פאַרסמטע, פון איין ווינקל אינם צווייטן — סודענען, „קאַמפּיינעווען".

אין דער צייט, וואָס אינם גרויסן בלענדנדיק־ליכטיקן זאַל איז אָנגעגאַנגען אָט די גאַנצע ליידנשאַפטלעכע קאָכעניש און שטים־מאַכעריי, איז בונעם געזעסן אין זיין ווינקל אויף איינער פון די

לעצטע רייען און האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פונם גרויסן וויכטיקן גאַסט, — פונם פּאָרזיצנדיקן פון דער היינטי־קער אסיפה.

באמת, וואָס איז אים אָנגעגאַנגען אָט דער גאַנצער וויכערדיקער טומל אַרום אים, אָט דער לײדנשאַפטלעכער געפּילדער? אַ געשעפט האָט ער... אַז עס וועט קומען צום אָפּשטימען, וועט ער שוין דעמאָלט וויסן פאַר וועמען מען דאַרף שטימען, — ער וועט זען, פאַר וועמען „אַלע" וועלן שטימען!

— איט'ס אָ־קעי, זיי וועלן עס שוין צווישן זיך „אויספּייטן"(26), — האָט בונעם גוטמוטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון די „ברידער און שוועסטער".

ווייל ער האָט בשום אופן ניט געקענט אַוועקנעמען די אויגן פונם טשערמאַן פון דער היינטיקער אסיפה, פונם פּאַרשוין מיטן שאַרפן ווינקלדיקן פּנים. אימיצער האָט אים שוין געהאַט איינגערוימט אין אויער, אַז דאָס איז מיסטער פרעד אָ'האַראַ — דער אַמאָליקער פיניעלע, איטשע־פּאַיע־רחלס זון. דער זעלביקער מיסטער אָ'האַראַ, וועלכער איז נאָך ביז איצט אויף קיין איינציקער פאַרזאַמלונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט ניט געקומען, כאָטש ער פלעגט רעגלמעסיק אַריינשיקן דעם קאַסירער זיינע „דיוס"(27), און אָפט — גרעסערע טשעקס, פאַר פאַרשיידענע צוועקן.

— איז אָט דאָס־אָ, הייסט עס, איז עס אַן אַמעריקאַנער מיליאָ־נער... — האָט בונעם זיך איינגעגעסן מיט די בליקן אינם שאַרפן ווינקלדיקן געזיכט. — פיניעלע... זאַיעצעם זונדל...

בונעם געדענקט אים נאָך, פיניעלן, גאַנץ גוט פון דער אַלטער היים אַרויס. אַ אינגל אַ בלייכס און אַ געלס און אַ צעקראַכנס געווען, ווי אַ שטיק קליאַטשע, ווי אַ שטיק פאַרגעלטע אַלטע וואַטע. און דאָ איז ער געוואָרן שטיינרייך — אַ פאַבריקאַנט, אַן אייגנטימער פון גרויסע פּראַכטפולע סטאָרס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, פאַרמאָגט אַ רייכן גראַפישן פּאַלאַץ ביים ברעג ים, אויף אַן אינזל ניט ווייט פון ניו יאָרק... אמת, אָט יענעם גראַפישן פּאַלאַץ האָט בונעם אַליין קיינמאָל ניט אָנגעקוקט. נאָר דערפאַר אָבער איז ער יאָ אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען די סטאָרס זיינע אויף בראָדוויי — די רייכקייט פון די אויסגעשטעלטע מלכותדיקע קליידער אין די וויט־רינעס, די פוטוריסטישע הערן און דאַמען פון אַלומינום אין די

שוי־פּענצטער, זיי האָבן בונעמען דעמאָלט אזש פּריטשמיעליעט... האָט מען זיך דעריבער שוין געקענט פּ אָ ר ש ט ע ל ן אין וואָס פאַרא גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ ביים ים אזא מיליאָנער פאַרגינט זיך עס צו לעבן!

— אַ מכה אים... און ווער איז ער עס געווען אינגאַנצן פון דער היים אַרוים? — האָט בונעם אין שטוינונג געקוועטשט איצט מיט די אַקסלען. — בסך־הכל אַ שניידער־איינגל... אַ שער־און־נאָדל... תמיד מיט פאַרשטאָכענע הענט איז עס אַרומגעגאַנגען און מיט אַ פאָדים אויפן פּידזשאַק... ניין, בשום אופן ניט קיין גרעסערער יחוס פון אַ שוסטער.

ז.

אָבער ניט דאָס האָט עס בונעמען אין אָט דער מינוט ווי אָנ־געפּילט מיט וואונדער און שטוינונג. בונעם ווייסט דאָך שוין פון לאַנג, אַז אַמעריקע איז אַ „דעמאָקראַסי" — אַלע, אַלע מענטשן אָן אויסנאַם זיינען דאָ גלייך. אַלע, אַלע אַמעריקאַנער בירגער קענען ווערן מיניסטאָרן, קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן. און דער עיקר: אַלע, אַלע מענטשן אָן אויסנאַם קענען דאָ ווערן מיליאָנערן...

יאָ, און אויך דאָס ווייסט שוין בונעם פון לאַנג: דאָ אין אַמעריקע איז קיין חרפה ניט פון וואָס מען ווערט עס רייך — אַבי מען ו ו ע ר ט נאָר רייך. בונעם האָט שוין אויף אייביק פאַרגע־דענקט די מעשה — און איז עס דען געווען בלויז אַ מעשה? ס'איז דאָך געווען אַ פאַקט, אַ פאַקט! — וואָס זיינער אַ לאַנדסמאַן האָט אים אַמאָל דערציילט. דאָס איז נאָך געווען אין יענער צייט, סאַמע אינם ערשטן יאָר בונעמס אין אַמעריקע, ווען ער האָט זיך נאָך שטאַרק געקווינקלט, צי ער זאָל אויך פאַרבלייבן אַ שוסטער, אָדער ווערן עפּעס אַנדערש. ווייל אַ שוסטער — וואָס פאַרא „צוקונפט" איז דען דאָ אין דעם?

איז אָט יענער לאַנדסמאַן האָט עס אים דעמאָלט דערציילט, אַז ער קען איינעם אַ פאַרשוין, אַ דייטשישן אידן, וועלכער איז דאָ אין אַמעריקע געוואָרן אַ גרויסער גביר, ממש אַ מיליאָנער, און טאַקע פון — וואַנצן!

— פון וואנצן ? — האָט אים דעמאָלט בונעם געגעבן אַ קוק מיט זיינע גרויסע, באַנקעוואַטע אויגן. און מיט הנאה אויסגע־שטשירעט ביידע רייען פון זיינע גרויסע פייכטע ציין, גרייט צו לאַכן פונם שפּיצל און דער חכמהלע, וואָס ליגט אודאי פאַרבאָרגן אין אָט די „וואַנצן". — גיי שוין, גיי... פון וואַנצן גאָר... וואָס הייסט ?

אָבער יענער לאַנדסמאַן האָט האַסטיק אַרויסגעכאַפּט דעם דיקן ציגאַר פון מויל־ווינקל, האָט העגעריש און בייז זיך דערנענטערט סאַמע צו בונעמס פּנים, ווי גרייט צו נעמען אים אויף אַ „פּאַיט".

— אָט קאָרס פון וואַנצן... — האָט ער אים כמעט באַליידיקט, שוין אַריינגעשריען אין פּנים אַריין. — ער וואונדערט זיך, דער גרינער ! איט'ס אָלל סימפּל28). דאָס איז אַ גרויסער ביזנעסמאַן, וועל־כער פאַרנעמט זיך מיט אויסראָטן וואַנצן פון די רייכסטע אַפּאַרט־מענט־הייזער... יאָ, יאָ ! וואָס קוקסטו מיך אָן, יו דעם פול ?29) טאָקע בעד־באַגס — וואַנצן, וואַנצן... ער האָט זיין „טרייד" אין די רייכסטע הייזער אויף דער וועסט־סאַיד, לאַך ניט !

כאָטש בונעם האָט שוין ניט נאָר ניט געלאַכט, נאָר האָט גאָר נעגאַפּט דעם לאַנדסמאַן יענעם גלייך אין מויל אַריין... און יענער האָט מיט אַפּלאָמב און וואַזשנעקייט פאַרענדיקט :

— וואַנצן־אויסראָטן — דאָס איז אַ גרויסע ביזנעס אין אַמע־ריקע, מאַינד יו...30) ס'פאָדערט זיך אויף דעם אַ גאַנצע פאַבריק מיט אַסך ספּעציאַליסטן־אַרבעטער ! האָסט נאָך אַסך וואָס אויסצוגעפינען וועגן אַמעריקע, בונעם !

איז אודאי ניט דאָס וואָס פּיניעלע, איטשע־פּאַיע־רחלס זון, איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ מיליאָנטשיק, האָט עס בונעמען אַזוי פאַר־חידושט ; און אַפילו אויך ניט דאָס וואָס יענער איז דאָ געוואָרן דיר אַ גאַנצער פּאַני־בראַט מיט די גרעסטע לייט, אַ גאַנצער שמעלקע מיט סענאַטאָרן !... פון גאָר עפּס אַנדערש האָט זיך בונעם איצט ניט געקענט אָפּוואונדערן :

— איז אָט אַ ז וי קוקט עס אויס אין אַמעריקע אַ מיליאָנטשיק ? בסך־הכל ? כמעט ווי ער אַליין, בונעם — ניט שענער און ניט רייכער...

גאָרניט אויף מיסטער אָ'האַראַן איז געווען אַנדערש ווי אויף די אַנדערע „ברידער און שוועסטער" — דער זעלביקער טונקעלער

אַנצוג, דאָס זעלביקע ריין־געגאָלטע פּנים, דאָס זעלביקע בלישטשנ־דיקע שטיינדעלע אין דער קראַוואַט־שפּילקע. אפשר שטעקט טאַקע דאָס גאַנצע עשירות יענעמס אין אָט דעם גרינלעך־בלישטשנדיקן שטיינדעלע? ניט ביי אַלעמען אין קראַוואַט, ווייזט אויס, שטעקט דאָס זעלביקע שטיינדעלע... וואָס פאַר אַ מבין אויף אָט אַזעלכע זאַכן איז ער עס דען, בונעם!

— בונעם! בונעם!! בונעם!!! — האָבן זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן אין בונעמס מחשבות ווילדע אויסגעשרייען, ווי בעת אַ פּלוצלונג־אויסגעבראָכענעם פייער אינמיטן אַ פעסטן שלאָף. די געשרייען און אַרויסרופן האָבן זיך מיט יעדער מינוט אַלץ מער געשטאַרקט.

— מיר נאָמינירן בונעמען פאַר אַ דעלעגאַט! בונעמען! בור־נעם! — ווי הילכיקע שאָסן האָבן די געשרייען געקנאַלט פון אַלע ווינקלען זאַל.

די עלעקטרישע ליכט אין די ליוסטערעס אויפן סופיט און אין די העסעם אויף די ווענט האָבן געדוכט צו שאָקלען זיך און אַזש טונקעלער ווערן אונטער דער אָנפּלייצנדיקער כוואַליע פון אָט די ווילדע קולות... אינם זאַל האָט זיך באַלד איינגעשטעלט אַן איינ־געעקשנטער כאָר פון אַסך, אַסך שטימען — ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער זאַל, פון עק ביז עק, האָט מוזיקאַליש געדונערט, אין קאָנוועַנשאָן(39)־סטיל:

— ווי וואָנט בונעם! ווי וואָנט בונעם... ווי וואָנט בונעם!

(מיר ווילן בונעמען!).

ח.

ציַ דערפאַר וואָס בונעמען איז געגאַנגען גוט אין זיינע גע־שעפטן; צי דערפאַר וואָס ער האָט שוין פאַרמאָגט אייגענע ריעל־עסטייט, און פאַר ריעל־עסטייט האָט מען געהאַט גרויס דרך־ארץ צווישן בונעמס לאַנדסלייט, וועלכע האָבן נאָך אַלע פון דער היים געטראָגן אין בלוט אַן אָפּשיי פאַר אַ איד אַ באַלעבאָס; אָדער איז עס אפשר דערפאַר וואָס בונעם איז געווען גלאַט אַ „גוד באַי", אַ מענטש אָן שום אַמביציעס, אַ מענטש וועלכער האָט קיינמאָל קיי־נעם ניט געקענט שטיין אין וועג, — אַזוי ציַ אַזוי:

די לאנדסלייט האָבן אים זייער גערן געהאַט, ווי מען האָט גע־ווײנטלעך גערן אַ מענטשן, וועלכער „טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט און האָט ניט קיין פליי אין נאָז״.

עס האָט דעריבער פּאַסירט: ווען עס איז געוואָרן קלאָר אַז ביידע צדדים וועלן בשום אופן ניט נאָכגעבן איינער דעם צווייטן, ווייל ביידע האָבן געקענט רעכענען בעת אַן אָפּשטימונג כמעט אויף אַ גלייכער צאָל שטימען; און ווען אייניקע מיטגלידער האָבן דערזען אַז די לאַגע ווערט אַן ערנסטע און אַז ביי אַזעלכע שטאַרק־צעהיצטע געמיטער איז דאָ אַ געפאַר פאַר אַ שפּאַלטונג אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכער צד עס זאָל ניט זיגן, — איז איינעם פון די אָנוועזנ־דיקע מיטאַמאָל איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק אַ געשריי אויס צו טאָן:

— איך נאָמיניר פאַר אַ קענדידייט ברודער בונעמען32)!

מעגלעך: יענער שרייער האָט עס נאָר בסך־הכל געמיינט אין שפּאַס... וואָס איז, מען טאָר זיך שוין קיינמאָל קיין וויצל ניט טאָן? אַ ווײלע איז דער צעהיצטער עולם געבליבן שווייגן שטיל, ווי געפּלעפט:

— בונעמען? וועלכן בונעמען? אַ, בונעמען... אָבער וואָס הייסט — בונעמען?

מען האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, מען האָט געזוכט דעם אויסשרייער, מען האָט אים געוואָלט אַריינקוקן אין די אויגן אַריין: וואָס האָט ער געמיינט מיט דעם?

אָבער מיטאַמאָל — ווי עס וואָלט אויף אַלעמען איינציייטיק אָנגעקומען זייער אַן ערנסטע און זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע מינוט — מיטאַמאָל האָט זיך ביי אַלעמען דערוועקט דער זעלביקער „פּאָלי־טישער שכל״ וואָס ביי יענעם מעמבער, וועמען עס איז דעם ערשטן איינגעפאַלן אויסצושרייען אינמיטן דער סומאַטאָכע: „בונעם!״

בונעם? נו, פון די גוואַלדיק־טעטיקע מיטגלידער איז ער אפילו ניט געוועזן, אָבער דערפאַר האָט ער דאָך קיין שונאים אויך ניט געהאַט. צוליב אים וועט זיך די לאַנדסמאַנשאַפט זיכער ניט שפּאַלטן, אויב ע ר וועט אויסגעקליבן ווערן ווי אַ דעלעגאַט... חוץ דעם, איז ביי יעדן איינעם אויפן געדאַנק געוועזן דער שרעק: טאָמער לײדט זיין צד אַ דורכפאַל בשעת דער אָפּשטימונג? זייער אַ פיינ־לעכע לאַגע.

— וועל... כ׳מיין אז וואָס־וואָס — מיטן געלט קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן... — האָט אַ דיקער טיטאַניש־הויכער מעמבער, אַ מענטש מיט אַ דרייפאַכן גוידער, זיך געווענדט צו זיין שכן, אַ קליין גרוי מעמבערל, וועלכער איז גראָד געווען פונם קעגנערישן צד. — הי איז אַן „אָנעסט באָי"... דאַנטש יו טהינק סאָ? (ער איז אַן ערלעכער יונג, דענקט איר ניט אַזוי?).

די מיינונג און די פראַגע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ טאָן און שמייכעלע, וואָס מען האָט עס גיכער געקענט אויסטייטשן ווי אַ גרינגשעצונג לגבאי בונעמען, איידער אַ שבח... דאָס רעכטע, אין פעט־פאַרזונקענע אויג פונם טיטאַניש־דיקן פאַרשוין האָט זיך געעפנט אויף אַ קלענסטן שפּעלטעלע. ס׳האָט זיך דעריבער שטאַרק געדוכט, אַז דאָס ווינקט ער עס אַזוי אויף בונעמס חשבון:

— מ׳שטיינס געזאָגט, אויך מיר אַ מענטש... אודאי אַן „אָנעסט באָי" — אַ שוטה, איך בעט איבער אייער כבוד...

דעם קליינעם גרויען מעמבערל, צו וועמען דער דיקער טיטאַנישער פאַרשוין האָט זיך עס געווענדט, האָט זיך דעריבער אויסגעוויזן, אַז דאָס אַגיטירט אים גאָר יענער קעגן בונעמען... ער האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק, אויף צו־להכעיס, צו מאַכן דוקא אַן ערנסטן פּנים.

— וועל, וואָר יו טהינק... אַלבעטשעג33), ער איז טאַקע דער בעסטער דעלעגאַט, וואָס אונזער סאָסייעטע קען שיקן... עפּטער אָללס34), איז ער עפּעס ניט אַ גרינער לא־יוצלח דאָרטן, אַ שלים־מזל: פאַר די וואָסערע ניין־צען יאָר וואָס ער איז אין אַמעריקע, האָט ער זיך שוין גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט... אַ גאַנצע טשעין סטאָרס... לאָטס אין פלעטבוש, ענד סאָ וואַן... (אַ קייט געוועלבן... פּלעצער, און אַזוי ווייטער).

— בונעם! בונעם!! בונעם!!! — האָבן ווייטער געדונערט קולות פון אַלע זייטן. מען האָט געשריען „בונעם" מיט עפּעס אַ מין אויסערגעוויינטלעכער באַגייסטערונג וואָס איז געווען אייניצייטיק אי שקאָצעוואַטע, אי ערנסט. — ווי וואָנט בונעם!

העכער פון אַלעמען האָבן געליאַרעמט די ווייבער. זיי האָבן געקוויטשעט מיט אַ קאַפּריזנעקייט, ווי צעפּיעשטשעטע קינדער וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט צו וועלן דוקא דאָס, וואָס ס׳איז ניט מעגלעך. ס׳איז געווען עפּעס אויסטערלישעס אַזוינס, שפּילעוודיק־צו־להכעיס־

דיקס אינם דאָזיקן גאַנצן שרײַען, — מחמת דעם טאַקע האָט עס אַלעמען אין זאַל אַזוי אומגעווײנטלעך באַגײַסטערט.

ט.

איידער בונעם האָט נאָך באַוויזן קלאָר צו ווערן וואָס קומט דאָ אײַנגנטלעך פאָר אַרום אים, צוליב וואָס אַלע ווערן אַזש צעזעצט שרײַענדיק, און נאָך וואָס מען רופט עס אים בײַם נאָמען פון אַלע זײַטן, — איז ער שוין כמעט אײַנשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן, ווי דער דעלעגאַט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער אַלטער היים אַרײַן.

צוויי חברה־לײַט האָבן אים פלינק אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און האָבן אים אָנגעהויבן פירן צום אויבנאָן. בונעם איז אינגאַנצן רויט געוואָרן, האָט זיך געריסן צוריק — שיר ניט ווי אַן אָקס וועמען מען שלעפּט צו דער שחיטה. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך טאַקע באַוויזן אַרויסצורײַסן. ביז אַ דריטער קרעפּטיקער לאַנדסמאַן — טאַקע דער טיטאַניש־הויכער און דיקער מעמבער אַליין — איז געקומען צו הילף די ערשטע צוויי, האָט מיט אַן אַקסל און מיט אַ זײַט בונעמען אונטערגעשטופּט פון הינטן. מען האָט אים ענדלעך אַרויסגעפירט אויף דער פּלאַטפאָרמע.

— אַ ספּיטש! אַ ספּיטש! — האָבן דעמאָלט אַ דונער געטאָן פרײלעך־לוסטיקע קולות פון אַלע זײַטן. — גיוו אָס עי ספּיטש, בונעם! גאָ אַהעד, שוט35)!

בונעם האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט ווירקלעך טאַקע געוואָלט האַלטן אַ ספּיטש. אין זאַל איז געוואָרן שטיל. ניי־געריקייט, טשיקאַווערדיקייט האָט שעלמיש אויפגעבליצט אין אויגן. דער פּאָרזיצער, מיסטער אָ׳האַרא, האָט בונעמען באַטראַכט פון דער זײַט, שטאַרק קריטיש.

— אַ דאַרק האָרס36), — האָט ער מיט אַ חוזק־שמייכעלע, וואָס ער האָט אפילו ניט געפּרוווט צו באַהאַלטן פונם עולם, אַרויס־געזייט פון צווישן זײַנע שטײַף־צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

אָ, פאַר אים, פאַר אָט דעם באַרימטן מיסטער אָ׳האַרא, וועלכער האָט געהאַט פּרײַנט אפילו צווישן סענאַטאָרן, איז עס אפנים כלל קיין איבעראַשונג ניט געווען. ער איז שוין לאַנג באַקאַנט געווען

מיט ענלעכע פּאָליטישע סיטואַציעס אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַר־טיי, וואו ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד, אַ שטיקל פירער אין זיין אַסעמבלי־דיסטריקט37). איז וואָס האָט ע ר דאָ געהאַט צו שטוינען... אַ דאַרק האָרם — און דאַצאָל!

מער ניט: איין בונעם האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן, וואָס עס טוט זיך דאָ אַרום אים. ער איז געשטאַנען אויף דער בינע־פּלאַט־פאָרמע, האָט אומבאַהאָלפן געשמייכלט און מיט אַ גרויסן טאַשנטיכל זיך נאָכאַנאַנד געווישט דעם שוויים, וואָס האָט אים שפּעדיק גערונען פון שטערן. אַלע ווײַלע פלעגט ער כאַפּן אַ בליק אַרונטער־צו, צו דער ערד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרונטערצושפּרינגען און אַנטלויפן... נאָר די אויסגעשטרעקטע הענט פונם עולם, וואָס האָט זיך געשטויסן נאָנט צו דער ראַמפּע, האָבן בונעמען מיט דערמוטערנדיקע און לוס־טיקע אויסרופן נאָכאַנאַנד צוריקגעשטופּט.

— אַ ספּיטש, אַ ספּיטש! — האָט אים אַזש געקלונגען און גע־הילכט אין די אויערן. — גיוו אָס עי ספּיטש! גאָ עהעד, בונעם, שוט!

ניינטער קאַפּיטל

אַן ערב־שבת און אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס

א.

חיה־גוטעס לויה איז פאָרגעקומען גלייך אויף מאָרגן פונם טאָג, ווען מען האָט געפונען איר טויטן גוף.

עס איז געווען אַן ערב־שבת, שוין נאָך האַלבן טאָג.

אַ היפּשער עולם איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה, אַסך אַ גרעסערער עולם ווי מיט עטלעכע טעג צוריק, בשעת מען האָט מקבר געווען אין איין גרויסן ברודער־קבר העכער צוואַנציק הרוגים.

עס איז שווער געווען צו וויסן פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי; עס האָט אויסגעקוקט פּונקט ווי דאָס פאַרגאָסענע בלוט חיה־גוטעס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַסך אומזיסטער, ווי דאָס בלוט פון די אַנדערע הרוגים.

חברה־מתעסקים האָבן געטראָגן די מטה גיך, האָבן האַסטיק געשפּאַנט, האָבן זיך געיאָגט — עס איז דאָך שוין געווען שפּעט, און מען האָט ניט געוואָלט אַריינפאָרן אין שבת אַריין. דער עולם באַגלייטער איז כמעט ווי נאָכגעלאָפן — און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק: דאָס אַנטלויפן זיי איצט אַלע ערגעץ מיטן מת, די לעבעדיקע מיטן טויטן, — זיך אויסצובאַהאַלטן.

בערקוזשע האָט זיך דאָ געפילט צווישן עולם ווי דער ערשטער מחותן; ער איז אַרומגעשפּרונגען פון איינעם צום צווייטן אינם איילנדיקן געזעמל, האָט דערציילט פאַרוואָס די לויה האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שפּעט. מען האָט זיך דערוואוסט:

לכתחילה האָט מען זי אינגאַנצן ניט געוואָלט לאָזן ברענגען צו קבורת־ישראל. דעם געפונענעם טויטן קערפּער האָט מען שוין דערוויילע געהאַט אָוועקגעטראָגן אין דעם מיליטערישן וועג־שפּיטאָל וואָס האָט זיך געפונען ביים היגן לאַגער פון די באַלאַכאָוועצעס. דער דעזשורנער קאָמענדאַנט — וועלכער האָט שוין אַפּנים געוואוסט, אַז דאָס האָט מען דערשאָסן ניט די געזוכטע רעוואָלוציאָנערקע רחלע גוטערמאַן, נאָר אימיצן אַנדערש, נאָר אַן אומשולדיקן — האָט פון כעס און פאַרדרוס צום ערשטן בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבן דעם טויטן קערפּער.

צי ער האָט עס בכיוון געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער האַלט טאַקע די דערשאָסענע פאַר אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנערקע; צי ער איז געווען פּשוט פול מיט צאָרן אויף אָט דער טויטער נבלה פון אַ גוף, וועלכער האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט — אַזוי צי אַזוי: ער האָט געסטראַשעט צו דערשיסן יעדן איינעם וואָס וועט זיך נאָר אָדוואַזשען צו איר צורירן.

איז ער, בערקוזשע, אַוועק אַהין אין זיין פּיערלעשער־קאַסקע — זייט ער האָט זיך פאַרנומען אַ פּאָר טעג מיטן אויפקלייבן אין שטאָט געפּעס פאַר באַלאַכאָוויטשעס גרויסער סעודה, איז ער געוואָרן גאָר אַן אייגענער מענטש אין לאַגער, — יאָ... האָט ער דאָרט אוועקגעלייגט אַז מין רעדע:

— וואַשע פּרעוואָסכאָדילסטוואָ! נו, גוט... זאָל זיין אַז זי איז געווען טאַקע אַ פאַררעטערין. אָבער זי איז דאָך פאַר אירע זינד באַשטראָפט געוואָרן!! אויף ד ע ר וועלט נאָך איז זי באַשטראָפט געוואָרן, אוי־ווי איז מיר... — האָט ער זיך אינמיטן פאַנאַנדער־געכליפּעט. און קונדיק אויף אים — די אידענעם אַרום, אויף נאָך אַ העכערן קול. אפילו די מאַנסבילן האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן, האָבן מיט די אַרבל פון פאַרשמאַלצעוועטע קאַפּאָטעס און לייבלעך זיך אויסגעווישט טרערן פון די אויגן.

בערקוזשע האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זיין וויינען איז ניט די בעסטע אילוסטראַציע פאַר זיין העלדישקייט ביים קאָמענדאַנט, האָט ער זיך אויך אויף גיך אַ וויש אָפּ געגעבן די טרערן מיט אַן אַרבל, און האָט ווידער פאַרגעזעצט מיט אַ העלדישן טאָן.

—יאָ... איז זאָג איך צו אים אָט אַזוי־אַ, — צום קאָמענ־דאַנט, הייסט עס: פּאַניע קאָמענדאַנט! אמת, אַ פאַרברעכערין

טאקע... א גרויסע פארברעכערין... אָבער וועמען דארף עס דען ארן אז מען וועט זי יאָ ברענגען צו קבר־ישראל, לויטן אידישן „זאקאָן”, הא? זאָל זי קומען אויף יענער וועלט כאַטש מיט א ריינעם צעטל... מיט א „טשעסטנע פּאָוועדעניע”, כא־כא!...

און בערקוזשע האָט זיך אומנאטירלעך הויך אזוי פאנאנדער־געלאכט, האָט אויף אַלעמען אָנגעהויבן גלאָצן מיט די אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט אָנערקענונג ביי די ארומיקע. נאָר סיי פון זיין מעשה און סיי פון זיין געלעכטער איז אַלעמען געוואָרן שווערער נאָך אויפן הארצן.

עס איז געווען טאקע פון בערקוזשעס מויל וואָס צווישן עולם האָבן זיך אָנגעהויבן צו פארשפּרייטן קלאַנגען: צוזאַמען מיטן ווילדן בולאַק־באַלאַכאָוויטש, האַלב־גענעראַל, האַלב־באַנדיט, — געפינט זיך דאָ אין שטאָט מיט די חילות נאָך איינער א מאָדנער גענעראַל — האַלב־באַנדיט, האַלב־רעוואָלוציאָנער... ס א ו ו י נ ק א ו ו איז זיין נאָמען.

עס זיינען שוין אפילו ארומגעגאַנגען פון מויל צו מויל די ווער־טער מיט וועלכע יענער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף א שטאָט־דעפּוטאציע וועלכע איז אים געקומען בעטן נעכטן, אז ער זאָל זען שוין אָפּשטעלן דאָס אומזיסטע בלוט־פארגיסעניש און דאָס ווילדע איזדעקעווען זיך איבער דער פרידלעכער באַפעלקערונג.

— איר זייט דאָך עפּס ניט קיין פּאָגראָמשטשיק דאָרטן... איר זייט דאָך א גרויסער פרייהייט־קעמפער... — האָט אים אימיצער דאָרט שוין געוואוסט ווי א חנפע צו טאָן, — וואָס וועט אויף דעם די וועלט זאָגן...

— וואָס ווילט איר... — האָט דער רעוואָלוציאָנערער גענעראַל א מאך געטאָן מיטביידע הענט אין ווייסע הענטשקעס קעגן דער דעפּוטאציע, ווי קעגן א מחנה זלידנע דערקוטשענדיקע פליגן. — א י צ ט זייט איר געקומען צו מיר... נו, און וואו זייט איר געווען פריער ווען די באָלשעוויקעס זיינען געווען אין שטאָט? נישקשה... — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער דעפּוטאציע מיטן רוקן, האָט זיך געלאָזט ארויסגיין און זיי צוגעוואָרפן אויפן וועג. — איר האָט זיך אַלע געגנוג אָנגעהלומעט איבער די אינטעליגענטן — ווילן מיר איצט זיך אביסל א הלומע טאָן איבער אייך...

צופיל אָבער האָט מען וועגן דעם איצט ניט געקענט ריידן. ווייל הינטער דעם עולם איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט עפּעס אַן אָפיציר, אַ נידעריק־געוויקסיקער פּאַרשוין מיט זייער אַ ברייטער בעזימדיקער באָרד. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען אים געשיקט אַהער פונם „שטאַב" — ער זאָל דאָס אַכטונג געבן מסתמא אַז בעת דער לויה זאָלן ניט פּאָרקומען קיין אומגעריכטע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס פון דעם יונגוואַרג; אַז עס זאָלן ניט געהאַלטן ווערן אויפן בית־עולם קיין שום „אויפהעצנדיקע הספדים נאָך דער דערהרגעטער רעוואָלוציאָנערין, חיהלע גיטערמאַן" — נאָך גוטע, פּאַיע־רחל דעם מילנערינס טאָכטער.

ב.

די לויה האָט זיך אויפגעהויבן מיט דעם קאַוואַויקער געסל אַרויף באַרג־צו, צום נייעם אידישן בית־עולם.

ווען מען האָט דערגרייכט דעם שפּיץ־באַרג, וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פלאַכע טיש־לאַנד מיט די בעריאָזע־וועלדלעך אויף אים, האָט זיך דער אויסגעמאַטערטער עולם אויף אַ ווײַלע אָפּגע־שטעלט, איבערכאַפּן דעם אָטעם.

אונטן, אין טאָל, איז געלעגן אויסגעשפּרייט די שטאָט ווי אויף דער דלאָניע פון אַ האַנט — אַ רואיקע, אַן ערב־שבתדיקע, אַ דער־קוילעטע.

פון אויף יענער זייט טייך, וואוהין די זון האָט זיך שוין אָנגע־הויבן אַרונטערצולאָזן — פון די לאָנקעס וואָס ציען זיך פון טייך־ברעג ביז צו די נאָנטסטע נידעריקע יאַדלע־וועלדלעך — האָט עס געדאַרפט אינגיכן אָנקומען די מלכה־שבת; אָנקומען אין דער גע־ווײַנטלעכער ערב־שבת־פאַרנאַכטיקער שעה, ווי גאַרניט וואָלט פּאַ־סירט — די קעניגין, וואָס ברענגט מיט זיך טיפע רו פון אינעווייניק און פון דרויסן, ברענגט איינשטילונג אויף טייך און וואַלד און מענטש.

אויף אָט דעם הויכן באַרגיקן אָרט, וואָס האָט אַריבערגעקוקט איבער דער שטאָט אין טאָל, דעם פּריפּיעט־טייך, און אַ היפּש שטיק לאַנד אַרום — אויף אָט דעם אָרט פלעגט מען עס אין זומערדיקע ערב־שבת־פאַרנאַכטן שטעלן אָפט שטאָטישע חופּות. און דער אויס־געהוילטער קלאַנג פון קעסל־פּויק, און דאָס לופטיקע שווימען פון

קלאַרנעטן, און דאָס טרילערן פון פליטן פלעגט זיך אין דער שטיל־געוואָרענער רויטלעכער לופט פון אַן ערב־שבתדיקן פאַרנאַכט טראָגן דעמאָלט ווייט אַרום, פלעגט זיך איבערגיסן אַזש אויף יענער זייט פּלאַכן און שטיל־שטראָמיקן טייך פון די מיטן־זומער חדשים.

און ווער ווייסט —

אפשר האָט פּאַיע־רחל, בשעת דער עולם מלוים האָט זיך אויף עטלעכע מינוט אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אפשר האָט זי זיך דערמאָנט מיטאַמאָל אין איינעם אַ זומערדיקן ערב־שבת מיט אַ דריי־צענדליק יאָר צוריק, ווען זי אַליין איז דאָ געשטאַנען אונטער דער חופּה... ווייל מיטאַמאָל האָט אין דער איינגעשטילטער, חלומדיקער לופט אויסגעבראָכן פּאַיע־רחלס הויך רעווען — אַ רעווען פון אַ גע־קוילעטער און ניט־דערקוילעטער קו:

— אוי, ווינד איז מיר, טאָכטער מיינע... אַ בראָך צו דיין מאַמען... — האָט איר קול געדונערט איבער דער שטאָט, איבער דעם טייך, איבער די נאָנטע לאָנקעס. — געהאָדעוועט, געהאָדעוועט דיך — און דערנאָך דיך אַליין איבערגעגעבן דעם מלאך־המות אין די הענט אַריין...

אינם עולם האָט זיך ווידער דערהערט אַ געכליפּעריי, אַ געיאָ־מעריי.

סטערע האָט ווי געפילט אויף זיך אַליין אַ טייל פון דער שולד אין חיה־גוטעס טויט — כאָטש זי האָט איר יענע נאַכט אַזוי שטאַרק צוגערעדט אַז זי זאָל בלייבן ביי איר נעכטיקן — סטערע איז צוגע־גאַנגען צו פּאַיע־רחלען, און האָט איר אָנגענומען שוועסטעריש ביי אַ האַנט:

— ניטע, פּאַיעניו... באַרואיקט אייך... ס'איז אַן עברה פאַר גאָט זיך אַזוי צו צערייסן דאָס האַרץ... — האָט סטערע אָנ־געהויבן מיט אַ געבראָכן קול. — אייער טאָכטער איז דאָך אוועק פון אונז אַ הייליקע... זי איז דאָך געשטאָרבן אויף קידוש־השם...

אין עולם האָט זיך דאָס געיאָמעריי און געכליפּעריי נאָך מער פאַרשטאַרקט. סטערעס קול האָט זיך געוועסט געוועזן איבערגעהאַקט, ווייל זי האָט געפילט אַז עס איז גאָר אוממעגלעך צו געפינען פאַר פּאַיע־רחלען די געהעריקע טרייסט־ווערטער. און כאָטש זי אַליין איז שוין פון יאָרן ניט געווען אין שול, האָט איר אָבער דאָס אַלגעמיינע

כליפען ארום מיטאמאל אזוי באגייסטערט, אז איר אייגענע שטים איז געווארן פייערלעך, ווי ביי א זאגערין אין שול אום יום־כפור.

— פאיעניו, — האט פייערלעך געציטערט סטערעס קול, — אייער טאכטער איז געשטארבן א הייליקע... זי האט דאך מקיים געווען דעם ונתנה־תוקף...

— יא... יא... — ניסאנא־טאקעף... — האט זיך דער־הערט א נידעריק אומבאקאנט קול, וואס איז געקומען פון די גאר הינטערשטע רייען פון עולם. דער עולם האט זיך באלד מיט שטוינונג פאנאנדערגערוקט און מיט דרך־ארץ געמאכט א וועג פארן נידעריק־וואוקסיקן עסטרייכישן אפיציר פון שטאב, — דער אפיציר מיט דער בריטער בארד, וואס איז נאכגעגאנגען די גאנצע צייט נאך דער לויה. ער איז צו צו פאיען און האט איר ארויפגעלייגט אויפן אקסל א האנט אין א ווייסער הענטשקע.

— יא־יא... — האט ער טרויעריק ארונטערגעבויגן דעם קאפ.

— דאס איז דאך ווירקלעך זא... דאס פריילין האט מקיים געווען דעם ניסאנא־טאקעף...

ג.

צוריק פון דער לויה האבן פאיע־רחל מיט איר מאן זיך שוין ניט אומגעקערט צו זיך אהיים.

סטערע האט זיי אריינגענומען צו זיך אין שטוב אריין. זי האט זיי שטארק צוגערעדט דערצו. ערשטנס, זאלן זיי זיין נענטער צום קוואל פון זייער חיונה — צו די באהאלטענע זעקלעך מעל אינם לעדניק. צווייטנס, וועט טאקע איר אליין, סטערען, זיין דעמאלט אביסל היימישער. אזוי איז ביינאכט זייער שרעקלעך צו זיצן אליין אין שטוב. און, דריטנס, האט סטערע זיך אליץ ניט געקענט באפרייען פון א שולד־געפיל קעגן זיי, כאטש אינדערצמתן האט זי זיך מיט גאר־נישט ניט פארזינדיקט.

עס איז דאך פארט געווען ערב־שבת, און סטערע האט פון איב־דערפרי נאך געהאט אנגעבאקן חלות, האט געמאכט אפילו א פלאדן, אנגעפילט מיט עפל, קיכלעך געבאקטע אויף סיראוועטקע און מיט מאן און צימערינג באשאטן. זי האט דאס אליץ אפגעבאקן סאמע פאר־טאג, אוים מורא פאר א גוט־אויג און פאר אומגעבעטענע באזוכער.

און איצט האָט זי געוואָלט אַז די אַלטע זאָלן אויך האָבן אַ שטיקל עונג־שבת.

אמת, חוץ דעם איז אין שטוב גאָרנישט געווען צוגעגרייט אויף שבת — ניט קיין פיש און ניט קיין שטיקל פלייש. קיין פיש איז אין שטאָט שוין לאַנג ניט געווען, ווייל פויערים האָבן אויפגעהערט ברענגען פּראָדוקטן אין שטאָט און אידישע פישער־לייט האָבן מורא געהאַט זיך לאָזן אין אַזאַ צייט אויפן וואַסער מיט זייערע נעצן. קיין שטיקל פלייש איז אויך ניט געווען צו קריגן. די באַינע האָט זיך געפונען הינטערן שטאָט. און זינט מען האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געפונען הערשל קצב, וועלכער האָט זיך געלאָזט איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק צום שעכט־הויז פירנדיק אַ גסה אויף אַ שטריק, און מען האָט אים אויף מאָרגן געפונען אויפן טראָקט מיט אַ צעשפּאָל־טענעם מוח און די בהמה האָט מען ערגעץ אוועקגעפירט — זינט דאַן האָבן שוין שטאָטישע קצבים אינגאַנצן אויפגעהערט צו שטיין ביי זייערע יאַטקעס.

דערפאַר אָבער איז דאָך אין שטוב געווען געשמאַקע פּוכקע חלה, באַשמירט פון אויבן מיט אַ לעק קוקורוזע־בוימל, וואָס איז פאַרבליבן ביי סטערען אינם קענדל „מאַזאָלאַ”, וועלכן זי האָט נאָך דערהאַלטן מיט אַ צייט צוריק אין אַן אַמעריקאַנער פּעקל. און עס איז אַפילו אויך געווען פּאַרן אַלטן און פרומען מילנער אויף וואָס צו מאַכן קידוש — אַ טעפּעלע באַרלעד־יויך, וואָס סטערע האָט אָפּגע־קאָכט טאַקע פון די זעלביקע באַרלעך, וועלכע טאַמאַרעלע האָט נאָך מיט אַ חודש צוריק געהאַט אָנגעקליבן און אויסגעטריקנט.

באַלד נאָך ליכט־בענטשן האָט אימיצער אָנגעקלאַפּט צו זיי אין טיר. אָנגעקלאַפּט שטיל אַזוי און ניט־זיכער.

די זומערדיקע נאַכט אין דרויסן איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן צוגעפאַלן, כאָטש די גרויסע גאָלדענע זומערדיקע זשוקעס האָבן שוין אַרומגעזשומעט מיט זייערע אומגעזעענע פליגלעך. אין שטאָט — אַלנפאַלס אויף דער גאַס, וואו סטערע האָט געוואוינט — איז געווען זייער שטיל. די אָוונטיקע לופט צווישן די מויערן אויף די גאַסן, און די הימלען איבער אַט די טאָפּלט־אַנטשטומטע גאַסן האָבן געשמעקט, ווי מיט דורות און דורות צוריק, — מיטן זעלביקן שטילן וואונדער פון אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אין אַ קליינעם אידישן שטעטל.

פּאַר דער טיר איז געשטאַנען אַן אָפיציר.

סטערע האָט געגעבן אַ ציטער. זי האָט דערקענט דעם זעלביקן אָפיציר פון דער הויפּט־קוואַרטיר, וואָס איז בייטאָג צוזאַמען מיטן עולם נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קאַשיק, וועלכן ער האָט דערלאַנגט סטערען.

— פאַרצייען זיי גנעדיקסט... — האָט ער אַ שמייכל געטאָן אַ טרויעריק־העפלעכן שמייכל — גוט שאַבעס... איך בין אויך איין יודע. וויסן זי... אוים עסטרייך... — האָט ער ווי אַנטשולדיקט זיך פאַר דעם, וואָס ער איז אויך אַ איד. — יאָ... און דאָס איסט פיורן הערר איטשע אונט פראַו פּאַיע־רחל...

ער האָט אַ זיפץ געטאָן מיט זייער אַ טרויעריקער מינע, אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

— יאָ... זאָ איסט עס... דער ונתנה־תוקף... ניקס צו מאַכן... ס'איז קריג.

אין געפלאָכטענעם קוישל איז געלעגן אַ זעקעלע מיט פּאַסאַ־ליעס, אַ ריזיקער געבאַקטער לעבער און אַ צענדליק געבראָטענע קאַר־טאָפּליעס.

סטערע איז געשטאַנען אויף דער זייט שוועל־טיר אַביסל אַ פאַרווירטע, איז געוואָרן אָט בלייך און אָט רויט און האָט זיך מורא געהאַט צורירן צום קאָשיק. דער אָפיציר האָט עס, קענטיק, פאַר־שטאַנען. ער האָט זי אָנגעהויבן באַרואיקן:

— האָבן זיי קיינע פורכט... — האָט ער איר אַרויפגעלייגט אויפן אַקסל זיין רעכטע האַנט, אַן אָנגעטאָנענע אין אַ ווייסער הענטשקע. — איך בין איין יודע... אין דינסט פון דער פּאָלנישער אַרמיי... ניקס צו מאַכן... ס'איז קריג...

און, אַפּנים, כדי נאָך מער צו איבערצייגן זי, אַז ער איז אויך אַ איד, האָט ער זיך אָנגעהויבן נאָכאַנאַנד אַנטשולדיקן פאַר סטערען הלמאי ער איז געקומען אַזוי שפּעט, שוין נאָך ליכט־בענטשן. ער האָט דערקלערט, אַז דעם דאָזיקן קאָשיק האָט ער לכתחילה געטראָגן צו דער פרוי פּאַיע־רחל צו איר אין וואוינונג אַריין, אָבער דאָרטן האָבן אים די שכנים געזאָגט, אַז די פראַו פּאַיע־רחל מיטן געמאַל זיינען אַריבער צו איר, צו דער גנעדיקער מאַדאַם...

— און דאָס איז אויל... — האָט ער באַלד אַרויסגעכאַפּט פון אַ הינטערשטער קעשענע אַ פּלעשל מיט גרינלעכער פליסיקייט און האָט עס אונטערגעטראָגן סטערען סאַמע צו די אויגן. — דאָס

איסט ריצנאייל — פעטס צו פרעגלען... בעסערן פעטס, וויסן זי, איז ניט צו האבן... קריג... זאָ איסט עס...

ערשט דעמאָלט האָט סטערע צוריקגעקראָגן איר לשון. ס'איז איר געוואָרן קלאָר, אַז דער מענטש אויף יענער זייט טיר ווינטשט איר ניט קיין שלעכטס. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און פאַר־בעטן דעם גאַסט אין שטוב אַריין. וויבאַלד ער איז אַ איד גאָר... אָבער דער נידעריק־וואוקסיקער אָפיציר האָט העפלעך און טרויעריק געשאָקלט מיט זיין ברייטע באָרד אויף ניין.

— יאָ, איין גראָסעם אומגליק... עס איז אָבער ניקס צו מאַכן... ער עמפּפעלט זיך צו די עלטערן דעם אומגליקלעכן פרייליינס, און ער בעט זיי איבערצוגעבן דעם לעבער און דעם ריצנאייל... ער מוז זיך איילן... ס'איז דינסט, וויסן זי!

נאָכאַנאַנד נייגנדיק זיך פאַר סטערען זייער העפלעך, זייער עלע־גאַנט און זייער שפּעדיק, האָט ער געמאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק און טרויעריק געשמייכלט:

— אַדיוטאַנט קרויזקאָפּף...

ד.

סטערע האָט אים באַגלייט מיט איר בליק, ביז זיין נידעריקע און ברייטע פיגור איז פאַרשוואונדן אין דעם אָוונט.

זי איז אַריין אין שטוב אַ שיינענדיקע, האָט אוועקגעשטעלט דעם קאָשיק גלייך אויפן שבתדיקן טיש. דער טיש איז געווען אַ נאַקעטער, ווייל קיין טישטוך האָט זיך אין שטוב ניט געפונען. די פיר חלבנע ליכטלעך האָבן געברענט אַלע צוזאַמען אויף אַן איבער־געדעקטן ערדענעם טאָפּ, ווייל די „נאַקלאַדנע" לייכטער זיינען געווען באַגראָבן ערגעץ אין דער ערד.

די מענטשן ביים טיש — די מענטשן מיט וואָכעדיקע פּנימער ביים האַלב־שבתדיקן טיש—האָבן זיך מיטאַמאָל דערפילט געטרייסט פון אָט דער אומגעריכטער מתנה... און אפשר מער נאָך דערפון, וואָס עס האָט זיך געפונען אימיצער, וואָס האָט געטראַכט פון ברענגען זיי אָט די אַלע גוטע זאַכן אינם קאָשיק, איידער פון די זאַכן אַליין.

אָבער איידער מען האָט נאָך באַוויזן אָפּצועסן די אָרעמע וועטשערע — קאַלטע געבראָטענע קאַרטאָפל אין די מונדירן מיט קאַלטן געבאַקטן לעבער — האָט מען שוין ווידער דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. און דאָס מאָל — אַזוי האָט זיך סטערען אויסגערוכט — גראָבער, דרייסטער, הילכיקער ווי פאַרנאַכט.

דאָס מאָל האָט די האַרץ ביי סטערען אָנגעהויבן אַרונטערזינקען טיף און קאַלט... איצט האָט דאָך שוין די נאַכט אינגאַנצן אַרונטערגענידערט, און אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער.

סטערע האָט זיך שווייגנדיק און ווי פרעגנדיק איבערגעקוקט מיט די מענטשן ביים טיש:

מיט ר׳ איטשען, וועלכער איז געזעסן אין זיין וואָכעדיקן קאַפּטל ביים אויבנאָן טיש, אַן אויסגעמוטשעטער און אינגאַנצן שוין אַן אַלט־געוואָרענער דורך די לעצטע פּאָר יאָר — ער האָט, האַלבאיינשלאָפנדיק, געמורמלט איצט ברכות פונם בענטשן;

מיט פּאַיע־רחלען, וועלכע האָט אַ דערשלאָגענע, נאָכאַנאַנד שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט פאַרגליווערטע אויגן געשטאַרט אויף די פלעמלעך פון די חלבנע ליכטלעך, וואָס האָבן זיך געשמאָלצן, געקאַפּעט און אונטערגעציטערט אויף דעם איבערגעקערטן מאַקאַטער;

מיט טאַמאַרעלען, וועלכע האָט געהאַלטן איצט אין אויסקנעטן פון אַ שטיקל חלה אַ מענטשעלעכן קאָפּ ענלעך אויף ווייגדערן — שמאָל און שפּיציק, ווי די קויל פון אַ ביקס.

און אין איין רגע זיינען אַלע אויפגעטרייסלט געוואָרן. אַלעמענס פּנימער זיינען געוואָרן וואַך און אָנגעשטרענגט. אין אַלעמענס אויגן — איין פראַגע:

— וואָס קען א י צ ט זיין, האַ?

אַך, ווי דאָס האַרץ האָט סטערען געזאָגט מיט אַ שעה פריער זי זאָל זיך בעסער צום קאַשיק ניט צורירן — עס שטעקט אודאי עפּעס אין דעם: דאָס האָט מען איר דעם קאַשיק בכיוון אודאי אונטערגעוואָרפן... יאָ, אָט יענער אָפיציר, וועלכער האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ איד, איז געווען אודאי אַן אונטערגעשיקטער, אַ שפּיאָן. פריער איז ער נאָכגעגאַנגען מיט אַלע אידן נאָך חיה־גוטעס לויה, און דערנאָך איז ער געקומען אונטערצוהערן זיך וואָס עס טוט זיך דאָרט, וואו עס געפינען זיך חיה־גוטעס עלטערן, און דערנאָך — — —

און סטערע האָט זיך דערמאָנט וואָס זי האָט ערשט היינט אינ־דערפרי, בשעת דער לויה, געהערט דערציילן וועגן דעם אומגליק־לעכן פּאָוויצקין. מיט עטלעכע טעג פריער האָט אים בולאַק־באַלאַ־כאָוויטש געגרופן צו זיך ווי איינעם פון דער שטאָט־דעפּוטאַציע און האָט אים געלאָזט ריידן וואָס ער האָט נאָר אַליין געוואָלט, אָבער אין אָוונט פון דעם זעלביקן טאָג האָבן זיך צו אים אַריינגעריסן זעלנער מיט פאַרשטעלטע פאַרשמירטע פּנימער און האָבן ביי אים לעבעדיקערהייט אויסגעשניטן די צונג — —

דאָס קלאַפּן אין דער טיר פון פירהויז האָט זיך פאַרשטאַרקט. עטלעכע גרעסערע און קלענערע קלעפּ — זאָרגפעלטיקע, אָפּגעקיילעכ־טע — קיין קול פון אַ מענטשן האָט מען אָבער ניט געהערט — פּונקט ווי די דרויסנדיקע אומבאַקאַנטע וואָלט דער עיקר געגאַנגען אין דעם, זיך אויסצולערנען ווי צו קלאַפּן אין אַ טיר ריכטיק.

דאָס אַלץ האָט געדויערט מינוטן בלויז — אפשר נאָר איין־איינציקע מינוט. אָבער אין אָט דער איינציקער מינוט איז סטערען אַלץ קלאָר געוואָרן. דער אָפיציר, וואָס איז דאָ געווען פאַרנאַכט, דער כלומרשטער איד — איז ער דען ניט געשטאַנען די גאַנצע צייט אין פירהויז און האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק, גלאַט אַזוי? האָט ער דען ניט געוואָרפן די גאַנצע צייט קיין בליקן אינם ווינקל דאָרט, צו דער טיר פונם טשולאַן, וואו עס ליגט פאַר־באָרגן דער זאַק מיט די ביכלעך, וואָס ווינדער האָט איינמאָל איר צוגעשיקט — אויב עס איז טאַקע געווען ווינדער, וועלכער האָט עס איר דעמאָלט דעם זאַק געהאַט צוגעשיקט? יאָ, דאָס אַלץ איז געווען קלאָר... אָבער לענגער צו טראַכטן איז ניט געווען מעגלעך. איצט האָבן זיך שוין געלאָזט הערן קולות — גראָב־זעלנערשע קולות, וואָס האָבן זיך איינער דעם צווייטן איבערגעשלאָגן:

— ביסטו דען זיכער, אַז די פּאַיעדרוכליאַ געפינט זיך עס איצט דאָ?

— אוווזשעשע1)... דאָ מוז זי איצט מסתּמא דריכנען, די אַלטע סטערוווע...

און ווידער האָט מען אָנגעהויבן פּויקן אין טיר מעטאָדיש — צוויי גרויסע און אייניקע קלענערע קלעפּ. און דערנאָך — ליבלעך און צוגעלאָזן:

— העי, זשידעלעך... עפנט דאָרט אויף... פּרענדקאַ2)...
מיר'ן אייך קיין שלעכטס ניט טאָן...

אין שטוב זיינען אַלע שוין געשטאַנען איצט אויף די פיס; אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט אַ מינע פון גרייטקייט. דער אַלטער ר' איטשע האָט אָפּגעווישט פון זיין גרויער באָרד עטלעכע חלה־ברעקלעך; פּאַיע־רחל האָט פאַרריכט אויפן קאָפּ דאָס טיכל, וואָס איז געווען פאַרבונדן ביי איר אונטערן קין אין צוויי לאַנגע שפּיצן.

ס'איז געווען ווי מען וואָלט דערוואַרט באַלד וויכטיקע און בכבודיקע געסט — אויב ניט אַזוי בכבודיקע, איז אָבער זייער וויכטיקע. קיינער האָט קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט. מיט צעגאָסענער בלייכקייט אויף די פּנימער האָבן אַלע שווייגנדיק געקוקט אויף סטערען, ווי זי וואָלט פאַרמאָגט אין אירע הענט דעם שליסל צו זייער לעבן און טויט. ס'איז אַלעמען געוואָרן קלאָר: דער סוף איז איצט געקומען — די ריי האָט זיך ענדלעך דערנענטערט אויך צו זיי.

מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און שטייף־צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, האָט זיך סטערע געלאָזט אין פירהויז. טאַמאַרע האָט זיך מיט אַ געוויין איינגעקלאַמערט אין איר אָרעם, האָט זיך נאָך איר נאָכגעשלעפּט, ווי אַ קעלבל, וועמען מען פירט צו דער שחיטה.

ה.

אין שטוב זיינען באַלד אַריין פינף זעלנער.

זיי זיינען אַריין מיט אַ הילכיקער געזונטער הירזשעריי פון פערד.

זיי זיינען געווען אין היטלען און אין ביקסן. זייערע שינעלן — היימיש פאַנאַנדערגעקנעפּלט. צוויי פון זיי זיינען געווען גאָר באָרוועס; די איבעריקע — אין פּאָרטיאַנקעס און אין צעפּלאַכטענע לאַפּטשעס.

ווען זיי האָבן דערזען די ברענענדיקע ליכט אויפן טיש און די בלייך־דערוואָרטנדיקע פּנימער פון די אויפגעשטאַנענע מענטשן; און, דער עיקר, ווען זיי האָבן דערזען דעם אַלטן ר' איטשען, גרוי ווי אַ טויב, ווי ער שטייט אַזוי האַלב־איינגעבויגן צו דער ערד און ציטערט — האָבן די אַריינגעקומענע זעלנער אַליין זיך עפּעס אַזוי־

ווי צעטומלט און זיינען גלייך שטיל געוואָרן. פאַמעלעכקע און איינ־ציקווייז, איינער קוקנדיק אויפן אַנדערן, האָבן זיי אַרונטערגענומען די היטלען און געבליבן שטיין מיט זייערע פאַרברענטע, ערד־קאָ־לירענע פנימער אַביסל אַרונטערגעלאָזט.

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן פונם געזעמל און איז צו צו סטערען אַ קורצינקער סאָלדאַט מיט אַ שטאַרק־קלייענדיק פּנים. ער האָט אָנגעהויבן שטרענג און באַפעלעריש:

— מיר זיינען געקומען אַהער... אָט וואָס... מיר ווילן, פּאַיע־רוכליאַ, אַז איר זאָלט אונז וואָס שנעלער אָפּבאַקן אונזער ברויט...

דער ערשטער, דער דרייסטער און חוצפּהדיקער זעלנער, האָט אויף קיינעם ניט געקוקט, און ס'איז ניט געווען צו זען, ער זאָל אַליין ווייסן, וועמען ער באַפעלט עס. אָבער אַ צווייטער סאָלדאַט, אַ מיטל־וואוקסיקער, ברייטער פּויער מיט אַ רעמל פון שטעכעדיקע געלע האָר אַרום פּנים, האָט גלייך אָפּגעשטופּט דעם ערשטן, זיך אָנכמורנ־דיק: וואָס קאָמאַנדעוועט ער שוין ווידער... אַסך איז עפּעס אַרויסגעקומען פון זיין קאָמאַנדעווען היינטיקן גאַנצן טאָג?

און ער הויבט אָן דערקלערן סטערען אין אַ רואיקערן און ווי געשעפּטלעכן טאָן, מעשה יוסטער באַלעבאָס:

— ווייל מיר זיינען, פאַרשטייט איר, שוין לאַנג ניט געגעסנדיק, כאָזיאַיושקאַ... אַ גאַנצן טאָג... טאַק... האָט מען אונז גע־שיקט אַהער צו אייך, פּאַיע־רוכליאַ, ווייל, הייסט עס, זייענדיק אַ גוטע בעקערין...

און אויך ער האָט ניט געענדיקט. פונם געזעמל איז אַרויס־געשפּרונגען אַ יונגער סאָלדאַטל, בלוט־און־מילך, נאָר גאָר כמעט אַ קינד. ער האָט גערעדט מיט אַ קווטשעדיק, כמעט וויינעריש קול:

— כאָזיאַיושקאַ, ווי גאָט איז דיר ליב, העלף אונז! אונזער ברויט באַקט זיך שוין אַ גאַנצן טאָג, און ס'איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיק... כאַטש נעם און לייג זיך שלאָפן הונגעריקערהייט!

סטערע האָט אויף זיי געקוקט מיט אַ בליק, פול מיט קילן פּחד, ווי פאַר איר וואָלטן געשטאַנען פאַרשטעלטע שלוחים פונם מלאך־המות אַליין. זי האָט קוים אַרויסגעאָטעמט:

— איז... איז וואו־זשע איז ער, אייער ברויט?

— דאָ ניט ווייט פון אייך, ביי אונזער אַ כאַזאַיקע... אייערע אַ שכנה... — איז ווידער אויפגעשפּרונגען דער יונגיטשקער סאָל־דאַט, בלוט־און־מילך. — ביי גנענדלען... אונזער ברויט באַקט זיך שוין ביי איר פון סאַמע פרימאָרגן אָן! אַזאַ פּאַסקודנע זשי־דאָווקע...

גנענדל האָט געוואוינט אַ היפּשן מהלך פון דאַנען, אין אַ הינ־טער־הויף ביי ברעג טייך. זי האָט געוואוינט אין אַ האַלב־איינגע־פאַלער חורבה, אַ נאַסער און אַ ווילגאַטנער. דאָרט איז געווען קאַלט, ווי אין אַ קעלער, אפילו ווען אין דרויסן פלעגן שטיין די גרויסע היצן. דער אויוון איז דאָרט געווען אַ האַלב־צעפאַלענער, אַ רויכערדיקער. סטערע האָט גוט געקענט אי די שטוב, אי דעם אויוון.

— אַ, ביי גנענדלען... — האָט סטערע ענדלעך זיך אָפּגערופן מיט אַ טויבלעך קול. — הלואי זאָל דאָרט אייער ברויט פּאַרטיק ווערן ערשט מאָרגן פאַרנאַכט... און אויך דעמאָלט וועט ער אַרויסקומען מסתמא ניט דערבאַקן און קליסקעוואַטע. איך ווייס ניט, אויב אייערע פערד וועלן עס דערנאָך וועלן עסן...

— אָט־אָט־אָט... — האָבן אַלע סאָלדאַטן ווי אָפּגעלעבט און זי אַרומגערינגלט — צוליב דעם זיינען מיר דאָך טאַקע געקומען צו אייך, טייערע פּאַיע־רוכליאַ. ראַדי באָגאַ, העלף אונז אַרויס...

זיי האָבן צו איר אַרויסגעשטרעקט די הענט מיט תחנונים, ווי צו אַ גאָט, ער זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען און זיי ראַטעווען פון הונגער. נאָר סטערע האָט דאָס אַלץ ניט באַמערקט; זי האָט אויף זיי נאָכאַנאַנד געקוקט מיט שרעק און דערוואַרטנדיקן פּחד:

— נו, גוט — האָט זי פּאַרזיכטיק אַרויסגערעדט — ברענגט אייער ברויט אַהער... וועלן מיר זען...

ז.

די הינטערשטע צוויי סאָלדאַטן פונם געזעמל — יענע, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן — זיינען פּייל־אויסן־בויגן אַרויסגע־שפּרונגען פון שטוב. איינער שפּרינגנדיק איבערן אַנדערן.

סטערע האָט זיי מיטגעגעבן אַן אַלטע רעדנע און אַ היפּשע שמאַטע, זיי זאָלן אויפן וועג אַרומוויקלען דעם ברויט, דעם נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעבאַקטן, ער זאָל זיך אויפן וועג ניט „צוקילן".

אליין האָט זי זיך גענומען מאַכן גרייט דעם אויוון.

אַ מערכה פאַר די זעלנער: דער אויוון איז נאָך אַזוי אויך געווען היים פון בייטאָג אָן. אַסך דערהייצן אים האָט מען ניט באַדאַרפט. דער אַלטינקער ר׳ איטשע האָט מיט אַ קרעכצן זיך גענומען אָנשפּאַלטן מיט אַ האַק שפּענדלעך האָלץ. און ס׳איז ניט געווען צו וויסן: צי זיין טיפער קרעכצן האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם, וואָס ער מוז האַקן האָלץ סאַמע אום שבת, אָדער גאָר מיט דעם, וואָס מען האָט אים איבערגעשלאָגן דעם איינציקן תענוג, וואָס אים איז נאָך פאַרבליבן אין אַט די יאָרן — דעם תענוג צו פאַר־זינקען אין שווערן שלאָף באַלד נאָך דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער וועטשערע.

פאַיע־רחל אליין — כאָטש סטערע האָט זי ניט נאָר ניט גע־רופן, נאָר פאַרקערט נאָך, זי האָט די גאַנצע צייט געלאָזט די זעלנער דענקען, אַז ז י איז עס גאָר די פאַיע־רוכליא — יענע האָט אויך פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט איינגעפלאַנצט די פעסטע הענט אירע אין די ברייטע באַקעס, ווי אַ בעקערין אַן אמתע בריה, גרייט תיכף אָנצוהויבן קנעטן.

סטערע האָט דערווייל צוגעגרייט אַ שעפל וואַסער, אַ פאַמעלע, און אַרויסגעקייקלט פון טשולאַן די דייזשע.

די דריי פאַרבליבענע זעלנער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין קיך, אויפן טאַפּטשאַן, אָן אַ וואָרט. אין שטוב האָט געהערשט אַן אומ־היימלעכע שווייגעניש. אַלע האָבן אויף עפּעס געוואַרט. און סטערען האָט זיך געדוכט: סיי די שווייגנדיקע סאָלדאַטן אויפן טאַפּטשאַן און סיי זיי אַליין, די שטוביקע, וואַרטן דאָ מער ווי אויפן ברויט און מעל, וואָס מ׳איז געגאַנגען מכלומרשט ברענגען — מ׳וואַרט דאָ אויף עפּעס, וואָס איז אַסך וויכטיקער... אין אויוון האָט שוין אָנגעהויבן קנאַקן דאָס פייער — עס האָט דערווייל אויך גע־ברענט ווי אומזיסט, דאָס פייער. אויך געוואַרט.

סטערע האָט די אומהיימלעכקייט ניט געקענט פאַרטראָגן. זי האָט די ערשטע איבערגעריסן די שווייגעניש.

— וואָס זייט איר, ברידערלעך... פּאָליאַקן, דוכט זיך?

— אַלערליי... — האָט אַ בליק געטאָן אויף די איבעריקע צוויי חברים און דערנאָך מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל זיך אָפּגערופן

דער ברייטוואוקסיקער סאָלדאַט, דער וואָס מיטן רעמל שטעכעדיקע האָר אויפן פוירישן פּנים. — אַלערליי וועט זיך ביי אונז געפינען...
— נו, און דאָס איז שוין, הייסט עס, די וולאַסט? — האָט סטערע ווידער מיט אַ קול, וואָס האָט פאַר איר געקלונגען פרעמד, געפרעגט, דאָס מאָל שוין טאַקע מחמת נייגעריקייט.
— סאַרע „וולאַסט"? — האָט יענער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און חוזקדיק זיך איבערגעקוקט מיט זיינע חברים. — מיר זיינען אַ באַנדע — און פּטור... מיר ראַבעווען...
— איז וואָס־זשע ווילט איר?
— גאָרניט מיט טאָלק... באַנדיטן — ראַבעווען מיר... — האָט דער ברייטער פויער געהאַלטן אַלץ אין איין איבערחזרן די זעליבקע ווערטער. אָבער דער, וואָס מיטן שטרענגען קליינעדיקן פּנים האָט אַ ברום געטאָן:
— צוערשט מוזן מיר אויסהרגענען אַלע קאָמוניסטן... וואָט טשטאָ!
ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון פּאַזוכע אַ לייוונטענע בייטעלע מיט מאַכאָרקע, האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, און אָנגעהויבן וויקלען זיך אַ ציגאַר טיטון.
— און דערנאָך?
— דערנאָך וועלן מיר אַוועק ווייטער, אין אַן אַנדער שטאָט...
— האָט ער אין די וואָלקנס געדיכטן געלבלעכן רויך געקוקט פאַרחלומט מיט זיינע געלע אויגן אויף יענער, דער אַנדערער שטאָט.
— אָבער דערווייל זיינען מיר נאָך דאָ ניט פאַרטיק... — האָט ער באַלד צוריקגעכאַפּט זיין בליק פון „יענער שטאָט". ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו סטערען מיט אַ פאַרזשמורעט אויגל — מיר האָבן נאָך דאָ אַרבעט אויף היפּשע עטלעכע טעג...
און ווידער איז געוואָרן אומהיימלעך אין שטוב. טאַמאַרע האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען ווי אין שטוב וואָלט געוועזן אַ מוראַדיקע קעלט. דאָס פייער האָט געפלאַקערט אין אויוון וואָס אַ מינוט אַלץ ליכטיקער.
באַלד האָבן די צוויי אַוועקגעגאַנגענע סאָלדאַטן געבראַכט זייער פאַרבליבענעם מעל, און אין דער רעדנע — די ניט־דערבאַקטע לעבלעך ברויט. סטערע האָט זיך גענומען צו אָט דעם ברויט. און פאַיערחל האָט זיך גענומען ראַשטשינען דאָס פרישע מעל.

די אריינגעקומענע סאָלדאַטן האָבן עפּעס איינגערוימט זייערע חברים אויפן אויער. און אַלע פינף זייערע האָבן זיך אַ ווײַלע געסודעט מיט דערשראָקענע און אומרואיקע פּנימער. און פון דעם סודן זיך זייערן האָט זיך סטערען ווידער עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן.

מיטאַמאָל האָבן אַלע אין שטוב דערהערט אַ ווייט פּאַרדומפּן הילכן, ווי אין דרויסן וואָלט זיך געגרייט אַ שטורעם און עס וואָלטן זיך געלאָזט שוין הערן די ערשטע טויבלעכע הילכן פון ווייטע דונערן. די סאָלדאַטן האָבן זיך, נאָך מער צעטומלט, איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן.

און באַלד איז דער מיטלוואוקסיקער פויער אַרויס צוזאַמען מיט די פריערדיקע צוויי אין דרויסן. אין שטוב איז איצט געבליבן בלויז דער סאַמע יונגיטשקער סאָלדאַטיקל און דער, וואָס מיטן קלייענדיקן פּנים.

די שטומע דערוואַרטנדיקייט אויף אַלעמענעס פּנימער האָט זיך איצט נאָך מער געשטאַרקט.

כדי צו פאַנאַנדעריאָגן די אומהיימלעכקייט, וואָס איז אַלע מאָל געוואָרן אַלץ שווערער, האָט סטערע ווידער געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס מיט די זעלנער. נאָר דער, וואָס מיטן קלייענדיקן פּנים, איז געזעסן איצט זייער פאַרכמורעט און האָט ניט געוואָלט ענטפערן אויף פראַגעס. דערפאַר אָבער האָט שטאַרק גערן אויף אַלץ געענטפערט דער יונגיטשקער רירעוודיקער סאָלדאַטיקל, וואָס איז נאָך געווען כמעט אַ אינגל, בלוט־און־מילך.

— אָט... אייער חבר, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס, האָט געזאָגט, אַז איר זייט ניט קיין וולאַסט, איר זייט דאָ בלויז צו ראַבעווען... קריגט איר כאָטש אַ טייל פונם רויב?

— וואָס דען... — האָט רירעוודיק און פריילעך זיך אַ הויב־אויף געטאָן פון טאַפּטשאַן דער יונגינקער סאָלדאַטיקל — נאָך אַ מין... וואָרים, אַז ניט, איז צוליב וואָס־זשע? הע, אַ שאלה עפּעס... — ער האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן און האָט זיך באַלעקט. — אָט געפינט זיך ביי מיר אין טאָרבע אַ גאַנצע האַלבע טוץ זילבערנע לעפל... אַ טייערע פּאָר קאַלאָשן, נייאינקע נאָך, טיפע, אמתע „טרעאוהאָלניק"... אַ גאַנץ קעסטל מיט שמעקעדיקן זייף. איך זאָג דיר, מוטערל, פריצים געברויכן ניט קיין בעסערן... און אַ פלעשעלע וואָדקאַלאָן... און...

סטערע איז פלוצלונג אַנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות צו אָט דעם יונגיטשקן אינגל... זי האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס, נאָר ער האָט איר דערמאָנט אָן איר אייגענעם זון. איז עס געווען בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען ביידע געווען פון דער זעלביקער הויך כמעט, ביידע נאָך בלוט־און־מילך? זי איז אַריין אין שטוב, האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל חלה און עס אים אונ־טערגעטראָגן.

דער יונג האָט מיט איין האַנט גיך אַ כאַפּ געטאָן די חלה אין מויל אַריין און מיט דער צווייטער האַנט, ווי מיט אַ נעץ, האָט ער געפאַנגען די ברעקלעך, וואָס זיינען אים געפאַלן פון מויל אַרויס. שוין ביים צווייטן ביס איז אים פון דער חלה גאָרניט געבליבן, אחוץ עטלעכע ברעקלעך ביי אים אויפן שויס, וועלכע ער האָט פאַרזיכטיק צונויפגעקליבן.

— אָבער מען גיט דאָך אייך אַזוי ווייניק עסן... — האָט סטערען פאַרקלעמט דאָס האַרץ, זעענדיק ווי יענער קלייבט אַזוי ציטערנדיק צונויף די ברעקלעך חלה פון זיינע פלודערן אַרונטער — איר זייט הונגעריק...

— אָ, דאָס איז בלויז איצט אַזוי, באַלעבאָסטעניו... ווייל מען וואַרט אויף נייע טראַנספּאָרטן מעל... — ער האָט ווידער לוסטיק אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט — אָ, דערפאַר גיט מען אונז אַסך בראָנפן! וויפיל נאָר מיר ווילן! אָהאָ — האָט ער געמאַכט אַ וויכטיקן אָנשטעל פון אַן אמתן דערוואַקסענעם — ווען ניט דאָס שיכורן, וואָלט אַ מענטש אויף דעם אַלעמען ניט געגאַנגען...

און מער האָט זיך שוין דער שמועס ניט געקלעפּט צווישן זיי. די נאַכט־שעהן האָבן זיך גערוקט שנעל איינע נאָך דער צווייטער. מען האָט זיך שווייגנדיק געפּאַרעט. מען האָט שווייגנדיק געקנאָטן דעם טייג אין דייזשע, מען האָט שווייגנדיק גערייניקט און געקילט דעם גליענדיקן אויוון מיט אַ נאַסער פּאַמעלע פון סכך־צווייגן — מען האָט אינמיטן דער נאַכט געמאַכט הכנות אויף עפּעס אַזאַ חתונה, אויף וועלכער מען דאַרף זיך אַרויסלאָזן מאָרגן גאַנץ פרי.

ז.

אין דער גרויסער עס־שטוב איז שוין לאַנג געווען פינצטער. פון די אָנגעצונדענע געלע אָוואַל־פאָרמיקע חלבנע ליכטלעך מיט

די טאָפּלטע קנייטלעך ביים שפּיץ, ווי אוירינגלעך, איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. נאָר דערפאַר איז אין קיך איצט געווען שטאַרק ליכטיק.

דאָס פייער אין אויוון האָט געוואָרפן אַ רויט צונטערדיק ליכט אויף אַלעמענס פּנימער. די פּנימער פון די וואַרטנדיקע סאָלדאַטן האָבן אין גליענדיק ליכט סטערען אויסגעזען שרעקלעך.

דער אַלטער ר׳ איטשע האָט זיך געקאָרטשעט אויף אַ נידעריקער טאַבורעטקע אין אַ ווינקל קיך, ווי אַן אַלטע פאַריאָגטע הון, וואָס פילט, אַז מען גייט זי באַלד קוילענען. און טאַמאַרעלע איז ענד־לעך איינגעשלאָפן אין גרוים מידקייט, זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם בלווילעך־געקאַלכטן פּריפּעטשיק.

אין דער אָנגעשטרענגטער ביינאַכטיקער לופט האָט זיך גע־פילט, אַז עס מוז שוין זיין זייער שפּעט, עס וועט שוין וואַרשיינלעך באַלד אָנהויבן טאָגן.

פון דרויסן האָבן זיך דערהערט פאַרדעכטיקע גערוישן, אויס־געשרייען פון מענטשן, וואָס איילן ערגעץ און יאָגן, אַ גערודעריי פון וועגענער איבערן ברוק. די סאָלדאַטן אויפן טאַפּטשאַן האָבן זיך אַלע ווײַלע איבערגעקוקט מיט שטוינונג און מיט דערשראָקענער פאַרוואונדערונג. זיי האָבן ווידער געקוקט צו דער טיר — געוואַרט, אַפּנים, אויף זייערע חברים, וועלכע זיינען נאָך מיט אַ פּאָר שעה צוריק אוועק און זיינען נאָך אַלץ ניט געקומען. אָבער סטערע איז געווען זיכער: דאָס וואַרטן זיי דאָ אויף דעם לעצטן באַפעל... צו גאָר, ביז וואַנען אין דרויסן וועט ווערן אינגאַנצן איינגעשטילט — דעמאָלט וועלן זיי זיך אַרויפוואַרפן אויף אַלעמען אין שטוב און זיי אויסשעכטן. וואָס איז, ס׳איז דען פאַר איר ניט געווען קלאָר: דאָס דאָזיקע אומגעריכטע ברויט־באַקן אינמיטן דער נאַכט איז געווען בלויז אַן אויסרייד?

דער זעלנער מיטן קלייענדיקן פּנים האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַן אומגעדולדיקן פיינטלעכן בליק אויף סטערען, וועלכע האָט שוין איצט געהאַלטן אין אַריינזעצן אין אויוון דאָס געבראַכטע ניט־דערבאַקענע ברויט. און ניט קיין מער ליבלעכן בליק פלעגט ער צוּוואַרפן פאַיע־רחלען, וועלכע האָט שווייגנדיק געקנאָטן און גע־פּאַטשט דעם פרישן טייג, כאָטש עס האָט נאָך ניט באַוויזן אפילו ווי געהעריק איז אויפצוגיין.

סטערע, וועלכע באמערקט זייטיק אַט די בליקן פון זאַפּטיק־ביטערער שנאה, רעדט צו זיך אַליין אין דער שטיל:

— גאָט, מיין גאָט... ווי לאַנג וועלן זיי עס זיצן דאָ אַזוי און אונז לעבעדיקערהייט מאַטערן? — זאָלן זיי שוין אונז אויסקווי־לענען, און זאָל עס ענדלעך נעמען אַ ן עק...

— און אפשר קלייבן זיי זיך גאָר ניט אויסקוילענען זיי? — יאָגט איין פינצטערער געדאַנק נאָכן צווייטן. — אפשר פאַרלאַנגען זיי צו טאָן מיט איר נאָך עפּעס ערגערס?

סטערע האָט זיך געגנוג אָנגעהערט פון אַזעלכע שוידערלעכע אומגליקן, וואָס זיינען נאָך ערגער ווי דער טויט אַליין. עס גייט איר דורך אַ קאַלטער שוידער איבערן לייב, אירע אויגן פאַרגרעסערן זיך אומגעהויער פון שרעק, ווען זי הויבט אויף איר בליק אויפן זעל־נער, וואָס זיצט נאָך אַלץ איבערגעבויגן אויפן טאַפּטשאַן — אויפן זעלנער מיטן מיאוסן קוקעלע.

— יאָ, דאָס איז עס טאַקע... דעריבער זיינען אָט יענע דריי זעלנער אַוועק פריער, אין שטוב זיינען דאָ בלויז צוויי פרויען... די אַלטע פאַיע־רחל רעכענען זיי ניט פאַר קיין פרוי?... סאַראַ מיאוסע געדאַנקען ביי איר... — פונדעסטוועגן, טראַכט סטערע, דאַרף מען זיין אויף דער וואַך.

סטערע נעמט אַרויס פון אויוון די הייסע לאָפּעטע, אויף וועל־כער עס גלימצערן פייער־פונקען, און לאָזט זי שוין מער פון האַנט ניט אַרויס. מיט דער הייסער זייט, מיט דער רויכערדיקער, האַלט זי די לאָפּעטע אויפגעהויבן אינדערהויך, כמעט קעגן איר אייגן פּנים. פון דעם צונטערט איר און ברענט דאָס געזיכט מוראַדיק. ס'איז שווער אויסצוהאַלטן. נאָר אפשר איז אָט די מוראַדיקע היץ אין איר פּנים גאָר דערפון, וואָס דאָס גאַנצע בלוט האָט איר איצט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. זי מאַכט אַ פּאָר טריט, פאַרשטעלט מיט איר ברייטער פיגור די שלאָפנדיקע טאַמאַרעלע, וואָס זיצט האַלב־ליגנדיק אויף דער ערד, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם געקאַלכטן פּריפּעטשיק.

דער זעלנער מיטן קלייענדיקן פּנים נעמט פון איר ניט אַרונ־טער זיין פיינטלעכן בליק; זי טוט אויך דאָס זעלביקע. מיט ברע־נענדיקע אויגן עסט זי זיך איין אין זיין לישאַי־פּנים. אין עטלעכע מינוט אַרום... וואָס וועט זיין דעמאָלט?

דער קאָפּ הויבט זיך איר אָן צו מישן; אפשר וואָלט זי געגוּ־מען האָט יענעם האַק־מעסער, וואָס הענגט אין ווינקל־קיך אונטער דער פּאָליצע? אָבער זי וויל ניט אָפּטרעטן פון איר אָרט — זי מוז זען אויסבאַהאַלטן טאַמאַרען פון זייערע בליקן.

איר ווערט אַלץ הייסער. דער אָטעם — שווערער.

און אין אָט דער בלוטיקער היציקייט שווימט מיטאַמאָל אויף פאַר אירע ברענענדיקע אויגן דאָס געשטאַלט פון בונעמען. און פּלוצלונג דערפילט זי צו יענעם אזא ביטערע שנאה — ביטערער נאָך ווי צו דעם סאָלדאַט אַנטקעגן; ווען ער, בונעם, וואָלט אָבער איצט געווען אין הויז... ווען ער לאָזט ניט איבער זיין ווייב אַליין אַזוי פיל יאָר...

און אין דעם צעמישטן קאָפּ בליט באַלד אויף אַ ווילדער געדאַנק.

— ווען „עפּעס" וועט פּאַסירן, וועט עס זיין פונדעסטוועגן אַ גוטע נקמה אָן אים, אָן איר מאַן...

אין דער צווייטער מינוט האָט זי שוין חרטה אויף אָט דעם ווילדן געדאַנק; דערפאַר אָבער ציט זיך אָט די מינוט, ווי אַן אייביקייט: דורך אָט דער מינוט באַווייזט סטערע שוין, דוכט זיך, זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז „עפּעס" מוז און וועט מיט איר באַלד פּאַסירן... זי איז שוין אפילו ניט זיכער, אַז זי וועט זיך ווערן מיט דער הייסער לאָפּעטע, אויף וועלכער עס לעשן זיך נאָך עטלעכע פונקען; ווייל ס'איז אודאי נוצלאָז. און ווייל ס'וועט זיין אַ מצוה אויף א י ם.

די טיר פּראַלט זיך מיטאַמאָל אויף און לאָזט אַריין אין דער הייסער קיך אַ קאַלטע גרויע פּאַרע, וואָס איז פאַר אַלעמען אין קיך אַ דערפרישונג. און צוזאַמען מיט איר — צוויי פון די דריי וועקגעגאַנגענע סאָלדאַטן.

זיי פּאַלן אַריין, די זעלנער, מיט בלייכע און שטאַרק־צערודערטע פּנימער. דאָס מאָל — שוין מיט שינעלן פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ, מיט ביקסן אין די הענט.

און אַלע — אין איין אָטעם און מיט איין קול צו די זעלנער אויפן טאַפּטשאַן:

— ברידערלעך... איילט זיך... באָלשעוויקעס אַטאַקירן אונז פון אַלע זייטן... פון אויף יענער זייט טייך... פון קאַלינ־

קעוויטש... פון קיעווער זייט אויך... שנעלער — אלע אויפן מארק!

די ווארטנדיקע סאלדאטן שפרינגען אויף פון טאפטשאן, ווי אונטערגעשאסענע, פארקנעפלען זיך אויף גיך, ווארפן פארלארענע בליקן אויפן אויוון.

— נו, און דאס ברויט? — בעטן זיי זיך הילפלאז ביי די אריינגעקומענע שלוחים, — וואס וועלן מיר טאן מיטן ברויט?

— קום שוין, קום שוין, אט א באלוואן... — כריפעט ארויס מיט רציחה דער ברייט־געוויקסיקער פויער. — דאס ברויט! גראד איצט...

נאר ער קראצט זיך אויך א ווײַלע אין דער פאטילניצע, און קוקט אינם גליענדיקן אויוון אריין.

— דאס ברויט... מיר'ן עס דערווייל דא איבערלאזן... און מארגן וועלן מיר קומען נאך דעם... עס איז דאך סיי־ווי ניט פארטיק... — ער גיט א זשמורע מיט איין האלב־צוגעמאכט אויגל אויף סטערען, פון וואס עס פאלט איר אין יעדע מראה אויפן פנים.

— די כאזיעטשקא וועט שוין אויף דעם אכטונג געבן...

נאר סטערע פארצוימט זיי דעם וועג. ניין, זי קען זיי ניט לאזן אזוי אוועקגיין — זי וויל אויף זיך ניט נעמען די אחריות פארן איבערגעלאזטן ברויט: טאמער קומט אריין אינצווישן אימיצער אנדערש פון זייערע חברים, און נעמט עס צו?

— איך וויל — פאלט זי צו צו זיי מיט א פארצווייפלטער מינע, — איך וויל, אז איר זאלט אויף דער דייזשע אנקלעפן א צעטל... שרייבט אן, אז אלע זאלן וויסן: ס'איז אייער ברויט...

— גוט, — רופט זיך אן דער ברייט־וואוקסיקער בערדיקער פויער. — טימאשקא, שרייבן. — ווענדט ער זיך צום יונגיטשקן סאלדאט.

דער יונגיטשקער סאלדאט הויבט אויף פון דער ערד א קאלטע אויסגעלאשענע קויל, זעצט זיך אנידער און הויבט מיט דעם אן עפעס צייכענען אויף דער דייזשע. פון גרוים אנשטרענגונג שטעקט ער ארויס א שפיץ בלאע צונג, און באוועגט מיט איר פון איין ווינקל מויל אין צווייטן.

איצט הערט מען שוין דייטלעך די קאנאנאדע אין דרויסן. עס טראסקען קאפיטעס אויף שטיינער פון ברוק. שנעלער, שנעלער,

— ברומען די אַריינגעקומענע סאָלדאַטן צום יונגיטשקן שייגעצל וועלכער צוקט דאָרט אויס מיט דער קויל אויף דער דייזשע גאַנצע קונץ־שטיק.

— און שרייבט אויך אָן, טייערינקע... — כאַפּט שווין אָן סטערע דעם ברייט־פּלייציקן פויער ביי אַ פּאָלע פון שינעל. — איך בעט אייך, טייערינקער... איר זייט דאָך אַ גוטער מענטש... שרייבט זשע אָן אַז מען זאָל אונז דאָ ניט שלאָגן...

די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן איבערקוקן, זיינען אַוועק אין אַ ווינקל, האָבן זיך אַ ווײַלע שטילינקערהייט בעראָטן. און באַלד איז דער ברייט־פּלייציקער פויער צוגעקומען צו סטערען. מיט אַן אָנגעכמורעט פּנים און אַרונטערגעלאָזטע אויגן האָט ער דערקלערט:

— ניין, מוטערל... פאַרן אָפּבאַקן דאָס ברויט — אונזער טיפסטן דאַנק... אַנטקעגן דעם אָבער וואָס דו זאָגסט, פּאַיע־רוכ־ליא... ניט שלאָגן — דאָס, זעסטו, קענען מיר ניט... ס'איז ניט פאַר אונז זיך אין די זאַכן צו מישן זיך...

און זיי איילן אין אַ מינוט אַרום אַלע אַרויס, שטופּנדיק איינער דעם צווייטן. די טיר בלייבט שטיין אַזוי ברייט־צעעפנט אין פירהויז אַריין, כאַטש אין דרויסן איז איצט שפּעט־נאַכטיק קיל.

בלייך ווי קרייד, שפּאַרט זיך סטערע אָן פאַרחלשט אָן דער קיך־וואַנט, האָט ניט קיין כוח זיך צו רירן.

פון גאַס הערט זיך מיט יעדער מינוט אַלץ שטאַרקער דאָס טופּערייַ פון פערד, דאָס טראַסקען פון יאָגנדיקע וועגענער, דאָס קנאַלן פון בייטשן, דאָס דראָבנע שטעפּערייַ פון קוילנוואַרפערס. אָבער אפשר ווייניקער ווי אין אַ האַלבע שעה ווערט אין דרויסן אַלץ ווידער שטיל. עס הויבט ענדלעך אָן צו שאַריען אויף טאָג.

דורך דער טיר בלאָזט אַריין אַ קיל פריש ווינטל וואָס שמעקט אַזוי געשמאַק מיט זומערדיקן פאַרטאָג און מיט יענעם באַזונדערן האָניקדיקן ריח, וואָס עס טראָגט אין זיינע פאַלדן אַ שבתדיקער באַ־גינען אין אַ קליינער שטאָט. סטערע האָט מורא צוצוגיין צו דער טיר און פאַרמאַכן זי.

אַלע אין שטוב זיינען אָנגעשטרענגט און וואַך, אַלע וואַרטן אויף עפּעס מיט בלייכע און אויסגעצויגענע פּנימער, דאָס פייער אין אויוון קנאַקט שוין ניט מער, נאָר באַלויכט די קיך רויט און שטיל

אזוי — עס קוקט אוים, ווי דאָס פייער אין אויוון וואָלט איצט אויך גע־וואָרט אויף עפּעס.

ח.

מיטאמאָל דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין דער עס־שטוב, אין פּענצ־טער־לאָדן וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרויס.

די מענטשן אין קיך גיבן זיך אפילו ניט קיין ריר. דאָס בלייכ־קייט אויף די ניט־אויסגעשלאָפענע פּנימער צעגיסט זיך אינם פאַר־טאָג נאָך געלער.

— סטערע, סטערעניו... — האָט שטיל און פריידיק גערופן פון גאַס אַ באַקאַנטע שטים. — עפן אויף... דאָס בין איך...

אין דרויסן, וואָס איז שוין איצט אינגאַנצן געווען גרינלעך־ליכטיקלעך, איז געשטאַנען די שכנה פונם צווייטן הויף. אַ באָרוויסע, אין איין ציצענער האַלקע און אַ גרויסער פאַטשיילע, וואָס האָט אַרומגעוויקלט דעם אויבערשטן טייל גוף אירן.

— סטערעניו... — האָט זי אַנטקעגן געשמייכלט אַ פריידיקע בשורה. — סטערעניו, דו ווייסט? זיי זיינען דאָך שוין דאָ... די באָלשעוויקעס זיינען שוין אריין אין שטאָט... זיי זיינען שוין אריבער די בריק...

און נאָך איידער סטערע, אַן אויסגעמוטשעטע פון דער לאַנגער נאַכט פול מיט שרעק, האָט נאָך באַוויזן פאַנאַנדערפרעגן זיך ביי איר עפּעס מער וועגן דעם געשעענעם, האָבן זיך שוין באַוויזן אין דער פרימאָרגנדיקער גאַס קופּקעס רויט־אַרמייער, אין לאַנגע שינעלן ביז סאַמע צו די פּיאַטעס און אין שפּיציקע היטלען.

דערזעענדיק די צוויי ווייבער ביים פענצטער, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי, פלאַנטערנדיק מיט די הויך־באַשטיוולטע פיס צווישן די לאַנגע פליגלען פון די שינעלן. ערשט איצט האָט זיך סטערע דערשראָקן, פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער, איז צוגעלאָפן צו דער קיך־טיר, און זי אויך געוואָלט פאַרמאַכן. אָבער דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ געזעמל פון די זעלנער, וועלכע האָבן זיך מיט אַ הויך געלעכטער באַרואיקט.

— שרעק זיך ניט, בירגערין... דאָס זיינען מיר... באָל־שעוויקעס...

— מיר וועלן דיר קיין שלעכטס ניט טאָן...

— מיר האָבן פון דערווייטנס דערשמעקט אַ ריח פון פריש ברויט, זיינען מיר געקומען אַהער...

— מיר זיינען הונגעריק, בירגערין... דערלאַנג־זשע אונז אָקאָרשט דאָס פרישינקע ברויטעלע...

— אָבער דאָס ברויט איז שוין אימיצנס... — האָט פּאַיע־רחל מיט אַ הייזעריק־דערשלאָגענער שטים אָנגעוויזן אויף דער קויל־אויפשריפט אויף דער דייזשע. זי האָט קוים אויפגעהויבן די אויגן צו די ניי־אַריינגעקומענע זעלנער, ווייל וואָס איז שוין פאַר איר געווען דער חילוק: ד י זעלנער אָדער אַנדערע? אויף איר האָט זיך דאָך שוין סיי־ווי אויסגעגאָסן גאַטס צאָרן.

— דאָס ברויט האָבן היינט בייינאַכט געבראַכט צוטראָגן אַנ־דערע זעלנער... טאַקע אייערע אייגענע חברים...

— חברים? אונזערע? — האָבן זיך לאַכנדיקע קולות גע־זונט פאַנאַנדערגעשאָטן פון אַלע זייטן. — האַ־האַ־האַ! היט זיך, באַבעניו... אויב נאָר ניט אייערע!... מיר האָבן שוין די דאָ־זיקע חברים גוט צעבויקערט און צעבוצקעט היינטיקע נאַכט... דערלאַנג אונז נאָר אַ קיי, באַבעניו, אַט אַזוי.

און בשעת פּאַיע־רחל האָט געשלעפּט פונם אויוון די לאַבנס ברויט און האָט זיי דערלאַנגט די זעלנער, וועלכע האָבן זיי הייסער־הייט צעריסן און געשטופּט בריטעדיקע שטיקער אין די הונגעריקע פּיסקעס אַריין, מיט אַ בלאָזן און אַ האַ־קען און אַ רייבן מיט די ציין — איז סטערע שוין ווידער געשטאַנען ביים פענצטער. זי האָט מיט אַ הילך פאַנאַנדערגעעפנט די לאָדן און ברייט פאַנאַנדערגעפּראַלט די פענצטער — צום ערשטן מאָל אין אַ לאַנגער, לאַנגער צייט האָט זי אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די פענצטער.

זי האָט זיך אַרויסגעבויגן אויף יענער זייט פענצטער־ראַם, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אירן און האָט אים אַ לענגערע ווײַלע געלאָזט דאָרט הענגען, ווי זי וואָלט עס געוואַשן דאָרט איצט איר פּנים אין דער קילער מאָרגן־לופט.

ט.

אין דרויסן איז שוין באַלד געוואָרן גאָר ליכטיק. די פענצטער פון סטערעס שטוב האָבן אַרויסגעקוקט צו מעריב־זייַט און זייַנען דעריבער נאָך געווען אין שאָטן, אָבער דערפאַר האָבן זיך שוין געטוקט גאָלדענע פלעקן אין די פענצטער וואָס אויף דער אַנטקעגנ־איבערדיקער זייַט גאַס.

און אין די גאַסן איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ רוישיקער.

די הויפּט־טייַלן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך, ווייַזט אויס, געפונען אויפן מאַרק: עס האָט זיך פון דאָרט נאָכאַנאַנד דערטראָגן צו סטערעס אויערן אַ הודזשען און זשומען ווי פון מיליאָנען בינען. אָבער אויך דאָ, פאַרבײַ די פענצטער, האָבן זיך שוין באַוויזן קופּ־קעס נישטערנדיקע פוסגייער, רייַטער אויף פערד מיט זוכנדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן בכיוון געוואָלט אויפוועקן די שטאָט און אירע אייַנוואוינער פון שלאָף — פון וואַכעדיקן שלאָף.

מיטאַמאָל דערזעט סטערע אינמיטן גאַס, צווישן אַ קלייַנער גרופּע רויט־אַרמייער, אַ באַקאַנט געזיכט, אַ געזיכט מיט אַ שאַרפן און געלבלעכן קין. און סטערע דערקענט גלייַך אָט יענעם יונגן „פויער“, וואָס האָט איר מיט אַ היפּשער צייַט צוריק געבראַכט פון וויגדערן דעם זאַק מיט ביכלעך, וועלכן זי היט שוין אַזוי לאַנג אָפּ אין דער פינצטערניש פון טשולאַן.

יאָ, סטערע האָט אים גלייך דערקענט — כאָטש ער האָט געטראָגן אויף זיך ניט קיין קורצע פּויערשע סוויטקע, נאָר אַ לאַנגן רויט־אַרמייאישן שינעל, פון וואָס דער הויכער יונג האָט איצט אויסגעקוקט נאָך העכער; און כאָטש זייַן געזיכט, וועלכעס איז דעמאָלט געווען עפּעס אַזוי גרוי און אָפּגעבליאַקעוועט, איז איצט געווען באַגאָסן מיט אַ לעבעדיקער רויטקייט אויף די באַקן.

יענער האָט זי, קענטיק, אויך דערקענט פון דער ווייַטנס. ער האָט איבערגעלאָזט זייַן עולם און איז אַריבער אויפן טראָטואַר, צו סטערעס פענצטער.

— אַהאַ... — האָט ער אויסגערופן מיט נצחון. — אָט זעט איר, בירגערין, מיר זייַנען טאַקע געקומען...

— אָבער פּאַרוואָס־זשע זייט איר פריער ניט געקומען? וואו זייט איר ביז איצט געווען? פּאַרוואָס האָט מען פון אייך די גאַנצע צייט ניט געהערט? — האָט אים סטערע אָנגעהויבן באַווארפן מיט פראַגן, אין אַ זיך־באַקלאָגנדיקן טאָן פון אַ קראַנק קינד, וואָס האָט טענות צו אַ גאַר־נאָענטן מענטשן הלמאי מען האָט עס אין אַן עת־צרה איבערגעלאָזט אַליין. — וואו זייט איר די גאַנצע צייט געווען? און וואו איז ערגעץ מיין זון, הא?

— טייערינקע מיינע, — האָט דער יונג צו איר ווייך געשמייכלט, מיט אַן אָפן געזיכט, וואָס איז איצט שוין גאָרניט אַזוי שטרענג און סודותדיק, ווי יענעם מאָל, בשעת ער האָט איר געבראַכט דעם זאַק. — טייערינקע מיינע... מיר זיינען דאָך די גאַנצע צייט געווען ניט ווייט פון אייך... טאַקע הינטער דער שטאָט, אין די בעריאָזע־וועלדער...

ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום פענצטער, האָט אַרויפ־געלייגט אַ קאַלטע ברייטע מאַנסבילשע האַנט אויף סטערעס וואַרימער און צאַפּלנדיקער האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן פענצטער־אָנשפּאַר.

— איר האָט טאַקע פון אונז ניט געוואוסט... אָבער מיר פון אייך — דוקא יאָ... די גאַנצע צייט געוואוסט... אַלץ גע־וואוסט... די פויערים פון די אַרומיקע כוטאָרן פלעגן שוין אונז דערציילן פון אַלץ...

ער האָט גערעדט צו איר אין אַ טאַטעדיקן טאָן, ווי ער וואָלט עס געווען דער עלטערער און סטערע — דאָס קראַנקע קינד, דאָס דערשראָקענע, וועמען מען דאַרף בארויקן.

— מיר האָבן אָבער מורא געהאַט... מיר האָבן מורא געהאַט צו אַטאַקירן גלייך, כדי בולאַקס און סאַווינקאָווס באַנדעס זאָלן נאָך איינגאַנצן ניט אונטערצינדן די שטאָט... מיר האָבן געמוזט, הייסט עס, מיט פאָרזיכט... ערשט אויפן זעקסטן מעת־לעת — ביינאַכט, ווען זיי זיינען שוין געשלאָפן רואיקע מיט זייער זיג, — האָבן מיר זיי אַטאַקירט... מיט אונזערע קלענערע כוחות — אָבער שיר ניט פון אַלע זייטן... און זיי זיינען אַנטלאָפן פון אונז אין גרויס אומ־אָרדענונג...

— און וואו איז מיין זון? — האָט סטערע אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן. און דער יונג האָט גלייך פאַרשטאַנען: די דאָזיקע מאַמע האָט ביז איצט דעריבער זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, ווייל זי

האָט אַלץ דערוואַרט צו דערהערן ענדלעך פון אים דאָס, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט פאַרפעלט צו דערציילן.

— וואו איז מיין ווינדער? — האָט סטערע נאָכאַמאָל גע־פרעגט, שוין מער מיט אירע גרויסע רעליעף־געוואָרענע אויגן, איידער מיט אירע בלייכע ליפּן. — דערציילט מיר דעם גאַנצן אמת... איך מוז וויסן...

— שרעקט זיך ניט... האָט דער יונגערמאַן, מיט אַ טאַ־טעדיקייט אין טאָן, זי ווידער באַרואיקט. — דעם „גאַנצן אמת" ווייס איך אפילו ניט, אָבער אייער זון איז דאָ... ער איז מיט אונז אין שטאָט... ער קומט אודאי באַלד צו אייך צו גיין...

ער האָט זיך געלאָזט צוריק, אָניאָגן זיינע חברים.

סטערע איז שוין געבליבן אַזוי שטיין מיטן קאָפּ אַרויסגערוקט דורך דער פענצטער־ראַם — אינם פרישן שבתדיקן פרימאָרגן האָט זי אָפּגעוואַרט דאָס באַלדיקע אָנקומען פון איר איינציקן זון, דעם רויט־אַרמייער.

צענטער קאַפּיטל

דער אַמבאַסאַדאָר

א.

די לאַנדסלייט האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט אין בונעמען — ער איז זיכער געווען אַן „אָנעסט באָי"1), דורכאויס אַ מענטש אַן ער־לעכער אין געלט־זאַכן. אויף אים האָט מען זיך געוויס געקענט פאַר־לאָזן אַז ער וועט ניט פאַרשווענדן אָדער פאַרטאַכלעווען קיין איבעריקן גראָשן פון דער היפּשער סומע געלט וועלכע דער פאַראיין האָט אי־בערגעגעבן אין זיין רשות אויף צו פאַנאַנדערטיילן צווישן די לאַנדס־לייט פון „דהי אָלד האָומטאַון"2) — און אויך, אַז ער וועט דאָרט דאָס געלט צעטיילן מיט יושר.

ווען בונעמען איז ענדלעך קלאָר געוואָרן אַז ער איז עס ווירק־לעך דער אויסגעקליבענער דעלעגאַט פון דער גאַנצער לאַנדסמאַנ־שאַפט, האָט אויף אים דער דאָזיקער גרויסער כבוד וואָס מען האָט אים אומגעריכט אָנגעטאָן געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, אַז ער האָט גלייך דערקלערט: ער זאָגט זיך אָפּ פון צו פאָרן אויף קהלשן חשבון.

— נאָך געלט נעמ'ען ביי אייך, וואָס? נאָ סערדי! ניט איך!

— האָט ער מיט שטאַרקן פּראָטעסט זיך אַזש געקלאַפּט אין זיין מעכטיקער ברוסט אַריין. — יעדער איינציקער גראָשן דאַרף גיין נאָר פאַר אונזערע אָרימע לאַנדסלייט...

— נעוועך מיין, — האָט ער, גרויסמוטיק בלישצשנדיק מיט זיינע פולע אַרויסשטאַרטשנדיקע אויגן, פאַרזיכערט די לאַנדסלייט.

— בונעם קען נאָך אַפאָרדן מאַכן דעם טריפּ אויף זיינע אייגענע עקספּענסעס3)...

די לאַנדסלייט האָבן אודאי געוואוסט ווי געהעריק אָפּצושאַצן בונעמס שריט; און די ליבשאַפט ביי אַלעמען צו אים איז איצט נאָך מער געוואַקסן.

— אַ ביג טשיילד4)... — האָט מען זיך איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן מיט אַ טאָן, אין וועלכן ס'האָט געקלונגען גלייכצייטיק אַ ווארימקייט און אַ גרינגשעצונג. — אַ וואַנדערפול טשיילד...

מען האָט אפילו אויף אים קיין פּאַראַיבל ניט געהאַט וואָס באַלד נאָך זיין גרויסמוטיקן אָפּזאָגן זיך פון נעמען דאָס באַשטימטע געלט אויף רייזע־הוצאות — אַן ערך פון טויזנט דאָלאַר — איז אים דוקא איינגעפאַלן אויסנעמען אַ תנאי:

— אַ שיפסקאַרטע אָבער — דאָס יאָ... די שיפסקאַרטע דאַרף געקויפט ווערן אויף די מיטלען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט גופא.

דאָס רוב לאַנדסלייט האָט עס טאַקע באַטראַכט ווי אַ גאַנצע פּשוטות. נאָכדעם ווי ער האָט אַנטזאָגט זיך בכלל פון נעמען געלט אויף רייזע־הוצאות; און נאָכדעם וואָס ער געבראַכט אַזאַ גרויסן קרבן פאַר דער זאַך אויך מיט דעם וואָס ער האָט קיין גראָשן ניט געוואָלט באַצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער וועט זיין גע־צוואונגען צו פאַרנאַכלעסיקן זיינע אייגענע „ביזנעס", —

— הערסט אַן איינפאַל... הי איז אַ ביג טשיילד, און דאַצאָל...

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזוינע לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אַז אין בונעמען האָט זיך מסתמא ענדלעך געמוזט אויפוועקן די אַמביציע, — ער האָט ניט געוואָלט אַז „די וועלט" זאָל אים נאָך באַטראַכטן חס־ושלום ווי אַן איינגעבעטענעם... ער האָט מורא געהאַט מען זאָל נאָך ניט זאָגן וועגן אים: דעריבער האָבן עס די לאַנדסלייט גראָד א י ם געשיקט קיין יוראָפּ, ווייל ער נעמט ניט קיין געלט אויף דער רייזע.

— ניין, קיין איינגעבעטענער וויל ער פונדעסטוועגן ניט זיין... אַ שיפסקאַרטע הין־און־צוריק — דאָס מ ו ז גיין אויפן חשבון פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.

ב.

די לעצטע השערה איז, ווייזט אויס, געווען די ריכטיקסטע טאַקע:

אין בונעמען האָט זיך טאַקע ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו דער־וועקן דאָס געפיל פון אייגנער וואַזשנעקייט און וויכטיקייט.

צום שיף זיינען אים געקומען באַגלייטן זייער אַסך לאַנדס־לייט. מען האָט אים אונטערגעטראָגן פון אַלע זייטן בלומען, מתנות, שאַכטלעך פון בעסטע האַוואַנאַ־ציגאַרן.

בונעם איז געווען שטאַרק גערירט פון דער וואַרימקייט און זאָרגעוודיקייט וואָס אפילו כמעט אומבאַקאַנטע פאַראיין־מיטגלידער האָבן אים אַרויסגעוויזן. טרערן האָבן אים אַזש געשטיקט אין האַלז.

אימיצער האָט אים געבראַכט אַ פּאָר גרויסע ברילן אין ראָמען פון האָרנביין, מען האָט אים געהייסן אָנטאָן די ברילן אַזוי גיך ווי ער וועט זיך זעצן אויף דער שיף:

— אָט די ברילן, — האָט מען אים זאָרגעוודיק פאַרזיכערט, — זיינען אַ סגולה אויף צו באַשיצן די אויגן קעגן דער געפאַר פון טאָפּלט־בלענדנדיקן שיין פון ים־ליכטיקייט און זון...

אימיצער אַנדערש האָט אים געבראַכט אַ גאַנצן וועג־אַפּטייקל אין אַ טייער האַלצערנעם קעסטעלע — דאָ זיינען געווען אַלע מע־דיקאַמענטן און רפואות וואָס מען קען נאָר אַמאָל דאַרפן אין וועג: כינע, אַספּירין, יאָד, אַלערליי סאָרטן אָפּפיר־מיטלען, „פּעראָקסייד״, פּילן, מאַרלע, בינטן, שפּריצערס און שווייגקעכטסן, טרייבלעך ציין־פּאַסטע, אַ פלעשל קאַרבאָל־זויער... בונעם האָט זיך אַזש דער־שראָקן; ס׳איז געווען ווי ער וואָלט זיך געלאָזט ערגעץ אין אַ שלאַכטפעלד אַריין... אָבער די לאַנדסלייט האָבן אים אָנגעהויבן באַרויקן.

— עך, דו ביסט נאָך טאַקע גאָר אַ גרויס קינד, בונעם... וואָס איז, דו ווייסט ניט וואוהין דו האָסט זיך אונטערגענומען צו פאָרן? סאָוויעט־ראָשיאַ!... איז אַ ווילד לאַנד, אַ האַלב־ציוויליזירט לאַנד. דאָס, וואָס מען קריגט ביי אונז אין יעדן דראָג־סטאָר אויף אַ קאָרנער, קענסטו דאָרטן פאַר מיליאָנען ניט קריגן. קענסט דאָרט אויסגיין, באַשירמט זאָלסטו ווערן, און ניט קריגן קיין ביסל אַס־פּירין, קיין שטיקל עקס־לאַקס... אַז מען זאָגט דיר: ס׳איז אַ ווילדע מחנה!

יאָ, קען טאַקע זיין אַז די לאַנדסלייט זיינען גערעכט. דעריבער שיקט מען דאָך טאַקע מיט מיט אים, פאַר זיין געבורטס־שטאָט, אַ גאַנצן טראַנספּאָרט מעדיקאַמענטן. נאָר אָט דער טראַנספּאָרט —

ס'האָבן זיך אין אים אויך געפונען קאָנסערווירטע שפייז־פּראָדוקטן, אַלטע קליידער — גייט באַזונדער מיט אַן אַנדער שיף, מיט אַ פּראַכט־שיף. בונעם אַליין פאָרט אַ פּרייער מענטש. מער ניט, אין בוזעם־קעשענע האָט ער אַ גאַנץ ביכל טשעקס פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַנקירן־געזעלשאַפט — אויפן אָרט וועט ער שוין זען ווי צו באַנוצן זיי.

ס'ווערט אים ערשט איצט קלאָר די גרויסע אחריות וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין שליחות... פון אַלע זייטן האָבן אים לאַנדסלייט געוואָרנט:

— נאָר זע, אָקאָרשט, ברודערל, די באָלשעוויקעס זאָלן ביי דיר אויף דער גרעניץ דאָס געלט ניט אַרויסנאַרן... זיי זיינען כיטרע יונגען, די דאָזיקע „באָלשעוויקי" — האָט מען אים געדראָעט מיט אַ פינגער. — ביטערע יונגען... ראַזבאָיניקעס...

— און דאָס געלט צעטיילן, — האָט אים אַ לעבנסלוסטיקער און פריידיק־צעיאָכמערטער אַלטיטשקער פון זיין זייט אָנגעזאָגט, — זאָלסטו צווישן אַלעמען גליך... ניט בלויז פאַר קאָמוניסטן, נאָר פאַר עלטערע באַלעבאַטים אויך... פאַר פאַראָרימטע, פאַר יורדים... פאַר אַלעמען... אַמעריקע, יו נאָו, איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד... אַמעריקע דאַרף זיין אַן עקזעמפּל פאַר גאַנץ יוראָפּ!...

— יו ליוו איט טו מי, באָאיס...5) — האָט מיט אַ העלדישן שמייכל געענטפערט בונעם אויף אָט די אַלע וואָרנונגען. אים האָט שוין אַביסל פאַרדראָסן וואָס מען ציטערט אַזוי איבער אים, פּונקט ווי ער וואָלט עס געווען אַ קינד עפּעס, צי וואָס. ער האָט אַ הויב־אויף געטאָן זיינע ברייטע פּלייצעס. — ביי מיר וועט קיינער גאָרניט צונעמען... אויב איך וועל אַליין ניט וועלן געבן!

— און טאָמער עפּעס וואָס, טאָמער פאַרטשעפּעט מען דיך,

— איז אַ באַווייז גלייך דיין פּאַספּאָרט... דו ביסט אַן אַמעריקאַנער בירגער, יו נאָאו...

— יו בעטשע בוטס6), — האָט בונעם וואוילעריש געענטפערט.

— איך בין אַן אַמעריקאַנער סיטיזען, און דהעטסאָלל... — זיין פּנים האָט ווידער אויסגעדריקט טיפע גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט איבער אָט דער זאָרג מיט וועלכער די לאַנדסלייט האָבן אים איצט אַרומגערינגלט.

ג.

נאָר די אמתע וויכטיקייט זיינע האָט אין אים אויפגעשפּראָצט ערשט ווען ער איז שוין געווען אויפן שיף. און זי איז אין אים גע־וואַקסן מיט יעדן טאָג וואָס די שיף, און בונעם אויף איר, האָבן זיך דערווייטערט פון אַמעריקע און זיך דערנענטערט צו אייראָפּע.

די ערשטע פּאָר טעג האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט אינגאַנצן קומען צו זיך פון דער גרויסער מבולבלדיקייט איבער אַט דער אומ־געריכטער ראַליע זיינער, — די צעמישטקייט וואָס האָט אים אַרומ־געכאַפּט באַלד נאָך יענער וואַל־נאַכט אין דער לאַנדסמאַנשאַפט. ער האָט זיך געסטאַרעט וואָס ווייניקער צו טראַכטן דערפון, ווי עס באַמיט זיך יעדער דורכשניטלעכער מענטש צו טראַכטן וואָס ווייניקער פון אַן ענין וואָס רופט אַרויס אין קאָפּ בלויז כאַאָס און ניט־קלאָרקייט. ער האָט זיך מער באַמיט צו טראַכטן וועגן אַלץ אין דער וועלט, אַבי ניט וועגן „יענעם". ער האָט געטראַכט, אַשטייגער, וועגן דעם צי ער האָט פאַרן אָפּפאָרן געמאַכט אַלע נויטיקע אַראַנד־זשעמענטס אין זיינע סטאָרס; צי די מענטשן וועלכע ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַרבעטן זיינען ערלעכע און פאַרלאָזלעכע; צי מען וועט פון אים אָפּטמאָל ניט אויסבאַהאַלטן קיין שטיקלעך אַרבעט, קיין איינגאַמע. ניין, ער האָט אַלץ באַזאָרגט זייער קלוג: אין יעדן סטאָר זיינעם האָט ער איבערגעלאָזט איינעם אַן עלטסטן אַרבעטער, אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַרבעטער מיט אַן עקסטראַ־גע־האַלט; אָבער אויך די איבעריקע אַרבעטער האָט ער פאַרן אַוועקפאָרן פאַרשפּראָכן אַ קליינעם באָנוס, — וואָס מער עס וועט זיין די הכנסה אין יעדן געשעפט, אַלץ אַ גרעסערן פּראָצענט וועט יעדער איינער פון זיי קריגן, ווען בונעם וועט זיך אומקערן צוריק אַהיים.

— אָ, זיי וועלן שוין דאָרט גוט האָבן אויפן אויג איינער דעם צווייטן! . . . — האָט בונעם זיך געריבן די הענט. — דער מייסטער — די אַרבעטער, און די אַרבעטער — דעם מייסטער . . .

אַזוי איז עס געווען די ערשטע טעג אויפן שיף. דערנאָך אָבער גיט זיך בונעם אַלץ גערנער און מיט גרעסערן חשק איבער דער אַלגעמיינער יום־טובדיקער שטימונג וואָס הערשט צווישן אַלע פּאַ־סאַזשירן. ס'איז איצט שפּעט־פרילינג, באַלד זומער שוין, און דער

אַקעאַן איז דורך דער גאַנצער נסיעה אויסערגעוויינטלעך רואיק און פריינטלעך געשטימט צום זיך־הוידנדיקן שפּענדל אויף זיין רוקן.

אויפן שיף איז איצט יום־טובדיקער ווי אויף אַ געוויינטלעכער איראָפּייאישער רייזע. עס פאָרן איצט אַ גרויסע צאָל פּאַסאַזשירן: עס איז דאָך איצט דער אָנהויב פונם זומערדיקן טוריסטן־סעזאָן. בונעמען איז שווער צו זאָגן ווער פון אָט די פּאַסאַזשירן איז רייכער פאָרן צווייטן, ווער פון זיי איז מער אויסגעפּוצט. אַלע שיינען זיי אים צו זיין גלייך רייך, און אַלע — גרויסאַרטיק אויסגעפּוצט.

די מאַלצייטן אויפן שיף זיינען אומגעוויינטלעכע, לוקסוסדיקע, — שטענדיק חתונה־מאַלצייטן... בונעם, וועלכער האָט נאָך אפילו איצט אויך געפירט אין אַמעריקע אַ באַשיידענעם שטייגער־לעבן, האָט געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט, האָט געגעסן „באָארד" ביי זיי־נעם אַ באַקאַנטן לאַנדסמאַן, — ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע גע־שמאַקע רייכע עסנס ניט געהאַט אין זיין מויל. און דערצו נאָך — טאָג נאָך טאָג אַזוי! אַרום אים — פרייד, מוזיק, ריזיקע וואַ־זאָנעס מיט טראָפּישע פלאַנצן, פרישע לעבעדיקע בלומען, נאָכאַנ־אַנדיקע זאָרגלאָזיקייט — איין טאָג יום־טובדיקער פאָרן צווייטן.

און בונעם הויבט זיך אָן גאַנץ געשמאַק אָפּרוען... עס איז אייגנטלעך דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן וואָס ער רוט זיך אַזוי געשמאַק אָפּ. די דאָזיקע רו איז נאָך טאָפּלט געשמאַק מיט דעם וואָס די גאַנצע צייט טראַכט זיך אַזוי אָנגענעם אַז דאָס איז ערשט דער אָ נ ה ו י ב — עס שטייען אים נאָך פאָר פאָראויס אָן־אַ־שיר אַזעלכע טעג פון פרייד און יום־טוב... וואָכן און חדשים גאַנצע פון פרייד און יום־טוב. אודאי, ערגעץ אין אַ צייט שפּעטער וועט זיין ביי אים זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע, זייער אַ שווערע און אַ טרויעריק־וויכטיקע אַרבעט. אָבער דאָס אַלץ וועט ערשט זיין שפּעטער אַרום אין אַ צייט, שפּעטער...

בונעם איז ווי אינגער געוואָרן. ער האָט אָנגעטאָן קורצינקע קניקערבאָקערס וועלכע האָבן אים דערגרייכט בלויז צו די קני; לאַנגע וואָלענע זאָקן, קאָלירטע און באַפּוצטע מיט אַלערליי אוזאָרן; נעלע טופליעס מיט שטאַרק־ברייטע פּיסקעס, אַ גרויע וואָלענע קעפּ. ער איז אַרומגעלאָפן און אַרומגעשפּרונגען איבער אַלע פּאַלובעס, ווי אַ יונג בחורל.

לכתחילה האָט ער זיך געשעמט אפילו אָנצוטאָן אָט די קורצינקע ספּאָרט־הויזעלעך, וועלכע האָבן אים געמאַכט אויסקוקן עפּעס ווי אַ אינגל פון אַ פּאָבליק־סקול... אין ניו יאָרק, וואו מענטשן קענען אים, וואָלט ער זיכער ניט געוואַגט אַזוינס צו טאָן. אפילו דאָ, אַז ער האָט זיך דערזען אין אָט דעם הילוך, אינם גרויסן שפּיגל, וואָס אין איינער פון די האָטעל־לאָבים פון דער שיף, איז אים אַזש פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— בונעם, ווי שעמסטו זיך ניט אין דיין ווייטן האַלז אַריין...

— איז ער פון אָנהויב אַזש רויט געוואָרן פון בושה. — מאַכסט זיך נאַריש, ווי אַ אינגל... ביסט דאָך עפּעס אַ טאַטע פון קינדער!

ער האָט אָבער באַלד דערזען: אַזױפיל מענטשן אויפן שיף גייען פונקט אין דעם זעלביקן הילוך — אפילו עלטערע מענטשן פון אים, גרויע לייט! — האָט זיך בונעם אָנגענומען מיט מער מוט. נו, טאַקע — ווער קען עם אים דען דאָ אויפן שיף... ער האָט נאָך אָנגעטאָן די גרויסע ברילן מיט די ליכטיק־גרינלעכע שייבלעך און די ראַמען פון האָרן־ביין — נו, ווען אפילו אימיצער פון זיינע ניו יאָרקער באַקאַנטע וואָלטן זיך אפילו צופעליק דאָ יאָ געפונען אויפן שיף, וואָלטן זיי אים אויך זיכער ניט דערקענט... אַז ער אַליין, בונעם, האָט זיך אין שפּיגל כמעט ניט דערקענט.

בונעמס געמיט איז מיט יעדער שעה אויפן שיף געוואָרן אַלץ גרינגער און גרינגער. ער האָט זיך שוין לאַנג, אפשר קיינמאָל ניט אַזוי געפילט: באמת, אַ ניי־געבוירענער מענטש! אַלע, אַלע פּאַסאַזשירן, אפּנים, פילן זיך דאָ ווי ניי־געבוירן: דעריבער טוען זיי עס אָן אַזעלכע קורצינקע הויזעלעך...

ד.

איז צוזאַמען מיט אָט דער פרייד און יום־טובדיקייט וואָס אַרום בונעמען, הויבט אויך אָן אין אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער צו וואַקסן דאָס געפיל פון איינענער וויכטיקייט.

זיין צעמישטקייט פון די ערשטע עטלעכע טעג איבער זיין אומדערוואַרטן דערהויבן־ווערן, פאַרשווינדט ביסלעכווייז, צערינט ווי אַ לייכטער זומער־וואָלקן.

— ניין... — פאַרזיכערט ער זיך אַליין יעדעס מאָל וואָס ער הויבט־זיך אויף פונם טיש נאָך אַ גרויסאַרטיקן דינער אינם לוקסוסדיקן עס־סאַלאָן. — ניין... ניט אומזיסט האָט מען גראָד מיך אויסגעקליבן און ניט אימיצן אַנדערש... ניט אפילו יענעם מיליאָנטשיק, מיסטער פינקע אָ'האַראַ!...

אפנים, אַז ער, בונעם, האָט די גאַנצע צייט געלעבט אין אַ טעות. די גאַנצע וועלט האָט, ווייזט אויס, אַסך אַ העכערע און וויכטיקערע מיינונג וועגן אים ,איידער ער אַליין.

צוריק געדערט: פאַרוואָס זאָל ער טאַקע האָבן וועגן זיך אַזאַ קליינע מיינונג? זיינע אויפטועז און זיינע דערגרייכונגען אין אַמעריקע ביז איצט אַליין וואָלטן שוין געמעגט אים אָנפילן מיט שטאָלץ און מיט זיכערקייט... וואָס איז ער געווען ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, און וואָס איז ער איצט, האַ?

געקומען איז ער אהער אַן אָרימאַן. אַ שוסטער? מישטיינס געזאָגט! אַ פּראָסטער קאַפּול... און דערצו: כמעט אָן אַן אייגענעם גראָשן אין קעשענע. איצט, ברוך־השם, פאַרמאָגט ער זיין אייגנס גאַנצע דריי שוך־סטאָרס, און אַ פּערטן וועט ער שוין זיכער עפענען, ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן צוריק, אויף איינער פון די ביזעסטע קוואַרטאַלן פון גאַנץ האַרלעם — אויף דעם ראָג פון דער הונדערט־און־פינף־און־צוואַנציקסטער גאַס און לענאָקס עוועניו! היינט זיינע פילע לאָטס וואָס וואַקסן אין ווערט ממש מיט יעדן טאָג... ווער ווייסט וויפיל זיי וועלן נאָך אַמאָל ווערט זיין!

— זאָגט אייך וואָס איר ווילט... — שמייכלט בונעם צו זיך אין גרויסער צופרידנהייט פון די רעזולטאַטן פון אָט דעם חשבון־הנפש זיינעם. — אָט דאָס הייסט ווירקלעך זיך אַרויפגעאַרבעט!... און נאָך מיט די אייגענע צען פינגער דערצו!

ניין, ער האָט מיט גאָרנישט ניט וואָס אַרונטערצופאַלן קעגן קיינעם פון זיינע לאַנדסליט! און די לאַנדסליט האָבן טאַקע געוואוסט ווי אָפּצושעצן בונעמס פיייקייטן און ווערט — אַסך מער, ווייזט אויס, ווי ער אַליין.

אַרום־און־אַרום אים — אין די סאַלאָנען, אויף די פּראָמענאַדן, אויף די פילע דעקן — ווימלט עס מיט רייך־אָנגעטונענע הערן און דאַמען. דערהויפּט אָוונט־צייט, ווען די הערן פּוצן זיך אַלע אויס אין סמאָקינגס, און די דאַמען — אין באַל־קליידער. זיי קוקן אַלע

אוים ווי שררות וויכטיקע, ווי מיליאָנערן... אזוינע ווירטיקע לייט פלעגט בונעם ביז איצט זען בלויז אַמאָל, פון דערווייטנס — ביינאַכט אַמאָל אויף בראָדוויי בעת אַ לענגערן שפּאַציר מיט אימיצן; אין אַ זונטיק, צי ווען ער פלעגט אַמאָל „כאַפּן" אַ שפּאַציר אין צענטראַל־פּאַרק און אומגעריכט פּאַרבלאָנדזשען אויף יענער זייט, אויף דער וועסט־סייד. פאַר אים איז דאָך אָט יענער טייל שטאָט געווען ניט בלויז עטלעכע קווארטאַלן ווייט פון אים, נאָר אינגאַנצן אַ שטאַרק־פּרעמדע און זייער, זייער ווייטע וועלט...

און יעצט פאָרט ער צוזאַמען מיט זיי אַלעמען, ווי אַ גלייַכער מיט גלייכע — די קעלנער אין די שוואַרצע פראַקן און אין די געפּרעסטע מאַנישקעס שטייען הינטער זיין שטול און הינטער זיין רוקן אין דער זעלביקער פאַרגליווערטער דערוואַרטעניש אויף זיינעם אַ באַפעל, ווי אַהינטער די שטולן און די רוקנס פון די אַנדערע פּאַסאַזשירן.

— פונקט ווי ער וואָלט שוין איצט ניט מער געווען בונעם שוס־טער — שאָקלט אויף זיך בונעם אינערלעך מיטן קאָפּ — נאָר אַליין אַ גאַנצער מיליאָנטשיק!

— אָט דאָס הייסט אַמעריקע, — ס'איז געווען ווי ערשט איצט וואָלט בונעם ריכטיק אָנגעהויבן צו באַגרייפן די געוואַלטיקע ענ־דערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע אין זיין לעבן און אין זיין גורל. — אַי־אַי־אַי... סאַראַ וואונדערלעך לאַנד פון דעמאָ־קראַסי, פון גלייכהייט און פון פרייהייט פאַר אַלעמען!

און בונעם ווערט געוואַלטיק צעהיצט פון דעם געפיל פון פרייד־דיקן וואונדער און באַגייסטערונג. עס מישן זיך אים צוזאַמען די באַגייסטערונג פאַר זיך אַליין מיט דער באַגייסטערונג פאַרן וואונדער־לעכן לאַנד אַמעריקע, פון וועלכן ער דערוווייטערט זיך איצט. עס פאַלט אים איין אַ מאָדנער געדאַנק: מעגלעך, אַז צווישן אָט די גרויסע רייכע שררות אויפן שיף געפינט זיך אויך אָט יענער וואַנצן־מיליאָנער, דער וואַנצן־ביזנעסמאַן — דער קאָפּ פון יענער פירמע וועגן וועלכן אַ לאַנדסמאַן האָט אים איינמאָל דערציילט... און נאָך אַ מאָדנער געדאַנק פאַלט באַלד איין בונעמען:

— וואָס וואָלט אויף אים געזאָגט די שטאָט זיינע — די אַמאָליקע שטאָט זיינע, אין דער „אַלד קאַונטרי" — ווען זיי וואָלטן אים איצט געזען, אָנגעטאָן ווי אַ פּריץ, אין אָט דעם שווימענדיקן

פּאַלאַץ? וואָס וואָלטן איצט געזאָגט די בערקאָווישיבע, דער בלינדער האָרוואַטשיק, ברוך־משה־מרדכים? און קאַרפּל אַליין? קאַרפּעלע מיט זיינע דימענטן... אָ, ער, בונעם, וואָלט אים דאָרט איצט זיכער איינגאַנצן פאַרטונקלט, פאַרווישט.

איז בּיסלעכווייז הויבט אָן בונעם צו קוקן אויף זיך ווי אויף גאָר, גאָר וויכטיקן מענטשן — שיר ניט ווי אויף אַן אַמבאַסאַדאָר פון די יונייטעד סטייטס וועלכער פאָרט אין אַ וויכטיקער שליחות קיין אייראָפּע; שיר ניט ווי אויף אַן אויסדערוויילטן שליח פונם גאַנצן אידישן פאָלק אין אַמעריקע — אַ שליח, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אויף אויסצופאָרשן די לאַגע פון די אומגליקלעכע ברידער זיינע אין דער ווייטער, אומגליקלעכער און פאַרבלוטיקטער יוראָפּ — און זען לינדערן דאָרטן זייערע וואונדן. — — —

פאַרטייטשונגען

ערשטער באַנד

ערשטער טייל

דריטער קאַפּיטל

1) אַ הויזירער.
2) אַנאַנאַס.
3) העלף זיך אַליין.
4) בירגער.
5) שאַנס.
6) „הייר" — אויף ענגליש : האָז.
7) אַ קירזשנער.
8) איינריכטונגען.
9) געלט רעדט, פאַרשטייט איר ?
10) אָט וועל א י ך אים עפּעס דערציילן.
11) קאַריערע.
12) און אַזוי ווייטער.
13) אָוונט־שול.
14) קליענטן.

פינפטער קאַפּיטל

1) עקסטראַ !
2) רוסלאַנד.
3) עס טוט מיר באַנג.
4) ארץ־ישראל.
5) דער צווייטער, ביטע.

זעקסטער קאַפּיטל

1) קענדלעך.

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

1) איצט טאָר מען ניט — איצט איז זייער שטרענג.
2) גערויכערטע פישן.
3) וואָס איז דאָס ?
4) ווי וואַגסטו ?
5) טויט־שטראָף.

צווייטער קאַפּיטל

1) ניט אַדיע, נאָר אויף ווידערזען.
2) צום באַדויערן.
3) צוויי העלדן פון דער אַלט־סלאַווישער געשיכטע.

דריטער קאַפּיטל

1) אַ פלאַכער קאַסטן מיט בוכשטאַבן.

פינפטער קאַפּיטל

1) מיר האָבן שוין אויסגעביטן, די באָלשעוויקעס אויף פאַ־ליאַקן אויסגעביטן . . .
2) פאַבריק־קאָמיטעט.
3) פאַר קערענסקי־געלט — יאָ פאַר באָלשעוויסטישע — ניט ?
4) באָלשעוויסטיש געלט וויל זי ניט . . . און פאַר וועמען קעמפן מיר ? . . .

זיבעטער קאַפּיטל

1) באַלד.

אַכטער קאַפּיטל

1) שלאָסער, מוליאַרזשעס.
2) קליענטן.
3) אירלענדער.
4) אומבאַוועגלעכע גיטער.

5) האַסע.
6) הויפּט־גוירכט פון די פּ. ש.
7) ווײלער.
8) ניט פאַרהײראַטער מענטש.
9) געפּרוּגלטע קאַרטאָפל.
10) קענדל.
11) אַ ביר־זאַל.
12) אַ מטבעה אַזאַ.
13) אַ מוזיקאַלישע פאַרשטעלונג מיט האַלב־נאַקעטע טאַנצנדיקע מײדלעך.
14) האָט איר געהערט דאָס נײעסטע, האַ ?
15) וויכטיקײט.
16) דױיקלערן.
17) ס'איז פשוט שרעקלעך, דאָס אַלץ !
18) געווים.
19) אויסלענדישע פּאָליטיק.
20) גענוי.
21) פאַרשטײט איר אַלײן.
22) פליכט.
23) אין אַ געטלעך לאַנד.
24) לײדן.
25) דעבאַטן.
26) אויסקעמפן.
27) מיטגליד־אָפּצאָל.
28) ס'איז זײער פשוט.
29) דו פאַרדאַמטער נאַר.
30) נעם זיך אַרײַן אין קאָפּ.
31) קאָנווענשאָן — פּאַרוואַל־פּאַרזאַמלונג, אויף וועלכער קאַנ־דידאַטן פאַר וויכטיקסטע רעגירונגס־עמטער ווערן נאָמינירט.
32) נאָמיניר פאַר אַ קאַנדידאַט.
33) וואָס־זשע דענקט איר, איך ועט זיך.
34) נאָך אַלעמען.
35) דערלאַנג אונז אַ רעדע !
36) אַ טונקל פערד. אינם אַמעריקאַנישן פּאָליטישן לעבן ווערט אַזוי אָנגערופן אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן, וועלכע ווערט דערווײלט

אויף אַ רעגירונגס־אַמט דעמאָלט, ווין די באַרימטערע קאַנדידאַטן, וואָס קאָנקורירן צווישן זיך, קיינען בשום אופן ניט דורכקומען.

37) וואַל־באַצירק.

נייַנטער קאַפּיטל

1) געווים.

2) שנעל.

צענטער קאַפּיטל

1) ערלעכער יונג.

2) די אַלטע היימשטאָט.

3) נישקשה . . . ער קען נאָך פֿאָרן אויף זיינע אייגענע הוצאות.

4) אַ גרויס קינד . . .

4) סאָוועט־רוסלאַנד.

5) לאָזט עס איבער פֿאַר מיר.

6) דו מעגסט זיך וועטן אין דיינע שטיוול.